STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02365

AMNON UN TOMER

Abraham Mapu

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. מאַפּו

אַמנון און תָּמָר

(אַהבת ציון)

יידיש: ב. עפּעלבוים.

פֿאַרקויף: געז. „צענטראַל", װאַרשע

SIKORA I MYLNER WARSZAWA. NOWOLIPKI 6.

YP 403

אַמְנוֹן און תָּמָר

א.

אין די צייטן פון אחז, דעם קעניג פון יהודה, איז אין ירושלים געווען אַ מאַן מיט דעם נאָמען יורם, דער זון פון אביעזר, אַ האַר אין יהודה און אַן עלטסטער איבער טויזנט זעלנער. ער האָט געהאַט פעלדער מיט גערטנער אין כרמל און אין שרון און שעפסן מיט רינדער—אין בית־לחם פון יהודה. און ער האָט אויך געהאַט זילבער און גאָלד, און פאַלאַצן פון העלפאַנדביין און אַלע גלוסטיקע זאַכן, און צוויי ווייבער האָט ער געהאַט. איינע האָט געהייסן חגית, די טאָכטער פון עירא, און די צווייטע—נעמה; האָט יורם זייער ליב געהאַט נעמהן—ווייל זי האָט געהאַט אַ שיין געשטאַלט, האָט איר „נישט־פאַרגינערין" חגית זיך מתקנא געווען אין איר און האָט זי דערצאַרנט מיט שלעכטע רייד. וואָרום חגית האָט געהאַט צוויי זין און נעמה האָט קיין קינד נישט געהאַט. דערפאַר אָבער איז נעמה געווען שיין מיט איר געשטאַלט און מיט אירע רעכטפאָרטיקע מעשים. האָט יורם פאַר אירעטוועגן אויסגעבויט באַזונדער אַ הויז, כדי

חגית זאָל איר נישט קענען דערצאַרנען. יורמס הויז האָט גע־האַט אַ שפּייזער, האָט ער געהייסן עכן. האָט יורם צו אים גע־געבן פאַר אַ ווייב די כנענית חלאה, די באַדינערין פון חגית. יורם האָט געהאַט אַ גוטן פריינט, וואָס איז אים געווען בעסער פון אַ ברודער און זיין נאָמען איז געווען ידידיה „דער גוטער“. ער האָט געשטאַמט פון די מלכים, וואָס האָבן געקעניקט איבער יהודה, און איז געווען דער האַר, וואָס האָט געהאַט צו באַ־פעלן מיט די קעניגלעכע אוצרות. און ער איז געווען זייער אַ פיינער יונגערמאַן און אַ רייכער, און אַ באַשיצער צו די קינ־דער פון די נביאים, די געלערנטע פון גאָט. וואָרום ליב גע־האַט האָט ידידיה זייער זיס לערנען און האָט זיי געשטיצט מיט דער ברייטער האַנט. דערפאַר האָט מען אים גערופן ידידיה „דער גוטער“, און אין דעם שלעכטן דור פון דעם מלך אחזס צייטן האָט די גוטסקייט פון יורם און ידידיה געשיינט, ווי די טייערע שטיינער, וואָס אין מלכס קרוין, וויילביידע זיינען געווען וואָרהאַפטיק צו גאַט און צו זיינע אויסדערוויילטע.

און מתן, דער שופט, דער זון פון רשע יוזבד, האָט זיך באַהעפט צו יורמען און געוואָרן זיין ראַטגעבער, האָט זיך פאַרשטעלט צו אים פאַר אַ גוטן פריינט אָבער זיין צאָרן צו אים האָט ער געטראָגן אין האַרצן פון דעם טאָג אָן, וואָס יורם האָט גענומען פאַר אַ ווייב חגיתן, וואָס ער האָט זי ליב געהאַט, און דאָס איז די זאַך, וואָס יורם האָט אין אים געגלויבט און אים געהאַלטן פאַר זיין גוטן פריינט. וואָרום יוזבד דער רשע, מתנס פאָטער, איז גע־ווען אַ מענטש אַ רויבער, וואָס האָט זיין עשירות אָנגעקליבן דורך נישט קיין רעכטפאַרטיקע וועגן. ער האָט צוגענומען פרעמדע פאַרמעגנס און די באַרויבטע האָבן זייער האָב און גוטס נישט געקענט אַרויסראַטעווען פון דעם שטאַרקן רויבער, ווייל יוזבד איז געווען אַזאַ בייזער שלעכטער מענטש, אַז אַלע האָבן מורא געהאַט פאַר אים, דערצו נאָך איז ער געווען אַ גרויסער מאַן און ביים משפט האָט ער מנצח געווען די־יעניקע, וואָס האָבן זיך מיט אים געלאָדן. און אויך עירא, דער פאָטער פון חגית,

האָט זיך מיט אים געמשפּט, עלאָדן װעגן אַ גוט פּעט שטיק ערד, װאָס יוזבד האָט ביי אים צוגערויבט, אַריינרוקנדיק די גרענעץ פון זיינע פעלדער אין יענעמס פעלד אַריין. און אויף װיפיל יוזבד האָט געפּיינקט עיראַן, אויף אַזויפיל װידער האָט מתן, דער זון פון רויבער, ליב געהאַט חגיתן, די טאָכטער פון באַרויבטן. אין דער צייט—און יוזבד איז שוין גוט אַלט גע־װען—האָט חגית געבליט אין איר יוגנט אין הויז פון איר פאָטער עירא. און מתן האָט געזאָגט צו חגית: „זאָלן זיך נאָר דערגנענטערן די טרויערטעג נאָך מיין פאָטערס טויט, װעל איך דעמאָלט אומקערן צו דיין פאָטער זיין שטיק פעלד, װי אויך דאָס שטיק פעלד, װאָס גרענעצט זיך מיט דעם, נאָר דו זאָלסט צו מיר נויגן דעם חסד פון דיין יוגנט, װאָרום אַן איינאונאיינציקער יורש בין איך פון מיין פאָטער און מיין פאַר־מעגן איז זייער גרויס". אין דער אייגענער צייט אָבער האָט חגית געגלוסט צו יורמען דעם האַר, האָט זי מתנען געלאָזט האָפן דורך גוטע רייד (װייל אַזוי האָט איר אָנגעזאָגט דער פאָטער), נאָר איר האַרץ איז דערביי נישט געװען, װייל צו יורמען איז געװען איר גלוסטונג און צו אים האָט זי דער פאָטער פאַרקנסט אין געהיים.

און דער רשע יוזבד איז געשטאָרבן, צו דער פרייד פון זיין זון מתן און צו דער שמחה פון אַלע, װאָס ער האָט באַרויבט, האָבן איצט די באַרויבטע גענומען ריידן און בעטן מתנען, ער זאָל זיי אומקערן זייערס—נאָר ער האָט נישט געהאַט קיין בע־סער האַרץ פון זיין פאָטער. און דעמאָלט האָט זיך מתן גע־װענדט צו עיראן, חגיתעס פאָטער, און זיך אָנגערופן צו אים: „מיין פאָטער, מיט װעמען דו האָסט זיך געלאָדן, איז געשטאָרבן, און אַצינדערט נעם זיך צוריק דיין שטיק פעלד און אַלע פעל־דער, װאָס גרענעצן זיך מיט דעם, גיב איך דיר אַװעק פאַר די תבואה, װאָס מיין פאָטער האָט יאָרנלאַנג אַראָפּגענומען פון דיין שטיק פעלד. און אויב איך האָב געפונען לייטזעליקייט אין דיינע אויגן, באַװייזיק אַרויפצולייגן אויף מיר, איך זאָל געבן געלט און מתנות, װי דיר װעט װאויל געפעלן, און גיב

מיר דערפאַר פאַר אַ ווייב דיין טאָכטער חגית, וואָס איך האָב זי זייער ליב.״

האָט עירא געזאָגט צו מתנען: „דיין פאָטער האָט דאָך באַרויבט אָרעמע, באַגזלט הונגעריקע, און אויף דיר, זיין זון, וועט פאַלן זייער קללה, ווי אַזוי־זשע קען איך געבן מיין טאָכטער צו אַ מאַן, וואָס פיל וועלן אים פלוכן? נאָר אויב דו ווילסט זיך מיט מיר משדך זיין, הער־זשע צו מיינע רייד: רוף צענויף אין דיין הויז אַלע באַרויבטע און קער זיי אום צוריק דאָס אַלץ, וואָס דיין פאָטער האָט ביי זיי אַוועקגערויבט, וועלן זיי דיך אויפהערן צו שעלטן.״ האָט מתן דערויף געזאָגט: „צו־פיל, מיין האַר, פאַרלאַנגסטו פון מיר פאַר דיין טאָכטער, אָבער אויך דאָס איז פאַר מיר נישט צו טייער, ווייל איך האָב שטאַרק ליב דיין טאָכטער חגית״. האָט עירא זיך אָנגערופן צו אים: „אויב דו וועסט טאָן אַזוי, ווי איך האָב דיר געהייסן, וועל איך דיר געבן מיין טאָכטער חגית, ווי נאָר ס׳וועלן זיך ענדיקן די טרויערטעג נאָך דיין פאָטער.״

איז מתן אַוועק פון עיראן, אַ פריילעכער און אַן אויפגעלייגטער און ער האָט נישט פאַרזוימט צו טאָן דאָס אַלץ, וואָס עירא האָט פון אים פאַרלאַנגט. און אין דערדאָזיקער נאַכט האָט ער צענויפגערופן אַלע באַרויבטע און צו זיי געזאָגט אין די אויערן פון באַגלויבטע עדות: „איר האָט זיך דאָך געקריגט מיט מיין פאָטער, יאָרנלאַנג האָט איר זיך מיט אים געלאָדן, און איר האָט זיך גאָרנישט געקענט העלפן קעגן אים, און איר האָט געפּרובט ריידן מיט מיר און אויך איך האָב אייערע רייד נישט פאַרנומען, ווייל אויך איך בין אַ מענטש מיט אַ שטאַרקער האַנט. און ווער פון אייך וועט זיך אונטערשטעלן צו גיין מיט מיר זיך משפטן? נאָר ווייסט היינט, אַז נישט דורך אייער כח און בריהשקייט, נאָר דורך מיין גוטסקייט און רעכטפאַרטיקייט קער איך אייך אום צוריק אין איין רגע דאָס, וואָס איר האָט געזוכט און יאָרנלאַנג נישט געפונען. פאַר גאָט פאַרכט איך מיר!״

האָבן די באַרויבטע אים געבענטשט און געגעסן און געטרונקען

מיט אים אין דערדאָזיקער נאַכט, און האָבן אים פאַרלאָזט פריי־לעכע און אויפגעלייגטע. און מתן האָט אויך געהאַלטן זיין וואָרט, און צו זיי אַלע צוריקגעקערט דאָס זייעריקע, און אַלע, וואָס האָבן געהערט פון מתנס גוטסקייט, האָבן זיך געוואונדערט און געגאַפט, און האָבן אומעטום דערציילט פון זיין רעכטפאָר־טיקייט און מען האָט אים געזעצט פאַר אַ שופט.

און ס׳איז געווען, אַז ס׳איז אָנגעקומען די צייט, ווען עירא האָט אים צוגעזאָגט צו געבן זיין טאָכטער חגית פאַר אַ ווייב און—גרויס איז דער ווייטאָק! ווען מתן איז געקומען צו עיראן אין הויז, כדי צו נעמען חגיתן, צו וועלכער ער האָט אַזוי גע־גלוסט—האָט ער זי דאָרט נישט געטראָפן, און עירא האָט צו אים אַזוי געזאָגט: „ס׳איז מיר אַ שאַנד, וואָרום חגית, מיין טאָכ־טער, האָט חתונה געהאַט פאַר יורמען דעם האַר, און איך האָב דערפון נישט געוואוסט.” האָט מתן פאַרשטאַנען, אַז מען האָט אים אויסגענאַרט, און אַז די גוטסקייט, וואָס ער האָט געטאָן, איז געווען בחינם, האָט ער זיין כעס פאַרבאָרגן אונטער גוטע רייד און האָט געזאָגט: „נישט אַנדערש נאָר, אַז צו יורמען איז דיין טאָכטער געווען באַשערט פון גאָט. און איך האָב סיי ווי סיי נישט קיין הרטה אויף דעם גוטס, וואָס איך האָב גע־טאָן, ווייל איך האָב זיך געלאָזט אויף אַ גוטן וועג, פון וועלכן איך וועל מיך שוין נישט אומקערן. זאָל גאָט געבן און דיין טאָכטער זאָל געפינען מנוחה אין הויז פון איר מאַן יורם, און אויך מיין האַרץ וועט זיך פרייען צו זען, ווי זי איז גליק־לעך”. האָט עירא אָנגענומען מתנס האַנט און געזאָגט: „דער־פאַר זאָלן דיך לויבן די רעכטפאָרטיקע און זיך וואונדערן אויף דיין גוטסקייט; און אַציינד זאָל זיך פאַרגרעסערן דיין חסד צו מיר און קום מיט מיר צו יורמען, און זאָלסט זאָגן צו אים און צו מיין טאָכטער, אַז דו ביזט זיי מוחל דאָס, וואָס זיי האָבן דיר פאַרגיטיקט נישט ווי דו האָסט פאַרדינט מיט דיין גוטס־קייט און ריינעם האַרצן. וואָרום צוליב דעם איז זייער פרייד פאַרשטערט.” האָט מתן געענטפערט: „קום, לאָמיר גיין!” און ביידע זיינען אַוועק צו יורמען.

האָט עיראַ אים דערציילט פון מתּנס גוטסקייט און רעכטפאַר־
טיקייט, אַז ער האָט זיי פאַרגעבן דערויף, וואָס זיי האָבן אים
פאַרגיטיקט מיט שלעכטס. האָט יורם געזאָגט צו מתן: „דערפאַר
ביזטו ביי מיר אַזוי חשוב, ווי אַ מלאך פון גאָט, און איצט ווער
צו מיר אַ באַגלויבטער גוטער פריינט און איך וועל דיך מיט
גוטפריינטשאַפט אָפּצאָלן."
און פון דעמאָלט אָן האָט זיך מתן פאַרהאַלטן צו יורמען ווי אַ חבר
און אַ ברודער, אָבער אין דער טיפעניש פון זיין האַרצן האָט ער
אויף אים געטראַכט שלעכטס: אים צו פאַרשניידן פון דער
וועלט, ווען ער וועט עס נאָר קענען טאָן.
און חננאל, איינער פון די גרויסע לייט פון אפרים, וואָס איז
געזעסן אין שמרון, פלעגט יעדן יום־טוב קומען קיין ירושלים
זיך צו ווייזן פאַר גאָט. און איינמאָל איז חננאל געקומען קיין
ירושלים, צו פייערן דעם יום־טוב סוכות און האָט מיט זיך מיט־
געבראַכט זיין טאָכטער תּרצה, אַ מיידל פון זיבעצן יאָר, וואָס
איז געווען זייער שיין, און אַלע האַרן־זין האָבן געגלוסט צו
איר שיינקייט. אויך ידידיה האָט זי געזען און זיין האַרץ האָט
זי געגלוסט, האָט ער געמאַכט אַ מאָלצייט און האָט פאַרבעטן
צו זיך זיין גוטן פריינט יורם מיט זיינע ווייבער, חננאלן מיט
זיין טאָכטער, די ברידער פון די נביאים און אַלע גאָטספאָרכ־
טיקע לייט. און ס'איז געווען, ווען זיי האָבן זיך געלאָזט וואויל־
גיין מיט ווייַן, האָט ידידיה געזאָגט צו חננאל: „אַלע קאָסט־
באַרקייטן זעען דאָך דעם מענטשנס אויגן אין ציון, זאָל זשע
אויך דיין טאָכטער זיין איינע פון ציונס קאָסטבאַרקייטן און
זאָל זי בליען, ווי אַ רויז אויף די בערג פון ציון". האָט חננאל
אים דערויף געענטפערט: „בליען וועט זי, בליען, אויב איך
וועל זי פאַרפלאַנצן אין אַ גלוסטיקן גאָרטן, וואָס טוט טרינקען
דעם טוי פון הימל." האָט ידידיה צו אים זיך אָנגערופן: „לאָם
איך עס זיין דער גלוסטיקער גאָרטן פאַר דיין טאָכטער; וואָ־
רום די פאָרכט פאַר גאָט איז פאַר מיר ווי דער טוי פון הימל,
און אויך די פעטקייט פון דער ערד האָט גאָט פון מיר נישט
פאַרמיטן, וואָרום גאָט האָט מיך געבענטשט מיט אַ גרויס פאַר־

מענן.״ האָט חננאל אים דערויף געענטפערט: „שוין אַ גאַנץ יאָר ווי די גרעסטע לייט פון אפרים קלאַפּן אָפּ מיינע טירן און בעטן ביי מיר, איך זאָל זיי געבן מיין טאָכטער תּרצה, נאָר מיין טאָכטערס האַרץ האָט נישט געוואָלט נישט זיי און נישט זייער רייכקייט, און געזאָגט האָט זי צו מיר: „געצנדינער זיינען זיי, די קינדער פון אפרים, דערפאַר האָב איך זיי פיינט, און איך גלוסט צו זיין צו אַ מאַן פון יהודה, וואָס וואוינט אין ירושלים.״ האָב איך זי דעריבער אַהער געבראַכט, כדי זי צו געבן דעמיעניקן, וואָס זי וועט אים אויסדערוויילן; און אַצינד פּועל ביי דעם מיידל, און אויב זי וועט דיך ווען, וועל איך אייך בענטשן אין גאָטס נאָמען.״

און ידידיה האָט גענענט צו תּרצהן און צו איר געזאָגט: „זאָג מיר, איך בעט דיך, ווי זעט אויס ציון אין דיינע אויגן און ווי געפעלן דיר אירע מענטשן?״

האָט תּרצה אים געענטפערט:

—ציון איז פאַר מיר ווי אַ גן־עדן און אירע מענטשן—ווי די מלאכים פון גאָט.

האָט ידידיה ווידער געזאָגט:

—נעהם איך מיך איצט איבער דורך דיינע ווערטער, ווייל איך בין אַן איינוואוינער פון ירושלים.

האָט תּרצה זיך אָנגערופן:

—זאָלן זיך איבערנעמען אַלע איינוואוינער פון ירושלים, אויב זיי זיינען גלייך צו דיר.

האָט ידידיה דערויף געזאָגט:

—פאַר מיר איז עס אַ סך, אויב מיינע מעשים זיינען ריין און רעכטפאַרטיק אין דיינע אויגן. הלואי וואָלט איך אַזוי אויסגעזען אין די אויגן פון דער, וואָס איז מיר ליב און טייער.

האָט אים תּרצה באַמערקט דערויף:

—דידאָזיקע, וועמען דו וועסט געפעלן, וועט זיין געבענטשט פון גאָט!

דערויף האָט ידידיה געזאָגט:

—זיי־זשע, דו טייערע, געבענטשט צו גאָט און צו מיר!
—און תרצה האָט אים געענטפערט מיט באַשיידנקייט און חנעווו־דיקייט, אַזוי צו זאָגן:
—זאָל מיין האַר פאַר מיר ריידן מיט מיין פאָטער. און וואָס זיין מויל וועט דיר זאָגן, דאָסזעלביקע טראַכט מיין האַרץ.

און דאָ האָט זיך חננאל געגענט צו זיי און געזאָגט:
—ווען דו, מיין טאָכטער, זאָלסט מיין ראָט פאַרנעמען, וועל איך דיר זאָגן, אַז דערדאָזיקער מאַן, וואָס שטייט דאָ פאַר דיר—אים האָב איך געפונען פאַרן שענסטן מענטשן.
האָט ידידיה געשמייכלט און געזאָגט:
—נישט אַזוי ווי איך זע אויס אין דיינע אויגן, זע איך אויס אין די אויגן פון דיין טאָכטער, ווייל ווי אַ מלאך פון גאָט זע איך אויס אין אירע אויגן.
האָט חננאל דערויף געענטפערט:
—דערפאַר וועל איך זיין, ווי אַ מלאך, וואָס קומט אין גאָטס נאָמען צו באַהעפטן אייערע הערצער און אייך צו בענטשן פאַר גאָט, וואָס רוט אין ציון.
און תרצה האָט זיך אָנגערופן צו ידידיהן:
—אין דיר האָב איך מיין איינציקסטן געפונען און אויך ביי דיר וויל איך באַר איינע זיין. און מיט דעם תנאי בין איך דיינע.
האָט ידידיה דערויף געענטפערט:
—מיין איינציקע וועסטו מיר זיין, טייערע, און קיין אַנדערע וועט זיך צווישן אונז נישט אַריינמישן.
מיט דידאָזיקע ווערטער האָבן זיי זיך פאַרבונדן. און ידידיה האָט מיט דער ברייטער האַנט געטיילט מתנות די נביאים־קינ־דער און צומאָרגנס איז תרצה געוואָרן ידידיהס ווייב.
און חננאל האָט באַוויליקט צו זיצן אין ציון ביי זיין איידעם ידידיה אַ גאַנץ יאָר און זיין האַרץ האָט זיך אָנגעזעטיקט מיט נחת, צוקוקנדיק, ווי זיין טאָכטער לעבט אַ גליקלעכע אין ציון,

וואָרום ידידיה האָט זי ליב געהאַט ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון זיין אויג.

און ס'איז געווען סוף יאָר, ווען חננאל איז געזעסן אין ירושלים און די פלשתים זיינען באַפאַלן די שטעט, וואָס ליגן אין טאָל פון יהודה, האָבן באַצוואונגען שטעט און דערפער, און יורם, וואָס איז געווען אַ שר־צבא, האָט זיך שוין מכין געווען אַרויסצוגיין מלחמה צו האַלטן מיט די פלשתים. אין יענער צייט האָט חגית, זיין ווייב, צו אים געוואוינען דעם דריטן זון. האָט ער אים אַ נאָמען געגעבן עזריקם, וואָס דער טייטש דערפון איז: גאָט זאָל אונז העלפן פון די פיינט, וואָס זיינען קעגן אונז אויפגעשטאַנען. און חלאה, חגיתעס דינסט האָט אין דער צייט געבוירן אַ זון צו איר מאַן עכן און האָט אים אַ נאָמען געגעבן נבל. האָט חגית באַפוילן צו חלאה, זי זאָל איר זון נבל איבערגעבן צו איינער פון די דינסטן און אַליין זאָל זי זיין די זייגערין פון איר זון עזריקם. האָט דאָס זייער פאַרדראָסן עכבען, וואָס זיין ווייב מוז אַוועקגעבן איר זון אין פרעמדע הענט.

און יורם האָט פאַררופן ידידיה צו זיך אין זיין זומערוואוינונג, וואָס ער האָט געהאַט אויפן הר הזיתים און האָט צו אים אַזוי געזאָגט:

—מאָרגן גיי איך אַוועק אויף דער מלחמה און ווער ווייס, צי איך וועל זיך בשלום אומקערן אין מיין הויז. דעריבער לאָמיר שליסן אַן אייביקן בונד, וואָס זאָל אויך בלייבן פאַר אונזערע קינדער: אויב איך וועל אומקומען אין דער מלחמה, אָדער איך וועל געפאַנגען ווערן פון פיינט, זאָלסטו זיין אַ פאָטער צו מיין הויז, אַכטונג געבן אויף מיינע קינדער און זאָלסט זעצן באַפעלער אויף מיינע פאַרמעגנס, ווי עס וועט דיר וואוילגעפעלן אין דיינע אויגן. בייערט סתרין, וואָס איז פון די נביאים־קינדער, וואָס זיצט אויף מיין נחלה אין כרמל און זיין עלטערן ברודער אבישי—זיי זאָלסטו נישט פאַרשטויסן פון זייער באַשטאַנד, ווייל זיי זיינען גאָטספאָרכטיקע לייט און די קרובים פון מיין ווייב נעמה. איצט ווידער זיינען אונזערע ווייבער

נעמה און תּרצה מעוברת, און אויב איינע וועט געווינען אַ זון און די אַנדערע אַ טאָכטער, וועלן מיר זיך איינער מיטן אַנדערן משדך זיין, ווייל אַזוי ווי איך האָב דיך ליב, אַזוי ליב האָט אויך נעמה דיין ווייב תּרצה, און ווי גרויס וועט זיין די ליבשאַפט צווישן אונזערע קינדער! און די תּבואות פון כּרמל זאָלן זיין אויף צו שפייזן די נביאים־קינדער, די געלערנטע פון גאָט. און יעדן יום־טוב זאָל געגרייט ווערן אַ טיש פאַר פיר הונדערט אָרעמעלייט, יתומים און אלמנות, ווי עס פלעגט זיך ביי מיר פירן, ווען איך בין געווען אינדערהיים. און איצט גיב איך דיר פאַר אַ מתּנה דאָס דאַמאַסקוס הויז, וואו מיר וואוינען.

האָט ידידיה אים דערויף געזאָגט:

—וואָס פאַר אַ ווערט האָבן דען אַלע טייערע זאַכן קעגן גוט־פריינטשאַפט? און נאָר צוליבן זכרון איז אַ מתּנה זייער טייער. ביי באַגלויבטע גוטע פריינט: נאַ־זשע דיר מיין זיגלרונג, טו אים אָן אויף דיין רעכטער האַנט און זאָל דאָס זיין צו דיר אַ מתּנה צום אָנדיינק פון אונזער באַגלויבטער ליבשאַפט; און גאָט זאָל דיך בשלום צוריקברייננגען, וועלן מיר צוזאַמען שחטן קרבּנות צו גאָט און מיר וועלן זיך פרייען אין דערדאָזיקער זומערוואוינונג, מיר און אַלע פון אונזער הויזגעזונט.

האָבן זיך ביידע צעקושט, געוויינט און זיך צעשייד איינער פון אַנדערן. און צומאָרגנס, ווי נאָר דער מאָרגנשטערן איז אויפגעגאַנגען, האָט יורם גערופן זיינע ווייבער און קינדער, האָט זיי געבענטשט און געקושט און האָט געוויינט אויפן האַלז פון נעמה און איז נאָכדעם אַוועק מיט די זעלנער.

נאָך דעם אַלעם האָט תּרצה געבוירן אַ טאָכטער צו ידידיהן און זי אַ נאָמען געגעבן תּמר. האָט חננאל געלאָזט מאַכן אַ רונג, אויף וועלכן זיין נאָמען און תּמרס נאָמען זיינען געווען אויסגעקריצט דורך אַ קריצער. דעמדאָזיקן רונג האָט ער אַוועקגעגעבן צו זיין טאָכטער תּרצה און געזאָגט: „דאָס איז אַ צייכן פאַר דיין טאָכטער תּמר, אַז זי וועט נאָך מיר זיין אַ גלייכע יורשטע, ווי מיינע זין, און זאָל תּמר טראָגן דעם רונג אויף

איר האַנט, ווען זי וועט אויסוואַקסן". נאָך אַ חודש צייט איז חננאל געזעסן אין ציון, דערנאָך האָט ער געבענטשט זיינע קינדער און צוריקגעקערט אַהיים קיין שמרון.

און אַן אָנזאָגער איז געקומען אָנזאָגן, אַז יורם איז געפֿאַנגען געוואָרן דורך די פּלשתּים, איז געוואָרן אַ גרויסער טרויער אין ידידיהס הויז און נעמה האָט געוויינט אָן אויפהער, נאָר חגית האָט זיך געטרייסט מיט דעם, וואָס זי האָט צוגעזען די צרות פֿון נעמהן, און זי האָט געזאָגט: „איצט וועט זיך שוין נעמה נישט גרויס האַלטן קעגן מיר! איצט וועל איך זיין די האַרינטע אין הויז". און אַזוי האָט זי טאַקע געטאָן. זי האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו געוועלטיקן איבער דער דינערשאַפֿט פֿון הויז און האָט זיי מיט גרויס אַכזריות געשטראָפֿט, אויב זיי האָבן געמינערט פֿון דעם, וואָס זי האָט באַפֿוילן. נעמה אָבער האָט עס נישט באַמערקט, וואָרום זי האָט געטרויערט נאָך איר מאַן, וואָס איז נישטאָ. און עלכּן האָט מיט ווייטאָק געביסן די ליפּן, קוקנדיק, ווי חגית פּייניקט זיין ווייב חלאה און שלאָגט זי מיט שאַנד, ווי אַ געוויינלעכע דינסט! האָט ער זיין צאָרן אין זיך פֿאַרבאָרגן און געזוכט אַ וועג, ווי אַזוי זיך און זיין ווייב צו באַפֿרייען.

ב.

און דער שופט מתן, אַז ער האָט געזען, ווי יורם גלויבט נישט אין אים, גייערט אין ידידיהן, ווען ער האָט איבערגעגעבן די באַפעלן איבער זיין הויז, האָט זיך אויפגעהויבן זיין גרימצאָרן אויף יורמן און ער האָט זיך מתקנא געווען אין ידידיהן. האָט ער זיך שטאַרק געפרייט מיט דער בשורה, אַז יורם איז געפאַנגען און האָט זיך אין האַרצן אַזוי געטראַכט: איצט איז געקומען די צייט, אויף וועלכער איך האָב געהאָפט, כדי צו פאַרשניידן יורמס הויז. און אַז ער איז געקומען אַהין, האָט ער מיטן מויל געטרייסט נעמהן און חגיתן, אָבער אין האַרצן האָט ער געקוואָלן זעענדיק, ווי חגית איז אַ לעבעדיקע אלמנה, וואָס ווייסט נישט, וואו איר מאַן איז אַהינגעקומען.

און איינמאָל, אין אַ טאָג, איז ער געקומען צו הגיתן אין הויז און האָט געטראָפן, ווי זי שלאָגט חלאהן מיט גרויס גרימצאָרן, אָבער ווען מתן איז צוגעקומען, האָט זי איר אָפּגעלאָזט און געזאָגט צו מתגעז:

—דערדאָזיקער דינסט מיינער האָב איך איבערגעגעבן צו זייגן מיין זון עזריקם, בין איך אויף אַ ווײַלע אַרויס פון מיין חדר און באַלד צוריקגעקומען, ערשט חלאה איז נישטאָ. זי איז אַוועק אין הויז פון די דינסטן און דאָרט אָנגעזייגט איר אומ־ווירדיקן זון נבל.

און עכן, וואָס איז געשטאַנען און זיך צוגעקוקט, ווי זיין ווייב ווערט דערנידעריקט ביי אים אין די אויגן, האָט ער זיך שטאַרק צעוויינט און געזאָגט צו מתן:

—משפט דו אַליין, מיין האַר: איך האָב געזען, ווי מיין פּיצע־לע קינד ליגט פאַרלאָזט אין וויגל, קיינער פון די דינסטן קוקט זיך נישט אום אויף דעם, און דאָס קינד וויינט אָן אויפהער. האָב איך גערופן די מוטער, זי זאָל עס אָנזייגן. און אויב דאָס איז אַ פאַרברעכן, בין איך דאָך אין דעם שולדיק און אויף מיר, האַרינטע, דאַרף פאַלן דיין האַנט.

האָט זיך חגית אויף אים צושריען מיט אַ קול פון אַ יונגער לייב, אַזוי צו זאָגן:

—דו נידעריקער קנעכט, דו „געבויערטער" (מען האָט אים גע־בויערט דאָס אויער, ווייל ער האָט נישט געוואָלט אַרויסגיין פריי נאָך זיבן יאָר דינסט, לויטן דין), און ווער בעט דאָס ביי דיר, דו זאָלסט דאָ זיין? יורם, מיין מאַן, האָט דיך געוואָלט לאָזן פריי, איידער ער איז אַוועק אויף דער מלחמה, און דו האָסט געזאָגט: „איך האָב ליב מיין האַר, זיין ווייב און קינ־דער!" דעריבער האַלט בעסער דאָס מויל, וואָרום מיין האַנט קען זיך אויף דיר אויך אַראָפּלאָזן.

און מתן האָט דאָס צוגעזען און צוגעהערט און גאָרנישט גע־ענטפערט. און אין האַרצן האָט ער געטראַכט: איך וועל דער־בלאָזן דידאָזיקע גלאָווגע, וואָס רויכערט זיך—עכנען, וועט דער־פון ווערן אַ ברענענדיקער פלאַם און איך וועל שטילן מיין צאָרן, וואָס ברענט אין מיר צו חגיתן.

און ס׳איז געווען ביינאַכט און עכן איז געקומען צו מתנען אַהיים און האָט צו אים געזאָגט:

—דו, מיין האַר, האָסט דאָך צוגעקוקט מיין ווייטאָק, טאָ גיב־

זשע מיר אַן עצה ווי אַזוי זיך צו העלפן פון דער מרשעת. ווייל צי דען איז געקומען אַן אונטערגאַנג פאַר קנעכט און דינסטן?

האָט מתן צו אים געזאָגט:

—דיין צאָרן, זע איך, ברענט ווי אַ פייער, צינד זשע אונטער מיט דעם פייער אַלע וואוינונגען פון יורם דיין האַר. זאָל דאָס פייער פאַרברענען די הייזער מיט זייערע איינוואוינער און לאָז אויס דיין צאָרן צו דער, וואָס האָט דיך געפייניקט.

פון גרויס שמחה האָבן עכנען אָנגעהויבן צו גלאַנצן די אויגן און ער האָט געפרעגט:

—צי רעדסטו דאָס צו מיר, מיין האַר, אויף אַן אמת, צי מאַכסטו עס בלויז שפּאַס?

האָט מתן אים דערויף געענטפערט:

—אוי, דו גרויסער נאַר, וואָס דו ביזט! צי וועל איך מיך דער־וועגן צו שפּעטן איבער אַזאַ אָרעמען מענטשן, וואָס איז אָנגע־זעטיקט מיט שאַנד און דערנידערונג, ווי דו ביזט?

און עכן האָט ווידער געזאָגט:

—און פאַרוואָס זאָל נעמהליידן פאַר די זינד פון דער מרשעת חגית? זי אַליין האָט דאָך אַ גוט האַרץ?

האָט מתן אים באַמערקט דערויף:

—פריער הער אויס מיין ראַט און דערנאָך וועסטו ריידן. צינד אָן אַ פייער אין הויז פון חגית און אין הויז פון די קנעכט און דינסטן און דיין זון וועסטו אַרויסראַטעווען און וועסט אים פאַרבייטן אויף עזריקמן, ווארום בײדע זײנען אַלט נאָר איין חודש און ידידיה מיט תרצן וועלן אים נישט דערקענען, ווייל דורך דער שנאה צו דער פאַרשאָלטענער חגית האָבן זיי זיך נישט איינגעקוקט אין איר זון. דאָס הויז, וואו נעמה וואוינט, וועסטו אויסמיידן און וועסט עס נישט אונטערצינדן, כדי די שולד זאָל פאַלן אויף איר, ווארום מען וועט זאָגן: די קנאה פון נעמה האָט פאַרלענט יורמס הויז, און איך וועל שוין אַזוי מאַכן מיט ערמה, אַז נעמה זאָל אַנטלויפן אויף אייביק. פון דיין האַרס הויז וועט אַזויאַרום קיינער נישט בלייבן און נבל

דיין זון וועט הייסן „עזריקם" און ער איינער וועט ירשנען דאָס פאַרמעגן פון דיין האַר: זיינע פעלדער און גערטנער, סטאַדעס און קעלטערס, דאָס אַלץ וועט זיין דיין „שניט" און מיר זאָלסטו געבן דאָס „אָפּפאַל". איידער דו וועסט אונטער־צינדן יורמס וואוינונגען, זאָלסטו אויסליידיקן זיין אוצר, אין וועלכן ס'געפינען זיך אַלע טייערע זאַכן. איך וועל דיר שוין שיקן צו הילף חפרן און בוקיהן, צוויי קלוגע און דורכגעטרי־בענע לייט, וואָס זיינען אין די אויגן פון די שטאָטלייט גאָטס־פּאָרכטיקע מענטשן און זיי וועלן צו מיר ברענגען די טייערע זאַכן פון אוצר. דעם שליסל פון אוצר־הויז האָב איך. ווען איך בין געווען אַן איינגייער צו יורמען אין הויז, האָב איך מיר נאָך דעמאָלט נאָכגעמאַכט אַזאַ שליסל, ווי ער האָט געהאַלטן. וואָרום איבער אים האָב איך אָנגעוואוירן דאָס פאַרמעגן, וואָס מיר איז געבליבן פון מיין פאָטער. זאָלן דעריבער די טייערע זאַכן פון זיין אוצר זיין מיין געצאָלט פאַר חגיתן, וואָס ער האָט מיר צוגענומען און פאַר מיין פאַרמעגן, וואָס איך האָב פאַרלאָרן.

עכנס האַרץ האָט געציטערט פאַר פרייד, איז ער אויפגעשפרונ־גען פון זיין אָרט און אויסגערופן: „אָט דאָס הייסט אַן עצה! דער גיהנום וואָלט זי נישט געקענט אויסטראַכטן!"

האָט מתן צו אים געזאָגט:

—נאָר נישט געאיילט, קום צוגיין צו מיר נאָך אַ צווייט מאָל, וועל איך דיך לערנען, וואָס דו האָסט צו טאָן.

האָט עכן אַזוי געטאָן, און זיי האָבן זיך באַראַטן וועגן זייערע געהיימע זאַכן, און וועגן דעם טויש פון די קינדער האָבן זיי פאַר חפר און בוקיה נישט דערציילט.

און ס'איז געווען אין אַ פינסטערער נעפּלדיקער נאַכט, אַ נאַכט פון וואָלקן און ווינט און אַלע מענטשן פון יורמס הויז זיינען גע־שלאָפן, ליגנדיק אויף זייערע געלעגערס. און עכן האָט אויס־געליידיקט דאָס אוצר־הויז, חפר און בוקיה האָבן פון דאָרט אַוועקגעטראָגן אַלע גלוסטיקע זאַכן צו מתן דעם שופט, וואָס האָט זיי באַהאַלטן אין אַ הייל, דערנאָך איז עכן אַרויפגעגאַנ־

גען אויף די דעכער און דאָרט אַוועקגעלייגט שוועבל, האָט אָראָפּגעגידערט, אַרויסגענומען זיין זון נבל פון דינסטן־הויז און פאַרשלאָסן די טירן און פאַררוקט מיט די ריגלען פון דרויסן. און דאָס אייגענע האָט געטאָן זיין ווייב חלאה מיטן הויז פון חגית, איר האַרינטע, און עכן האָט אונטערגעצונדן די הייזער פון אַלע פיר זייטן, איז אויפגעגאַנגען דער פלאַמפייער און ס'האָבן זיך דערהויבן זיילן רויך. און ס'איז געווען, ווען דאָס פייער האָט אַלץ אַרומגעכאַפּט, איז עכן אַוועקגעלאָפן אין הויז פון נעמהן, וואָס איז זיך געשטאַנען שטיל און רואיק, די הענט אויפן קאָפּ פאַרבראָכן און אויסגערופן:

—אוי וויי, מיין האַרינטע! אַ פייער ברענט יורמס וואוינונגען און קיינער פאַרלעשט נישט. מיין ווייב איז מיט עזריקם, דעם זון פון חגית, אַרויסגעשפרונגען דורכן פענסטער און חגית איז געלאָפן ראַטעווען אירע איבעריקע צוויי זין און דער פלאַם האָט זי אַרומגעכאַפּט. וויי, וויי! אויך מיין זון איז פאַרברענט געוואָרן אין הויז פון די קנעכט און דינסטן!

אַזוי ווי ער רעדט אַזוי, איז חפר מיט בוקיהן פאַרבייגעגאַנגען פאַר נעמהס פענסטער, און איינער האָט געזאָגט צום אַנדערן:

—וויי, וויי! די קנאה פון נעמהן פאַרלענט יורמס הויז!

אַ ציטערניש איז נעמהן באַפאַלן, האָט זי זיך צעוויינט און געזאָגט:

—איינער, אַן אומווירדיקער שלעכטער מענטש, האָט היינט זיין בייז געטאָן און אויף מיר וועט מען אַרויפוואַרפן די שולד פון דער שרפה. וויי איז מיר! וואו טוט מען זיך אַהין?

האָט עכן צו איר געזאָגט:

—האַרינטע מיינע, טו זיך איבער אין מאַנסבילשע מלבושים, וועסטו זיך פאַרשטעלן און אַנטלויפן, ביז דער צאָרן וועט פאָריבער. אַנטלויף, איידער עס קומען אַהער די קרובים פון חגית, וואָס וועלן זיך וועלן נוקם זיין פאַר איר און דיך באַפאַלן.

האָט נעמה געאיילט צו טאָן, ווי עכן האָט זי געהייסן און איז

אַרויס דורכן פענסטער, כּדי אַנטרונען צו ווערן.
און עכּן האָט געזאָגט צו אירע צוויי דינסטן:
—גייט אַרויס פון דאַנען, איך וועל אייך באַהאַלטן אין אַ רואיק ווינקל, אַזוי אַז קיינער זאָל אייך ניט געפינען, זיצט דאָרט און
זיכער, אָרט ביז דער צאָרן וועט פאַרבייגיין.
און עכּן האָט זיי באַהאַלטן אין אוצר־הויז, האָט נאָך זיי פאַר־שלאָסן די טירן, און דאָס הויז אונטערגעצונדן פון אַלע פיר זייטן, און די דינסטן האָבן געשריגן מיט אַ ביטער געשריי, ביז דער פלאַם האָט זיי אַרומגעכאַפּט און זייער קול האָט מען שוין נישט געהערט.
האָט עכּן געזאָגט צו זיין ווייב חלאת:
—נישטאָ מער קיין איין מענטש פון יורמס הויזגעזינד, וואָס זאָל עפּעס וויסן פון אונז. האַלז זשע איצט אונזער זון נבל און רוף אים פון איצט אָן עזריקם.
אַזוי ווי זייריידן אַזוי און די שכנים פון יורמס הויז אַרום האָבן זיך אויפגעכאַפּט און געקומען אַרויסצולויפן האָבן עכּן מיט חלאהן זיך געמאַכט טרויריקע פנימער, שטייען און וויינען און קלאָגן. אויך ידידיה און תרצה האָבן נישט פאַר־שפּעטיקט צו קומען, און זיי האָבן אַ פּליעסק געטאָן מיט די הענט און אויסגערופן: וויי וויי! אַ בראָך און אַ צרה! און זיי האָבן זיך געאיילט צו נעמהן אין הויז, זיינען אַהין אַריין—און די שטוב שטייט ליידיק. זיינען זיי אַרויסגעגאַנגען און גע־פרעגט ביי עכּן מיט חלאה:—וואו איז נעמה אַהינגעקומען?

האָט עכּן געזאָגט:
—וויי וויי: אַן אומגליק פון גאָט איז געקומען! היינט האָב איך פאַרשפּעטיקט ביי מיין אַרבעט אין פעלד, און ס׳איז געווען, אַז איך בין געקומען, און עפּעס דערפיל איך, אַז אַ געשטאַנק פון שוועבל גייט מיר אין דער נאָז, האָב איך געאיילט צו מיין האַרינטע חגית, כּדי צו ראַטעווען זי מיט אירע קינדער, קום איך צו, זע איך, ווי זי לאָזט אַראָפּ דורך דעם פענסטער איר זון עזריקם פון חלאהן מיין ווייב, וואָס איז הינטן געשטאַנען און זי האָט צוריקגעקערט צו ראַטעווען אירע איבעריקע צוויי

זין און דער פלאַם האָט זי צרומגעכאַפּט און זי אַליין האָט אויך נישט געקענט אַנטרונען ווערן. בין איך געלאָפן צו נעמהן אין הויז—האָב איך זי נישט געטראָפן, האָב איך זיך געאײַלט צו ראַטעווען מײַנע קינדער פון דינסטן־הויז, נאָר איך האָב שוין נישט געקענט.

און חלאה האָט ביטער געשריגן:

—ווײ צו דער קנאה פון יורמס ווײַבער, וואָס איז געווען בײ־טער׳ער פון גיהנם און האָט אומגעבראַכט אומשולדיקע נפשות! ווײ מיר פאַר מײַן זון, וואָס איז פאַרברענט געוואָרן!

און עכן האָט דערציילט:

— נעכטן האָט חגית זיך געקריגט מיט נעמהן, האָט זי זײער ביטער דערצאַרנט און האָט געזאָגט: „גענוג פאַר דיר, נעמה, זיך צו גרויסן מיט דער ליבע פון יורם אונזער מאַן, וואָס איז בעסער צו דיר. יורם איז דאָך שוין נישטאָ אינ־דערהיים און מײַנע קינדער ירשנען אים. און מײַנע קינדער וועלן אויסוואַקסן און וועלן דיך פאַרטרײַבן פון צו באַהעפטן זיך אין זײער פאַרמעגן, ווײַל אַ פרעמדע ביזטו דאָ".

ידידיה און תּרצה זײַנען געשטאַנען דערציטערטע און געגאַפּט און געפּליעסקעט מיט די הענט פון צער.

און די קרובים פון חגית זײַנען געקומען און געשריען:

—וואו איז זי, די מרשעת נעמה, וואָס האָט אונטערגעצונדן די שרפה?

האָט ידידיה געזאָגט צו עכן און חלאה:

—טראָגט אַוועק עזריקמען צו מיר אַהיים, און דו, חלאה, בלײַב מיט אים בײ מיר אין הויז און זײ אים אַ זײגערין, כּדי עס זאָל בלײַבן אַ זכר נאָך יורמען, מײַן פרײַנט, און עס זאָל נישט פאַרלאָשן ווערן זײַן קויל, וואָס ברענגט נאָך.

און די קרובים פון חגיתן האָבן געשריגן מיט גרויס גרימצאָרן:

—וואו איז זי די מרשעת נעמה? וואו איז זי די ווילדע לײבין? ווי נעמט מען זי אַהער, כּדי צו פאַרלעשן מיט איר בלוט די־דאָזיקע שרפה!

און ידידיה האָט געזאָגט:

—לאָמיר וואַרטן, די צייט וועט לאָזן וויסן, וואו זי איז אַהינ־געקומען.

און נעמה האָט זיך געאיילט אַנטרונען צו ווערן צו איר קרוב אבישי, וואָס האָט געהאַט צו באַפעלן איבער יורמס סטאַדעס אין בית־לחם. האָט ער זי אַוועקגעשיקט צו זיין ברודער סתרי, וואָס האָט איר פאַרבאָרגן אין די באַהעלטעניש פון באַרג כרמל. און נאָך צוועלף טעג האָט זי געבוירן אַ צווילינג, אַ זון און אַ טאָכטער. האָט זי גערופן דעם זון אמנון און דער טאָכטער כּבינה.

און סתרי איז געגאַנגען קיין ירושלים זיך דורכצורייד ן וועגן יורמס פאַרמעגן, וואָרום ער האָט געהערט, אַז ידידיה האָט אי־בער דעם צו באַפעלן. און ס׳איז געווען, ווען ער האָט געווײלט אין ירושלים, איז חפר און בוקיה געקומען פאַר די אַלטע לייט, די שופטים פון שטאָט, און זיי האָבן פאַר זיי דערציילט אַזוי צו זאָגן:

פון דער גרענעץ פון פלשתים־לאַנד קומען מיר אָן. אויפן וועג, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ קיין עקרון האָבן מיר נעמהן, דאָס ווייב פון יורם, באַגעגנט. זי איז געפאָרן אויף אַ וואָגן, וואָס איז צו אַ לויפנדיק פערד געשפאַנט, ביי דער רעכטער זייט פון אַ יונגן מאַן איז זי געזעסן. נאָך זיי האָבן קעמלען פון אַלדעסגוטס גע־טראָגן און צוויי דינסטן זיינען אויף די קעמלען געריטן. האָבן מיר געפרעגט ביי נעמהן:

—צו וועמען קער דאָס אַלץ?

האָט זי צו אונז געזאָגט:

—דאָס אַלץ פיר איך פאַר אַ מתנה צו די מוראדיקע האַרן פון די פלשתים אויף אויסצולייזן יורמען, מיין מאַן, און דער מאַן, וואָס זיצט מיט מיר, דאָס איז דער אָנזאָגער פון יורמען גע־שיקט.

האָבן מיר צו נעמהן געזאָגט:

—זאָל גאָט דיין וועג באַגליקן און זאָלסט דיין מאַן בשלום צו־ריקברייגען אין לאַנד פון זיין געבורט.

און ס'איז געווען, ווען מיר זיינען אָנגעקומען קיין ירושלים, זיינען אונזערע אויערן פאַרטויבט געוואָרן, דערהערנדיק פון דעם מוראדיקן אומגליק, וואָס ס'האָט געטראָפן יורמס הויז, זיינען מיר געקומען צו אונזערע שופטים צו דערציילן דאָס, וואָס אונזערע אויגן האָבן געזען און אונזערע אויערן האָבן געהערט.

האָבן אַלע שופטים געענטפערט ווי איין מענטש: איצט איז די זאַך שוין קלאָר.

און מתן דער שופט האָט געזאָגט:

—זאָל זשע דידאָזיקע מוראדיקע געשעעניש פאַרשריבן ווערן אין בוך לזכּרון, און פאַר די שופטים זאָל פאַרציכנט ווערן די גרויסע זינד פון נעמהן.

און מתן האָט פון דעם דערציילט פאַר ידידיהן, האָט ידידיה פאַרבראָכן די הענט און געזאָגט:

—ס'איז קלאָר, ווי די זון אין מיטן טאָג, נאָר די קנאה פון יורמס הויז האָט אומגעבראַכט נפשות, ווי! אַ בראָך און אַן אומגליק צוזאַמען זיינען געקומען אויף מיין גוטן פריינט, וואָרום זיין ווייב, נעמה זיין געליבטע, האָט געפעלשט אין אים, און ווי נאָר ער איז פאַרטריבן געוואָרן צום פיינט אין לאַנד אַריין, האָט נעמה אונטערגעצונדן זיין הויז און האָט איינגאַנצן אומגעבראַכט איר „נישט־פאַרגינערין" צוזאַמען מיט אירע קינדער, און זי האָט פאַרוואָרפן זיינע געצעלטן צו גיין נאָך איר געליבטן אין אַן אַנדער לאַנד אַריין.

און תרצה האָט געזאָגט:

—איצט זעט מען טאַקע, אַז אַנדערש טויג נישט פאַר אַ מאַן, בייערט צו נעמען איין ווייב און מיט איר לעבן אין ליבשאַפט! אַזוי טאַקע האָסטו מיין מאַן געטאָן און אַזוי וועלן מיר טאָן מיט תּמר אונזער טאָכטער, ווען עס וועט קומען די צייט חתונה צו האָבן.

און ידידיה האָט געזאָגט:

—נעמה האָט דאָך אָפּגעטאָן אַן אומווירדיקע זאַך. דאָס איז אַ באַווייז, אַז זי איז קיינמאָל נישט געווען קיין רעכטפאַרטיקע,

פאַרוואָס זשע זאָלן אירע קינדער געמעלדעטע ווערן צו יורמס משפחה? דעריבער בלייבט דאָך נאָר עזריקם דער איינציקער יורש פון יורמס הויזגעזינד און צו אים איז אונזער טאָכטער תמר פאַרקנסט. און קיין אַנדערע, אַחוץ איר, וועט ער נישט נעמען. און ידידיה האָט געקוקט מיט דערבאַרמונג אויף עזריקמען, ווייל ער איז דער איינציקער, וואָס איז אַנטרונען געוואָרן, ווען יורמס הויזגעזינד איז אומגעקומען. און זיין ווייב תרצה האָט אין אַ יאָר אַרום געוואונען אַ זון, האָט זי אים אַ נאָמען געגעבן תימן. זיינען די דריי קינדער געוואַקסן אין ידידיהס הויז, נאָר תמר און תימן זיינען געוואַקסן ווי שיינע פלאַנצונגען, עזריקם אָבער איז געוואַקסן ווי אַ שטעכעדיקער דאָרן; ווייל זיין האַרץ איז געווען שלעכט פון זיין געבוירן אָן, און ער איז געווען נישט שיין און נישט איידל. נאָר ידידיה האָט נישט געקוקט אויף זיין שלעכטער געשטאַלט, געדיינקענדיק זיין בונד, וואָס ער האָט געשלאָסן מיט זיין פאָטער.

און סתרי האָט געזען, ווי דאָס שלעכטס האָט זיך אויסגעלאָזט צו נעמהן, וואָרום עס זיינען אויפגעשטאַנען קעגן איר פאַלשע עדות און ס׳איז נישטאָ, ווער עס זאָל זיי אָפּלייקענען, האָט ער נעמהן מיט אירע קינדער באַהאַלטן אין די פאַרבאָרגענישן פון כרמל און זיין ווייב האָט זיי אַהין געטראָגן שפייז צום דערנערן.

און ס׳איז געווען, ווען נעמה האָט אַנטוויינט אירע קינדער, האָט סתרי גענומען און אמנונען אַוועקגעשיקט צו זיין ברודער אבישי. האָט אבישי אים אָפּגעגעבן צו אַן אַלטן פאַסטוך, ער זאָל אים דערציען, און געזאָגט האָט ער דעם פאַסטוך, אַז דאָס יינגל האָט ער געקויפט פון איינעם אַ פרעמדן מענטשן, וואָס האָט אים געפונען אין פעלד. איז אמנון געוואַקסן ביים פאַס־טוך אין הויז און איז געווען זייער אַ שיינער. קיינער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט, נאָר אבישי האָט אויף אים אַכטונג געגעבן מיט ליבשאַפט און גענאָד. און אַז דער אַלטער פאַס־טוך איז געשטאָרבן, האָט ער אים צוגענומען, ער זאָל פאַשען יורמס שעפסן. און די פאַסטוכער האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ

קנעכט, וועלכן אבישי האָט פּאַר געלט געקויפט.

ווען עס זיינען פאַרבייגעגאַנגען זעקס יאָר, איז נעמה אַרויס פון איר באַהעלטעניש. האָט סתרי איר געגעבן אַ געצעלט, וואָס איז געשטאַנען אין אַ שפּאַלט פון אַ פעלז און באָקסנביימער זיינען אַרום געוואַקסן. איז זי דאָרט געזעסן מיט איר טאָכטער און מיט אַן אַלטער פרוי, האָט געקליבן זאַנגען אויף די פעלדער פון איר מאַן יורם, געקליבן צוזאַמען מיט די אָרעמע ווייבער פון דער געגנט, וואָס האָבן זי געהאַלטן פאַר אַ פלשתי־פרוי, וואָס האָט געקערט צו אַ מאַן פון יהודה און דער מאַן איר איז געשטאָרבן. ווייל אַזוי האָט מען זיי דערציילט.

ג.

אין פערטן יאָר פון דער צייט, וואָס עס האָט געקעניגט חזקיהו, דער קעניג פון יהודה, איז צייטיק געוואָרן די זינד פון שבט אפרים (אַ באַזונדער אָפּגעטיילט קעניגרייך צו יענער צייט) און דער צאָרניקער גאָט, וואָס האָט שוין לאַנג געוואָלט זיך נוקם זיין אין דעמדאָזיקן קעניגרייך, האָט אויף אים אָנגעשיקט די שאַרפע שווערד פון קעניג, וואָס אין אַשור, וועלכער האָט ווי אַ שטאַרקער טייך פאַרפלייצט דאָסדאָזיקע לאַנד און אָפּגעפלייצט די „גאָלדענע קעלבער" (צו וועלכע מען האָט געדינט), וואָס זיינען געווען אין „בית אין" און די אָפּגעטער פון דן, האָט אַוועקגעטראָגן די דינער זייערע און האָט זיי פאַרוואָרפן אין פרעמדע שטעט און לענדער.

און יהודה האָט זיך געשטאַרקט, צוקוקנדיק די שטראָף פון גאָט און זיין שווערע האַנט, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער זינדיקער שוועסטער אירער, און די מענטשן פון יהודה האָבן זיך גאָר געשטאַרקט צו גיין אין גאָטס וועגן און פון זיינע גע־

באָטן נישט אָפּצוטרעטן; האָט מיט ליבשאַפט פאַרנומען די רייד פון איר קעניג דוד און פון חזקיהון, דעם פרומען מאַן, וואָס האָט גערוט אין פרידן אין דער צייט, וואָס אפרים איז פאַרטיליקט געוואָרן.

אין דערדאָזיקער צייט איז אַן אַנטרונענער געקומען פון די פאַרטריבענע פון אפרים, און זיין נאָמען איז געווען זמרי. דאָס איז געווען איינער פון די אָפּגאָט־כהנים, אַן אומווירדיקער מענטש. דערדאָזיקער זמרי איז פאַרטריבן געוואָרן מיט אַלע פאַרטריבענע פון דער שטאָט שומרון, און אַזוי ווי ער איז געווען זייער גרינג אויף די פיס, האָט ער פריער געוואוסט, אַז ער וועט קענען אַנטרונען ווערן, און אַזוי ווי ער האָט געקענט חננאלן פון שומרון, האָט ער פון אים געבעטן, ער זאָל אים זאָגן דעם נאָמען פון זיין איידעם, וואָס וואוינט אין ירושלים; האָט אים חננאל איבערגעגעבן אַ פאַרזיגלטן בריוו און אַ זיגלרונג, ער זאָל דאָס אַוועקטראָגן צו זיין איידעם ידידיה. און ס'איז געווען, ווען ער איז אַנטלאָפן פון פיינט, האָט ער אַ גאַנצן וועג נאָך מיטגעטראָגן מיט זיך זיין אָפּגאָט, וואָרום ער האָט געטראַכט: אפשר וועט ער געפינען אויפן וועג עפּעס אַן אָרט, וואו ער וועט צוריק קענען זיין אַ כהן צו אים. אַז ער האָט אָבער געזען, אַז אין גאַנצן לאַנד פון יהודה דינט קיינער נישט צו די אָפּגעטער, האָט ער פון אים אַראָפּגענומען זיין צירונג, האָט אים אַראָפּגעוואָרפן אין איינעם פון די גריבער און אַליין איז ער מיט דעם אפרים־טויער אָנגעקומען קיין ירושלים.

ווען ער איז אָנגעקומען, האָבן נאָך די גאַסן פון דער שטאָט געראַשט פון מענטשן. די אַלטע לייט זיצן מיט כבוד אויפן אָרט פון משפט, און קאָטשן מיט בריטשקעס טראָגן די האַרן פון יהודה און די גרויסע לייט אירע, לויפן און ברומען איבער די גאַסן, און זמרי, וואָס האָט געלעבט אין גרויס דחקות די גאַנצע דריי יאָר, וואָס שומרון איז געווען באַלאַגערט דורך דעם קעניג פון אשור, האָט זיך איצט שטאַרק געוואונדערט אויף דעם, וואָס זיינע אויגן האָבן געזען. האָט ער צו זיך אַליין אויסגערופן: ווי דערנידעריקט עס איז שומרון און ווי דערהויבן

עס איז ציון! נייע הימלען און נייע ערד זעען דאָ מיינע אויגן.
און די איינוואוינער זיצן זיך דאָ רואיק, ווי דער ווײַן אויף
זיין הייוון. און גערעכטיקייט געוועלטיקט דאָ. אָבער משפּט און
גערעכטיקייט איז נאָר אַ פּאַנצער און אַ באַשיצער פאַרן רייכן,
ווייל דאָס היט זיין פאַרמעגן, קיינער זאָל עס נישט אָנרירן.
פאַר אַזאַ אָרעמאַן, ווי איך בין, איז דאָס אָבער ווי דערנער,
ווייל חזקיהו האָט אויסגערוימט פון זיין לאַנד אַלע אָפּגעטער,
און איך האָב פאַרלאָרן מיין אָגלען, מיין ברויט און וואַסער.

און זמרי האָט זיך געטראַכט: מען דאַרף זוכן אין ירושלים
און אויך דאָ קען מען געפינען עקלהאַפטיקע מענטשן, וואָס קע־
נען רויבן, וואָרום אַ סך זיינען די רייכע אין שטאָט און עס
מוזן אויך זיין אַ סך, וואָס זיינען זיך מתקנא אין זיי. דערי־
בער וועל איך מיר פאַרשטעלן פאַר אַ גאָטפאָרכטיקן מאַן,
און אין האַרצן וועל איך באַהאַלטן מיין אָפּנאַרעריי, די גע־
רעכטיקייט פון מיינע לעפצן וועט זיין ווי אַ שוצמויער צו די
טראַכטונגען פון מיין האַרץ.
און אַזוי האָט זמרי געטאָן: צומאָרגנס פון דעם טאָג איז ער
אַרויפגעגאַנגען אויפן באַרג, וואו עס איז געשטאַנען גאָטס הויז,
האָט געגעבנט צו עזריהו, דעם עלטסטן פון די כּהנים, וואָס איז
אַרויסגעקומען פון צדוקס הויזגעזינד און איז איצט געזעסן אין
זיין הדר, אין גאָטס הויז, און האָט צו אים אַזוי געזאָגט:

—זאָל מיין האַר נויגן זיין אויער און אויסהערן די רייד פון
זיין קנעכט! איך קום אַרויס פון די גרויסע לייט פון אפרים.
פון דעם טאָג אָן, וואָס מיין מוטער האָט מיך אַנטוויינט, האָט
מיר מיין פאָטער דערצויגן פאַרכט צו האָבן פאַר די אָפּגעטער
און גלויבן אין זייערע נביאים און כּהנים; גאָטס וואָרט איז
פאַר מיר געווען אַ שאַנד, און די שטראָף־רייד פון זיינע נביאים—
צום געשפּעט. אָבער צי דען דערפאַר, וואָס מיין פאָטער האָט
מיר געגעבן צו עסן נישט־צייטיקעס, דאַרפן אויף אייביק מיינע
ציין איילױק בלייבן? מיינע אויגן האָבן זיך מיר געעפנט צו

זען, אַז דאָס, וואָס גאָט האָט גערעדט דורך זיינע נביאים׳ איז אונז צוהאַנען געקומען: אפרים איז פאַרוויסט געוואָרן אין טאָג פון שטראָף און פאַרטריבן געוואָרן פון זיין ערד, און שומרון האָט זיך געצאַפּלט אין אירע ווייטאָקן דריי יאָר, ווי עס וואַרפט זיך אַ קראַנקער אויף זיין געלעגער, און ווי נאָר דער טויט האָט זיך באַוויזן אין אירע פענסטער און איר׳ע כהנים און נביאים, די פאַלשע רופאים אירע, וואָס האָבן זי דערפירט צום גרוב מיט פאַלשע רייד און מיט פאַרשטויסונגען— זיי אַלע האָבן זיך פאַרוויקלט די מיילער און זיך פאַרשעמט פון זייער אומווירדיקייט, און איך בין מיט גאָטס חסד אַנטרונען געוואָרן פון פיינט, ווייל גאָט ווייסט ווי מיין האַרץ גלוסט צו זיין הייליק הויז. איצט בין איך געקומען הונגעריק צו גאָטס וואָרט און דורשטיק צו זיין חסד. טו איך איצט שטאַרק בעטן ביי דיר, דעם כהן גדול, אויף וועמענס קאָפּ ס׳איז געגאָסן געוואָרן זאַלבבוימאייל, לערן מיך, ווי אַזוי זיך צו דערנענטערן צו גאָט און מיט וואָס איך זאָל אָפּווישן זיין צאָרן אויף דער שאַנד פון מיין יוגנט? אויב מיט בריינגען קרבנות—בין איך אַ גרויסער אָרעמאַן, און נאָר מיין האַרץ טראָג איך צו גאָט; לערנזשע מיך, מיין האַר, נישט פאַר קיין געלט און נישט פאַר קיין לוין, בייערט מיט חסד און רעכטפאַרטיקייט.

האָט דער כהן צו אים געזאָגט:

—חלילה, ביי די קינדער פון אהרן, די מענטשן פון חסד און פון תורה, צו נעמען עפּעס פון די, וואָס זוכן זיך צו לערנען ביי זיי, וואָרום אונזער ברויט גיט מען אונז, אונזער וואַסער איז געזיכערט פון מעשר און תרומה, וואָס מיר נעמען. און אונזער גאַנצער באַגער איז צו לערנע יעדן מענטשן, וואָס וויל זיך דערנענטערן צו גאָט. און וויסן זאָלסטו, אַז אַ געבראָכן געמיט איז ביי גאָט טייערער פון קרבנות. קום צו גיין אין היכל פון גאָט אַלע טאָג, וועסטו דערקענען די גוטע וועגן. זאָג מיר אָבער, איך בעט דיך, צי האָסטו עפּעס אַ פּריינט אָדער אַ באַקאַנטן אין ציון?

האָט זמרי דערויף געענטפערט:

—היינט וועל איך אַריבערגיין צו דעם הויז פון ידידיה, דעם האַר פון קעניגס אוצרות, וואָרום צו אים האָב איך געבראַכט אַ בריוו פון זיין שווער חננאל, וואָס איז פאַרטריבן געוואָרן מיט די פאַרטריבענע פון שומרון.

האָט דער כהן צו אים געזאָגט:

—וואַרט דאָ צו ביז פאַרנאַכט, וואָרום אינדערפרי און פאַרנאַכט, ווען די כהנים זיינען מקריב דעם קרבן „תמיד" (אַזוי האָט זיך גערופן דער קרבן, וואָס די כהנים האָבן אַלע אינדערפרי און פאַרנאַכט מקריב געווען) טוט ידידיה קומען זיך צו בוקן פאַר גאָט אין זיין הייליק הויז, ווייל ער איז זייער אַ פרומער מאַן. און איך וועל פאַר דיינטוועגן גוט ריידן צו אים, און ער וועט פאַר דיר געפינען אַ רו־אָרט אין זיין אייגן הויז אָדער אין הויז פון אַן אַנדערן פון יהודהס האַרן.

און ידידיה איז, ווי שטענדיק, געקומען פאַרנאַכט, און ס'איז געווען, ווען ער האָט געענדיקט זיך בוקן פאַר גאָט און דער כהן האָט פאַר אים גוט גערעדט אויף זמרין, האָט אים ידידיה גענומען צו זיך אַהיים. האָט אים זמרי איבערגעגעבן דעם בריוו, און דעם זיגלרונג האָט ער ביי זיך באַהאַלטן, ווייל ער האָט זיך געטראַכט: טאָמער וועל איך אים נייטיק האָבן צו מיינע אָפּנאַרערייען, און ידידיה האָט אין די אויערן פון זיין ווייב און קינדער איבערגעלייענט פון בריוו דידאָזיקע רייד:

„הער צו, תרצה, מיין טאָכטער און פאַרנעם, ידידיה מיין איי־דעם, צו די רייד פון אייער פאָטער חננאל, וואָס ווערט גע־טריבן אין גלות. איר האָט דאָך מסתם געהערט דאָס געשריי פון אפרים! די קלאָג פון שומרון האָט דאָך צו די טויערן פון ציון דערגרייכט; ווי צום טאָג פון צאָרן, וואָרום עס איז פאַרשניטן געוואָרן דער קעניג פון שומרון און דאָס פאָלק איז געגאַנגען אין גלות! און איך, איך האָב נאָך פון פריער געזען, אַז אפרים איז פאַרלאָרן, האָב איך פאַרקויפט אַלץ, וואָס איך האָב פאַרמאָגט, פאַר זילבער און גאָלד און טייערע שטיינער, און האָב באַהאַלטן מיינע אוצרות אין אַן אָרט, וואָס איז פאַר־הוילן פון מענטשן, וואָרום איך האָב זיך געטראַכט: עס וועלן

דורכגיין די צעטומלטע טעג, וועל איך מיין פאַרמעגן אַוועק־טראָגן קיין ציון, און וועל דאָרט אויף ציונס ערד פאַרפלאַנצן אויך מיינע זין. אַזוי האָט געטראַכט מיין האַרץ, נאָר דער צאָרנדיקער גאָט האָט אַנדערש געטראַכט! וואָרום אַלע מיינע זין זיינען אומגעקומען אין די דריי יאָר פון נויט און באַ־לאַגערונג, און דער טאָג פון צאָרן איז געקומען. די שטאָט איז געשפּאָלטן געוואָרן פאַרן פיינט, און איך האָב פאַרלאָזט די קברים פון מיינע קינדער און די באַהאַלטענע אוצרות מיי־נע צו גיין פאָרויס פאַר די פאַרטריבענע. בין איך געגאַנגען מיט די פאַרטריבענע און בין געקומען ביז דעם טייך כבר שבת פאַרנאַכט. האָב איך געגעסן ברויט מיט טרערן און בין דער־שלאָפן געוואָרן ביים ברעג פון טייך. און איך האָב געזען אין מיין חלום אַ יינגל מיט שיינע אויגן, אויסגעצירט אין זיין קלייד, אַ שווערד אָנגעטאָן אויף דער זייט, און אַ פאַנצערהיטל אויף זיין קאָפּ; זיינע לאָקן, וואָס זיינען שוואַרץ ווי קראָ־רינג־לען אַרום זיין קאָפּ, זיינע באַקן זיינען געווען רויט און זיין שטערן לויטערער פון שניי און קלאָרער פון מילך, און ער שטייט פאַר מיר, רייטנדיק אויף זיין פערד, און איך, אַז איך האָב געזען זיין וואוקס, וואָס איז ווי אַ זאַפיר (אַזאַ טייערער שטיין), האָב זיך ביטער צעוויינט און אויסגערופן:

—ווי גערשריען, גאָט, מיין גאָט! אויך איך האָב דאָך געהאַט זין, וואָס זיינען געווען אַזוי שיין, ווי דאָס יינגל, און פון זיי איז מיר נישט געבליבן אַפילו איינער, וואָס זאָל מיר צומאַכן די אויגן און ירשנען מיין פאַרמעגן.

און ס'איז געווען, ווען דאָס יינגל האָט דערהערט מיינע רייד, האָט ער אַראָפּגעגנידערט פון זיין פערד און האָט אָנגענומען מיין רעכטע האַנט, און ער האָט געענטפערט און געזאָגט צו מיר מיט זיינע באַחנטע לעפצן אַזוי צו זאָגן:

—מיין האַרץ, וואָס טוט גלוסטן צום האַרץ פון תמר, די טאָכ־טער פון תרצה, דיין טאָכטער—טוט גלוסטן דיך אַרויסצונעמען פון דיין געפאַנגענשאַפט, און איך וועל דיך אויסלייזן און צוזאַ־מען מיט מיר וועסטו צוריקקערן קיין ציון צו די גלוסטיקע

פון דיין האַרץ, צו לייכטן דאָרט מיט גאָטס ליכט.
האָב איך אים געפרעגט אויף זיין נאָמען און זיין פאָטערס נאָמען, און ער האָט געזאָגט:
„פאַרבאָרגן און פאַרהוילן ביי דיר זאָלן זיין מיינע ווערטער און מיט דער צייט וועט עס אַנטפּלעקט ווערן". און ער האָט מיר געוויזן דעם רונג, וואָס איך האָב געשײַנקט תמרן, און האָט געזאָגט: „דאָס איז דער צייכן פון אונזער בונד, וואָס האָט מיר געגעבן תמר, מיין האַרצנסגעליבטע." פון דעמדאָזיקן חלום האָט מיין האַרץ אָנגעהויבן ציטערן. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, און ס'איז געווען אַ חלום, נאָר אַ וואונדערלעכער חלום, וואָס איז מיר אַזוי טייער אין די טעג פון מיין טרויעריקייט און ביטערקייט. האָב איך אויפגעהויבן מיינע אויגן צום הימל, און די שטערן לייכטן אין דער הויך און דאָס פינסטערניש באַדעקט די ערד, האָב איך גערופן צו גאָט אַזוי צו זאָגן:
—אַזוי זאָלן לייכטן די רייד פון חלום אויף דער פינסטערניש, וואָס אין מיין האַרצן.
בין איך ווידער אַנטשלאָפן געוואָרן און איך האָב געזען אין חלום, ווי איך דיך אין אייער העלפאַנדביין־זאַל, און תמר שטייט ווי אַ כלה אין דער רעכטער זייט פון דעם ייִנגל און זי איז אויסגעצירט אין פאַרשידנפאַרביקע קליידער און שיינט מיט איר גרויס שיינקייט. אייערע אויגן קוקן דאָס צו און אייער פרייד איז גאָר גרויס; און ווי נאָר דאָס ייִנגל האָט געעפנט דאָס מויל מיר עפּעס צו זאָגן—און אַ האַנט האָט מיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאַרק און האָט מיר אָנגעהויבן צו שאָקלען. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און מיינע אויערן האָבן פאַרנומען דאָס געשריי פון באַצווינגער, וואָס שרייט צו מיר: וואָס שלאָפסטו, וואָס, שטיי אויף און גיי מיט די פאַרטריבענע, וואָרום דער מאָרגנשטערן האָט שוין אויפגעשיינט. בין איך אויפגעשטאַנען מיט מיין ביטער געמיט, בין געגאַנגען מיט די פאַרטריבענע און מיין געמיט איז געווען שווער אין מיר, און דאָס האַרץ האָט געגאַפּט אויף דעם חלום, וואָס האָט זיך איבערגעחזרט. האָב איך געפרעגט ביי דידאָזיקע, וואָס ווייסן אַ חלום צו באַשיידן, האָבן זיי מיר געזאָגט, אַז

דאָס איז נישט קיין פוסטע זאַך, און מיין האַרץ טוט האָפן, אַז קומען וועט דער ליבהאָבער תמרס און וועט מיך אויסלייזן פון פיינטס הענט, און וועט ירשנען מיין גאַנץ פאַרמעגן, וואָס ליגט באַהאַלטן. און איר, מיינע קינדער, אויך איר היט אָפּ די רייד פון חלום און פריד צו אייך און צו תמרן און צו אַלץ, וואָס איז מיט אייך."

און ידידיה מיט תרצהן האָבן שטאַרק געוויינט, לייענענדיק דעם בריוו. און זמרי האָט געזאָגט: „איר דאַרפט נישט וויינען, ווייל פריידן איז צו אים נאָכדעם ווי ער איז אַרויס אויף דער פריי פון גויט און באַלאַגערונג במשך פון דריי יאָר, צווישן אייגענע, די קינדער פון זיין פאָלק, וועט ער דאָך זיצן אין אשור, און זיינע גוטע חלומות, וואָס ער האָט געזען ביים טייך כבר, זיינען אַ טרייסט פאַר אים, ווייל פון זיי טוט טראַכטן זיין האַרץ, און ער איז זיכער, אַז די חלומות וועלן געשען."

און תרצה האָט זיך איינגעקוקט אין עזריקמען, ווען זמרי האָט גערעדט זיינע טרייסטווערטער; און ידידיה האָט אַרויסגעפירט עזריקמען פון שטוב און צו תרצהן האָט ער אַזוי געזאָגט:

—זאָלסט אַזוי נישט טאָן, מיין טייערע, זאָלסט נישט גלויבן אין חלומות, וואָס טוען טרייסטן דיין פאָטער פון זיין טרויעריקייט, און זאָלסט נישט וועלן פאַרגלייכן עזריקמען צו דעם ייִנגל, וואָס ער האָט געזען אין חלום, וואָרום טאָמער וועסטו אים נישט געפינען גלייך צו יענעם, וועסטו אָפּקערן תמרס האַרץ פון אים, ווייל די האָר פון זיין קאָפּ זיינען נישט קיין שוואַרצע, נאָר געלבע, און נישט קיין הויכער איז ער, ווי דער, וועמען דיין פאָטער האָט געזען אין חלום. איך אָבער האָב געשלאָסן אַ בונד צו מיין חבר יורם און זאָל דער חלום נישט פאַרשטערן דעם בונד, וואָס מיר האָבן געשלאָסן וואַכעדיק.

האָט תרצה געזאָגט:

—און ווער ווייסט, טאָמער האָט נעמה געבוירן אַ זון, וואָס זעט אויס ווי דאָס ייִנגל, וואָס מיין פאָטער האָט אים געזען אין חלום?

ד׳רויף האָט ידידיה געענטפערט:

—נעמה איז דאָך געגאַנגען נאָך איר ליבהאָבער, און אויב זי האָט יאָ אַ זון געבוירן, ווער ווייסט פון אים אַראָפּנעמען דער מור־טערס שאַנד? אָבער צו וואָס זאָלן מירריידן נאַרישקייטן? צי ווייסט דען נעמה ווען עס איז צוריקקומען אַהער נאָך דעם, ווי זי האָט אָפּגעטאָן אַזאַ אומווירדיקע זאַך, אַז ווער עס ווייסט דאָס הערן, ווייסט גאַפן און פייפן אויף איר? אויף איר וואַרט דאָך דאָ די שווערד פון משפט! כ׳בעט דיך, טייערע, זאָלן מיר נישט מער דערמאָנען איר נאָמען, ווייל זי איז אַ שאַנד צו יורמס הויז.

און ידידיה איז געווען באַוואוסט אין יהודה מיט זיין פרומ־קייט צו גאָט און מיט זיין ליבשאַפט צו מענטשן, ווייל ער האָט קיינמאָל נישט אין זינען געהאַט נאָכצופאָרשן, וואָס דער מענטש טראָגט אין האַרצן. ער האָט נאָר געקוקט ווי דער מענטש זעט אויס, און אויב דער מענטש האָט אויסגעזען רעכט־פאַרטיק, איז דאָס פאַר אים גענוג געווען. דערפאַר האָבן זיך געמערט זיינע פריינט, וואָס האָבן געקויפט זיין האַרץ מיט זייער פרום אויסזען, און ס׳איז דערפאַר נישט קיין וואונדער, וואָס זמרי האָט געפונען חן אין זיינע אויגן מיט זיין פרום אויס־זען, בפרט נאָך, אַז דער כהן האָט אויף אים גוט גערעדט.

האָט ידידיה געזאָגט צו זמרין:

—איך גיב דיר היינט אַ בכבודע שטעלע ביי מיר. פון היינט אָן וועסטו זיין דער „שפייזער" פון מיין הויז.

האָט זמרי געענטפערט:

—איך בין גרייט, מיין האַר, דיר צו באַדינען מיט מיין ריין האַרץ און אָרנטלעכקייט.

און זמרי איז קיינמאָל נישט געוויינט געווען צו טאָן עפּעס אַן אַרבעט, ווייל ער האָט שטענדיק זיך געיאָגט נאָך רויב, און אַז ער האָט זיך אַרומגעקוקט, וואָס עס טוט זיך אין הויז פון ידידיהן, האָט ער, ראשית, געזען, אַז ער ווייסט דאָ האָבן אַן

אָרט פאַר זײַנע שווינדלערײַען. האָט ער בײַ זיך באַהאַלטן דעם זיגלרונג, וואָס חננאל האָט אים מיטגעגעבן, און אין האַרצן האָט ער זיך אַזוי געטראַכט: דערדאָזיקער זיגלרונג וועט פאַר מיר זײַן אַן אוצר, איך וועל שוין וויסן, וואָס איך האָב מיט אים צו טאָן.

און עזריקם האָט אין דער צײַט געוואוינט בײַ ידידיהן אין הויז, איז געווען אַ ײַנגל פון אַ יאָר צען, וואָס האָט זיך געשפּילט מיט תּימן און תּמר, ידידיהס קינדער. און מיט זײַנע מעשׂים האָט זיך עזריקם געגעבן צו דערקענען פון זײַן קינדהייט אָן. וואָרום ער האָט פאַרביטערט דאָס געמיט פון תּימן און תּמר, האָט זיי טרויעריק געמאַכט, זיך געקריגט מיט זיי, כאָטש ידידיה און תּרצה האָבן עס נישט געליטן. דעריבער האָט תּרצה געזאָגט: „דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווײַט פון ביימעלע, און אַזוי ווי חגית איז געווען אַ קריגערין, אַזוי אויך איר זון רוט נישט און האַלט זיך אין אײַן קריגן.” און תּמר און איר ברודער האָבן עזריקמען פײַנט געהאַט מיט דער גרעסטער פײַנטשאַפט, און אַז ידידיה האָט געזען, ווי עזריקם איז ווי אַ שאָטן אין זײַן שטוב, האָט ער אים באַזעצט אויף זײַן פאָטערס גיטער, כּדי זײַנע קינדער זאָלן נישט דאַרפן זיך שטענדיק קריגן מיט אים און כּדי נויגן צו אים דאָס האַרץ פון תּמר דורכדעם, וואָס ער וועט זײַן דערווײַטערט פון איר. און ידידיה האָט באַפוילן צו עכנען, דעם שפּײַזער פון יורמס הויז, ער זאָל אַכטונג געבן אויפן קינד און אים אָפּהיטן ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון זײַן אויג און אים ברענגען צו ידידיהן אין הויז אַלע שבת און ראש חודש און אין אַלע ימים טובים. האט עכן אזוי געטאָן.

און עזריקם איז געוואַקסן ווי אַ שטעכעדיקער דאָרן אין יורמס הויז, און וואָס מער ער איז געוואַקסן, אַלץ מיאוסער איז ער געוואָרן, און וואָס מער תּמר איז אונטערגעוואַקסן, אַלץ שענער איז זי געוואָרן. און נישט מיטן געשטאַלט, נאָר אויך מיט זייער פירונג האָבן זיי זיך אונטערגעשיידט: עזריקם איז געווען אַ שלעכטער צו די דינער פון זײַן הויז און זײַן האַנט האָט ער פאַרשלאָסן

פאַרן אָרעמען און הונגעריקן. און תמר איז גוט געווען צו די
דינגער פון איר פאָטערס הויז און דעם הונגעריקן האָט זי אויפ־
גענומען מיט גענאָד. עזריקם האָט זיך גרויס געהאַלטן מיט זיין
רייכקייט און מיט דער ערע פון זיין פאָטערס הויז. עס האָט
אים נישט געפּאַסט צו ריידן מיט די יינגלעך פון זיינע יאָרן,
ווייל זיי זיינען נישט די קינדער פון האַרן. און תמר האָט זיך
אַרומגעפירט מיט אירע חברטעס, האָט נישט מבזה געווען און
זיך נישט געשעמט אויך מיט די טעכטער פון די אָרעמסטע פון
פאָלק. עזריקם איז געווען ווי אַ געץ פון האָלץ, וואָס דער
גאָלדשמיד באַדעקט אים מיט גאָלד דערמיט צו פאַרדעקן פון
אויג דעם נידעריקן ווערט זיינעם, און תמר איז געווען, ווי אַ
טייערער בריליאַנט, וואָס איז איינגעפאַסט אין גאָלד, וואָס מאַכט
נישט טייערער זיין ווערט, נאָר גיט אים צו נאָכמער שיינקייט.
עזריקם האָט געהאַט אַ משונהדיקע געשטאַלט און ווען ער איז
שוין אַלט געווען זעכצן יאָר, איז ער געווען אַ נידעריקער, זיי־
נע האָר זיינען געווען געלע, זיין קאָפּ איז געזעסן ווי אַ גאָל־
דענער באַלעם אויף זיינע ברייטע אַקסלען, דאָס פּנים פול מיט
שטופּלען, און תמר איז געווען גלייך צו אַ פּאַלמע מיט איר
שיינקייט און חנעוודיקייט, און אַז זי איז אַלט געוואָרן זעכצן יאָר,
איז זי געווען אַ מיידל אַ בילדשיינקייט. די געשטאַלט אירע, דער
גאַנג און דאָס ריידן, אַלץ איז געווען זיס און ליב. און זי איז
געוואַקסן און געבליט, אַ זיסע און אַ באַחנטע, און איז געווען
אַ צירונג פאַר אירע עלטערן און אַ פרייד פאַרן אויג. מיט
איין וואָרט: עזריקם מיט תמרן האָבן זיך אונטערגעשיידט
מיט זייער געשטאַלט, מיט די הערצער און מיט זייערע מעשים,
און נאָר ידידיה האָט זיי באַהעפט, ווייל אַ בונד האָט ער גע־
שלאָסן צו יורמען, און ווי אַזוי זאָל ער אים פאַרשוועכן? דערפאַר
האָט ער זיך נישט צוגעהערט צו די האַרנקינדער, וואָס האָבן
אים געבעטן וועגן תמרן.
און דעם בריוו פון חננאל האָט תרצה געהיט אין איר קליי־
דער־צימער, און תמר האָט דעם בריוו געלייענט, ווען זי איז
אויסגעוואַקסן. האָט זי שטענדיק געטראַכט פון חננאלס חלום

וועגן איר, און פון פיל טראַכטן האָט איר כח הדמיון זיך געשטאַרקט און די געשטאַלט פון דעם שיינעם יינגל פלעגט זיך צו איר באַווייזן אין חלום. און אַזוי ווי זי האָט ליב געהאַט די געשטאַלט אין חלום, אַזוי האָט זי פיינט געהאַט עזריקמען וואַכעדיק. זי פלעגט ווערן אַ דערציטערטע, אַז זי האָט אים דערזען, און דער בריוו פון חננאל איז געווען ווי אַ פוילעכן אין עזריקעמס ביינער.

און איינמאָל, אין אַ טאָג, און עזריקעם האָט פאַררופן זמרין צו זיך אַהיים און צו אים געזאָגט:

—זע, ווי דו האָסט אָפּגעניגט פון מיר תמרס האַרץ דורך דעם בריוו, וואָס דו האָסט געבראַכט פון חננאלן. זי קען מיך נישט פאַרליידן און זי רעדט און טראַכט נאָר פון חננאלס חלום, און פון דעם יינגל, וואָס איז קיינמאָל אויף דער וועלט נישט געווען. און איצט, זמרי, דאָט האָסטו דאָך נישט אומישנע אָפּגעניגט פון מיר איר האַרץ, דעריבער זע צו טאָן מיט קלוגשאַפט און מיט שכל צוריקצוקערן צו מיר תמרס האַרץ, און איך וועל דיך פאַרגיטיקן, ווי דו וועסט פון מיר פאַרלאַנגען.

האָט זמרי צו אים געזאָגט:

—איך ווייס, אַז תמר איז דיר טייערער פון אַלע פאַרמעגנס און אַז איר האַרץ איז ווייט פון דיר און מיט קיין שום פאַרמעגן וועסטו עס נישט קויפן. פונדעסטוועגן איז גאָר נישטאָ קיין שווערע זאַך פאַר שווינדל און באַטרוג. נאָר באַטרוג טוט גאָרנישט אָן געלט, און אויב דו וועסט עפענען דיין האַנט, בין איך גרייט און וויליג צו טאָן דאָס, וואָס דו ווילסט. ס'איז מיר אויך איינגעפאַלן אַן עצה, וואַרט אויף מיר דריי טעג, איך וועל זיך דערווייל באַטראַכטן.

און ס'איז געווען אויפן דריטן טאָג און עזריקם האָט געפרעגט זמרין: וואָס איז זיין עצה? האָט זמר אים דערויף געענטפערט: „דאָס ערשטע, וואָס איך ראַט דיר, איז גלויבן, זאָלסט גלויבן מיינע ווערטער, ווייל איך האָב שוין אַן עצה צו פאַרשטערן פון תמרס האַרץ דעם גאַנצן חלום, וואָס האָט דיך באַטריגט. און דערנאָך וועל איך שוין זוכן תחבולות אומצוקערן איר האַרץ

צו דיר. און דו גיב מיר דרייהונדערט זילבערנע שקלים, ווייל איך דאַרף זיי געבן אַ מענטשן, וואָס זאָל אויספירן דאָס, וואָס איך האָב פאַרטראַכט. אָט דאָס איז גאָר, וואָס איך האָב דיר גלויב אין מיר, אַז איך וועל, טאָן וואָס מען דאַרף און איך צו זאָגן: וועל די זאַך בייקומען.

האָט עזריקם געזאָגט

—דו ווייסט דאָך, אַז געלט איז ביי מיר זייער טייער, נאָר תמר איז ביי מיר נאָך טייערער, און צען מאָל אַזויפיל געלט וועסטו ביי מיר באַקומען, אויב דו וועסט דאָס אויספירן.

און זמרי האָט זיך אָפגעזוכט אַ מענטשן, וואָס וואוינט אין אַ ווייטער שטאָט ביי דער גרענעץ פון יהודה און האָט אים געגעבן דעם זיגלרונג, וואָס חננאל האָט אים געגעבן פאַר אַ צייכן, האָט אים געשיינקט געלט, האָט אים אויסגעלערנט וואָס צו זאָגן און אים באַפוילן די רייד צו זאָגן צו ידידיהן.

און דער מענטש איז געקומען צו ידידיהן און האָט אים אַזוי דערציילט:

—פון אַשור קערט זיך אום מיין קנעכט, און איך האָב דאָרט געזען דיין שוועס חננאל, ליגנדיק אויפן קראַנקן בעט. האָט ער מיך צוגערופן און ער האָט צו מיר געזאָגט: „דו ביזט דאָך פון לאַנד יהודה, נאַ־זשע דיר מיין זיגלרונג, און אויב גאָט וועט דיך אומקערן אַהיים, זאָלסטו דעם רונג איבערגעבן צו מיין איידעם ידידיה, און זאָלסט אים זאָגן, אַז מיין אוצר איז באַהאַלטן—נאָר שווער מיר פריער, אַז זאָלסט מיינע רייד נישט אַנטפּלעקן צו קיין אַנדערן". נאָך איידער חננאל האָט אויסגעלאָזט זיינע רייד—איז ער פאַרשטומט געוואָרן פון טויט־יסורים, וואָס האָבן אים אַרומגעכאַפּט, איז געלעגן אויף זיין געלעגער, ווי אַ שטיק האָלץ, אַ גאַנצן טאָג און איז געשטאָרבן. און איצט, אַז גאָט האָט מיך צוריקגעקערט אַהיים, האָב איך דיר געבראַכט זיין זיגלרונג.

און ס'איז געווען, אַז ידידיה האָט געהערט דידאָזיקע רייד, האָט

ער שטאַרק געוויינט, און האָט נאָכדעם דעם מענטשן געבראַכט פאַר זיין ווייב תרצה. ער האָט איר מיטגעטיילט די ווערטער פון דעם מענטשן און האָט געזאָגט:

—ווי צו דער האָפנונג, וואָס איז צו נישט געוואָרן!

אָבער תרצה האָט נישט געגלויבט איר מאַן, ווייל זי האָט זיך געטראַכט: טאָמער נאַרט ער דאָס אָפּ, כדי צו פאַרווישן דעם זכר פון חלום פון תמרס האַרץ? האָט איר ידידיה געשוואוירן, אַז ער נאַרט גאָרנישט, האָט זי אים געגלויבט און ביטער געוויינט אויף איר פאָטערס טויט.

אויך תמר האָט געטרויערט נאָך חננאלן און האָט פונדעסטוועגן נישט אויפגעהערט פיינט צו האָבן עזריקמען, און אַז דער פאָטער האָט איר דערויף געשטראָפט, האָט זי אים געענטפערט אַזוי צו זאָגן:

—לאָז זיך עזריקם אַליין אַלטן און זיצן אין־דערהיים, וועל איך אים אויך אַלטן, אָבער ווי נאָר ער טוט קומען מיך צו זען, קומט מיט אים די שאַנד, ווייל מיר איז מיאוס זיין געשטאַלט און דיינע מעשים, און וואָס קען איך טאָן?

און תרצה האָט געזאָגט צו ידידיהן:

—לאָז צורו אונזער טאָכטער, ביז זי וועט אַלט ווערן אַכצן אָדער צוואַנציק יאָר. ווארום זי וועט נישט פאַרשפּעטיקן צו ליידן יסורים פון עזריקמען.

און עזריקם האָט געזען, אַז ער איז ביי זמרין אין האַנט, האָט ער זיך געשראָקן, טאָמער וועט ער צוליב געלט דערציילן אין געהיים פאַר תמרן, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן, האָט ער זמרין געגעבן טריזנט זילבערנע שקלים, און פון דעם טאָג אָן איז זמרי געוואָרן זיין בעל־סוד, ווען ער האָט זיך פאַרטרויט.

ד.

און ס'איז געווען אַ טאָג, אין אָנהויב פרילינג, האָט תמר געבעטן איר פאָטער, ער זאָל זי דערלויבן אַרויסצוגיין פון דער רוישיקער שטאָט, ווי דאָס טוען די צאַרטע טעכטער פון ציון, צו פאַרברייינגען אין איינעם פון די דערפער. און דער פאָטער, וואָס האָט איר נישט אָפּגעזאָגט אין אירע פאַרלאַנגען, האָט זי אַוועקגעשיקט צוזאַמען מיט איר דינסט מעכה צו אבישי קיין בית־לחם, דאָרט, וואו די פאַסטוכער האָבן געפיטערט יורמס סטאַדעס, און האָט זיי באַפוילן צוריקצוקערן אין דריי טעג אַרום, און זיין זון תימן האָט ער געשיקט צו סתרין קיין כרמל, ער זאָל דאָרט זוימען ביז די ווייַנטרויבן וועלן צייטיק ווערן, כדי צו ברייינגען די צייטיקע („בכורים"—וואָס מען פלעגט ברייינגען אין בית המקדש אַריין פאַר אַ מתנה צו גאָט) קיין ירושלים און מיט אים האָט ער מיטגעשיקט דריי קנעכט.

און בית־לחם, דאָס וויגל פון די מלכים פון יהודה, ליגט צו דרום־זייט פון ירושלים, איז שיין אויסגעבויט אויפן שפיץ פון אַ וואונדערשיינעם באַרג. אַרום זיינען ברונעמס און קוואַלן וואַ־

סער, וואָס זייִנען ריין, ווי קריסטאַל און זיס צום טרינקען. אויף דעם שיינעם באַרג וואַקסן שמעקנדיקע איילבירטביימער און זאַפטיקע וויינשטאָקן, וואָס שטייען פורפור־רויט מיט זייערע צייטיקע שטיינגלעך ווייִנטרויבן. די בערגלעך שייִנען פריילעך און די טאָלן זייִנען אויסגעצירט מיט בלומען און רויזן. דאָרט שפּרינגען אַרום די יונגע שעפּסעלעך און דאָרט פּיטערן זיך סטאַדעס רינדער. ס׳איז אַ לאַנד, וואו עס רינט מילך און האָניק. דאָרט האָט דער קעניג שלמה געגראָבן דריי סאַזשעווקעס אויף אָנצוזאַמלען אין זיי די וואַסערן פון דעם אָרט. אויך קאַנאַלן האָט ער געלאָזט מאַכן, כּדי צו ברייִנגען דידאָזיקע וואַסערן קיין ירושלים, די שטאָט פון זיין פרייד. די סאַזשעווקעס זייִנען ווי באַדעקט מיט זילבער און אַרום זיי שטייען ווערבעביימער, וואָס דערפרייען דאָס אויג און טייטלטייבער און טויבן קעכלען זיך אין ליבשאַפט צווישן די צווייגן.

אין דידאָזיקע ערטער האָט אמנון געפּיטערט די שעפּסן פון אבישי, וואָס איז אויף דעם געזעצט געוואָרן פון זיין פאָטער יורם, און ער האָט זיך געציילט צווישן די פּאַסטוכער־קינדער, און די פּאַסטוכער האָבן אים זייער ליב געהאַט פאַר זיין שיינקייט און פאַר זיינע געזאַנגען, וואָרום ער האָט געשפּילט אויף אַ האַרפע און געזונגען זיסע לידער, צו דערפרייען זייערע הערצער.

און דער פרילינג האָט צענויפגעזאַמלט קיין בית־לחם אַלע טייערע זין פון ציון און די שיינע צאַרטע טעכטער אירע. און אויך תּמר איז געקומען אַהין צו אבישי אין הויז, אַ שיינענדיקע מיט איר געשטאַלט און אָנגעטאָן אין וועב און אין פּורפור, איז זי אַרויסגעגאַנגען מיט איר דינסט מעכה און זיי זייִנען פאַרבייגעגאַנגען דאָס אָרט, וואו אמנון האָט געלאָזט הויערן זיין סטאַדע, און די פּאַסטוכער האָבן זי געזען און האָבן געגאַפט פון איר שיינקייט, און געזאָגט האָט איינער צום אַנדערן: „זע נאָר, אָט גייט דאָ די שענסטע צווישן ציונס טעכטער!“ און אמנון האָט צו זיי געזאָגט:

—העי, איר פּאַסטוכער, וואָס איר קוקט אויף דעם, וואָס איז

העכער פון אייך. לאָמיר בעסער אראָפּלאָזען אונזערע אויגען צו זען, ווי עס הויערן אונזערע סטאַדעס, און נישט אויפהויבן זיי צו קוקן אויף די טעכטער פון די גרויסע לייט!

פונדעסטוועגן האָט איר אמנון נאָכגעקוקט פון ווייטן, אין זיך איינגעקוקט אין איר.

די זון האָט בעגאָסן ליכט און ריינע וואַרעמקייט אויף די וואָ־נונגען פון די פּאַסטוכער, די טייכלעך און קוואַלען האָבן גע־ברומט מיט זייער שטראָמען, ווי בלעטער, וועלכע ווערן גע־טריבן פון אַ לינד ווינטל, וואָס בלאָזט צווישן די צווייגן, דאָס געזאַנג פון פייגל, דאָס פייפערייַ צווישן די סטאַדעס און דער בת-קול פון די בערג, וואָס האָט אָפּגעענטפערט — דאָס אַלץ האָט

דערוועקט דאָס געמיט פון די פּאַסטוכער, און דאָס געזאַנג פון די פייפלעך האָט זיך צעטראָגן איבער דער גאַנצער געגנט, און תמר מיט מעכהן האָבן צוריקגעקערט מיט דעם וועג, וואָס זיי זיינען אַהין געגאַנגען, און דערהערנדיק דאָס געזאַנג פון די פּאַסטוכער, האָט זיך אמנון אויך צעזונגען און אויפגעהויבן זיין זיסע ריינע שטים.

—דו הערסט, מעכה ?—האָט תמר געזאָגט צו איר דינסט, וואָס איז מיט איר געזעסן ביים טייך, אַ צוואַנציק איילן אָפּגערוקט פון פּאַסטוך אמנון.

און מעכה האָט געזאָגט:

—אמת טאַקע, פולע הויפנט לייטזעליקייט, פאַרגעניגן און פרייד האָט דאָ דער פרילינג פאַרשפּרייט אויף יעדן פוסטריט, אַזאַ פרייד, וואָס די שטאָטלייט, וועלכע זיצן אין זייערע געצעלטן, קענען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן. שטיי אויף, מיין האַרינטע, און לאָמיר אַרויפגיין אויפן בערגל, צו זען פון דאָרט דעם מחנות־טאַנץ. דאָרט זיינען פּאַסטוכער־מאַנסלייט און פּאַסטוכער־פרויען, וואָס פויקן אויף די פויקן און לאָזן זיך אַרויס אין פריילעכן טאַנץ, און עס שטייען די טעכטער פון די האַרן און קוקן צו.

—לאָז מיך אָפּ,—האָט תמר געענטפערט,—איך בין דאָ ווי צוגע־שמידט. וואָרום אַלע זיסע חלומות, וואָס איך זע שוין לאַנג

ביינאַכט אין שלאָף, זע איך איצט וואַכעדיקערהייט. אָך! מיינע אויגן האָבן דערזען דאָס יינגל, וואָס מיין פאָטער חננאל האָט געזען אין זיין חלום. זיין שיינקייט, זיין געשטאַלט, פּונקט דער אייגענער איז ער. גיב נאָר אַקוק אויף דעם יינגל, דעם פּאַסטוך, וואָס האָט איצט געזונגען זיין ליד, זע זיינע לאָקען, וואָס זיינען שוואַרץ ווי קראָ, זיין שלאַנקער וואוקס, וואָס שיינט ווי זעפּירשטיין. ער איז דאָך ריינער פון מילך און לויטערער פון שניי! ווי פריש זיינען זיינע באַקען און ווי זיס איז זיין קול און די ווערטער פון זיינע לעפצן. ער האַלט אויך אַ בויגן אין האַנט. ווען ער וואָלט אָנגעטאָן אַ פּאַנצערהיטל אויף זיין קאָפּ, וואָלט ער דאָך אויסגעזען, ווי אַ העלד, וואָס שיינט אין קריג.

און מעכה האָט געקוקט אויף אמנונען און האָט אין האַרצן געגלוסט זיין שיינקייט און האָט געזאָגט צו תמרן:

— פאַרלאָז זיך נישט, מיין האַרינטע, אויף חלומות, ווייל זיי קענען דיך פאַראירן, און וועסט זיך לאָזן פאַרפירן פון דעם וואָס דיינע אויגן וועלען זען. חננאל איז דאָך געשטאָרבן און זיין גאַנצע זעאונג, וואָס ער האָט געזען אין חלום, איז דאָך נאַרישקייט, און וועגן דעם בויגן, וואָס ער האַלט אין האַנט, וועל איך דיר זאָגן דעם באַשייד דערפון. צי דען אומזיסט, מיינסטו, קומען די פאַסטוכער מיט פייל און בויגן צו זייער פאַשע־אָרט? אין דער צייט פון פרילינג, ווען דער ירדן גייט אַרויס פון זיינע ברעגן, ווען דער לייב גייט אַרויס פון געדיכטן וועלדל, און לעמפּערטן און יונגע לייבן און אַלע פאַרצוקערישע חיות פאַרלאָזן זייערע נאָרעס, ווען דאָס שטראָמען פון פלייציקן וואַסער דערגרייכט צו זיי, — צו דער צייט מאַכן די ווילדע חיות אָנפאַלן און פאַרצוקונגען, זיי פאַרדאַרבן און צושטערן אַלץ, פאַרצוקן לייט און פי, וועלכע דערוייטערן זיך פון דאָרט, וואו עס זיינען פאַראַן אַ סך מענטשן. דערפאַר טוען די פאַסטוכער זיך באַוואָפענען ווי די העלדן. דעריבער, מיין האַרינטע, לאָמיר אַוועקגיין פון דאַנען און קומען צווישן די, וואָס האָבן זיך דאָרט אויפן בערגל פאַרזאַמלט.

און תמר האָט נישט פאַרנומען צו די רייד פון מעכה, און האָט געגעבט צו אמנונען און געזאָגט צו אים:

—גיב מיר, יינגל, דאָס בינטל רויזן, דאָס אין דיין האַנט, אויב דיין האַרץ איז אַזוי גוט, ווי דיין געזיכט איז שיין.

און אמנונס געזיכט איז בלאַס געוואָרן, און תמר האָט צו אים גערעדט, און ער האָט צו איר געזאָגט:

—נאַ דיר עס, מיין האַרינטע, אויב דו וועסט זיך דערנידעריקן דאָס אָנצונעמען פאַר אַ געשאַנק פון דיין קנעכט.

און מעכה, איר דינסט, האָט זי אָנגענומען פאַר דער האַנט און אויסגערופן:

—לאָז אָפּ, מיין האַרינטע! קום, לאָמיר גיין, וואָרום אַ מענטש קומט אָן, און עס פּאַסט נישט פאַר דיר, דו זאָלסטריידן נאַרישקייטן.

אַזוי ווי זי רעדט אַזוי—און עוץ, דער קנעכט פון אבישי, קומט אָן; איז תמר אַוועקגעגאַנגען מיט מעכהן, און עוץ האָט געפרעגט עמנונען:

—וואָס האָט מיט דיר גערעדט די טאָכטער פון ידידיה?

האָט אמנון געזאָגט:

—צי דען טאַקע איז זי די טאָכטער פון ידידיה; איך האָב דאָס נישט געוואוסט! אָך, זיסקייט טוט טריפן פון אירע לעפצן, ווי די ליכטיקע טראָפּנס טוי, וואָס טריפן אַראָפּ פון די רויזן אין פרימאָרגן. מיין צאָרן איז אויף דיר, עוץ! ווייל מיט דיין קומען האָסטו געשטערט איר ריידן צו מיר.

האָט עוץ צו אים געזאָגט:

—זע נאָר, ווי דיינע אויגן האָבן זיך דערהויבן, אמנון! אָבער ס'איז אמת, תמר איז זיס מיט איר שיינקייט און מיט איר געשטאַלט, מיט איר זאַפטיקייט און רעכטפאַרטיקייט. עס האַלטן זיך זייער גרויס די טעכטער פון ציון, וואָס ווילן זיך נישט צורירן צום אָרעמען, דעריבער טוט דער אָרעמאַן זיך אָפּקערן פאַרשעמט. נישט אַזוי איז אָבער תמר, וואָרום איר האַנט, וואָס איז באַדעקט מיט כאַפּירן, טוט זי אויסשטרעקן צום אָרעמאַן, אים צו העלפן און מיט דעם זכות פון אירע לעפצן טוט זי

שטאַרקן די געפּאַלענע. היינט, ווען דער מאָרגנשטערן איז אויפגעגאַנגען, האָב איך זי געזען זיך פּעדערן אין די וויינגערטנער אַריין, און זי איז געווען אין מיינע אויגן ווי אַ פּריילעכע רויז, וואָס וואַשט זיך אין טוי פון הימל.

האָט אמנון געזאָגט:

—און אין מיינע אויגן איז זי געווען אַזוי שיין, ווי ירושלים און געשיינט ווי דער מאָרגנשטערן, אַ מיידל, אַ צאַרטע, מיט גרויס חן: זאַנפטיקייט און שיינקייט האָבן זיך באַגעגנט, און חן מיט גענאָד זיינען באַהעפט אין איר. אָבער איינס וועל איך דיר זאָגן, עוץ: ווען דאָסדאָזיקע מיידל וואָלט זיך דערהויבן און זיך באַזעצט צווישן די שטערן, וואָלט זי צווישן זיי געשיינט, ווי דער מאָרגנשטערן, לאָזט זי זיך אַראָפּ אויף דער ערד—און רויזן ווערן בלייך קעגן איר.

האָט עוץ געזאָגט:

—גענוג דיר, אמנון, צו ריידן פון אַזעלכע גרויסע זאַכן! צי האָסטו פאַרגעסן, אַז דו ביזט אַ פּאַסטוך? דעריבער גיב אַכטונג אויף די סטאַדעס און פּאַשע דיינע שעפּסן און יאָג זיך נישט נאָך דעם, וואָס דו וועסט נישט דערגרייכן.

און אוועקגייענדיק פון אמנונען, האָט תמר זיך אָנגערופן צו איר דינסט מעכה אַזוי צו זאָגן:

—ווער וואָלט געגעבן און איך וואָלט געזעסן מיין גאַנץ לעבן אין די וואוינונגען פון דידאָזיקע פּאַסטוכער, ווייל דאָס קרענצל בלומען, וואָס דאַרף זיין אַ שיינע קרוין אויף די קעפּ פון פּאַסטוכער און פּאַסטושקעס, איז מיר טייערער פון די קאָפּ־און האַלדז־צירונגען, מיט וועלכע עס פּוצן זיך אויס די טעכטער פון ציון, און דער קלאַנג פון פּאַסטוכס פייפל אויף די פעלדער איז פאַר מיין אויער זיסער פון פידל און גיטאַרעס, וואָס שפּילן אויף די בעלער אין ירושלים.

האָט זיך מעכה צעלאַכט און געזאָגט:

ווייל דער יונגלינג, דער פּאַסטוך, האָט צוגעגעבן חן די וואוינונגען פון די פּאַסטוכער, דערפאַר זעסטו חלומות אויף דער וואָר, איך אָבער וואָרן דיך, מיין האַרינטע, אַז דיינע חלומות

וועלן זיך פאַרפירן, וואָרום ווען חנבאל וואָלט נאָך געלעבט, ווער [illegible] עס נעמען אַ פּאַסטוך און אים דערהויבן צו יר?

האָט תמר צו איר געזאָגט:

—אמת טאַקע, אַז ער איז אַ פּאַסטוך, נאָר אַ רעכטספאַרטיק געמיט איז אין אים אויסגעוואַקסן, און די פּאַסטוך־קליידער קענען נישט פאַרדעקן זיין דערהויבנקייט; ווי זיס זיינען זיינע לידער, ווי שיין איז זיין ריידן, און ווי גלוסטיק איז זיין געשטאַלט? ווען איך וואָלט אים געבראַכט צו מיין מוטער אין הויז און וואָלט אים געוויזן פאַר איר, וואָלט זי אויך גערעדט דאָס אייגענע ווי איך. זיינע סימנים וואָלטן דערקענט געוואָרן, וואָרום דאָס יינגל, וואָס חנבאל האָט געזען אין חלום, האָט די אייגענע געשטאַלט, וואָס דער. און אַזוי ריידנדיק זיינען זיי אָנגעקומען צו אבישיס הויז.

און ס'איז געווען פאַרנאַכט און אמנון האָט צענויפגעזאַמלט זיין סטאַדע און איז אַוועקגעגאַנגען אין הויז פון די פּאַסטוכער אײבערצונעכטיקן, און תמר איז אויך אַריין אין איר צימער שלאָפן, אָבער איר שלאָף איז פאַרוואָגלט געוואָרן און זי האָט געשמאַכט צום ליכט פון מאָרגנשטערן, ווייל זי האָט געטראַכט אַליין צו גיין צו יענעם אָרט, וואו זי האָט דאָרט נעכטן געטראָפן דאָס יינגל, און ריידן מיט אים.

אין דער[illegible]קער נאַכט האָבן זיך די יונגע לייבן אַריינגעבראָכן אין די סטאַדעס שעפסן און אַ סך שעפסן פאַרצוקט. און די פּאַסטוכער זיינען אויפגעשטאַנען און געזען, אַז עס פעלט פון זייערע סטאַדעס, האָבן זיי זיך אָנגעגנזירט מיט זייערע שפּיזן און מיטגענומען זייערע בויגנס, און געלאָקערט אויף זיי אין די טאָלן און וועלדלעך, און תמר, וואָס האָט גאָרנישט געוואוסט פון די דאָזיקע שרעקן, איז אויפגעשטאַנען צוגלייך מיטן מאָרגנשטערן און איז אַליין אַוועק צו יענעם אָרט, וואו זי האָט שוין דאָרט איינמאָל גערעדט מיטן יינגל, דעם פּאַסטוך. און מיט אַמאָל דערהערט זיך פון וויטן דאָס קול פון די פּאַסטוכער, וואָס שרייען שטאַרק, לויפנדיק נאָך אַ לייב, אַ פאַרדאָר־

בער, וואָס האָט געוואָרגן שעפּסן און רינדער פון זייערע סטאַ־
דעס און וואָס איז פאַרשוואונדן געוואָרן, און זיי האָבן נישט
געוואוסט, וואו ער האָט זיך באַהאַלטן. און תּמר האָט נישט
געוואוסט דעם באַשייד פון דעם שרייען און האָט זיך אויף
דעם נישט וויסנדיק געמאַכט. איז זיך געגאַנגען און האָט זי
געקליבן בלומען און האָט זיך געמאַכט זייע־ אַ שיין בלומענ־
קרענצל, ביז זי איז געקומען צו דעם וואַרטייכל, וואו אמנון
האָט נעכטן געפּיטערט זיינע שעפּסן און איר האַרץ האָט אָנגעה־
הויבן צו ציטערן פון פרייד, ווארום זי האָט דערזען אמנונען,
וואָס האָט אָנגעטרונקען די שעפּסן אויף יענער זייט טייכל.

און תּמר האָט געעפנט אירע לעפצן מיט חן און האָט געזאָגט:

—אָט בין איך געקומען, טייערער, צו באַצאָלן דיר מיין חוב.
און, אַזוי ריידנדיק, האָט זי אים געוויזן איר בלומענקרענצל.

האָט דאָס יינגל צו איר געזאָגט:
—זע אָבער, מיין האַרינטע, אַ שטראָם וואַסער גייט דורך
צווישן מיר און דיר און מיין האַנט וועט עס נישט דערגרייכן.

האָט תּמר צו אים געזאָגט:
—אויב דיין האַנט איז דיר קורץ צו דערגרייכן, איז מיין האַנט
גענוג לאַנג. און זי האָט אַריבערגעוואָרפן דאָס בלומענקרענצל
אויף יענער זייט טייכל, וואו אמנון איז געשטאַנען.
און אמנון האָט אויסגערופן מיט אַ ציטערדיק קול:
—וויי, מיין האַרינטע!
האָט תּמר אויפגעהויבן אירע אויגן, און איר איז באַפאַלן אַ
פּלוצלונגער פּחד אין אַ טויטשרעק: ווארום פון דער טיפעניש
פון געדיכטן וועלדל איז אַרויס אַ שרעקלעכער לייב. מוראדיק
און שרעקלעך איז זיין געשטאַלט, זיינע האָר שטייען ווי טשוועס
קעס אויף זיין רוקן, זיין ווידל איז אויסגעצויגן און גלייך ווי
אַ בוים, זיינע אויגן שיטן מיט פונקען פייער, זיין פּיסק איז

אָפן ווי אַ קבר און זיין צונג איז ווי אַ פייערדיקע רויטע צונג, פאַרטריקנט און דורשטיק צום בלוט פון פאַרצוקטע. און ער שפרינגט רואיק און זיכער, אַ שפרונג און אַ לויף און צילט זיינע שטאַרקע טריט צו דער סטאַדע, וואָס ער האָט געזען אויף יענער זייט טייכל, טרעט צוריק און גורט זיך אָן מיט שטאַרקייט צו געבן איין שפרונג גלייך אין דער סטאַדע אַריין, צו וועלכער ער האָט געשאַרפט זיינע אויגן.

און אמנון גרייט צו זיין בויגן שנעל ווי אַ בליץ און דונער. נאָך איין ווײַלע—און דער לייב האָט אַרויסגעלאָזט אַ מוראדיק געשריי און איז פאַרשטומט געוואָרן, וואָרום אמנונס פייל האָט דורכגעריסן זיינע נירן און ער איז געפאַלן אַ טויטער, אָפּגערוקט אַ צען איילן פון תמרן, וואָס האָט געחלשט און אויסגעגאַנגען פון טויטשרעק.

נאָר דאָס האַרץ פון אמנון, וואָס האָט זיך געשטאַרקט, זעענדיק דעם לייב, איז איצט צעגאַנגען געוואָרן זעענדיק, ווי דאָס שיינע מיידל חלשט, האָט ער פאַרלאָזט זיין סטאַדע, איז אַדורכגעגאַנגען דעם טייך ביזן האַלז אין וואַסער און אָט שטייט ער ווי פאַרשטומט פאַר תמרן. האָט ער צו איר אַ געשריי געטאָן מיט זיין שטאַרקער שטים און זיינע טרערן האָבן געטריפט ווי קוואַל־וואַסער אויף אירע באַקן, און האָט זי געוועקט און געוועקט, ביז תמר איז צו זיך געקומען, און אירע אויגן זיינען אָפן און זעען דעם געפאַלענעם טויטן לייב און אירע אויערן פאַרנעמען די רייד פון יינגל, וואָס רעדט און באַרואיקט זי אַזוי צו זאָגן:

—באַרואיק דיך, טאָכטער פון נדיב, זאָלסט נישט ציטערן, דאָס אומגליק איז פאַרביי, די טויטשרעק איז שוין דורך. וואָרום געשטאַרקט האָט גאָט די האַנט פון דיין קנעכט און מיין פייל האָט דורכגעלעכערט דעם פאַרצוקער און דיך אויסגעלייזט פון טויט; אָט וואַלגערט ער זיך אין זיין בלוט פאַר דיינע אויגן. קוק אויף אים און קום צו זיך.

תמרס האַרץ איז נאָכמער פאַרשטיינערט געוואָרן און איר געמיט דערשראָקן פון דעם פלוצלונגען פחד און פרייד, און אירע

אויגן, פול פון טרערן, זייגען נאָך געווענט אַמאָל צום הימל און אַמאָל צו איר האַרצנספרייננט, וואָס האָט איר פון טויט מציל געווען. איר האַרץ טראַכט פון אַ סך דאַנקווערטער, אָבער זי קען קיין איין וואָרט נישט אַרויסברייגגען. און אמנון האָט גע־האַלטן אין איין באַרואיקן זי, ביז זי איז איינגאַנצן צו זיך געקומען.

דערנאָך האָט תמר געעפנט איר מויל און געזאָגט:

—גרויסער גאָט, וואָס דו באַווייזט וואונדער! וואו איז דער מענטש, וואָס זאָל אין איין רגע זען דעם טויט און דאָס לעבן און זיין געמיט זאָל גאַנץ בלייבן אין אים? איך, אַ מיידל, אַ שוואַכע און אַ צאַרטע, האָב זיי געזען, ווי זיי האָבן זיך באַ־געגנט און ווי אַזוי האָב איך קרעפטן צו באַרואיקן מיין שטורמ־דיק געמיט? אָט איז דער לייב פאַר מיר, ווי שרעקלעך איז זיין אויסזען! פון זיינע ציין פאַלט אַן אימה און זיינע שנייד־ציין זייגען ווי שאַרפע שווערדן, ווי ער וואָלט געשאַרפט זיי־נע אויגן צו מיר און וויל צערייסן מיין האַרץ און צוגריזשען מיינע ביינער.

האָט זיך תמר שטאַרק אָנגעהאַלטן אין אמנונס רעכטער האַנט און געזאָגט:

—נאָר דיין רעכטע האַנט, דיין אָרעם, טייערער, האָט מיך מציל געווען פון זיין פאַרצוקונג. ווי אַ ברודער ביזטו מיר געבוירן געוואָרן אין דער צייט פון אומגליק, און ווי אַ מלאך פון גאָט האָסטו געאיילט מיר צו העלפן. דיין חסד צו מיר איז זייער גרויס און מען קען אים מיט גאָרנישט אָפּדאַנקען.

האָט אמנון געזאָגט:

—די הילף איז פון גאָט, און ער האָט מיר געגעבן כּוח צו טויטן די דאָזיקע ווילדע חיה. שטיי־זשע אויף און דאַנק צו גאָט, וואָס האָט דיך געהאָלפן.

האָט תמר אים געפרעגט, ווי ער הייסט. האָט דער פאַסטוך געענטפערט: „אמנון איז מיין נאָמען.” האָט תמר צו אים גע־זאָגט: „דערפאַר וועל איך דיך רופן ביים נאָמען אמנון; כ׳בעט דיך, אמנון, רעטער מיינער! באַוויליק און נעם פון מיר די

פֿו עכּבאַנדן, וואָס אויף מיין האַנט און זאָל דאָס דיר זיין אַ געשאַנק צום אָנדיינק, נישט אַלס לוין פאַר דעם, וואָס דו האָסט מיר געטאָן, ווייַל כּדי דו זאָלסט מיין נאָמען געדיינקען און מיך נישט פאַרגעסן; אָבער דיין שׂכר האָסטו ביי מיין פאָטער, וואָרום ער וועט אויסשטרעקן זיין רייכע האַנט און וועט דיך דערהויבן הויך, ווייל נישט פאַר אַזאַ טייער ייִנגל, ווי דו ביזט, איז צו זיצן צווישן רינדער און שעפּסן און זיך אויסמישן צווישן פּראָסטע מענטשן, אויף צו ווייזן די חיות פון וואַלד דיין שטאַרקע האַנט און צו לאָזן הערן פאַר די ביימער דיינע רייד, וואָס זיינען אַזוי שיין, וואָרום מיין פאָטער ידידיה איז אַ האַר פון יהודה, וואָס זיין עשירות איז גרויס. זיין האַנט האָט גענוג כּוח דיך צו דערהויבן מיט כּבוד צווישן די גרויסע לייט.

האָט אמ:ון צו איר געזאָגט:

—איך בעט דיך, נדיב־טאָכטער, פאַרלאַנג נישט פון מיר, איך זאָל פון דיר נעמען אַ געשאַנק צום אָנדיינק; געדיינק, כ'בעט דיך, אַז איך בין נאָר אַ פאַסטוך, און אויב איך וועל דיך געדיינקען, וועל איך פאַרגעסן די גאַנצע וועלט.

און ביי דידאָזיקע ווערטער זיינען אים טראָפּנס טרערן געפאַלן איבער זיינע באַקן.

האָט תּמר צו אים געזאָגט:

—דיינע טרערן, וואָס שיינען ווי פּערל אויף דיינע באַקן, זיינען פאַר מיר אַ צייכן און אַ באַווייז, אַז דו וועסט מיך נישט פאַרגעסן, ווי איך האָב דיך ביז היינט נישט פאַרגעסן.

—און ויאו, צאַרטע, האָסטו מיך געזען?—האָט איר אמנון געפרעגט שטאַרק פאַרוואונדערט:

—אין די חלומות!—האָט אים תּמר געענטפערט מיט אַ חנעוודיק געלעכטער.—נאָר גאָט האָט מיר געבראַכט דעמדאָזיקן טאָג און האָט דיך באַוויזן פאַר מיר אויפן וואָר.

האָט אמנון געזאָגט:

—פאַרגיב מיר, האַרינטע, איך פאַרשטיי נישט דיין רעטעניש.

האָט תּמר געלאַכט און געזאָגט:

—דעריבער, ווען דו וועסט אויפגיין קיין ירושלים צו פייערן דאָרט דעם יום־טוב, זאָלסט קומען צו מיין פאָטער אין הויז, ווייל דאָרט וועט פאַר דיר געעפנט ווערן אַ האָפנונג אויף צו שיינען צווישן די העלדן די קריגס־לייט, אָדער זיך געפינען מיט כבוד צווישן די נביאים־קינדער, די געלערנטע פון גאַס, וואָס זעטיקן זיך פונם גוטס, וואָס אין מיין פאָטערס הויז. דאָרט וועסטו פאַרשטיין מיין רעטעניש און איך וועל פאַרשטיין, וואָס דו וועסט מיר זאָגן. זע־זשע! איך באַשווער דיך ביי די הירשן און ביי די אינדן פון פעלד, אַז זאָלסט טאָן מיין פאַרלאַנג, וואָרום דאָס קען דיר נוצלעך זיין פאַר דיינע פאַרלאַנגען, און איצט פאַרברייננג דאָ אין פרייד און אין פרידן און געדיינק אָן תמרן, וואָס וועט אויף דיר וואַרטן און דיך אויסקוקן און וואָס וועט אמנונען אייביק נישט פאַרגעסן.

ווי זי רעדט אַזוי, איז מעכה, איר דינסט, געקומען זי זוכן, און יענע איז אַ דערציטערטע געוואָרן, דערזעענדיק ווי דער לייב ליגט, און תמר האָט איר דערציילט פון דער הילף, וואָס דער פאַסטוך האָט איר געהאָלפן.

האָט מעכה געזאָגט:

—דו אַליין ביזט דיר דאָך שולדיק אין דעם.

האָט איר תמר באַשוואוירן, זי זאָל איר נישט פאַרמסרן פאַר איר פאָטער, נייערט זי זאָל אים זאָגן, אַז דאָסדאָזיקע יינגל האָט איר אָפּגעראַטעוועט פון טויט. און מעכה, וואָס האָט געהאָפט צו געפינען דאָס, וואָס תמר האָט געזוכט... האָט זיך דערפרייט הערנדיק, אַז תמר וויל אים ברייגגען צו זיך אַהיים. זיינען זיי ביידע געגאַנגען זיך צוריקצוקערן צו אבישי אין הויז, און אמנון האָט אָפּגעשונדן די פעל פון לייב, צו מאַכן פון איר אַ זאָטל פאַר זיין מוילאייזל, און תמר האָט זיך אַלע ווײַלע אומגעקוקט הינטער זיך.

און איינמאָל, אין אַ טאָג, איז עוץ געקומען אויף דער פאַשע צו די שעפסן און האָט געטראָפן, ווי אמנון זיצט פאַרזונקען אין זיינע טראַכטונגען, ווי ער זיצט און קוקט אויף אַ ליליע, וואָס איז שטאַרק געשלאָגן פון דער ברענענדיקער זון.

—וואָס איז מיט דיר געשען, אמנון?—האָט עוץ אים געפרעגט.— שוין אַ סך טעג, ווי דו זעסט עפעס מאָדנע אויס, דיין פנים איז פאַרענדערט און דיין פירונג איז נישט פאַרשטענדלעך; אין די טונקעלע געדיכטענישן פון וואַלד גלוסטו צו זיצן, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע פייגעלע און ביי די וואַסערן טוסטו לעכצן, ווי אַן אינד; פון זינט די זון גייט אויף אויף די פעלדער ביז די זון פאַרגייט, שפרינגסטו פון באַרג אויף בערגל, פון בערגל אין טאָל, נישט צו וויסן, וואָס דו זוכסט; אָט לאָז איך די סטאַדע נעבן דיר, און די שעפסן צעשפרייטן זיך, זוכן גרינע גראָזן, בלאָנדזשען אַרום אין אַלע זייטן, און דו מאַכסט זיך נישטווייסנדיק, ווייל דיין האַרץ טוט טרוימען און דיין מויל טוט ריידן עפעס שיינע ווערטער. אַ רעטעניש ביזטו מיר געוואָרן.

—הער מיך אויס, עוץ,—האָט אמנון געענטפערט.—דו קענסט דאָך תמרן, וועגן וועלכער מיין האַרץ דערוועגט זיך נישט צו טראַכטן. איך האָב זי אָבער אָפּגעראַטעוועט פון לייב דעם פאַרצוקער, וועלכן אונזערע פאַסטוכער האָבן נאָכגעיאָגט (זיין נבלה ליגט אין וועלדל), און תמר האָט מיט ליבשאַפט מיך פאַרבעטן צו קומען וואוינען ביי איר פאָטער אין הויז; דעריבער בין איך צערודערט, דערמאָנענדיק זיך אָן דעם כבוד, צו וועלכן תמר וויל מיך ברייינגען.

האָט זיך עוץ שטאַרק פאַרוואונדערט, דערהערנדיק דידאָזיקע ווערטער און ער האָט געזאָגט:

—אַזאַ זאַך האָסטו געטאָן און פאַר קיינעם נישט דערציילט. ס'טוט מיר באַנג אויף דיר, אמנון! צי קענסטו פליען נאָך אַ בושל, וואָס פליט אין דער הויך? צי ווערסטו נאָכלויפן נאָך אַן אינד, וואָס לויפט געשיקט איבער די הויכע בערג? פאַרגעס אָן דעם און פאַרגעס די פיין און מאַטערניש.

האָט עס עוץ דערציילט פאַר אבישין, האָט אבישי זיך שטאַרק געוואונדערט און איז דערציטערט געוואָרן. האָט ער אמנונען אַוועקגעשיקט קיין בצרה, דאָרט צו קויפן שעפסן. און אַז ידידיה האָט געשיקט צו רופן אמנונען—האָט מען אים געענטפערט, אַז ער איז אין בצרה.

ה.

און דורכן באַפּעל פון זיין פּאָטער ידידיה איז תּימן געקו־
מען צו סתרין אין כּרמל. האָט זיך סתרי שטאַרק דער־
פרייט מיט אים.

און איינמאָל, אין אַ טאָג, האָבן זיי זיך געפּעדערט גאַנץ פרי,
צו גיין צוזאַמען אין די גערטנער; דער מאָרגנשטערן האָט פאַר־
גאָסן מיט זיין ליכטיקן גלאַנץ דעם שיינעם כּרמל און אין די
גערטנער האָט מען געטאָן זינגען און שאַלן. די טרויבנרייסער
און רויביירייסערקעס האָבן אויסגעבראָכן מיט אַ געזאַנג און גע־
זונגען צוזאַמען וויין־לידער און ליבע־לידער. און תּימן איז
געקומען מיט זיינע דריי קנעכט אין דעם בעסטן פון זיינע
וויינגערטנער און האָט צו זיי אַזוי געזאָגט:

—גיט אַכטונג אויף יעדער צווייג, וואָס איז אַרומגעבונדן מיט
אַ גראָז, ווייל דאָס איז אַ צייכן, אַז די צווייג איז הייליק. זאָלט
איר די טרויבן פון דער צווייג אַראָפּנעמען באַזונדער, וואָרום
זיי זיינען די ערשטע צייטיקע און געהערן צו די כּהנים. אָט

שטייט דאָרט אַ שיינער וויינשטאָק, וואָס לאָזט אַראָפּ זיינע יונ־
גע צווייגן אין טאָל אין אויפֿן בערגל דערגרייכן זיי אים צו
דער ערד און ער טוט אַנטפּלעקן אַ גרויסע געבענטשטע שפּע
פֿאַר די אויגן. זיינע ריטלעך זיינען איינגעבויגן אונטער דער
לאַסט פֿון די הענגלעך, וואָס זיינע טרויבן זיינען צייטיק און
פֿול מיט ווייַן. ווי זיס זיי זיינען, גלאַנצנדיק, ווי שמאַראַגדן
און לייכטנדיק מיט אַ בלוילעכער רויטקייט; אָט דאָרט ווידער
ווינקען אַרויס פֿון צווישן די פֿרישע בלעטער טייטלען און מיל־
גרוימען, וואָס זיינען פֿול מיט זאַפֿט; זיי קוקן צו מיר, ווי
זיי וואָלטן זיך געבעטן, איך זאָל זיי פֿירן פֿאַר אַ געשאַנק צום
הייליקן הויז; זיי טאַקע דאַרפֿן זיין „בכורים", זייער יונגער
ווייַן און זאַפֿט דאַרפֿן זיין צו די, וואָס זיצן פֿאַר גאָט. און
דאָרט שטייט דער איילבערט, פֿריש און פֿעט און פֿול מיט
ריינעם בוימאייל. זיין בוימאייל וועט זיס זיין צו ברענען פֿאַר
גאָט, וואָס שיקט זיין ברכה אויף אונזער ערד.
און תימן האָט זיך געווענדט צו די רייסער און געזאָגט:
—היט אייך, איר זאָלט נישט רייסן די נישט־צייטיקע! עסט
טרויבן וויפֿיל איר ווילט און איר זאָלט זיי אויך נישט פֿאַר־
מיידן פֿון די, וואָס האָבן אַ שווער געמיט און אַ פֿאַרביטערט
האַרץ, און זיי וועלן קומען אַהער צו פֿאַרגעסן זייערע פּיין
אוןליידן. איר זאָלט זיי נישט אַוועקטרייבן און נישט שרייען
אויף זיי, ווייל ווער ווייסט, וואָס דער מאָרגנדיקער טאָג וועט
ברייננגען? טאָמער וועלן אונזערע זין און טעכטער, הונגעריקע
און דורשטיקע, גיין זוכן אין די פֿרעמדע פֿעלדער און גערט־
נער שפּייז פֿאַר זיך? לאָזט־זשע איבער פֿאַר זיי די נישט־אינ־
גאַנצן צייטיקע תבואות, ווייל דאָס איז דער מס, וואָס מיר
גיבן אַוועק צו גאָט, וואָס שיקט אונז זיין ברכה.
און די רייסער און רייסערקעס טוען פֿלינק זייער אַרבעט, זייע־
רע מיילער הערן נישט אויף צו זינגען און זייערע לעפֿצן—צו
שאַלן; קליינע ייִנגלעך און מיידלעך ליידיקן אויס די קוישן,
וואָס זיינען פֿול מיט שטענגלעך, אין די קריגן אַריין, און די
מאַנסלייט, די טרעגער, טראָגן זיי אַוועק אין די קעלטערס; און

אָט ריידן צווישן זיך צוויי ערדאַרבעטער, און איינער זאָגט:
„די משקה איז רויט און לויטער, ווי די טוי פון הימל, ווען דער מזרח רויטלט זיך". און דער אַנדערער ענטפערט: „דאָס געטראַנק, וואָס ווערט געבראַכט אין גאָטס הויז, איז אינגאַנצן זיס פון דער ברכה פון דער זון. און די טרעטער ענטפערן אָפּ:

—הידד! הידד! דער ווייַן דערפרייט גאָט און לייט, פון אים גיסט מען אויפן מזבח, פון אים טרינקען אַלטע לייט און ווערן צוריק יונג, פאַרליבטע—קעכלען זיך אין ליבשאַפט.

ס'איז געקומען די מיטאָג־שעה. מיד זיינען די הענט פון די רייסער און רייסערקעס, און זיי האָבן זיך צעשפרייט איבער אַלע ווינקלען פון וויינגאָרטן, זיך צו שפּילן און זיך אָנצוענע־מען מיט פרישע כּוחות דורך די פריילעכע שפּילערייען. אָט קריכט אַ ייִנגל אַרויף אויף אַ פּאַלמע, זיינע הענט האַלטן זיך אָן די צווייגן, אָבער זיינע פיס ווערן געשטרויכלט און האָבן נישט קיין אָנשפּאַר, וואו זיך צו שטעלן, פאַלט ער אַראָפּ אויף דער ערד און אַלע לאַכן. דאָרט יאָגט זיך אַ מיידל נאָך אַ ייִנגל, וואָס האָט צו איר גערעדט חוזק־ווערטער. אין האַנט האַלט זי אַ הענגל, אים דערמיט צו באַשטראָפן; כאַפּט זי אים, צעקוועטשט דאָס הענגל אויף זיינע באַקן און זיין פּנים ווערט אויסגערויטלט, און די פּאַסטוכער שיסן אויס מיט אַ געלעכטער. אַזוי האָבן זיי געשטיפט און גערעשט ביז מיטאָג־עסן.

און תּימן שפּאַצירט אַהין און אַהער איבערן גאָרטן, און צווישן די ווייַנשטאָקן שטייט אַ מיידל און קלויבט אַראָפּגעפאַלענע טרויבן און קוקט זיך נישט אום צום טומל פון דעם יונגן עולם און צו זייערע פריילעכע אויסגעשרייען. און אויב זי האָט יאָ אַ ביסל געשמייכלט, איז דער שמייכל דורך איבער די רויזן־ליפּן, ווי אַ לינד ווינטל איבער דער ליליע פון שרון, און האָט צו־געגעבן נאָכמער שיינקייט איר זיס געשטאַלט. אָבער ווי נאָר דער שמייכל איז פאַרביי, קוקט צוריק אַרויס פון אירע טויבן־אויגן אַ טרויעריק געמיט, פול חן און צאַרטקייט, און תּימן שטייט און קוקט זיך איין אין איר און זיין האַרץ איז פאַר־

גאַפט, קוקנדיק אויף דער אומגעוויינלעכער שיינקייט, וואָס זיי־נע אויגן האָבן נאָך ביז אַהער קיינמאָל נישט געזען. און ער קען זיינע אויגן נישט אָפּרייסן פון איר און ער קען זיך פון אָרט נישט רירן.

און ער האָט אָפּגעזיפצט און געזאָגט צו זיך אַליין:

—אַזאַ טייערער אוצר וועט אַריינפאַלן צו איינעם פון די אָרע־מע, פון פאָלק, און מיר, מיר האָט גאָט באַשערט כבוד, רייכ־קייט און אַ טאָכטער פון אַ האַר פון יהודה; גיב דאָס אַלץ, גאָט, צו וועמען דו ווילסט; גיב כבוד די געוועלטיקער, רייכקייט—די גוטע מענטשן, די טאָכטער פון אַ האַר אין יהודה—צו די, וואָס האָבן זיך ליב צו פּוצן מיט צירונג, זייד און וועב; אָבער מיר גיב דאָסדאָזיקע מיידל, וואָס איך וועל זי נישט פאַרבייטן אויף די קעניגלעכע רייכע טעכטער. מיר גיב אַ שטיקעלע פעלד און אַ וויינגאָרטן אויף דיין גרויסער ברייטער ערד און אַ קליין גע־צעלט, וואו איך זאָל וואוינען מיט דערדאָזיקער איינציקער, און איך בין אַ גליקלעכער אויף דער וועלט.

און אַזוי ווי ער שטייט און רעדט צו זיך, נאָך איידער ער האָט געפרעגט דאָס מיידל, ווי זי הייסט און ווי עס הייסן אי־רע עלטערן, איז איינער פון זיינע קנעכט צוגעקומען צו אים און אים געבעטן אין נאָמען פון די רייסער און ערדאַרבעטער, ער זאָל קומען צו זיי, וואָרום די לייט וועלן זיך נישט זעצן עסן, איידער תימן וועט בענטשן דאָס ברויט און דעם וויין און איידער זיי וועלן בענטשן תימנען אין גאָטס נאָמען, וואָרום סתרי איז אין וויינגאָרטן נישט געווען.

איז תימן געגאַנגען צו זיי און האָט דערפילט זייער בקשה און נאָכדעם זיך צוריקגעקערט צום אָרט, וואו ער איז פריער גע־שטאַנען, אָבער דאָס מיידל איז שוין נישט געווען. האָט ער אויסגעזוכט דעם גאַנצן גאָרטן און האָט זי נישט געפונען. האָט ער זי געזוכט אויף דעם אַנדערן טאָג און נישט געפונען. איז תימן זייער טרויעריק געוואָרן, און אַזוי האָט ער פאַרבראַכט אויף דעם דריטן טאָג אין גרויס טרויער.

און ס'איז געווען אויפן פערטן טאָג, האָט תימן מיט זיינע צוויי

קנעכט זיך אַוועקגעלאָזט צו פאַנגען אַ געפאַנג אויפן שפּיץ פון באַרג כרמל, און אָט לויפט אַ שיינער הירש מיט אַן אויסגע־שטרעקטן האַלז, ווי ער וואָלט זיך געגרויסט מיט זיינע הויכע הערנער, וואָס באַקריינען זיין קאָפּ, ווי אַ קרוין, כדי אים צו מאַכן פאַרן מלך פון וואַלד. אָבער דער אָפּקלאַנג פון מענטשלעכע טריט האָט אים געמאַכט דערציטערן. און פייל פון בויגן איז ער אַנטלאָפן מיט קרומע געדרייטע שטעגעלעך, כדי אַנט־רונען צו ווערן; וויל ער אָבער אַראָפּפירן פון וועג זיינע נאָכיאָגער, לויפט ער און קוקט זיך אַלע ווייַלע אום; אָבער אָנשטאָט אַרויסצו־גיין אויפן פרייען פעלד, איז ער אַריין צווישן די געדיכטעביימער.

און תימן האָט באַפוילן צו זיינע קנעכט, זיי זאָלן גיין אין טאָל פון וואַלד כרמל, און ער איז זיך געגאַנגען פאַמעלעך און האָט פאַרבלאָנדזשעט. האָט ער אָנגעהויבן שטאַרק צו שרייען און צוריקצורופן זיינע קנעכט, אָבער קיינער ענטפערט נישט. איז ער ווייטער געגאַנגען און געבלאָנדזשעט, נישט וויסנדיק צו גיין אָדער רעכטס אָדער לינקס; און אָט האָט ער דערזען פון ווייטן, ווי עס שוועבן ווייסע קליידער, האָט ער זיך אַהין געלאָזט לויפן, גרינג ווי אַן אינד. און ס'איז געווען, אַז ער איז אַהין געקומען, האָט ער דערזען, ווי דאָס מיידל, וואָס ער האָט פריער געזען אין זיין ווייַנגאָרטן, קוקט צו אים אַרויס ווי דער מאָרגנשטערן פון צווישן די צווייגן אין וואַלד, און זי גייט אַרום איר געצעלט, וואָס איז אויסגעבויט אין אַ שפּאַלט פון אַ פעלז, אָבער אַז זי האָט אים דערזען, האָט זי צוריק־געטרעטן און דערציטערט געוואָרן.

—און תימן האָט זיך אָנגערופן צו איר:

—שרעק דיך נישט, מיין שיינע. איינס וועל איך דיך נאָר בעטן, נאָכדעם ווי גאָט האָט באַשערט, איך זאָל דיך באַגעגענען: גיב מיר צוריק דאָס, וואָס דו האָסט פון מיר צוגענומען.

—מיין האַר!—האָט אים דאָס מיידל געענטפערט מיט טרערן אויף אירע באַקן.—זאָלסט אויף מיר נישט אַרויפוואַרפן אַזאַ זינד, חלילה. דיין דינסט וועט נישט נעמען אַזוינס, וואָס איז נישט אירס?

וואָרום מיט פיר טאָג צוריק בין איך געקומען אין וויינגאָרטן פון מיין האַר, האָב איך דיינע הענגלעך נישט געגעסן און גאָרנישט גענומען, חוץ די נישט צייטיקע טרויבן. וואָרום די אַראָפּגעפאַלענע טרויבן און דאָס קלויבן זאַנגען נאָכן שניט—דערמיט נערן זיך דיין דינסט און איר מוטער.

—און ווער איז דיין מוטער?—האָט תימן ווייטער געפרעגט און צו וואָס פאַר אַ שבט קער דיין פאָטער?

—מיין מוטער איז אַ פּלשתית,—האָט דאָס מיידל געענטפערט,—און מיין פאָטער קען איך נישט. נאָר מיין מוטער ווייסט זיין אָפּשטאַמונג.

האָט זי תימן געפרעגט, וואו וואוינט איר מוטער, און דאָס מיידל האָט געענטפערט:

—מיין מוטער וואוינט אין דעם געצעלט, וואָס שטייט דאָ אין דעם שפּאַלט פון אַ פעלז. אָבער מיין מוטער איז אַוועקגעפאָרן און אויפן דריטן טאָג וועט זי צוריקקערן אַהער. אָבער זאָג מיר, מיין האַר, וואָס אַזוינס האָסטו געוואָלט פון מיר און למאי פאָדערסט פון מיר, איך זאָל דיר צוריקקערן דאָס, וואָס איך האָב נישט גענומען?

דערויף האָט תימן געזאָגט:

—אַ סך האָסטו ביי מיר צוגענומען, אַזויפיל, אַז קיין שום עשירות קען עס נישט באַצאָלן. קער מיר אום, געליבטע איינדין, קער מיר אום דעם שלאָף פון מיינע אויגן און די מנוחה צו מיין געמיט; ווייל די ביידע זיינען פון מיר פאַרוואָגלט געוואָרן, זינט איך האָב דיך געזען.

האָט דאָס מיידל געגאַפט, הערנדיק זיינע רייד, וואָרום זי האָט נישט פאַרשטאַנען זייער באַשייד, און זי האָט געזאָגט צו תימנען:

—און וואָס האָסטו אַזוינס געפונען אין דיין דינסט?

—די גאַנצע וועלט!—האָט תימן געענטפערט.

האָט ער אַראָפּגענומען זיין רונג פון דער האַנט און האָט אים איר געגעבן און האָט זיך אָנגערופן:

—זאָג מיר דיין נאָמען!

און דאָס מיידל האָט געזאָגט:
—שושנה רופן מיך די היגע לייט.
האָט תימן צו איר געזאָגט:
—ווי שיין דיין נאָמען פּאַסט דיר, און איצט ווייס, צאַרטע רויז, אַז אַזוי ווי דער סאַפּירשטיין, וואָס איז איינגעפּאַסט אין דעמ־דאָזיקן רונג, אַזוי איז דיין סאַפּירגעשטאַלט איינגעקריצט אין מיין האַרץ, און איינס פון דיביידע וועט מיט מיר געשען: אָדער איך וועל דיך דערהויבן צו זיצן מיט מיר אין פּאַלאַצן פון העלפאַנדביין אָדער איך וועל זיך אַראָפּלאָזן, צו זיצן מיט דיר אין דעמדאָזיקן געצעלט.
איז דאָס מיידל געשטאַנען און ווידער געגאַפט און זיך איינ־געקוקט אין תימנען און אַלץ נישט געוואוסט דעם באַשייד פון זיינע ווערטער, און נאָכדעם האָט זי זיך אָנגערופן צו אים:

—ווי גוט ביזטו, מיין האַר, און ווי גרויס איז דיין חסד. אָבער איך וואוין דאָ מיט מיין מוטער און ס'וועט דיר אייננ זיין צו וואוינען מיט אונז. און למאי זאָלסטו פאַרלאָזן די גלוסטיקע פּאַלאַצן און זיך באַזעצן אויף אַן אָרט, וואו קיין מענטש גע־פינט זיך נישט? זאָל אָבער מיין האַר אַהער קומען אויפן דריטן טאָג, וועט מיין מוטער טאָן דיין פאַרלאַנג. איך אַליין ווייס גאָרנישט.
—דו האָסט רעכט, מיין טייערע, איך וועל ריידן מיט דיין מו־טער. און אַצינד ווייז מיר דאָ דאָס אָרט און ווי אַזוי מען קומט אַרויס פון דאַנען.
האָט שושנה אים געוויזן אַ קליין שטעגל, דורך וואַנען מען קומט אַרויס צו סתרין. איז ער אַוועק צו קומען אַהיים, און ער האָט געוואַרט און אויסגעקוקט אויפן דריטן טאָג.
און סתרי האָט צוגעגרייט אויפן אַנדערן טאָג די צייטיקע פּירות, צו ברייננען זיי „בכורים”, און האָט צוגעאיילט תימנען, ער זאָל זיי ברייננען קיין ירושלים. האָט מען אַריינגעלייגט די בעסטע און שענסטע פון אַלע פּרוכטן אין זילבערנע און גאָל־דענע קערב, און מען האָט זיי אַרומגעהאַנגען מיט יונגע טיי־

בעלעך און טויבן, און די קערב האָט מען אָנגעלאָדן אויף יונ־גע מוילאייזלען און מען האָט זיך געפּעדערט, אויפגעשטאַנען באַלד אינדערפרי און מען האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

און אַן אָקס מיט גרויסע הערנער און גרויסע טלאָען גייט פאַר זיי, באַשיינט מיט די שטאָלצע הערנער, וואָס זיינען באַדעקט מיט גאָלד און מיט אַ קרוין פון איילבערטבלעטער, צו ווייזן, אַז ער, דער קעניג איבער די פעלד־פי, ברייגט פיל תבואות מיט זיין כוח און העלפט די מענטשן צו אַקערן די ערד און צע־גראָבן די טאָלן. און אַצינד, אַז ער האָט פאַרענדיקט זיין שווע־רע אַרבעט, וואָס ער האָט ביז איצט געטאָן, געזעגנט ער זיך מיט די בערגלעך און טאָלן, וואָרום ער גייט איצט אין היי־ליקן וועג קיין ירושלים. דאָרט וועט זיך ענדיקן זיין לעבן, און מיט זיין טויט וועט ער דערפרייען גאָט און זיינע מענטשן, ווייל ער גיט זיין חלב און בלוט פאַר אַ קרבן צו גאָט, און זיין פעט פלייש—פאַר די באַטעמטע מאכלים פון זיין באַלעבאָס.

אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג פון כרמל, האָט תימן געזאָגט צו זיינע קנעכט:

—גייט אייך ווייטער אייער וועג, גייט אייך געלאַסן און איך וועל זיך צוריקקערן צום כרמל, ווייל איך דאַרף נאָך עפּעס דאָרט. פאַרנאַכט וועל איך מיך צו אייך צוריקקערן.

און תימן האָט זיך געלאָזט רייטן אויף זיין מוילאייזל, ווי אויף אַ לייכטן וואָלקן, צו קומען צום געצעלט פון שושנה. און ס׳איז געווען, אַז ער איז אַהין געקומען—ערשט ווי! דאָס, וואָס ער האָט געזוכט, האָט ער נישט געפונען. אַן אַלטע פרוי האָט ער דאָרט געטראָפן און זי האָט אים אָפּגעגעבן דעם סאַפּירשטיין, וואָס איז געווען איינגעפאַסט אין זיין רונג, און זי האָט זיך אָנגערופן צו אים:

—אַזוי האָט דיר געלאָזט זאָגן די פרוי, די פלשתית, וואָס האָט דאָ געוואוינט, וועגן איר טאָכטער שושנה. ס׳איז אַרויסגעריסן געוואָרן דער סאַפּירשטיין פון רונג און מיט קיין שום כוח

וועט ער זיך צו אים נישט באַהעפטן.
האָט תּימן פאַרבראַכט די הענט און געפרעגט:
—וואו זיינען אַהינגעקומען די צוויי פרויען? זאָג עס מיר, און וואָס דו וועסט פון מיר פאַרלאַנגען, וועל איך דיר געבן.

האָט די אַלטע אים דערויף געענטפערט:
—איך ווייס אַזויפיל, ווי דו, וואו זיי זיינען אַהינגעקומען, נאָר דאָס, וואָס די פלשתּית האָט מיר געהייסן זאָגן, דאָס האָב איך דיר געזאָגט. אויך דאָס האָט זי מיר געזאָגט, אַז אַהער וועט זי שוין קיינמאָל נישט צוריקקומען.
און תּימן האָט זיך צוריקגעקערט צו זיינע קנעכט, אַ דערשלאָגענער, און זיין געמיט איז זייער טרויעריק געווען, וואָרום ער האָט דעם באַשייד דערפון נישט פאַרשטאַנען, און ער האָט נאָכגעיאָגט זיינע קנעכט און האָט זיי דערגרייכט און צוזאַמען מיט זיי געפאָרן און געקומען קיין ירושלים.
און ידידיה האָט געבראַכט די בכּורים אין בית־המקדש, ווי מען פלעגט זיך אַלע מאָל נוהג זיין, און תּימן איז געווען טרויעריק און מיט אַ שווער געמיט, און ער האָט נישט געזאָגט זיינע עלטערן, פאַרוואָס ער איז אַזוי טרויעריק.

ו.

און ס׳איז געווען פערצן טעג אין חודש תשרי, איז תמר געזעסן ביים פענסטער פון איר צימער, וואָס איז אַרויס אויף דער מזרח־גאַס און זי האָט געטיילט געלט־נדבות אויף יום־טוב צו פרעמדע, אָרעמע, יתומים און אלמנות; זי האָט זיי אויך געשיקט צו די שייערן פון איר פאָטער און צו זיינע קעלטערס, וואו תימן און זמרי האָבן געטיילט קאָרן, וויין און בוימאייל; און תרצה איז אַריינגעקומען אין צימער און נאָך איר איינער פון אירע הויזבאַדינער, וואָס האָט אַריינגעטראָגן פינפערליי קליידער און פייערלעכע מלבושים, וואָס זי האָט גע־הייסן צוגרייטן פאַרן פאַסטוך אמנון, וואָס האָט איר טאָכטער תמר געראַטעוועט דאָס לעבן. און זי האָט געזאָגט צו תמרן:

—דו האָסט דאָך מיר געזאָגט, טאָכטער מיינע, אַז דער וואוקס פון דעם ייִנגל פון בית־לחם איז ווי דער וואוקס פון דעם יונג, און דער יונג האָט אָנגעמאָסטן די קליידער און זיי זיינען גוט

אויף אים. נעם זשע דידאָזיקע קליידער און באַהאַלט זיי אין דיין צימער, ביז עס וועט קומען דאָס יינגל און ער וועט זיי אָנטאָן.

און צום יונג האָט תרצה געזאָגט:

—און די דרייסיק נייע אויבערשטע העמדער טראָג אַוועק צו די נביאים־קינדער און זאָלסט זיי זאָגן, אַז מאָרגן בייטאָג וועלן זיי עסן דאָס מאָלצייט מיט אונז.

איז תרצה אַרויסגעגאַנגען און תמר האָט גענומען די פינפער־ליי קליידער, וואָס זיינען געווען פאַר אמנונען, איר האַרצ־אויסדערוויילטן, האָט זיי אַריינגעטראָגן אין איר קליידערצימער און האָט צוריקגעקערט צום טיילן צדקה. איז זי אַזוי געזעסן און געטיילט און מיט גוטע רייד צו אַלעמען גערעדט ביז מיטאָג.

אָבער אָט איז עזריקם אַריינגעקומען אין איר צימער און האָט זיך אָנגערופן צו איר:

—די אַרבעט פון טיילן צדקה פאַסט גאָרנישט פאַר צאַרטע איי־דעלע הענט. צי איז דיר וויניק, וואָס דו גיסט די אָרעמע־לייט מתנות, דאַרפסטו נאָך שמועסן מיט יעדן נידעריקן און געמיינעם מענטשן?

—זאָג מיר אָבער, עזריקם,—האָט תמר געענטפערט.—און ווער האָט דאָס רעכט מבזה צו זיין דידאָזיקע אָרעמע מענטשן? פאַר־וואָס ביזטו זיי מבזה? האָבן זיי דען געטאָן אַן אומרעכט, גע־רויבט און געגזלט? און ווער ווייסט, אפשר דערפאַר, וואָס זיי זיינען ערלעך, זיינען זיי אָרעם און געפעלט.

—די פוילקייט איז זיי זיס,—האָט עזריקם געענטפערט.—פוילע זיינען זיי! דעריבער זיינען זיי אָרעם. אָבער דער מענטש, וואָס וויל נישט אַרבעטן, דעם דאַרף זיך נישט גלוסטן צו עסן; איך האָב אָבער אַנדערש געטאָן: איך האָב באַפוילן צו עכן, דעם שפייזער פון מיין הויז, ער זאָל זיי געבן אַלץ, וואָס זיי דאַרפן, אָבער ער זאָל זיי שטריינג באַשטראָפן פאַר זייער פויל־קייט, און ס'האָט געהאָלפן. דערמיט האָב איך זיי געשטאַרקט

צו אַרבעטן און אַ סך פון זיי האָבן אויפגעהערט אָפּצעקלאַפּן מיינע טירן.

—אמת,—האָט תּמר געענטפערט.—די אָרעמעלייט האָבן אויפגע־הערט אָפּצעקלאַפּן דיינע טירן, ווייל דיין הויז איז פאַר זיי אַ הייל פון אַ גיפטיקער שלאַנג. ווען דידאָזיקע אומגליקלעכע וואָלטן אָבער געקענט ריידן צו דיר, וואָלטן זיי דיר געזאָגט אַזוי: זאָג אונז נאָר, עזריקם, מיט וואָס זיינען מיר אַנדערש פון דיר? דו זאָגסט, אַז מיר זיינען פּוילע לייט, זאָג אונז אָבער, דו גרויסער אַרבעטמענטש, וואָס איז דיין אַרבעט און דיין תּכלית ביים פאַרמעגן, מיט וועלכן גאָט האָט דיר געלייט־זעליקט? צי דען מער פון דעם, ווי זיך צו צערטלען און צו קעכלען מיט פאַרגעניגן ביים רייכן ברייטן טיש, צו לייגן מיט דער האַנט אין מויל אַריין און צו עסן? דאָס איז דאָך דיין גאַנצע אַרבעט? ווארף אויף אונז אויך אַרויף אַזאַ אַרבעט און מיר וועלן אויך נישט אַרומגיין הונגעריק, ווי מיר גייען אַרום.

האָט עזריקם צו איר געזאָגט:

—זיי נאָר נישט, תּמר, קיין גוטע בעטערין פאַר דידאָזיקע ני־דעריקע אָרעמעלייט און רייד נישט קעגן אַ האַר פון יהודה, וואָס איז דיין יוגנט־חבר.

האָט תּמר געזאָגט:

—דערלויב מיך צו פרעגן, עזריקם, לּמאי האָסטו זיך עפּעס היינט געאיילט צו קומען אַהער נאָך איידער עס איז צוגעפאַלן דער יום־טוב, כּדי מיך צו שטראָפן?

האָט איר עזריקם געענטפערט:

—ווייל איך האָב איצט גאָרנישט געהאַט וואָס צו טאָן אינדער־היים, דעריבער בין איך געקומען דיך אָנצוקוקן און צו זען, צי דו וועסט מיר באַווייזן אַ פריילעך פּנים און וואָס דו וועסט מיר זאָגן. אָבער דאָס, וואָס איך האָב געהאָפט, האָב איך נישט געזען און נישט געהערט. דו ווייסט זייער גוט, אַז דו ביזט אַ יפת תּאר, דעריבער פאַרלאָזטו זיך אויף דיין שיינקייט. דו ווייסט אויך, אַז איך וועל דיר נישט אָפּענטפערן אויף דיינע

שטעכווערטלעך. און אַצינד זאָג מיר, מיין טייערע, ווי אַזוי קען איך געפינען לייטזעליקייט אין דיינע אויגן?
האָט אים תמר געענטפערט:
—מיט דעם, וואָס דו וועסט מיך פיינט קריגן.
איז עזריקם בלאַס געוואָרן און געזאָגט:
—הלואי וואָלט איך געהאַט אַזאַ שטאַרק האַרץ, איך זאָל קענען צערייסן די שטריק פון מיין ליבע צו דיר און איך זאָל אויסגעלייזט ווערן פון מיין געפאַנגענשאַפט.
—דו ביזט דאָך געפאַנגען נאָר פון דעם, וואָס דיינע אויגן זעען און זיי געפעלט, הלואי אָבער וואָלסטו מיך באַטראַכט לויט דעם, וואָס דיינע אויערן הערן און נישט וואָס די אויגן זען, וואָלטן דיינע שטריק צעריסן געוואָרן, דערפילנדיק דאָס פייער פון דיין צאָרן.
האָט עזריקם דערויף געזאָגט:
—קיין צאָרן האָב איך נישט, ווייל דיין שיינקייט, וואָס מיינע אויגן זעען, לאָזט מיך נישט צאָרנען אויף דיר. הלואי וואָלט זיך אויפגעהויבן מיין צאָרן צו דיר, וואָלט איך אַנדערש גערעדט מיט דיר.
האָט אים תמר געענטפערט מיט אַ זיפץ:
—איך בעט דיך, האַר פון יהודה, אויב איך האָב געפונען לייטזעליקייט אין דיינע אויגן, טאָ לאָז מיך צורו, ווייל דיין ווירדע איז איצט צו גרויס פאַר מיר און איך וויל האָבן מנוחה.
האָט עזריקם געזאָגט:
—זינט איך האָב דיך דערקענט, האָסטו מיך שטענדיק דערצאָרנט. אָבער שוין פינף חדשים, ווי דו ביזט נצול געוואָרן פונם לייב, און פון דעם טאָג אָן האָט זיך אין דיר באַזעצט אַ משוגעת צוליב דעם פחד פאַרן לייב, און דו ביזט געוואָרן ווידערשפעניק און שלעכט, ווי די ווילדע חיות אין מדבר.
—דערפאַר טאַקע, —האָט תמר געענטפערט, —דערפאַר טאַקע לאָזשע מיך צורו און איך וועל מיר זיצן אַליין, ווי אַ ווילדע עלנטע חיה.

האָט עזריקם זי פֿאַרלאָזט מיט גרויס גרימצאָרן און איז אַוועק פֿון איר.

און תּמר האָט זיך געטראַכט:

—ביז וואַנען וועט מיך מאַטערן דערדאָזיקער אוממענטש. דער, וואָס האָט געמאַכט אַ ברעג צו דער פֿינסטערניש, דער זאָל מאַכן אַ סוף פֿון עזריקמס ליבע צו מיר.

איז עזריקם אַוועק און תּמר איז געבליבן אַליין אין צימער, אַ טרויעריקע. זיצט זי און קוקט דורכן פֿענסטער אויף דער מזרח־גאַס.

די זון האָט גענויגט צו מערבֿזייט, די גאָלדענע שטראַלן באַגילדן דעם דוד־טורעם און די ליכטיקע שטראַלן, ווי פֿונקען פֿון פֿייער און ווי בליצן, בלישטשען לויפֿנדיק אַהין און צוריק, אַראָפּשפּיגלענדיק פֿון די פּאַנצערס, וואָס הייגען אויפֿן טורעם, וועלכער איז אַ גלוסטונג פֿאַרן אויג. די גאַסן פֿון ציון רוישן און ברומען פֿון פֿיל מענטשן, די שטאָטיקע און די אָנגעקומענע אויף יום־טובֿ פֿון אַנדערע שטעט, לויפֿן אַרום און טומלען. יעדער מענטש פֿאַרלאָזט זיין אַרבעט. אַלע לויפֿן אַהיים זיך צו פֿרייען מיט זייערע ווייבער און קינדער אין דער ערשטער נאַכט פֿון יום־טובֿ סוכּות, און תּמר איז אָבער טרויעריק. אירע אויגן קוקן אויף דער זעאונג, וואָס עס שטייט פֿאַר איר, אָבער איר האַרץ בענקט נאָך איר חלום.

די טיר האָט זיך אויפֿגעעפֿנט און זי האָט נישט געהערט. איר דינסט מעכה איז צוגעגאַנגען צו איר און זי האָט זי נישט באַמערקט. און מעכה האָט זיך אָנגערופֿן צו איר:

—וואָס איז דיר, מיין האַרינטע, וואָס דו ביזט אַזוי טרויעריק אין דער צייט, ווען יעדעס געזיכט איז פֿריילעך? דיינע געדאַנקען שוועבן אַרום אין די ווייטקייטן.

—ניין,—האָט תּמר געענטפֿערט.—נישט אין די ווייטקייטן שוועבן מיינע געדאַנקען, נאָר זיי טראָגן זיך צווישן הימל און ערד, צווישן אמנון און עזריקם. אויף דער וואַך שטיי איך דאָ פֿון אינדערפֿרי ביזן אָוונט און קוק זיך אויס די אויגן, צו דערזען, ווי אמנון קומט אין אונזער הויז, ווי ער האָט מיר צו־

געזאָגט אין בית־לחם; און איצט זעען מיינע אויגן ווי עס גייט אַ גרויסער המון, אַ סך, אַ סך מענטשן, וואָס זיינען געקומען פון אַנדערע שטעט אויף יום־טוב, שוועבן אין די טויזנטער, און אמנונען זע איך נישט. די זון איז שוין פאַרגאַנגען און ער איז נאָך אַלץ נישטאָ. און ווער ווייסט, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט? וואָרום איך ווייס פון איינעם, וואָס איז געקומען פון וועג, אַז אמנון איז נאָך מיט צען טעג צוריק אַרויסגעגאַנגען פון בצרה זיך אומצוקערן אַהיים — האָב איך מורא, אַז מיט אים איז אין וועג געשען אַן אומגליק, וואָרום ער פירט סטאַדעס פון בצרה. מיין געמיט שוועבט איבער אַן אָפּגרונט פון געדאַנקען אָן אַ צאָל, דעריבער בין איך טרויעריק און מיין האַרץ איז נישט רואיק.

דער טאָג איז פאַרגאַנגען און די נאַכט איז געקומען, די נאַכט, אין וועלכער דער יום־טוב ווערט געהייליקט: די מאַנסלייט האָבן פאַרלאָזט זייערע זאַלן און וואוינונגען און זיך באַזעצט אין ביידלעך און איינער רופט צום אַנדערן: „גוט יום־טוב!“ האַרן און אויסדערוויילטע באַגעגענען זיך מיט שיינענדיקע געזיכטער, און חברותווייז זאַמלט מען זיך צענויף, צו טרינקען ווין און ביר. וואו עס איז נאָר דאָ אַן עדה מענטשן — דאָרטן איז פרייד און געזאַנג און גאָטס שטאָט איז פריילעך און שיינענדיק! אָבער תמר איז טרויעריק נאָך אמנונען, וואָס איז נישטאָ, און אַז זי דערמאָנט זיך אָן אים, צעגייט אין איר דאָס האַרץ פון בענקשאַפט. אַ טרויעריקע און בענקנדיקע האָט זי זיך געלייגט אויף איר געלעגער און אַנטשלאָפן געוואָרן מיט אַ פאַרוואָגלטן שלאָף.

די זון איז אויפגעגאַנגען און געשיקט אירע שטראַלן דורך די פענסטער. זייער ליכטיקער בליץ ברעכט זיך און שפּילט זיך אַרום די פּורפּורפאָרהאַנגען, וואָס רינגלען אַרום תמרס געלעגער, פאַרשטעלן איר באַהאַלטן בעט פון דער מאָרגנליכטיקייט און דערלאָזן נישט די שטראַלן, זיי זאָלן זיך דערנענטערן צו דער צאַרטער און איידעלער און זי אויפרייסן פון שלאָף.

אָבער תמר האָט זיך אויפגעכאַפּט, דערהערנדיק דעם נאָמען אמנון, וואָס אירע אייגענע ליפּן האָבן געלאָזט פאַלן, וואָרום אין חלום האָט זי פון אים גערעדט. זי האָט אָבער נישט דער־זען זיין געשטאַלט, ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט.
און מעכה, איר דינסט, האָט שטיל גענענט צו איר און געזאָגט:

—דערוועק זיך און שטיי אויף, מיין האַרינטע, ווייל יום־טוב איז היינט צו גאָט. שטיי אויף און טו אָן דיין צירונג, וועלן מיר גיין אויפן הייליקן באַרג זיך אָנצוזעטיקן מיט דער זיס־קייט פון גאָט און זיך פרייען מיט דער פרייד פון זיין גע־צעלט; מען האָט שוין אַרויסגעפירט די אָקסן פון זייערע שטאַלן און די שעפסן פון זייערע שאפהירדן אויף מקרוב צו זיין שלמים און עולות. איל זיך צו, מיין האַרינטע!
און אַזוי ריידנדיק, האָט זי אויפגעשאַרצט דעם פאָרהאַנג און די ליכטיקייט האָט פאַרגאָסן תמרס פנים.
און תמר איז אויפגעשטאַנען און זיך אָנגעקליידט אין די שיי־נע קליידער און זיך אויסגעצירט אין איר צירונג און געגאַנ־גען מיט איר דינסט מעכה אויפן באַרג פון גאָטס הויז און דאָרט צו זען דעם גרויסן המון פון פאָלק, דאָס פאָלק פון גאָט פון אברהם, וואָס איז געקומען זיך צו ווייזן פאַר גאָט דעם הערשער. און פון יעדער זייט און ווינקל ציען זיך, ווי טייכן, גרויסע מאַסן צום באַרג פון גאָט, און זייער אַ סך שעפסן און רינדער פירן זיי נאָך זיך פאַר עולות און שלמים.
און תמר מיט מעכהן גייען דורך איבער אַ בריק, וואָס ציט זיך פון די בערגלעך פון באַרג ציון ביז דעם באַרג מוריה. דאָס איז די בריק, וואָס דער מלך שלמה האָט אויסגעבויט, צו גיין איבער איר פון זיין היכל צו גאָטס הויז; פון דאָרט זעט מען איצט אַ גרויסע מאַסע מענטשן פייערן און גייען מיט גרויס גערויש צו גאָטס הויז, מיט געזאַנג און לויב.
האָט תמר געזאָגט:
—אמנון, מיין אויסדערוויילטער, צייכנט זיך אויס פון דידאָזיקע צענער טויזנטער! ווער וואָלט געגעבן, איך זאָל אים דאָ דער־

קענען און געפינען אין דערדאָזיקער מאָסע! נאָר צו וואָס זיי־
נען מיינע רייד? ווען ער וואָלט געווען דאָ אין ציון, וואָלט
ער נאָך נעכטן געקומען צו אונז אין שטוב, וואָרום ניט ער
וועט קיין וואָרט ניט האַלטן.

און אַז זי האָט דערגרייכט דעם באַרג פון גאָטס הויז, האָט
זי געקניט אויף די קני און האָט געזאָגט:

—איך בעט דיך, גאָט, וואָס די שיקסט דיין הילף פון דיין הייַ־
ליק הויז. באַשיץ מיט דיין גרויס באַרמהאַרציקייט אמנונען און
און זאָל אים ניט געשען קיין שלעכטס דאָרט, וואו ער איז
איצט.

און תמר מיט איר דינסט מעכה האָבן אַרומגעשפּאַצירט אויפן
הייליקן באַרג, דערנאָך האָט זי צוריקגעקערט אַהיים. און די
באַדינער פון ידידיהס הויז האָבן געבראַכט דאָס פלייש פון די
געשאָכטענע שלמים אויף צו גרייטן דאָס מיטאָג־מאָלצייט פאַר
די פאַרבעטענע.

און תמר האָט געזאָגט צו איר מוטער תרצה:

—איך וועל מיר אונטערלעגנען דאָס האַרץ מיט זיסע זאַכן און
מיטן זאַפט פון מילגרוימען, דערנאָך וועל איך גיין מיט מעכהן
איבער די געמאַרקן און גאַסן, צו זען די לייט פון די אַנדע־
רע שטעט, וואָס זיינען געקומען אַהער אויף יום־טוב, און ביי־
טאָג וועל איך צוריקקומען.

האָט תרצה צו איר געזאָגט:

—טו אַזוי, טאָכטער מיינע, דו זאָלסט אָבער ניט פאַרשפעטיקן;
נאָר וואָס איז דאָס, טאָכטער מיינע, וואָס דאָס ייִנגל פון בית־
לחם איז צו אונז ניט געקומען?

האָט איר תמר געענטפערט:

—אויך איך ווייס ניט דעם באַשייד דערפון. וואָרום ער איז
ניט קיין שקרן, ער זאָל זיין וואָרט ניט האַלטן.

האָט מעכה געבראַכט פאַר תמרן זיסע זאַכן און זי האָט גע־
געסן און איז דערנאָך אַוועק מיט מעכהן און זיך אַרומגעדרייט
איבער די געמאַרקן און גאַסן און אירע אויגן זיינען געווען
געווענדט צו יעדער זייט, צו זען, טאָמער וועט זי אמנונען

באַגעגענען—און אַזוי האָט זי זיך פאַרזוימט ביז מיטאָג, און מעכה האָט זי געאײַלט אַהיים צו גײן מיט דידאָזיקע ווערטער, אַז ס'איז שוין די רעכטע צײַט פון מיטאָג, ווי עס באַווײַזט דער קאָמפּאַס „אחז". האָט תמר אָפּגעזיפצט און געזאָגט:
—קום, לאָמיר אַהיים גײן, ווײַל דאָס, וואָס איך האָב געזוכט, האָב איך נישט געפונען.

און אמנון האָט זיך דערפרעגט צום הויז פון ידידיה, און איז אַהין געקומען אין דער צײַט, וואָס תמר איז געגאַנגען איבער די גאַסן און אויסגעקוקט די אויגן אויף אים. און ס'איז געווען, אַז ער איז אַרײַן אין שטוב, האָט ידידיה זיך אָנגערופן צו אים:

—וועמענס ביזטו, יונגערמאַן?
האָט אמנון אים געענטפערט:
—איך בין אַ פּאַסטוך ביי די שעפּסן פון דײַן באַפעלער אבישי, און תמר, די טאָכטער פון מײַן האַר, האָט מיך באַפוילן, איך זאָל קומען אַהער, ווען איך וועל קומען זיך צו ווײַזן פאַר גאָט. האָט דײַן קנעכט הײַנט געפאָלגט און איז געקומען.
האָט ידידיה זיך אײַנגעקוקט אין אים און האָט געפרעגט:

—צי איז אמנון דײַן נאָמען?
האָט אים דער יונג געענטפערט:
—אמנון איז דער נאָמען פון דײַן קנעכט.
—צי האָסטו עס געראַטעוועט מײַן טאָכטער תמר פון ווילדן לייב?—האָט ידידיה ווידער געפרעגט.
—גאָט האָט געגעבן כּוח דער האַנט פון דײַן קנעכט,—האָט אים אמנון געענטפערט באַשיידן.
—גאָט זאָל דיך לײַזעליקן, מײַן זון!—האָט ידידיה געזאָגט.— און זאָלסט זײַן אַן אָנגעזעענער מאַן אין ציון. דאָס גוטס, וואָס דו האָסט געטאָן, האָסטו געטאָן מיט מיר און וויפל עס קומט דיר, וועל איך דיר אָפּצאָלן.
און ידידיה האָט אים פאָרגעשטעלט פאַר זײַן ווײַב תרצה און

פֿאַר זיין זון תּימן. האָט זיך תּרצה מיט אים ווייער דערפֿרייט און האָט געזאָגט:

—געבענטשט ביזטו, טייערער יונגערמאַן, צו גאָט, וואָרום דו האָסט געראַטעוועט מיין טאָכטער, ווען זי האָט געקענט פֿאַרצוקט ווערן.

האָט אמנון געענטפֿערט און געזאָגט מיט באַשיידנקייט:

—וואָס איך האָב געטאָן, איז עס געשען מיט דעם ווילן פֿון גאָט.

האָט תּרצה געזאָגט:

—טו אויס, אמנון, די פּאַסטוכקליידער און מען וועט דיך אָנקליידן אין שיינע קליידער, וועלכע איך האָב נעכטן פֿאַר דיר צוגעגרייט, וואָרום נישט מער פּאַסטוך זאָל מען דיך רופֿן נאָכדעם, ווי דו ביזט געקומען צו מיר אין הויז.

און תּרצה האָט באַפֿוילן אירע דינער, האָט מען אמנונען אַריינגעפֿירט אין אַ באַזונדער צימער, וואו זיי האָבן אים אַרומגעוואַשן, און אויסגעשמירט זיין לייב מיט מירדן־אייל, אים אײַבערגעטאָן די קליידער און אים אַריינגעפֿירט אין שטוב און ער האָט געלויכטן אין זיינע קליידער און איז געווען זייער שיין מיט זיין געשטאַלט. און תּימן איז געוואָרן צוגעבונדן צו אים.

און ידידיה האָט געזאָגט:

—פֿאַרברייניג דאָ מיט תּימנען, מיין זון, ביז איך וועל צוריקקומען, וועסטו מיט אונז עסן דאָס מיטאָג־מאָלצייט. און ידידיה איז אַוועקגעגאַנגען.

און תּימן האָט אַריינגעפֿירט אמנונען אין תּמרס צימער און האָט געזאָגט צו אים:

—נאָך אַ ווײַלע און תּמר וועט קומען, וועט זי נישט דערקענען איר רעטער, וואָרום די שיינע קליידער האָבן דיין פּנים פֿאַרענדערט, און ווי שיין זיי פּאַסטן דיר.—און תּימן האָט זיך מיט אים שטאַרק געפֿרייט און, ריידנדיק מיט אים, האָט ער פֿון אים די אויגן נישט אַראָפּגענומען.

און אַזוי ווי זיי ריידן, איז תּמר אַריין אין צימער, אָנגעלענט

אָן דער מוטערס אָרעם און הינטער זיי איז געגאַנגען מעכה. און אַז תמר האָט דערזען אמנונען אין זיין גאַנצער שיינקייט און פראַכט, איז איר פנים רויט געוואָרן און איר האַרץ האָט אָנגעהויבן צו ציטערן פון גרויס פרייד, אָבער זי האָט זיך געשטאַרקט, צו פאַרבאָרגן די פרייד פון איר האַרץ, מען זאָל דאָס נישט באַמערקן און זי האָט געזאָגט:

—אָך! מיינע אויגן זעען דעם רעטער פון מיין לעבן ביי אונז אין שטוב!

און אמנון האָט זיך אויפגעשטעלט און איז געשטאַנען פאַר איר און דאָס האַרץ איז אים שיעור נישט אַרויסגעפאַלן.

און תמר האָט זיך אָנגערופן צו אים:

—האָסט דיין וואָרט געהאַלטן, און וואָס דו זאָגסט, איז הייליק, און זע, אַז נישט מיט אַזעלכע, וואָס פאַרגעסן יענעמס טובה, האָסטו גוטס געטאָן.

און תרצה האָט צו אים געזאָגט:

—פיל גוטס איז אָנגעגרייט צו די, וואָס טוען גוטס, און אָנשטאָט וואָס דו ביזט ביז אַצינד געזעסן צווישן די סטאַדעס, וואָס הויערן אויף די פעלדער, וועסטו אַצינד זיצן צווישן האַרן.

און תימן, וואָס זיינע אויגן האָבן זיך נישט געקענט אָנזעטיקן מיט אמנונס שיינקייט, האָט איינגערוימט זיין מוטער תרצה אין אויער אַריין, אַזוי צו זאָגן.

—זע נאָר, מאַמע, זע, ער זעט דאָך אויס פונקט ווי יענער יונגערמאַן, וואָס דיין פאָטער חננאל האָט געזען אין חלום ביים טייך כבר, אָבער פונקט דער אייגענער.

—רוק זיך אָפּ!—האָט אים תרצה געענטפערט.

—און וואָס אַזוינס האָט תימן געזאָגט?—האָט תמר געפרעגט ביי דער מוטער.

—נאַרישקייטן רעדט ער!—האָט תרצה געענטפערט. אָבער זי האָט פאָרט איינגעזען, אַז ער איז ענלעך צו יענעם, האָט זי עס פאַרבאָרגן אין איר האַרצן.

און תמרס צימער איז געווען פון טענענהאָלץ און אויסגעמאָלט

מיט רויטער פאַרב, די פענסטער פון איין זייט האָבן געקוקט צו דער מזרח־גאַס און די פענסטער פון דער אַנדערער זייט זיינען געווען אָפן אין אַ גלוסטיקן גאָרטן אַריין, און מירטנביימער און קיפאַריסן און נארדביימער שיקן זייערע צווייגן צו זיי און פילן אָן דאָס צימער מיט טייערע שמעקעדיקע ריחות.

און פלוצלונג באַווייזט זיך אַ מענטש הינטער יענער זייט פענסטער, וואָס גייט אַרויס צו דער מזרחגאַס, און דער מענטש שטייט און רעדט; האָט תימן געגענט צום פענסטער און דערזעען—אַן עלטערער מענטש שטייט און וואַקלט זיך, קען אויף די פיס זיך נישט האַלטן, און זיין פנים, וואָס איז רויט ווי פורפור, באַווייזט, אַז ער האָט זיך שטאַרק באַזויפן מיט וויין.

האָט אים תימן געפרעגט:
—ווי רופט מען דיך און פון וואַנען ביזטו?
האָט דער מענטש געענטפערט:
—פון חברון איז דיין קנעכט.
האָט תימן ווידער געזאָגט:
—אפשר קומסטו אַרויס פון די ריזן, וואָס וואוינען דאָרט? וואָרום ווי אַ ריז האָסטו זיך אָנגעטרונקען מיט וויין און ביזט שענדלעך אָנגעזויפט.
האָט דער מענטש געענטפערט:
—דער וויין איז אַ גוטע זאַך פאַר אַזאַ ביטער געמיט, ווי מיינס, און דעם וויין האָבן מיר נישט די לייט פון ציון געגעבן.
איז אויך תרצה צוגעגאַנגען צום פענסטער און זיך אָנגערופן צו דעם מענטשן:
—שכור, למאי דאַרפסטו שטיין אין דרויסן און ריידן? אַמער, קום שוין בעסער אַריין אין שטוב און זאָג, וואָס דו ווילסט זאָגן.
—האָט דער מענטש געענטפערט:
—קוק נישט, מיין האַרינטע, אויף דעם, וואָס איך וואַקל זיך אויף די פיס, ווי אַ שכור, וואָרום מיינע אויגן זעען נאָך גאַנץ

גוט און איך זע אין דיין שטוב דעם מענטשן, וואָס האָט מיט מיר גוטס געטאָן. פֿון חברון איז דיין קנעכט געקומען זיך צו ווייזן פֿאַר גאָט אין ציון. און ס'איז געווען, ווען איך בין געגאַנגען אויפֿן וועג, האָבן מיר אָנבאַפֿאַלן רוצחים, וואָס האָבן געגלוסט צו מיינע רינדער און שעפּסן און צו די פֿרוכטן, וואָס איך האָב אויף זיי געפֿירט אַ מתנה צו גאָט. האָב איך זיך קעגנגעשטעלט, און אַז איך האָב געזען, אַז איך וועל זיי נישט בייקומען, האָב איך מיר געטראַכט: זאָל זיי דער שד נעמען, זאָלן זיי צורייבן אַלץ, וואָס איך האָב, אַבי איך זאָל אַליין נצול ווערן — האָבן די רצחים אַלץ צוגענומען און מיך געלאָזט אַ נאַקעטן. זאָל מיין האַרינטע אַליין זאָגן: צי קען אַ מענטש, אַ נאַקעטער, זיך ווייזן פֿאַר גאָט? וואָרום אַ נאַקעטער און אַ הונגעריקער בין איך געכטן אַדורכגעגאַנגען די טויערן פֿון ציון. די גאַנצע שטאָט איז פֿריילעך און איך בין הונגעריק! האָב איך געבעטן ביי די אָנגעזעענע לייט, זיי זאָלן מיר געבן עסן און עפּעס אַ מלבוש צוצודעקן מיין נאַקעט לייב, אָבער קיינער האָט זיך אויף מיר נישט אומגעקוקט. האָב איך אָנגעטראָפֿן די האַרן — און זיי האָבן מיר נישט געגלייבט. און איך בין אַזוי געגאַנגען מיט אַ ביטער געמיט. דעמאָלט האָט מיך דערזען דערדאָזיקער יונגערמאַן מיט די שיינע אויגן און אין אַ ווייַלע אַרום האָבן אים געבענטשט מיין בויך און מיינע לענדן, וואָרום ער האָט מיר געגעבן אַ קלייד צום לייב און ברויט און וויין און פֿלייש אויף יום־טוב. ער איז אָבער באַלד פֿאַרשוואונדן געוואָרן און איך האָב אים אַפֿילו נישט געקענט אָפּדאַנקען. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך פֿון אים געטראַכט, מיין שלאָף איז פֿון מיר פֿאַרוואָגלט געוואָרן. ס'איז נישט אַנדערש, ווי נאָר אַ מלאך פֿון גאָט, האָב איך מיר געטראַכט. האָב איך זיך געפֿעדערט באַלד אינדערפֿרי, האָב אויסגעזוכט די גאַנצע שטאָט. געזוכט אין אַלע גאַסן, ביז איך בין געקומען אויף גאָטס באַרג און, אָך, איך האָב אים דערזען! בין איך צו אים צוגעגאַנגען און אים געוואָלט בענטשן פֿאַרן חסד, וואָס ער האָט מיט מיר געטאָן, האָט ער זיך אָבער פֿאַרפֿרעמדט צו מיר און האָט געלאַכט: לאָז מיך

געמאַך, נישט איך בין עס דער, װעמען דו זוכסט. האָב איך שוין אַליין נישט געװאוסט, צי דאָס איז ער, פונדעסטװעגן האָב איך אים נישט אָפּגעלאָזט פון אױג, און בין אים נאָכגעגאַנ־גען פון װייטן, ביז ער איז אַרײַן אין דעמדאָזיקן הויז. און איצט, מיין האַרינטע, משפּט דו צװישן מיר און דעם יונגעמאַן, װייל איך װעל נישט אָפּטרעטן פון דאַנען, ביז ער װעט נישט אָננעמען קיין ברכה פון מיר.

האָט תּרצה געלאַכט צו אמנונען און געזאָגט:

–געגען אַהער, גוטהאַרציקער יונגערמאַן, און נעם די ברכה פון דעמדאָזיקן, װאָס בענטשט דיך.

האָט אמנון געגענגט צום פענסטער און זיך אָנגערופן צו דעם פּרעמדן:

–פרעמדער, ניכטער זיך אויס פון דיין װיין, װייל פון שכרות ביזטו פאַראירט.

האָט דער פּרעמדער געזאָגט:

–אויב אַזוי, שװער מיר, אַז נישט דו ביזט עס געװען.

–גאַנץ גערעכט!–האָבן אַלע–תּרצה, תּימן און תּמר געענטפערט אין איין קול.

האָט זיך אמנון עטװאָס פאַרלאָרן און זיך אָנגערופן צו אים:

–קום צו מיר מאָרגן. מיין װאוינונג געפינט זיך אויפן פּיש־מאַרק, אין הויז פון ימנה, װאָס איז פון כּרמל.

האָט דער מענטש געענטפערט:

–דיין באַפעל איז פאַר מיר הייליק, און ביי גאָט, װאָס רוט אין ציון, שװער איך, אַז אַזוי װי דו װעסט פאַרבאָרגן דיין רעכטפאַרטיקייט, אַזוי װעל איך עס אַנטפּלעקן און דערציילן פון דיין גוטסקייט אין אַלע געמאַרקן. צי איז עס דיר אַ בושה? זאָל גאָט בענטשן אַלע האַרן פון יהודה מיט אַזעלכע קינדער, װי דו ביזט, און ירושלים זאָל האָבן אויף אייביק אַ קיום.

האָט דער מענטש פאַרלענדט זיינע רייד און איז אַװעק, און תּרצה מיט תּמרן האָבן געגאַפט פון אַמנונס רעכטפאַרטיקייט

און גוטסקייט, און תימן האָט אַרומגעהאַלזט אמנונען און געזאָגט:
—דיינע מעשים זיינען פאַר מיר אַ פלא, אמנון! און איך האָב דיך זייער ליב, ווי אַ חבר און אַ ברודער וועל איך דיר זיין.

און אַזוי ווי זיי ריידן, איז עזריקם אַריינגעקומען אין תמרס חדר, און דער שכור, וואָס האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין, האָט זיך ווידער צוריקגעקערט צום פענסטער און האָט געזאָגט:

—אָט איז ער, דער פיינער מענטש, וואָס האָט מיר נעכטן אָפּ־געזאָגט, ווען איך האָב זיך ביי אים געבעטן רחמים און מיט צאָרן זיך אויסגעשריען אויף מיר. ער האָט קיין רחמנות נישט געהאַט און נישט געוואָלט מיר העלפן. אַ שטאַרק האַרץ האָט ער. ער דאַרף נישט אַריינקומען אין הויז פון גוטע מענטשן.

האָט זיך עזריקם אויף אים צעשריגן און געזאָגט:
—און ווער בעט זיי, די שנאָרער, זיי זאָלן קומען קיין ירושלים? צי פעלן אונדז דאָ שכורים? טראָג זיך גיך אָפּ פון דאַנען, איי־דער איך ענטפער דיר איבער אין די הענט פון די שוטרים, וועלכע וועלן דיר מיט ריטער אַרויסשלאָגן דעם וויין פון דיין קאָפּ און דיר אויסלערנען צו ריידן אַן אַנדער לשון צו די האַרן פון יהודה!
האָט דער שכור געזאָגט:
—אָנגעגרייט זיינען ריטער פאַר די בייזע הערצער, וואָס זיינען ווייט פון רעכטפאַרטיקייט און צו אונזערע האַרן, וואָס זיינען באַלאָדן מיט גראָב פעט פלייש און קיין מענטשלעכקייט האָבן זיי נישט אין זיך.
האָט אמנון צו אים געענטפערט און געזאָגט:
—אוי, דו פאַראירטער פון וויין, רייד נישט אַזוי צו אַ רעכט פאַרטיקן מענטשן.
האָט דער שכור אים געענטפערט:
—דו האָסט דאָך אַ גוט האַרץ, טאָ באַשטראָף זשע דעמדאָזיקן האַר מיט דער שטראָף פון דיין מויל, ווייל נישט פאַר די

האַרן פון יהודה פּאַסט ער, נ'יערט פאַר די קי פון בשן און פאַר די אָקסן מיט די הערנער.
און ס'איז געווען, אַז דער מענטש האָט דערזען, ווי עזריקם איז אויפגעשטאַנען אַרויסצ'גיין אים צו כאַפּן, איז ער אַנטלאָפן און זיך אויסגעמישט צווישן גרויסן המון אויף דער גאַס.
—און תימן האָט איינגערוימט אמנונען אין אויער, אַזוי צו זאָגן:

—זיי וויסן, אַז דערדאָזיקער יונגערמאַן איז עזריקם, און פאַר אים איז מיין שוועסטער תמר פאַרקנסט. איך האָף, אַז ער וועט דיך גוט פאַרגיטיקן פאַר דעם גוטס. וואָס דו האָסט געטאָן צו זיין האַרצנסגעליבטע.
און עזריקם האָט געזען, ווי תימן רעדט אַזוי פריינטלעך צו אמנונען, און ער האָט זיך איינגעקוקט אין תמרן און געזען, ווי אירע אויגן קוקן מיט ליבשאַפט צו דעמדאָזיקן, האָט ער געפרעגט ביי תרצהן:
—ווער איז ער, דערדאָזיקער יונגערמאַן, און פון וואָס פאַר אַ שטאָט.
האָט תרצה געענטפערט:
—דאָס איז דאָך אמנון פון בית-לחם, וואָס האָט מציל געווען דיין האַרצנסאויסדערוויילטע פון לייב.
—דאָס איז דער פּאַסטוך אמנון?—האָט עזריקם אויסגערופן שטאַרק פאַרחדושט.
האָט תרצה געענטפערט:
—אַ פּאַסטוך איז ער געווען ביז איצט ביי די שעפּסן פון דיין פאָטער יורם.
האָט עזריקם געזאָגט:
—איך פריי מיך זייער אויף דער קראַפט זיינער, וואָרום ער וועט גוט אָפּהיטן מיינע סטאַדעס פון דיווילדע חיות און ס'וועט פון זיי גאָרנישט פעלן. און ער קען זיין זיכער אין מיר, אַז איך וועל אים אָפּצאָלן מיט גוטס לויט זיין פאַרדינסט, און וועל אים אויך געדיינקען פאַר דעם חסד, וואָס ער האָט געטאָן צו תמרן. ער וועט ביי מיר ווערן דער עלטסטער פּאַסטוך, אָבער

עפּעס זעט עס מיר אויס ווי משונה: אַ פּאַסטוך איז ער און גייט אָנגעטאָן אין שיינע קליידער, ווי איינער פון די גרויסע לייט. צי איז אים מיאוס געוואָרן דאָס אָרט, וואו די פּאַסטו־כער הויערן, נאָכדעם ווי ער האָט באַוויזן זיינע כּוחות און זיין שטאַרק געמיט?

האָט תּמר געזאָגט:

—אַ מענטש קאָן דאָך נישט פאַרבייטן זיין האַרץ און געמיט. די קליידער נאָר קען ער פאַרבייטן און אָנטאָן אַלע מאָרגן נייע, לויט דעם אָרט, וואו ער געפינט זיך.

—ריכטיק זאָגסטו, תּמר,—האָט עזריקם געענטפערט מיט בייז־קייט,—וואָרום אויך דו האָסט נישט פאַרביטן פון נעכטן אָן דיין שלעכט געמיט. איך האָב דאָך געפרעגט: למאי קליידן זיך די פּאַסטוכער אין די קליידער פון גרויסע לייט? און דו ענטפערסט מיר גאָר עפּעס אַנדערש.

האָט תּרצה געזאָגט:

—אמת טאַקע, אמנון איז נישט פון די גרויסע לייט פון לאַנד, פונדעסטוועגן האָט גאָט אים געבענטשט מיט אַזוינס, וואָס איז שטאַרקער פון די אַלע זאַכן, וועלכע מען ירשנט פון עלטערן און משפּחה, וואָרום אין אים רוט גוטסקייט, העלדישקייט און זאַנפטיקייט, און אַזוי ווי דו האָסט ליב תּמרן, וועסטו דאָך אויך ליב האָבן דעמדאָזיקן יונגנמאַן, וואָס האָט איר געראַטעוועט דאָס לעבן און גליק.

האָט עזריקם געזאָגט צו אמנונען:

—אבישי האָט דיך דאָך געשיקט צו קויפן שעפּסן אין בצרה, און ווי זעען אויס די סטאַדעס, וואָס דו האָסט פון דאָרט גע־בראַכט? זיינען זיי פעט אָדער מאָגער?

האָט אים אמנון געענטפערט:

—די שעפּסן זיינען גוטע, מיין האַר, נאָר היינט איז נישט קיין צייט צו ריידן וועגן שעפּסן, ווייל היינט איז דאָך אַ פייערטאָג צו גאָט.

האָט עזריקם געזאָגט:

—גאָט וועט דאָס אונז נישט רעכענען פאַר קיין זינד, וואָרום

פון די סטאַדעס נעמען מיר צו ברענגען עולות צו גאָט. און דו קרעפטיקער יונגערמאַן, שטאַרק זיך און ווער אַ מענטש, שעם זיך נישט מיט דיין אַרבעט, נאָר טו זי מיט איבערגעגעבנקייט, און אויב דו ביזט אַ קינד פון פּראָסטן אָרעמען פאָלק, פריי זשע דיך דערפאַר מיט דיין שטאַרקייט און קרעפטיקייט.

—נאָר גאָט זעט און ווייסט וואָס ביים מענטש אין האַרץ טוט זיך,—האָט תמר געענטפערט.—נישט אַזוי זיינען די נאַרישע מענטשן, וואָס ווייסן נאָר, וואָס זייערע אויגן זעען. און אַז זיי באַגעגענען אַ מענטשן, הויבן זיי אָן נאָכצופאָרשן זיינע עלטערן, זיין פאַרמעגן און זיין אַרבעט, וואָס ער טוט, און שאַצן אָפּ דעם מענטשן לויט דידאָזיקע זאַכן.
האָט עזריקם געענטפערט:
—אָט בין איך נאָר אַ מענטש און נישט קיין גאָט, פונדעסטוועגן האָב איך אויסגעפאָרשט דיין האַרץ, און ווייס, אַז עס איז נישט קיין רעכטספאַרטיקס. און איידער נאָך דו האָסט געעפנט דיינע ליפּן צו ריידן, האָב איך שוין געזען, אַז דו ווילסט זיך קריגן. אָט דאָס טאַקע האָב איך דאָך נאָך נעכטן געזאָגט: אַן אַנדערע געמיט איז אין דיר געוואָרן, און איך ווייס נישט פון וואַנען דאָס נעמט זיך אין דיר.
און אַז תרצה האָט געזען, אַז עס האַלט ביי אַ קריג, האָט זי געזאָגט:
—גייט, איר מאַנסלייט, אַריין אין סוכה, און לענט אונטער אייער האַרץ מיט ווין און ביר און בוימאייל, ביז עס וועט קומען מיין מאַן און מיר וועלן עסן דאָס מיטאָג־מאָלצייט.
האָט עזריקם געזאָגט:
—איך וועל נישט פאַרזוכן גאָרנישט, ביז עס וועט קומען איינער פון די כהנים מיר צו מעלדן, אַז די פופציק עולות, וואָס איך האָב היינט מקריב געווען, זיינען אינגאַנצן פאַרברענט געוואָרן אויפן מזבח, ווייל ווי קען אַ מענטש זיך פעט מאַכן פריער, איידער גאָט האָט אָנגענומען זיין עולה?
האָט תימן זיך אָנגערופן צו אים:

—אַ סך עולות האָסטו געבראַכט, זיי זאָלן פאַרברענט ווערן אויף אַש אויף גאָטס מזבח, פאַרוואָס האָסטו בעסער נישט מקריב געווען קיין שלמים, פון וועלכע עס קענען באַקומען פלייש די כהנים און אָרעמעלייט?

און תמר האָט געענטפערט:

—אָבער ווער איז דאָס מחויב צו העלפן די פּראָסטע נידעריקע מענטשן? אַ מענטש, וואָס וויל נישט אַרבעטן—דעם זאָל זיך נישט גלוסטן צו עסן. נישטאָ קיין בעסערע זאַך, ווי זיי שטאַרק און שטרײַנג צו באַשטראָפן, די אָרעמע, פאַר זייער פוילקייט און שטאַרקן זייערע אָרעמס צו דער אַרבעט, כדי זיי זאָלן נישט אָפּקלאַפּן אונזערע טירן.

האָט תּרצה צו איר געזאָגט:

—וואָס רעדסטו, טאָכטער מײַנע?

אויך אמנון און תּימן האָבן געגאַפט, הערנדיק אירע רייד.

אָבער תּמר האָט זיך אָנגערופן:

—איך קען אײַך שווערן, אַז נישט איך האָב דאָס אויסגעטראַכט, וואָרום דידאָזיקע לעקציע האָבן מײַנע אויערן נעכטן געהערט פון מויל פון אײנעם אַן אויסדערוויילטן פון פאָלק וועגן די נידעריקע פון פאָלק. און מיט דידאָזיקע ווערטער האָט זי אַ קוק געטאָן אויף עזריקמען, וואָס איז פאַרשעמט געוואָרן פון אירע רייד. און אַזוי ווי זיי שווייגן און קוקן אײנער אויפן אַנדערן, איז געקומען דער באַדינער פון עזריקמען אים צו מעלדן, אַז עפּעס אַ מעשה נורא איז געשען ביי אים אין הויז, און עכן דער שפּייזער האָט אים געשיקט רופן זיין האַר. האָט זיך עזריקם געאײַלט צו גיין אַהיים. אָבער באַלד ווי ער איז אַרויס, איז געקומען זיין צווייטער באַדינער, האָט אים תּרצה פאַרהאַלטן און האָט אים געגעבן וויין צו טרינקען, און זי האָט אים געפרעגט דערויף, וואָס ס׳איז געשען ביי עזריקמען אין הויז, האָט זיך דער יונג אומגעקוקט אין אַלע זייטן און געזאָגט:

—דאָ ערשט האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ס׳איז היינט יום־טוב. נישט אַזוי אָבער איז אין מיין האַרס הויז, וואו ס׳איז פאַר־

שטערט געוואָרן די פרייד פון יעדן יום־טוב, ווארום אַחוץ דאָס טרוקענע שטיקל ברויט, וואָס איך האָב היינט געגעסן, האָב איך מער אין מויל נישט געהאַט. די קנעכט פון מיין האַר קוקן זיך אויס די אויגן און ווילן זיך דערוואַרטן דעם טאָג, ווען דיין איידעלע טאָכטער וועט קומען אין זיין הויז, ווארום זי וועט אים פאַרענדערן צום גוטן.

און תמר האָט דערביי איינגערוימט דעם ברודער אין אויער:

—דערדאָזיקער טאָג וועט קיינמאָל נישט קומען.

האָט תרצה אים געבעטן, ער זאָל דערציילן, וואָס אַזוינס האָט פּאַסירט ביי זיין האַר אין הויז, וואָס מען האָט אַזוי אייליק געשיקט נאָך אים. האָט דער יונג דערציילט: „דו ווייסט דאָך, מיין האַרינטע, ווי אַזוי יורם פלעגט זיך פירן יעדן יום־טוב. האָט ער באַפוילן צו גרייטן אַ טיש פאַר פירהונדערט אָרעמע מענטשן: פאַר פרעמדע, יתומים און אלמנות. אָבער זינט עזריקם איז אויסגעוואַקסן, האָט ער דעם מנהג אָפּגעשאַפט. באַפוילן האָט ער עכנען, דעם שפייזער זיינעם, ער זאָל צעטיילן פון זיינע שייערס און קעלטערס געשאַנקען צו די אָרעמעלייט איידער נאָך דער יום־טוב קומט. עכן אָבער איז זייער אַ שלעכטער נידעריקער מענטש און גיט זיי גאָרנישט. און ס׳איז געווען, אַז די אָרעמעלייט זיינען נעכטן געקומען בעטן פון עכנען דאָס, וואָס זיי קומט, האָט ער זיך אָנגערופן צו זיי: „גייט איצט אַוועק און קומט פאַרנאַכט, ווען מיין האַר וועט קומען און עפענען זיינע אוצרות״. אָבער מיין האַר איז נעכטן נישט גע־קומען אַהיים. זיינען היינט געקומען צוויי מענטשן און געזאָגט צו עכנען:

—„דערפאַר וואָס דיין האַר האָט פאַרמיטן צו שיינקען די אָרע־מעלייט, דעריבער וועלן קומען צייטן, ווען דאָס הויז וועט אַרויסוואַרפן אזריקמען און עכנען, ווי דער איילבערט וואַרפט אָפּ זיינע בליטן, און עס וועט אייך אויסשפייען, ווי עס שפייט אויס די ערד דאָס פאָלק, וואָס האָט קיין רעכטפאַרטיקייט נישט געטאָן.״

און אַז זיי האָבן פאַרלענדט צו ריידן זייערע רייד און אַ מחנה אָרעמעלייט האָט אַרומגערינגלט דאָס הויז פון מיין דאַר און פאַרשאָלטן זיין וואוינונג מיט שטאַרקע קללות, האָט מיך עלן געשיקט, איך זאָל רופן מיין האַר.

האָט תרצה צו אים געזאָגט:

—דו זאָלסט נישט אַנטפּלעקן די שאַנד פון דיין האַרס הויז פאַר דער גאַס.

האָט דער יונג דערויף געענטפערט:

—חלילה, איך וועל אַזוינס נישט טאָן.

און אַזוי ווי זיי ריידן, האָט עזריקם זיך צוריקגעקערט, און אַז ער האָט דערזען, אַז זיין יונג איז נאָך נישט אַוועק, האָט ער אויף אים גענומען קריצן מיט די ציין און שאַרפן מיט די אויגן; איז דער יונג אַוועקגעגאַנגען און עזריקם האָט זיך געווענדט צו אַלע, וואָס זיינען דאָרט געווען, און אַזוי געזאָגט:

—גאָט האָט מיך געבענטשט מיט אַ גרויס פאַרמעגן, אָבער ער האָט מיר געגעבן באַדינער צו דערצאַרנען מיך. ער האָט מיר געגעבן ליידיגייערס, גראָבע יונגען און שכורים. פון מיין הויז־שפּייזער ביז דעם קלענסטן פון די יונגען—אַלע האָבן זיי זיך אַריינגעלאָזט אין זויפן, און איך, זייט איך בין גרויס געוואָרן, האָב איך איבערגעגעבן דאָס צדקה־טיילן צו עכנען. ווי אַזוי קאָן איך וויסן, אַז ער האָט זיך נעכטן צופיל אָנגעזויפט מיט וויין און האָט פאַרגעסן אין מיין באַפעל וועגן די אָרעמעלייט, וואָרום ער האָט זיי גאָרנישט געגעבן און צו מיר האָבן זיי אויסגעלאָזט זייער קללה? דערפאַר זאָלן מיינע הויזדינער נישט מער זיך לאָזן וואוילגיין מיט וויין און בוימאייל. פון היינט אָן און ווייטער זאָלן זיי איינגאַנצן זיין נזירים.

—און איך,—האָט תמר געענטפערט מיט חוזק,—און איך מיין, אַז די צייט פון זייער נזירות האָט זיך שוין לאַנג געענדיקט און זיי האָבן נאָך נישט אָנגעהויבן צו טרינקען.

און עזריקם האָט מיט פיינטשאַפט געקוקט אויף תמרן, אָבער זיי האָבן מער דערפון נישט גערעדט, וואָרום ידידיה איז אָנגעקומען מיט דרייסיק יונגע נביאים, וואָס ער האָט פאַרבעטן

צו זיין מאָלצייט, און אויך סתרי איז מיט אים געקומען, און אַז ער האָט דערזען אמנונען, האָט ער צו אים געזאָגט:
–וואָס זשע מאַכסטו, טייערער, וואָס איז געוואָרן דערצויגן געוואָרן ביי מיין ברודער אבישין?
האָט אמנון געענטפערט:
–אַ דאַנק, מיין האַר.
האָט ידידיה געפרעגט:
–און פאַרוואָס האָט מען נישט פאַרבעטן אבישין, ער זאָל מיט אונז עסן דאָס מיטאָג־מאָלצייט?
האָט איינער פון זיינע דינער געענטפערט:
–ער וועט באַלד קומען.
און תימן, וואָס האָט געקוקט דורכן פענסטער, האָט געזאָגט:

–אָט גייט ער.
איז אבישי אַריינגעקומען אין הויז, און ידידיה האָט אים געפרעגט:
–וואָס זאָל איך טאָן צו דעם ייִנגל, וואָס האָט זיך ביי דיר דערצויגן און וואָס ער האָט מציל געווען מיין טאָכטער פון טויט?
האָט אבישי געענטפערט:
–איך קען אים זייער גוט און ווייס, אַז דאָס לערנען משל און מליצה איז פאַר אים טייערער פון אַלץ. דעריבער לערנט ער זיך שיין ריידן און צווישן די פאַסטוכער טוט ער זינגען ציונס לידער, ווייל דאָס האָט ער ליב.
האָט ידידיה געזאָגט צו אמנונען:
–זאָג מיר דו אַליין דיין פאַרלאַנג, ווייל איך וועל אים דערפילן.
האָט אמנון געזאָגט:
–אויב איך האָב געפונען לייטזעליקייט אין דיינע אויגן, מיין האַר, זאָלסטו מיר דערלויבן צו קומען צווישן דידאָזיקע, וואָס שטייען דאָ.
און מיט דידאָזיקע ווערטער האָט ער געוויזן מיטן פינגער אויף

די יונגע נביאים, וואָס זיינען פאַר אים געשטאַנען.
האָט ידידיה צו אים געזאָגט:
—פון היינט אָן וועסטו זיין פון מיינע הויזבאַזוכער און וועסט עסן ביי מיין טיש. און איר, יונגע נביאים! דערנענטערט צו זיך דאָסדאָזיקע טייערע יינגל, אויב איר ווילט מיין נאָענטשאַפט. שיידט אָפּ צו אים פון אייער געמיט און לערנט אים צו פאַר־שטיין משל און מליצה און צו דערקענען גאָט.
האָבן די יונגע נביאים אַלע גלייך געענטפערט און געזאָגט:

—דערפאַר, וואָס דאָס יינגל וויל זיך געפינען צווישן אונז און פלייסט זיך צו וויסן די וועגן פון גאָט, דעריבער וועט אים באַגלייטן נאָר גוטס, גענאָד און פרידן און געלויבט וועט ער זיין אין די טויערן פון ציון.
און ידידיה האָט געזאָגט:
—דער טיש איז שוין געגרייט אין געצעלט, וואָס שטייט אין גאָרטן. לאָמיר גיין אַהין און זיך אָנזעטיקן פון גאָטס שפע און גאָכדעם וועלן מיר ריידן, וו ס מיר האָבן צו ריידן.

ז.

און ידידיהס געצעלט איז געשטאַנען אין זיין גלוסטיקן גאָרטן צווישן שיינקייט און פראַכט. אַרום ליגן די שמעקעדיקע בייטן און שיינע ביימער שטייען, פאַרפלאָנטערט צווישן גרינע הויכע גראָזן און אָפגעשניטענע געדיכט פאַרצווייגטע צווייגן באַדעקן דאָס געצעלט. האָבן זיך אַלע פאַרבעטענע אויסגעזעצטביים טיש און ידידיה–אויבנאָן, און זיי האָבן געגעסן און געטרונקען און געלאָזט זיך וואוילגיין.

און תמר קוקט אַרויס דורך איר אָפן פענסטער אין גאָרטן אַריין און אירע אויגן שיינען, ווי דער מאָרגנשטערן, און זיי קוקן עפטער אויף אמנונען, צו וועמען איר האַרץ איז צוגעבונדן און זי קערט אָבער אָפּ די אויגן פון עזריקמען, וועמען זי האָט שטאַרק פיינט, און עזריקם זיצט צו דער רעכטער זייט פון ידידיהן און נאָך אים תימן און נאָך אים אמנון און נאָך זיי סתרי, אבישי און די יונגע נביאים.

און ידידיה האָט געזאָגט:

—ווי גוט און ווי זיס איז דאָס זיצן אונזערס אין פרידלעכע וואוינונגען; אַזוי זאָל אונז גאָט שטענדיק שיצן און מיר זאָלן רוען אונטער זיין שאָטן און זיך נישט פאָרכטן פאַר סנחריב דעם קעניג פון אשור, וואָס האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו מאַכן דערציטערן די מדינות.

האָט איינער פון די יונגע נביאים געענטפערט:

—וואָלט נאָר ביי אונז אינעווייניק געווען פרידן און וואָרהאַפ־טיקייט, וואָלטן מיר געווען זיכער און וואָלטן זיך נישט גע־שראָקן פאַר סנחריבן, וואָס איז פון דרויסן; ס'איז אָבער אַ שלעכטע זאַך, וואָס שבנא האָט זיך גענומען צו פאַרשטערן די מנוחה און פרידן פון גאָטס שטאָט, ווייל דאָס פאָלק ווערט צע־טיילט און עס זאָגט: אונזער הילף איז נישט ביי גאָט אין דער האַנט און מיר קענען זיך נישט פאַרלאָזן אויף זיין גענאַלבטן.

האָט סתרי געזאָגט:

—צו וואָס זאָלן מיר זיך שרעקן פאַר אַ שלעכטן טאָג, ווען גאָט האָט אונז באַשערט מיט גליק און פרידן? לאָמיר זינגען אַ פרידן־ליד.

האָט ידידיה געזאָגט:

—זאָל אונז אמנון פון בית־לחם זינגען פון ציונס לידער, וואָ־רום געזאָגט האָט אונז אבישי, אַז זיין קול איז זיס און זיינע ווערטער צוגייען אויף די לעפצן.

האָט אמנון געזאָגט:

—צו קליין בין איך, איך זאָל עפענען מיינע ליפן פאַר די שענסטע לייט פון שטאָט. אָבער ווי קען איך נישט טאָן מיין האַרס פאַרלאַנג, נאָכדעם ווי איך געפין זיך אין זיין הויז? איך וועל זינגען.

און די יונגע נביאים, וואָס האָבן פאַרנומען זיין זיס זינגען, האָבן זיך געחדושט איבער אים, און זיי ריידן צווישן זיך, און איינער זאָגט: „צווישן די שענסטע רעדנער שיינט ער אַרויס!" און אַנדערע ענטפערן: „ווען ער וואָלט געווען פון שבט לוי, וואָלט ער איצט געלאָזט הערן זיין זיסע שטים אין

גאָטס הויז און וואָלט דערפרייט די הערצער". און ידידיה האָט געזאָגט: „ווען ער וואָלט געווען אַ האַר פון יהודה..."
—הלואי וואָלט ער געוואָרן דער האַר פון מיין יוגנט,—האָט תמר איינגערוימט אין אויער איר דינסט מעכה.
און עזריקם האָט באַמערקט, ווי תמר נעמט נישט אַראָפּ די אויגן פון אמנונען, און אַ בייז געפיל האָט געברענט אין אים. ער האָט אָבער זיין צאָרן פאַרבאָרגן און האָט געזאָגט: „אַזעלכע שיינע רעדנער ווערן אין ציון געבוירן טאָג־טעגלעך, אָבער ווער קוקט זיך אום אויף זיי, וואָרום זיי געפינען זיך אין דער גרויסער שטאָט, וואו עס וואוינען גרויסע לייט און אַלע ריידן שיין; אַנדערש איז עס אָבער ביי די פויערים, די ערדאַרבעטער און פּאַסטוכער, וואָס הערן אַ גאַנצן טאָג נאָר דאָס פּייפן פון די סטאַדעס, און קוקן שטענדיק אויף זיי, דעריבער זיינען זיי פאַרגרעבט און זיי קענען נישט גאָט און ריידן זייער פּראָסט. דעריבער טוען מיר זאָגן אויף דעם יונג: „זע, דאָס איז אַן אויסנאַם!"
האָט סתרי אים געענטפערט, אַזוי צו זאָגן:
—אודאי פּאַסט פאַר אַ מענטשן פון שטאָט צו לויבן זיינע שטאָטלייט, איך אָבער, וואָס איך וואוין אין וואַלד פון כרמל, וועל לויבן די פּאַסטוכער און פויערים. עזריקם האָט געזאָגט: די פויערים קענען נישט גאָט. דערויף וועל איך אים ענטפערן: אמת טאַקע, גאָטס כבוד טוט רוען אין גלוסטיקע פּאַלאַצן, גאָטס וויסן—אין די געצעלטן פון די צדיקים און זיין שיינקייט—אין הייליקן בית־המקדש, אָבער די פּאָרכט פאַר גאָט ליגט אין די דערפער, און הגם זיי זיינען ווייט פון גאָטס הויז, איז אָבער גאָט זיי נאָענט צו די הערצער. און זיי דערקענען גאָטס כּוח אין אַלע צייטן פון יאָר, אין דער צייט פון אַקערן און אין דער צייט פון שניט, אין דער צייט, ווען עס פעלט אויס ברויט און אין דער צייט, ווען די תבואות זיינען פול. די מאַנסלייט אַרבעטן פון באַגינען אין פעלד—און זייערע ווייבער, די שיינע און געזונטע—אין הויז, די שטאָטלייט אָבער ליגן פויל אויף זייערע העלפאַנדביינערנע בעטן און שרייען אויף די דינער.

יענער וואַשט אים אַרום, טוט אים אָן פּונקט ווי אַ געץ, וואָס קען זיך אַליין נישט רירן פון אָרט. אין שטאָט איז ליגן און פאַלשקייט, דאָרט ברענט ווי אַ גיהנום און איינער דעם אַנדערן פאַרגינט נישט דעם ביסן. די דאָרפסלייט אָבער ווייסן נישט פון דעם אַלעם.

און ידידיה האָט זיך אָנגערופן און געזאָגט צו סתרי: „פאַרבאַ־האַלט דיינע שטראָף־רייד אויף אַ תענית־טאָג. היינט איז דאָך יום־טוב צו גאָט, לאָמיר בעסער טרינקען!" ער האָט דערלאַנגט ווייַן צו די פאַרבעטענע און געזאָגט: „ליידיקט אויס אייערע בעכערס, און אַזוי זאָל גאָט אויסלערן זיין ברכה צו די איינ־וואוינער פון שטאָט און פון דאָרף!

און די בעכערס זיינען אָנגעגאָסן געוואָרן צום דריטן מאָל, און זיי האָבן געטרונקען און זיינען שכור געוואָרן; און אויך עזריקם האָט געטרונקען, כדי צו פאַרטרייבן דעם אומעט פון זיין האַרץ, וואָס איז פאַרשעמט געוואָרן פון די אַלע רייד, וואָס ער האָט היינט געהערט, ווייל ביי זיך אין האַרצן האָט ער שטענדיק געוואוסט זיין נישטיקייט. און ידידיה האָט געזאָגט צו עזריקמען: „איך האָב געהערט אויף דיין הויז־שפּייזער אַזוי צו זאָגן: פאַר־מאַכט האָט עכן זיין האַנט און וויל נישט געבן פון זיין האַרס פאַרמעגן צו די אָרעמעלייט." האָט עזריקם געענטפערט: „דער־פאַר טאַקע האָב איך זיך היינט אויסגעשריגן אויף אים, און באַלד שיק איך איינעם פון דיינע הויזדינער, אים צו באַפעלן, ער זאָל עפענען אַ ברייטע האַנט פאַר די אָרעמעלייט."

האָט ידידיה דערויף געזאָגט:

—גוט, מיין זון, גיי אין דעם רעכטפאָרטיקן וועג, ווי דיין פאָ־טער יורם האָט געטאָן.

האָט עזריקם אַזוי געטאָן קעגן זיין ווילן און געהאַט דערפון גרויס קריינקונג.

און די יונגע נביאים האָבן זיך באַהעפט צו אמנונען, און פאַר־נאַכט האָבן זיי געבענטשט ידידיהן און זיין הויז און זיינען זיך אַוועקגעגאַנגען. האָט אמנון אויך געוואָלט אַוועקגיין, אָבער ידידיה האָט אים נישט געלאָזט.

און עזריקם האָט גערופן צו תּימנען און תּמרן, זיי זאָלן גיין מיט אים אין זיין הויז און דאָרט מיט אים פֿאַרברייינגען די נאַכט. האָט תּמר נישט געוואָלט גיין, האָט ער שטאַרק געבעטן תּימנען און יענער איז מיט אים יאָ געגאַנגען, איז אויך זמרי מיט זיי מיטגעגאַנגען. און איידער תּימן איז אַוועק, האָט ער געזאָגט צום פֿאָטער: „זאָל אמנון בלייבן וואוינען ביי אונז״. האָט ידידיה געזאָגט צו אמנונען: „איך האָב פֿאַר דיר אָפּגעזונדערט דאָס בוידעמשטיבל, וואָס אין גאָרטן, דו זאָלסט דאָרט וואוינען און דיין גאַנץ אויסקומעניש נעם איך אויף זיך. אָבער שטאַרק זיך און ווער אַ מענטש.״ און ער האָט אים אַרויפֿגעפֿירט אויפֿן בוידעמשטיבל און דערביי זיינען געשטאַנען אבישי און סתרי, עזריקם און תּימן, און ער האָט געזאָגט: „דאָ האָסטו אַ בעט, אַ שטול, אַ טיש און אַ לייכטער, ווי אויך אַ פֿידל און אַ האַרפֿע צום שפּילן, וואָרום איך האָב געהערט, אַז דו קענסט שפּילן.״

האָט אמנון געזאָגט:

—איך בין צו קליין, מיין האַר, זאָלסט מיט מיר טאָן אַזאַ חסד.״ דערנאָך איז יעדער געגאַנגען אויף זיין אָרט און אמנון איז געבליבן זיצן אויפֿן בוידעמשטיבל, פֿאַרזונקען אין זיינע טראַכטונגען.

און דאָס גערויש פֿון די גרויסע מחנות, וואָס פֿייערן דעם יום־טוב, האָט זיך צעטראָגן איבער דער גאַנצער פֿריילעכער שטאָט: אַ טייל זינגען אויפֿן ציון־באַרג, אַנדערע ווידער ברומען פֿרייליך אויף די גאַסן; בחורים און מיידלעך האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ טאַנץ און עלטערע שטייען און קוקן. האָט מען זיך געפֿרייט מיט גאָט און מיט דעם קעניג, ווייל אין זיינע צייטן האָט געבליט דער שלום. איילאָמפּן ברענען אַזויפֿיל, ווי די שטערן אין הימל, באַלייכטן דעם ציון־באַרג און אַלע ערטער, וואו מען זאַמלט זיך צענויף, ווי אויך דעם דוד־טורם. די טורמס שיינען, ווי טייערע שטיינער פֿאַרן אויג. אויך די לבנה האָט מיט היילקייט אַרויסגעשיינט איר ליכט אויף ציון, גאַסן שטאָט. און אמנון קוקט אַרויס דורכן פֿענסטער פֿון זיין

חדר און זעט די אַלע גלוסטיקע זאַכן, וואָס קוקן צו אים פון ציון־באַרג. און תּמר גייט דורך אין גאָרטן מיט איר דינסט מעכה, און אַז זי האָט דערזען אמנונען, האָט זי אומישנע אַוועק־געשיקט מעכהן, זי זאָל פאַר איר ברייננגען אַ בעקן מיט זאַפט פון מילגרוימען. און זי האָט געגענט צום פענסטער און געזאָגט:

—טייערער יונגלינג, גרויסעס רעדט זיך וועגן דיר אין חלום, וואָרום אַזאַ יונגלינג, ווי דו זעסט אויס, לויט דיין וואוקס און געשטאַלט, האָט חננאל געזען אין חלום, אַ יונגלינג, וואָס וועט שיינען אין אונזער הויז. און דער חלום פון חננאל, מיין מור־טערס פאָטער, זאָל מקוים ווערן אויף דיר, ווייל דו וועסט באַ־וויזן גרויס וואונדער און אַ סך גוטס איז פאַר דיר אָנגעגרייט. און איצט—זאָג מיר, איך בעט דיך, פון וואָס פאַר אַ משפחה קומסטו אַרויס? איך וויל עס וויסן.
און אמנונס אויגן זיינען פייכט געוואָרן פון טרערן און ער האָט געזאָגט:
—צאַרטע און שענסטע צווישן פרויען! מאַך נישט האָפן מיין האַרץ דורך גוטע חלומות, וואָרום וואָס אַזוינס האָסטו דערזען אין מיר? אַ פאַרשניטענער בין איך, ווייל מיין אָפּשטאַמונג איז פאַרהוילן אויך פון אבישין, וועלכער האָט מיך געקויפט פון אַ פרעמדן מענטש, ווען איך בין נאָך אַ קינד געווען.
האָט תּמר צו אים געזאָגט:
—זיי נישט טרויעריק, וואָרום אַ סך זאַכן זעט אין דיר דעם מענטשנס אויג: שיינקייט, שטאַרקייט און אַ גוט האַרץ.
האָט אמנון אָפּגעזיפצט און געזאָגט:
—צי געפינט זיך דען אַ מענטש אין דער גאַנצער שטאָט, וואָס זאָל אָננעמען מיין שיינקייט פאַר עשירות און מיין שטאַרקייט פאַר יחוס?
האָט תּמר צו אים געזאָגט:
—און ווער ווייסט, אפשר געפינט זיך אין דער שטאָט אַ מיידל, וואָס דיין ליבע איז איר טייערער פונם לעבן, און איר אַרט נישט, פון וואַנען דו קומסט אַרויס?

און תמר האָט נישט געקענט פאַרענדיקן אירע רייד, וואָרום מעכה איז דערווייל צוריקגעקומען און איר געזאָגט, אַז תרצה רופט זי, כדי צו גיין מיט איר שפּאַצירן איבער די גאַסן פון ציון. האָט זי אויך אמנונען גערופן און אַלע צוזאַמען זיינען געגאַנגען זיך ווײלן צווישן דעם עולם אויף די גאַסן. און תמר, וואָס האָט זיך דערוואוסט, אַז זיין אָפּשטאַמונג איז פאַרהוילן, האָט איצט אָנגעהויבן מער צו האָפן, וואָרום אַזוי האָט מען דאָך חננאלן געזאָגט אין חלום: זיין אָפּשטאַמונג איז פאַרהוילן און מיט דער צייט וועט זיך עס אַרויסווייזן.

און עזריקם, ווען ער איז געקומען אַהיים, האָט ער געפרעגט עכנען וועגן די נדבות פאַר די אָרעמעלייט, האָט אים עכן גע־ענטפערט: „איך האָב זיי צעטיילט, ווי דו האָסט באַפוילן: קאָרן, ווייִן און אייל מיט דער ברייטער האַנט." האָט זיך אין אים צעפלאַקערט זיין צאָרן און ער האָט אים גאָרנישט געזאָגט, ביז תימן און זמרי זיינען אַוועק אַהיים. זיין צאָרן האָט אים גע־ברענט אויף זיינע באַדינער, וואָס האָבן אים פאַרשעמט אין ידידיהס הויז, און ער האָט זיי אכזריותדיק געשלאָגן. און צו עכנען האָט ער געזאָגט: „וויסן זאָלסטו פון היינט אָן אויף ווײ־טער, אויב איך וועל צו דיר זאָגן: גיב דעם מענטשן אַלץ, וואָס ער דאַרף, זאָלסטו טאָן נישט ווי איך זאָג, נאָר ווי איך טראַכט, זאָלסט נישט קוקן אויף מיינע ווערטער און נישט געבן."

האָט עכן צו אים געזאָגט:

—פאַרוואָס, מיין האַר, ווילסטו מאַכן אַזוי, אַז די קללות פון די אָרעמעלייט זאָלן פאַלן אויף מיר, און ווילסט אַראָפּוואַרפן פון זיך די בושה און זי אַרויפוואַרפן אויף מיר?

—אוי, דו נידעריקער קנעכט!—האָט עזריקם אויסגעשריגן.—דו דאַרפסט מורא האָבן פאַר דעם בייזן צאָרן פון דיין האַר און נישט פאַר דער קללה פון אָרעמאַן, וואָס איז אַזאַ נידעריקער מענטש, ווי דו ביזט. איינמאָל האָב איך געזאָגט און גענוג, די דאַרפסט געהאָרכן, און אויב נישט, וועסטו אַלץ ווײלע דער־ציטערט ווערן פון מיינע קלעפּ. מיין טאַטע האָט זיך מיט דיר

געצאַצקעט אין דער יוגנט, און מיין האַנט וועט זיך שווער אַראָפּלאָזן אויף דער עלטער. און ווייל עכן האָט מורא געהאַט פאַרן צאָרן פון זיין האַר—האָט ער פון היינט אָן שוין אַזוי געטאָן, ווי יענער האָט אים באַפוילן, און זיין נאָמען איז פאַרשאָלטן געוואָרן.

און די מענטשן פון ידידיהס הויז זיינען צוריק אַהיים געקומען. אין אַלע פּאַלאַצן פון ירושלים זיינען די ליכט. דאָ אויסגעלאָשן געוואָרן און דאָרט שוין טונקל געברענט. ס'האָט אויפגעהערט דער טומל פון די־יעניקע, וואָס האָבן זיך געלאָזט וואוילגיין און אַנטשוויגן געוואָרן זיינען די גרויסע מחנות פון שטאָט. פון דאָ און דאָרט האָבן זיך נאָך געהערט די געזאַנגען פון די שכורים און די שטימען פון די אויסקוקער און שטאָט־וועכטער, וואָס האָבן איינער דעם אַנדערן גערופן: „געבענטשט איז גאָט פון ציון, וואָס רוט אין ירושלים, לויב צו אים!"

און אמנון איז געגאַנגען אויף זיין געלעגער, אַנטשלאָפן צו ווערן און דער שלאָף איז פאַרוואָגלט געוואָרן פון זיינע אויגן, ווייל איבערגעפולט איז זיין האַרץ געווען פון ציונס שיינקייט און פון תמרס רייד, און ער האָט מיט שרעק אַזוי געטראַכט: „ווייט איז דאָך תמר פון מיר, ווי ווייט עס איז הימל פון ערד. טאָמער וועט איר פאָטער באַמערקן, אַז זי האָט מיך ליב, וועט ער מיך האַלטן פאַר אַ שטרויכלינג אין זיין הויז און וועט מיך פאַרטרייבן מיט חרפה און שאַנד". און אַז ער האָט זיך דערמאָנט אָן עזריקמען, האָט זיין לייב אָנגעכאַפּט אַ ציטערניש.

—ווי! תמר דו שטילע און טייערע,—האָט ער זיך געשראָכט,— בערג רינגלען דיך אַרום און איך ציטער פאַר זיי.

און אַ גאַנצע נאַכט האָט ער נישט געקאָנט צומאַכן מיט אַן אויג. די פרומע לייט האָבן זיך געפעדערט אויפצושטיין און גיין אין גאָטס הויז אַריין און ער האָט נאָך אַפילו נישט איינגעדרעמלט.

ח.

און חפר און בוקיה זיינען שטאַרק פאַראָרעמט געוואָרן. זונרום פון דעם טאָג אָן, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן די גבֿלות צו יורמס הויז, האָט אין אַלץ, וואָס זיי האָבן געטאָן, גערוס גאָטס קללה. זייערע הייזער זיינען ליידיק געוואָרן פון שפּייז, און זייערע שטיקלעך ערד זיינען פאַרשאָלטן געוועז, האָבן זיי געבעטן ביים שופט מתן, ער זאָל זיי שטיצן דערפאַר, וואָס זיי האָבן אויסגעפירט זיינע פאַרלאַנגען, פאַרברענט חגיתן און געבראַכט יורמס אוצרות צו אים און פאַלש עדות געזאָגט אויף נעמהן. האָט זיי מתן געענטפערט: „פון אַלע יורמס אוצרות איז מיר דאָך שוין גאָרנישט געבליבן מער ווי טרויעריקייט אין מיין האַרץ, און וואָס זשע זאָל איך אייך געבן פאַר אייערע זינד? עס טוט מיר שוין איצט באַנג די גאַנצע זאַך, וואָס איך האָב אָפּגעטאָן, דאָך אָבער וועל איך געפינען הילף פאַר אייך אין אַן אַנדער אָרט, וואַרט צו אַ ביסל.”

און איינמאָל, אין אַ טאָג, איז מתן געקומען צו עזריקמען און האָט צו אים געזאָגט:

—דו זיצט זיך רואיק און צעפרידן אין דיין הויז, און ווייסט גאָרנישט וואָס פאַר אַ צרות עס גייען אויף דיר, וואָרום געקו־מען זיינען צו מיר חפר און בוקיה און האָבן צו מיר אַזוי געזאָגט:

—שולדיק זיינען מיר אין דעם, וואָס מיר האָבן פאַלש עדות געזאָגט אויף נעמהן. מיר זיינען דעריבער גרייט דאָס צו זאָגן פאַר די אַלטע לייט, די שופטים, און זיי זאָלן פון איר אַראָפּ־נעמען די זינד, וואָס מיר האָבן אויף איר אַרויפגעלייגט מיט אונזער פאַלש עדות זאָגן. און דו, האָסט דאָך מסתּם געהערט פון עכנען, אַז ווען נעמה איז אַנטלאָפן פון דיין פאָטערס הויז, איז זי טראָגעדיק געווען, און ווער ווייסט, טאָמער האָט זי געוואונען אַ זון צו דיין פאָטער, וועט ער איצט קומען און וועט פון דיר צונעמען תּמרן, ידידיהס טאָכטער, וואָרום צום זון פון נעמה איז זי פאַרקנסט פון איר קינדהייט אָן, און ער וועט פון דיר אויך צונעמען אַ העלפט פון דיין פאַרמעגן. טאָ זע־זשע וואָס דו האָסט צו טאָן, כּדי צו בלייבן אַליין דער באַלעבאָס פון דיין פאָטערס פאַרמעגן. האָב דאָס אין זינען, וואָרום איך בין דיר אַ פריינט! דעריבער האָב איך נישט דערלאָזט, אַז חפר און בוקיה זאָלן זייער סוד אויסזאָגן פאַר די אַלטע לייט, די שופטים. איך האָב אָבער מורא, טאָמער וועט זייער אָרעמקייט זיך שטאַרקן, וואָרום זיי זיינען מענטשן מיט פאַרביטערטע הער־צער און זיי וועלן זיך טראַכטן: ס'איז אונז שוין אַלצאיינס, אונז איז סיי ווי שלעכט, און זיי וועלן קומען און דערציילן פון זייערע זינד, און אַ העלפט פון דיין פאַרמעגן וועט אַוועק־גיין צו אַן אַנדער יורש.

האָט עזריקם געזאָגט צו מתנען:

—זייער פיל האָסטו פאַר מיר געטאָן, און דיין חסד וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן, און חפרן און בוקיהן וועל איך געבן אויף זייער אויסקומעניש.

האָט עזריקם אַזוי געטאָן און געשפּייזט חפר מיט בוקיהן. אָבער אַז עכן האָט געזען, אַז פרעמדע זעטיקן זיך פון זיין זונס פאַר־מעגן און ער מיט זיין ווייב חלאה און זייערע איבעריקע קינ־

דער זיינען אויף אייביק פאַרקויפט פאַר קנעכט צו זייער איי־גענעם זון, האָט ער געקריצט מיט די ציין און איז אויסגעע־גאַנגען ווי אַ ליכט. האָט ער געוויינט פאַר זיין ווייב חלאה און געזאָגט צו איר: „פאַרפלוכט זאָל ווערן דער אויסוואורף מתן, וואָס האָט מיך געבראַכט דערצו, אַז אונזער זון נבל זאָל דער־הויבן ווערן און צו מאַכן אים פאַר אַ האַר, וואָס זאָל אויף אונז רייטן. כ׳בין שוין מיד צו בייסן די ליפן פון כעס, נישט לאַנג נאָך וועל איך זיך איינהאַלטן. היינט אָדער מאָרגן וועל איך אים זאָגן דעם אמת און זאָל זיין, וואָס עס וויל זיך!"

האָט חלאה צו אים געזאָגט:
—חלילה, עכן, וואָרום טאָמער וועסטו עפּעס אַרויסזאָגן, זיינען מיר מיט אונזערע קינדער פאַרלאָרן. און וואָס אַזוינס טוט דיך צווינגען, וואָס דו ווילסט מאַכן באַוואוסט דיין כבוד, אַז דו ביזט געווען דער פאָטער פון אַ האַר פון יהודה? זאָל זיך בע־סער דיין האַרץ פרייען אין דערשטיל.
האָט עכן צו איר געזאָגט:
—דערדאָזיקער האַר וועט אונז נאָך לאָזן פילן זיין שווערע האַנט, וואָס ער וועט אויף אונז אַראָפּלאָזן און ערשט דעמאָלט וועלן מיר וויסן, ווי אומגליקלעך מיר זיינען. נאָר זיי וויסן, ווען נישט דאָס, וואָס איך זאָרג פאַר די איבעריקע קינדער מיינע, וואָלט איך שוין נישט געשוויגן.
האָט זיך עכן געקלאָגט פאַר מתנען אויף זיין זון, וואָס פּיי־ניקט אים און איז אים מביש, און מתן האָט צו אים אַזוי גע־זאָגט:
—דער כבוד פון דיין זון שיינט דאָך נאָר אינדערפינסטער, ווייל קיינער ווייסט נישט פון אים און אויב דו וועסט זיין פינסטערניש באַלייכטן, וועלן אנטפּלעקט ווערן צוזאַמען מיט זיין שאַנד אויף דיינע שלעכטע מעשים און דו מיט דיין ווייב וועסט פאַרשניטן ווערן. און אויב דיין האַרץ ווייטאָקט פון דער שאַנד, וואָס דו ליידסט פון דיין זונס כבוד, וועט דיר דאָך גרינגער ווערן, אַז דו וועסט וויסן מיין ווייטאָק, וואָרום

מיר איז ערגער און ביטערער פון דיר. איין רגע האָב איך זיך נוקם געווען אין חגיתן און אויף לאַנגע יאָרן איז שטאַרק מיין ווייטאָק, אַז איך דערמאָן מיך, ווי איך האָב דיך אָנגערעדט צו פאַרבלענדן דאָס הויז פון יורם, וואָס איז מיר געווען אַ גוטער פריינט און צו מאַכן, אַז עס זאָל אויף אייביק אַנטלויפן נעמה, וואָס האָט מיר קיינמאָל קיין שלעכטס נישט געטאָן. און צו וועמען געהער דאָס גאַנצע פאַרמעגן? נאָר צו דיין זון. וויי! דאָס איז אַ ברענונג אין מיינע ביינער, און דערפון גיי איך שטענדיק אַרום אַ טרויעריקער. אויך ביינאַכט לאָזט עס מיר נישט רוען.

—ווי געשריען!—האָט אויך עכן געענטפערט, פאַרברעכנדיק די הענט.—וואָס האָב איך געטאָן? ס'איז דאָך מיר און מיין ווייב בעסער געווען צו ווערן געפייניקט אונטער חגיתעס האַנט, איי־דער אונטער דער האַנט פון אונזער אייגענעם זון, דעם אכזר, דער שלאַנג, וואָס איך האָב אויפגעהאָדעוועט אין הויז פון יורם מיין האַר; און אַז איך דערמאָן זיך אָן זיין געליבט ווייב נעמה, ווער איך שטאַרק דערשלאָגן, וואָרום ווער ווייסט וואָס מיט איר איז געוואָרן?

האָט אים מתן געענטפערט מיט אַ געבראָכן געמיט:

—דעריבער, עכן, לאָמיר אָפּווישן די מיילער, שווייגן און שטומען.

און מתן האָט נישט געזאָגט קיין ליגן, וואָרום ער איז געוואָרן ווי אַ שאטן, וואָס בלאָנדזשעט אַרום און קיינער האָט נישט געוואוסט די פיין פון זיין האַרץ, און וואָס פאַר אַ נוצן האָט ער געהאַט פון יורמס אוצרות, אַז זיי זיינען ביי אים געלעגן באַהאַלטן, וואו קיינער האָט עס נישט געקענט זען, וואָרום ער האָט מורא געהאַט זיי אַרויסצעווייזן.

און אמנון האָט זיך געפונען צווישן די יונגע נביאים, און אַ׳ע פון ידידיהס הויז האָבן אים זייער ליב געהאַט, אַחוץ זמרין, וואָס האָט מיט אים גערעדט מיט ליבשאַפט און פרידן, אָבער אין האַרצן האָט ער אויף אים געלאָקערט, וואָרום עזריקם האָט אים אַזוי געזאָגט:—אמנון דער פאַסטוך איז פאַר מיר אַ שט־

כּיקער דאָרן אין ידידיהס הויז, אויף אָפּצעווענדן תּמרס האַרץ פון מיר, דעריבער גיב מיר אַן עצה, וואָס צו טאָן. און פון דעמאָלט אָן האָט זמרי שטאַרק אַכטונג געגעבן אויף אמנון און תּמרס פירונג און אַלץ, וואָס ער האָט געזען אָדער געהערט, האָט ער דערציילט עזריקמען, וואָרום ער האָט געהאָפט צו באַקומען שׂכר פאַר זיין אַרבעט.

אָבער אמנון לערנט זיך און ווערט אַלץ קליגער, און ידידיה מיט תּרצהן האָבן אים געהאַלטן זייער חשוב און גענויגט צו אים זייער חסד, און תּימן האָט אים ליב געהאַט, ווי אַ ברודער, און תּמר האָט געגלוסט צו אים.

און ידידיה האָט אים געגעבן אַ יונג פּאַר אַ באַדינער און זיין נאָמען איז געווען פורה, און אמנון האָט נישט געוואָלט אַלע טאָג עסן ביי ידידיהס טיש, נייערט אַלע ראש חודש און שבת, ווי אויך אין די יום־טוב־טעג; און די איבעריקע טעג האָט אים פורה געבראַכט זיין מאָלצייט פון ידידיהס הויז—און ער האָט געגעסן ביי זיך אין זיין בוידעמשטיבל. און אויך עזריקם פלעגט זיין פאַרבעטן צום מאָלצייט אין די ראש־חודש־טעג, שבתים און יום־טוב־טעג.

און ס׳איז געווען אין סוף פון דריי חדשים, זינט אמנון האָט געוואוינט אין ידידיהס הויז, אין אַ טאָג פון ראש־חודש, איז ידידיה מיט זיין הויזגעזינד געזעסן אַרום טיש און אמנון האָט דאָס מאָל עטוואָס פאַרשפּעטיקט. און אַז ער איז אָנגעקומען, האָט אים ידידיה אַוועקגעזעצט צו דער רעכטער זייט פון תּימנען, און עזריקם איז געזעסן אַקעגן אים, און זמרי נאָך אים.

און ידידיה האָט געזאָגט צו אמנונען:

—ווי זיס זיינען געווען די רייד פון ישעיהו בן־אמוץ, ווען ער האָט גערעדט איבער די איינוואוינער פון ציון! און דו, אמנון, דיינע אויערן זיינען דאָך עפּעס אָפן, צו הערן און צו פאַרשטיין אַזאַ זאַך.

האָט עזריקם געזאָגט:

—אַ ן ווער פון די איינוואוינער פון ציון פאַרשטייט דען נישט

די שטראָף־רייד פון די־יעניקע, וואָס שטראָפן אויף די געמאַרקן?

—ס׳איז נישט אַזוי,—האָט אים ידידיה געענטפערט.—נישט יעדעס אויער כאַפּט אויף די ווערטער, און נישט יעדעס האַרץ פאַרשטייט אַ זאַך, ווי עס באַדאַרף צו זיין. צי איז עס נישט אַזוי, אמנון?

האָט אמנון געענטפערט און געזאָגט:

—אמת טאַקע, מיין האַר, דערהויבן זיינען די רייד פון בן־אמוץ איבער די געטלעכע רייד, וואָס עס טוען ריידן די איבעריקע נביאים. וואָרום זיין האַרץ צעגליט זיך דורך אַ געטלעכן פלאַם, און זיין נשמה דערהויבט זיך פון דער ערד איבער דער וועלט מיט אירע מענטשן, און לאַכט זיך אויס פון איר ברומען און טומלען. זיין גייסט דערהויבט זיך הויך ווי אַן אָדלער, וואָס פליט מיט גרויסקייט ביז צו די הימלען און פון דאָרט, פון דער הויך קוקן אַראָפּ זיינע אויגן און באַטראַכטן דאָס גאַנצע לאַנד. זיינע שוואַרצאַפּלען זעען פון דאָרט אַלע מענטשן פון זיין פאָלק, פאָרשן נאָך זייערע געדאַנקען און קוקן זיך צו צו אַלע זייערע מעשים. און אַז ער זעט די זינד פון יהודה, וואָס וואַלגערט זיך אויף די גאַסן ווי אַ צעטרעטענער פגר, גיט ער פון דער הויך אַ פלי אַראָפּ, ווי אַן אָדלער, וואָס פליט צום פאַרצוקן און מיט זיך טראָגט ער דעם צאָרן פון זיין גאָט, און מאַכט דערציטערן און טוט שטורמען און דונערן מיט זיין הייליקער שטים און פון זיין מויל טוט ער אַרויסשלאָגן פלאַמען ברענענדיק פייער, צו פאַרברענען די זינד פון ווידערשפעניקונג און אויסצוראָטן די עולות. אָבער נאָר איין ווילע צאָרנט ער, און ווי נאָר עס גייט פאַרביי דער שטורם, און אַ לינד זיס ווינטעלע און אַ לייטזעליקייט גייט דורך איבער אים, דעמאָלט טריפן זיינע לעפצן מיט האָניק, מיט שפּילנדיקע ווערטער, אָנצוזעטיקן מיט פרייד די הערצער פון זיינע צוהערער. אַמאָל שטעלט ער אונז פאָר דעם אַלמעכטיקן גאָט, דעם הערשער, ווי ער באַווייזט זיך אין פאָרכטיקער גרויסקייט און שיינקייט, און אַרום אים,—די ברענענדיקע מלאכים מיט אויס־

געשפרייטע פליגלען, וואָס זיינען גרייט צו פליען אומעטום, וואו עס וועט זיי שיקן דעריעניקער, וואָס איז דערהויבן אין זיין הייליקייט. און אַמאָל־אַנטפּלעקט ער פאַר אונז די סודות פון גאָט, לאָזט אונז צו וויסן, וואָס ער האָט גערעדט און גע־ראָטן דער אַלמעכטיקער. און אַמאָל גאָר פאַרטראָגט זיך זיין האַרץ, צו זען, וואָס עס טוט זיך אין די לענדער פון די פעל־קער, וואָס וואוינען אַרום אונז, צו זען דאָרטן די צעבראָכנקייט און צענישטערונג. ישעיהו באַווייזט דאָס אַלץ פאַר אונז און וואָס ער זעט, אַנטפּלעקט ער פאַר אונזערע אויגן, ווי מיר וואָלטן עס אַליין געזען: ווי גרויסע מחנות מענטשן שוועבן צו גוטס אָדער שלעכטס, און ווי אונזערע אויערן וואָלטן געהערט דאָס ברומען פון מדינות, זייער שמחה אָדער קלאָג. אַזוי איז ער, דער גרעסטער פון נביאים, און אַזוי זיינען זיינע רייד, וואָס גאָט האָט אים געגעבן. די הערצער פון זיינע צוהערער ציט ער נאָך זיך מיט שטאַרקייט, זייערע געמיטער און נשמות זאַמלט ער צענויף צו זיך און טוט זיי נויגן וואוהין ער וויל.

און אַלע, וואָס זיינען געזעסן אַרום טיש, האָבן זיך שטאַרק צוגעהערט צו אמנונס זיסע רייד, ביז ער האָט געענדיקט. און ידידיה האָט געענטפערט און געזאָגט: „דיין צונג, אמנון, איז אַ פען פון אַ געניטן שרייבער! אַזוי זאָלסטו מערן צו קויפן חכמה און מיין האַרץ זאָל זיך אויך פרייען". האָט תימן געזאָגט: „צענדליקער טויזנטער אויערן פאַרנעמען די רייד פון עלטסטן נביא און נאָר איין האַרץ פון טויזנט טוט זיי פאַרשטיין." און עזריקם האָט זיך פאַרקרימט ביי דידאָזיקע רייד און גאָרנישט געענטפערט.

און ס'איז ווידער געווען אין אַ יום־טוב־טאָג, און ידידיה האָט געזאָגט צו אמנונען, ווען זיין הויזגעזינד איז דערביי געווען:

—דו האָסט דאָך מציל געווען מיין טאָכטער פון די ציין פון דער ווילדכטער חיה, ווייל דו האָסט אַ שטאַרקע האַנט, און פאַרוואָס זאָל מיין האַנט שוואַך זיין דיך צו באַלוינען, ווי דיר

קומט? און דעריבער, באַוויליק און נעם פון מיר אַ געלטגעשאַנק, וויפיל דו ווילסט זיך נאָר אַליין אויסבעטן, און דאָס זאָל דיר זיין אַ לוין פאַר מיין טאָכטער, וואָס דו האָסט זי מציל געווען, און אויך עזריקם וועט דיר שיינקען אַ נחלה פון פעלד און גאָרטן, וואָרום קיין שום פאַרמעגן קען פאַר אים נישט ווערט זיין אַזויפיל, וויפיל מיין טאָכטער, וואָס האָסט מציל געווען. נעם־זשע דאָס אַלץ און וועסט זיך אַליין אויך איינאָרדענען.

האָט אים אמנון געענטפערט און געזאָגט:

—איך האָב שוין איינמאָל געזאָגט, אַז איך וויל גאָרנישט נע־מען, און דו, מיין האַר, זיי מיר אויף ווייטער אַ באַשיצער, ווי דו ביזט עס מיר געווען ביז איצט, און מיין שכר איז זייער פול מיט דעם.

זיינען אמנונס רייד וואוילגעפעלן אין תמרס אויגן, און ידידיה האָט שוין מער דערפון נישט גערעדט. און אַזוי איז פאַרביי־געגאַנגען דער ווינטער, און תמר האָט שטאַרק געגלוסט צו איר געליבטן און אמנונס האַרץ האָט אויך געשטרעבט צו תמרן מיט פאַרבאָרגענער ליבע.

און אָנגעקומען איז דער ערשטער חודש, חודש ניסן, און אמנון האָט זיך געפעדערט צו קומען אין ידידיהס הויז, און האָט דאָרט געטראָפן תמרן און תימנען אַליין, וואָרום ידידיה איז נאָך נישט צוריקגעקומען פון גאַס, און תרצה איז געווען ביי אירס אַ פריינדן אין הויז. האָט תמר געפרעגט אמנונען, וואָס ער מאַכט, און אמנון האָט געזאָגט: „אַ דאַנק, מיין האַרינטע!” האָט זי געזאָגט צו אים:

—און פאַרוואָס זעסטו אויס אַזוי טרויעריק, אמנון?

האָט תימן געענטפערט:

—וואָרום זיין געמיט איז דערשראָקן פון דעם שלעכטן נביאות, וואָס בן־עמוץ זאָגט אויף ציון, און זעט, וואָס עס דאַרף גע־שען. אַמאָל באַטראַכט ער די שפּאַלטן, וואָס זיינען אַ סך אין דעם מויער, וואָס רינגלט אַרום דודס שטאָט, און אַמאָל טראַכט ער פון אירע חילות, וואָס זיינען ווייניק.

האָט אים אמנון געענטפערט:
—אויף די אַלע זאַכן גיט אַכטונג דער באַשיצער פון דודס שטאָט און גאָט דער אַלמעכטיקער איז זיין נאָמען. און וואָס בין איך איך זאָל דערפאַר זאָרגן? נאָר זיי וויסן, תּימן, אַז דאָס חיל פון ציון איז גאָרנישט אַזוי וויניק, ווי דו מיינסט.
האָט תּימן געזאָגט:
—דאָס חיל איז טאַקע גרויס, וואָרום די מלאכים פון גאָט ניי־דערן אַראָפּ צו מושטירן אויף דעם באַרג ציון און אויף אירע בערגלעך.
האָט אמנון צו אים געזאָגט:
—אויב גאָט וועט זען, אַז ס׳איז קיין מענטשן נישטאָ, דעמאָלט וועט מען אויך פון הימל מלחמה האַלטן פאַר אונז. אָבער אונ־זער האַנט איז נאָך נישט אַראָפּגעפאַלן. אַז אַשור זאָלן קומען אין אונזער גרענעץ, דעמאָלט וועט זיך יעדער איינציקער מענטש, קליין, ווי גרויס, קנעכט, ווי האַר, זיך שטעלן צו באַשיצן אונ־זער לאַנד. די פּויערים, די ערדאַרבעטער, די כּהנים און די לוים, וואָס דינען פאַר גאָט, די אַרבעטער, וואָס טוען זייער מלאכה, די שופטים, וואָס היטן דעם משפּט און גערעכטיקייט, און די שוטרים, וואָס געוועלטיקן אין פאָלק,—זיי אַלע געפינען זיך אויף זייערע ערטער און ביי זייער אַרבעט נאָר אין די טעג פון שלום. נישט אַזוי אָבער איז אין די טעג פון טומל און רעש, ווען דער שונא פלייצט אָן ווי אַ טייך איבער זייער היימלאַנד. דעמאָלט פאַרלאָזן די פּויערים זייערע פעלדער, די אַרבעטער—זייער אַרבעט, די שופטים שטייען אויף פון זייערע שטולן און די כּהנים גייען אַרויס פון בית־המקדש, און ווי איין מענטש באַהעפטן זיי זיך אַלע צו די זעלנער, אַרויסצע־גיין צו העלפן זייער לאַנד און זייער געזאַלבטן מלך. אויך איך, הערנדיק די נבואה פון בן־אמוץ, וואָס זאָגט אָן וועגן אַ סך חיל, האָב מיך דערפילט, ווי איך וואָלט דערהערט דאָס קול פון שופר און דאָס שאַלן פון מלחמה. דערהערט די רייד פונם געטלעכן מאַן, האָט זיך מיין האַרץ דערוועקט, און מיין געמיט איז שטאַרק געוואָרן. אָך! האָב איך מיר געזאָגט, מיין

אַנט איז נאָך שטאַרק, מיין אָרעם איז קרעפטיק צו ציען דעם בויגן פון די גבורים, מיין פערד טוט אונטער מיר שלינגען די ערד, לאָם איך זיך באַהעפטן צו די רייטערזעלנער און איך וועל באַווייזן וואונדער מיט מיין בויגן און שווערד. ווי שיין איז דאָס מושטירן פון אונזערע רייטער און ווי שיין זיינען די טריט פון זייערע פערד, וואָס לויפן אין מלך־טאָל און זייערע רייטער גיבן זיי אַ טרייב, אַז זיי לויפן ווי די היישעריקן. ווער וואָלט געגעבן, איך זאָל זיין ווי איינער פון די העלדן און איך וואָלט פאַרגאָסן מיין בלוט ווי וואַסער פאַר מיין היימ־לאַנד, דער קוואַל פון מיין לעבן. איך בין אָבער נאָך יונג און מיין חלק איז אָרעם און קליין אין לעבן. אַלע מיינע האָפנונ־גען זיינען פון מיר פאַרלוירן.

—און פאַרוואָס, אמנון, ביזטו זיך מיאש פון דיינע האָפנונגען ?— האָט אים תמר געפרעגט און זי האָט מיט אַלע כוחות איינגע־האַלטן די טרערן.—פאַרוואָס, אמנון, האָסטו שוין נישט קיין האָפ־נונג ? די האָפנונג איז דאָך בעסער פון לעבן.

—דו אַליין ביזט דיר שולדיק,—האָט תימן אים געענטפערט.— וואָרום פאַרוואָס שאָקלסטו אָפּ דיין האַנט און ווילסט נישט נע־מען ביי אונזער פאָטער אַ גרויס געשאַנק פאַר דעם, וואָס האָסט מציל געווען תמרן דאָס לעבן ? אָבער זיי וויסן, אמנון, אַז דערמיט, וואָס דו האָסט זי מציל געווען, האָסטו אויך געפאַנ־גען אַ געפאַנג אין איר האַרץ : לייטזעליקייט, כבוד און אפשר— אויך ליבע.

און ביי דידאָזיקע ווערטער האָט ער אַ שמייכל געטאָן צו תמרן. און זי האָט געזאָגט צו אים : „רוק זיך אָפּ, דו האַרצקוקער !״ און תמר איז פון זיי אַוועק צו זיך אין צימער. און תימן האָט געזאָגט צו אמנונען :

—ווי דו זעסט מיך לעבן, אַז תמר האָט דיך ליב און האַלט דיך פאַר אַ ברודער, און אויך איך וועל דיך שטענדיק רופן „ברודער מיין״, און וואו דיר וועט גלוסטן צו גיין, אַהין וועל איך אויך מיטגיין. איך ווייס, אַז מיין פאָטער וועט טאָן דיין פאַרלאַנג און דיר געפינען אַן אָרט צווישן די רייטער, די העל־

דישע זעלנער, און מיט דיר גיי איך אויך, צו זען דיין שטאַרקייט און כבוד. איך ווייס, אַז דיין האַנט וועט באַווייזן וואונדער און דו וועסט ווערן אַ גרויסער האַר אין יהודה. זיי וויסן, ברודער! אויך איך האָב פאַרלוירן יעדע האָפנונג. קוק נישט אויף דעם, וואָס איך בין אַ רייכער זון, ווייל דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון מיין פאָטער איז נישט ז״משטאַנד מיר צוריקצוקערן די מנוחה פון מיין האַרצן, וואָס איז פון מיר מיט געוואַלד צוגענומען געוואָרן. אויפן שפּיץ פון כרמל איז מיין מנוחה געבליבן, דאָרטן האָבן מיינע אויגן געזען די שענסטע קרוין, די גלוסטיקייט פון לעבן, און דאָרט איז פאַרפלויגן מיין טייערסטער טרוים און איבערגעלאָזט אין מיין האַרץ אַ גרויס בייקעניש און פאַרוואָגלונג. אָבער פאַרהוילן זאָל דאָס בלייבן ביי מיר, אויף מיינע לעפצן וועל איך דאָס נישט אַרויפברייינגען, נאָר דאָס זאָלסטו וויסן, אַז דיין ליבע צו מיר איז מיר אַ לוין, אַ לוין פאַר דער ליבע, וואָס איז פון מיר דערווייטערט געוואָרן. דעריבער איז מיין האַרץ צו דיר שטאַרק צוגעבונדן.

—אָך!—האָט אים אמנון געענטפערט.—דאָס איז אַ סך פאַר מיר, אַ סך האָב איך געפונען אין דיין פאָטערס הויז, און צו וואָס דאַרף איך נאָך אַ פאַרמעגן? די ליבע איז דאָך טייערער פו אַלעם, די ליבע פון איין מענטש צום צווייטן, ווארום אַ מענטש וואָס האָט נישט קיין פריינט, פאַרברייינגט זיינע יאָרן אין טרויער און יסורים. נישט אַזוי אָבער איז דער מענטש, ווען גאָט האָט געלייטזעליקט מיט פאַרטרויטע פריינט, וואָס זייערע רייד מאַכן אים דערפרייען און טרייסטן אים אין די שלעכטע צייטן זיינע, און זייערע טרערן זיינען אַ באַלזאַם, וואָס היילט זיינע וואונדן. דערפאַר איז ליבשאַפט טייערער פון דעם גרעסטן פאַרמעגן.

און אַזוי ווי ער רעדט, איז ידידיה אָנגעקומען, און נאָך אים האָט זיך אויך תרצה באַוויזן. האָבן זיי געשיקט רופן עזריקמען, און יענער איז אויך געקומען.

און ס'איז געווען, ווען זיי זיינען געזעסן ביים עסן און תימן האָט געבעטן ביים פאָטער, ער זאָל ריידן מיט די האַרן פון

די קריגער, אַז זיי זאָלן אַריינגעמען אמנונען צווישן די רייטער, האָט דער פאָטער צו אים געזאָגט: „נאָך היינט וועל איך טאָן זיין פאַרלאַנג." און אַזוי איז טאַקע געווען, ווארום ידידיה האָט אים געגעבן אַ מצרים־פערד, און אמנון האָט גענידערט אין מלך־טאָל, זיך צו לערנען פאַר אַ קריגער, און פונדעסטוועגן האָט ער נישט אויפגעהערט צו קומען צווישן די נביאים, צו לערנען די וועגן פון גאָט. און אין אַלע זיינע וועגן האָט ער באַגליקט.

ט.

דער ווינטער איז אַריבער און דער שניט איז צייטיק געוואָרן. און עזריקם האָט געשיקט עכנען צו דינגען שניטער פאַר זיינע פעלדער, וואָס זיינען געלעגן אַרום ירושלים. איז עכן געגאַנגען און איז געקומען אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל, וואו עס וואוינען די אָרעמסטע פון פאָלק: שניטער, רייסער און אַקערלייט. האָט ער דאָרט געזען אַ קליין געצעלט, וואָס די ווענט דערפון זיינען געווען איינגעזונקען אין דער ערד ביז די פענסטער, איז ער אַריין דערין און האָט דאָרט געטראָפן אַ פרוי און אַ מיידל, וואָס האָבן גערעדט צווישן זיך, און ביידע האָבן געאַרבעט ביי שפינרעדלעך. און די פרוי איז געווען אַ שיינע, נאָר אַ טרויריקע און דאָס מיידל איז אויך זייער שיין געווען.

האָט עכן געזאָגט צו זיי: „גאָט העלף, מיינע טייערע!" האָבן זיי געענטפערט:—„זאָל דיך גאָט בענטשן." האָט עכן ווידער געזאָגט: „צי ווילט איר אפשר אויפהויבן אַ סערפּ צווישן די־

שניטער אָדער בינדן די זאַנגען אין סנאָפּעס נאָך די שניטער?
וואָרום ווי איך זע, זענט איר דאָך אָרעמע מענטשן. אָט איז
אָנגעקומען דער שניט צו דער פרייד פון די אָרעמע, וואָרום
אויסגעלאָזט האָט זיך דער ווינטער צוזאַמען מיט דעם אַלטן
קאָרן, און גאָר אינגיכן וועלן די אָרעמע עסן ברויט און גע־
ברענטע זאַנגען פון דער נייער תבואה". און עבֿן האָט די גאַנ־
צע צייט כון זיין ריידן נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון די־
דאָזיקע צוויי פרויען.

האָט די עלטערע פרוי געזאָגט:

—מיר היטן אָפּ אונזער געצעלט און אין אַ פרעמד פעלד אַריין
וועלן מיר נישט גיין.

האָט עבֿן געזאָגט:

—און מיט וואָס שפּייזט איר זיך אין ציון?

האָט די פרוי געענטפערט:

—מיט דעם, וואָס אונזערע הענט אַרבעטן אויס. דאָס איז אונ־
זער שניט, מיר אַרבעטן אויס ליילעכֿער, טעפּיכֿער און גאַרט־
לען, און פאַר דעם לוין, וואָס מיר באַקומען, דערנערן מיר
זיך, און מיר עסן נישט קיין געשיינקט ברויט.

האָט עבֿן געזאָגט:

—נישט אַנדערש, נאָר דו ביזט אַן אלמנה, און דאָסדאָזיקע מיידל
איז דיין טאָכטער. זי איז אָבער זייער אַ שיינע, און נישט פאַר
איר איז צו זיצן אין אַן אָרעם געצעלט, וואָרום אַז עס וועט
זי דערזען איינער פון די רייכֿע לייט, וועט ער זי באַזעצן אין
פאַלאַצן פון העלפאַנדביין.

האָט די פרוי געענטפערט:

—זאָגט דאָך דאָס פאָלקסווערטל: אין די פאַלאַצן פון רייכֿקייט
און פראַכט האָט די קנאה זיך אַ נעסט געמאַכֿט, און דאָס אָרע־
מע געצעלט האָט די זינד פאַרפעלט.

האָט עבֿן זיך גוט איינגעקוקט אין דער פרוי און דאָס האַרץ
איז אים שיעור אַרויסגעשפּרונגען, וואָרום ער האָט דערקענט
זיין האַרינטע נעמה, דאָס געליבטע ווייב פון יורמען. האָט ער
זיך נישט געגעבן צו דערקענען צו איר און איז אַרויס פון

געצעלט צערודערט און טרויעריק. און ער איז געקומען אַהיים און האָט דערציילט פאַר זיין ווייב חלאה פון דער פּאַסירונג און האָט געזאָגט: „דאָס האַרץ גייט מיר אויס פאַר דער צאַר־טער אויסגעאיידלטער נעמה. און מיין רחמנות איז גרויס צו דער טאָכטער פון יורם, אונזער האַר, וואָס בליט אין איר אָרעמ־קייט, ווי אַ רויז אין דער וויסטעניש. ווי איז צו אונז! ווייל מיר האָבן צופיל שלעכטס געטאָן צו יורמס הויז און דערמיט קיין שום גוטס פאַר זיך נישט געבראַכט". און חלאה, אויך זי איז דערשראָקן געוואָרן ביי דידאָזיקע ווערטער און זי האָט געזאָגט: „זיי געוואָרנט, טאָמער וועסטו אַרויסלאָזן איין וואָרט פון דיינע לעפצן און וועסט דערנידעריקן צו דער ערד דעם כבוד פון אונזער זון, וועלן מיר אויך האָבן אַ ביטערן סוף. פאַרשליס דיר דאָס מויל און שטום." און עלכן האָט געזאָגט: „אָט וואָס איך וועל צו זיי טאָן: „איך וועל ביי זיי קויפן אַ ליילעך אָדער אַ גאַרטל און וועל פאַר דעם אַ סך באַצאָלן פון עזריקמס תבואה־שפּייכלער, וואָרום צו זיי געהערט דאָך דאָס גאַנצע פאַרמעגן יורמס". האָט חלאה געזאָגט: „טו דאָס, אָבער מיט שכל און באַטראַכט, וואָרום איך האָב מורא, טאָמער ווערט ווער עס איז געוואָר פון דעם—זיינען מיר פאַרפאַלענע"
און ס'איז געווען אין אַ יאָר אַרום נאָכדעם, ווי אמנון האָט מציל געווען תמרן פון לייב, און ידידיה האָט געוואָלט מאַכן אַ סעודה פאַר דער משפחה און ער האָט געשיקט רופן עזריקמען, ער זאָל קומען צומאָרגנס צווישן די ערשטע פאַרבעטענע לייט.

האָט עזריקם געשיקט רופן זמרין, און אַז יענער איז געקומען, האָט ער צו אים געזאָגט:

—איך וועל נישט פאַרלייקענען פאַר דיר, זמרי, וואָרום דו ביזט דאָך מיין פריינט, אַז מיר איז דערווידער די גאַנצע סעודה, וואָס ידידיה מאַכט, צו דערמאָנען אמנונס שטאַרקע האַנט און זיין גוטס, וואָס ער האָט געטאָן צו תמרן. וואָרום איך וויים, אַז מאָרגן וועט דער פאַסטוך זיך אָנטאָן אין גדולה און פראַכט, כדי מיך אַראָפּצוּוואַרפן אין תמרס אויגן.

האָט זמרי געזאָגט.

—אמת טאַקע, אמנון איז זייער שיין אין זיינע העלדישע קליי־דער, ווען ער טוט אָן דעם פּאַנצער און גורט אָן דעם שווערד בײַ דער זייט. ווי אַ העלד, וואָס שיינט אין קריג, זעט ער אויס בײַ תּמרן, און אויך אַלע, וואָס זעען אים, באַוואונדערן אים.

—ניין!—האָט עזריקם געענטפערט מיט גרויס גרימצאָרן.—איך וועל מאָרגן נישט גיין צו דער סעודה, איך וועל זאָגן, אַז איך בין קראַנק.

האָט זמרי זיך אָנגערופן צו אים:

—אמנון שטעלט זיך דאָך אַוועק, ווי אַן אייזערנע וואַנט צווישן דיר און תּמרן, וואָס צו איר טוט גלוסטן דיין האַרץ, און דו וועסט פאַרמיידן דיינע פיס פון גענענען צו איר. צי וועסטו דיר דען בעסער מאַכן דערמיט, וואָס דו וועסט זיך אומקערן מיטן רוקן צו דיין פיינט? דאָס טויג נישט. דו פרעג זיך בײַ די ווילדע חיות און זיי וועלן דיך לערנען. קוק אויפן לייב, און ער וועט דיר וויזן, ווי אַזוי צו לאָקערן אויף דיינע פיינט: דער לייב קאָרטשעט זיך איין, פאַרבאָרגט זיך, ווען ער גלוסט צו פאַרצוקן. דער יונגער לייב פאַרשטעקט זיך אין זיין באַהעלטעניש, ווען ער איז דורשטיק נאָך בלוט. זיי שרייען נישט, ברומען נישט, די ווילדע חיות, זיצנדיק אין זייערע נאָרעס—און די, וואָס גייען דורך זיכער און רואיק, פאַלן אַריין אין זייער לאַפּעס. און אָט אַזוי ווי זיי, טוט יעדער דורכגע־טריבענער מענטש, וואָס וויל עפּעס טאָן. צו די חיות האָט גאָט געגעבן שאַרפע שנייד־ציין, און צום מענטשן אַ צונג צום אָפּ־נאַרן. און אויב די ציין פון די יונגע לייבן האָבן פאַרצוקט טויזנטער, האָט אַ פאַלשע צונג פאַרצוקט צענערטויזנטער. די ציין פון די לייבן זיינען רויט פון בלוט, און פאַלשקייט פאַר־דעקט, פרעסט, ווישט אָפּ די ליפּן און זאָגט: כ׳האָב קיין שום אומרעכט נישט געטאָן. ווי אַ טיגער לאָקערט זי צו טאָן דאָס שלעכטס, און הילט זיך איין אין אַ פעל פון אַן אומשולדיק שעפּסעלע נאָכדעם ווי זי האָט דאָס בייז אָפּגעטאָן. דעריבער

הער מיך אויס און איך וועל דיך לערנען חכמה, ווי אַזוי דאַרף זיך פירן אַ מענטש אין דער שטאָט—דער, וואָס וויל לעבן, מוז זיך אַזוי פירן: טראַכטן בייטאָג פון שלעכטע מעשים און ביי־טאָג זוכן גאָטס וועגן ביים כהן. בייסן מיט די ציין און מיט די לעפצן באַגריסן. און אַזוי זאָלסטו טאָן מיט אמנונען: דיין מויל און דיינע לעפצן זאָלן אים אָקעגנטראָגן שלום און ליב־שאַפט, אָבער אין האַרץ זאָלסטו אויף אים לאָקערן. אויב אין דיר פלאַקערט אַ פיינטשאַפט, זאָלסטו דאָס נישט אַרויסווייזן, נייערט ווי בליי זאָל דיין צאָרן זיך שמעלצן אין דיר. און אויב דו וועסט אַזוי טאָן, וועסטו אמנונען אומברענגען און דיי־נע הענט וועסטו ריין וואַשן.

האָט עזריקם געענטפערט, אַזוי צו זאָגן:

—כשוף איז אויף דיינע לעפצן, און אפגעטער־רייד גייען אַרויס פון דיין מויל, אָבער מיט וואָס וועסטו פאַרשטערן די ברודער־שאַפט צווישן אמנונען און תימנען? זיי זיינען דאָך הייסע פריינט?

האָט זמרי געזאָגט:

—איך וועל אָנציען דעם בויגן פון רמאות צו שיסן אין זיי אינדערפינסטער. איך וועל זיין, ווי טוי פאַר אמנונען, צו מאַכן שפּראָצן פאַר אים ליבע און חן אין די הערצער פון תמרן און תימנען, אָבער איידער די ליבשאַפט וועט אויסוואַקסן, וועל איך פון אַ פאַרבאָרגעניש אַרויסלאָזן אַ שטורמווינט, וואָס וועט אויס־רייסן מיטן וואָרצל יעדע ליבשאַפט און זי פאַרטרייבן פון תמרס האַרץ, ווי דער שטורמווינט פאַרטרייבט אַ פלעווע פון שייער. כ׳וועל מיט געשיקטע הענט איבערהאַקן דעם אין דרייען געפלאָכטענעם פאָדעם, וועל אָנרייצן איינעם אויפן אַנדערן, ביז וואַנען עס וועט זיך אויפהויבן פון אַלע דריי דער רויך, ווי אַ וואָלקן, כדי צו מאַכן טונקל זייערע אויגן פון צו זען דעם פלאַם, וואָס ברענט אין זיי. אָבער לאָמיר זיך פאַרבאָרגן אינ־דערפינסטער, וואָרום אויך די פישער טוען אַזוי, זיי פאַרשפרייטן זייערע נעצן אין אַ כמאַרנעם טאָג, ווען די וואַסערן טרייבן מיט בלאָטע און ז׳יים.

האָט עזריקם דערלאַנגט ווײַן און מען האָט געטרונקען. און עזריקם האָט אים צוגעזאָגט, אַז פאַר אים וועט זײַן האַנט זײַן אָפּן פון הײַנט אָן, אַבי זמרי זאָל דערפילן דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט.

און ס׳איז געווען צומאָרגנס, און עזריקם האָט זיך אַרומגעוואַשן, האָט אויסגעשמירט זײַן לײַב מיט שמעקענדיקן אייל, און אָנגעטאָן זײַנע שיינע קליידער און איז אַוועק צו ידידיהן. און ער איז געקומען אַרײַן באַלד אינדערפרי, איידער ס׳האָבן זיך נאָך פאַרזאַמלט די פאַרבעטענע. און ער איז אַרײַן אין תמרס צימער און געפרעגט, וואָס זי מאַכט. און זי האָט אים געענטפערט: „אַ דאַנק, מײַן האַר!" און עזריקם האָט זיך אָנגערופן צו איר: „ס׳איז שוין צײַט, דו זאָלסט מיך רופן מײַן ליבער און נישט מײַן האַר!" האָט תמר געענטפערט: „ווי דו זעסט מיך לעבן, אַז איך ווייס נישט ווי אַזוי צו ריידן מיט דיר. פיל מאָל האָסטו מיך דאָך געשטראָפט, וואָס איך גיב דיר אָפּ ווייניק כבוד, דעריבער האָב איך דיך הײַנט אויפגענומען מיט כבוד, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ האַר, ווי דו ביזט, און וואָס האָט דיר דאָ צו פאַרדריסן?"—און אַזוי ווי זיי ריידן, איז אַרײַנגעקומען תימן און ער האָט געגנענט צום פענסטער, וואָס גייט אַרויס צו דער מזרחגאַס און האָט אויפגעהויבן זײַן האַנט און געגומען פאָכן מיט איר, און תמר האָט אויך געגנענט און אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער, כדי צו זען, צו וועמען תימן פאָכעט מיט דער האַנט. און זי האָט דערזען, ווי אמנון שײַנט אין זײַנע קליידער און רייט אויף אַ שטאַרק שיין פערד, ווי אַ העלד וואָס שײַנט אין קריג. ער איז אָנגעגורט מיט זײַן שווערד און אָנגעקליידט אין אַ פאַנצער און פאַנצערהיטל, און ער זיצט זייער שיין און שטאָלץ אויפן פערד, וואָס איז צוגעדעקט מיט דער פעל פון אַ לייב, וועלכן ער האָט דערהרגעט. און זײַן פערד זעט אויס ווי גרייט צום קריג. פון זײַנע נאָזלעכער יאָגט אַ רויך און פון זײַן מויל שפּריצט אַ שוים און עס הירזשעט און ברומט, און שלאָגט מיט די פיס די ערד און שלינגט און שעפּט אַרײַן אין זיך דעם שטויב פון דער ערד, אָבער דער רײַטער

ציט שטאַרק זיין ציימל, צוימט אים און האַלט איםאיין און אָט האָט ער אים אָפּגעניייגט פון וועג און זיך מיט אים דערנענ־טערט צום פענסטער, דורך וועלכן ס׳האָבן געקוקט תּמר און תימן.

האָט תימן צו אים געזאָגט:

—וואוהין איילט זיך דיין פערד דיך צו טראָגן?

האָט אמנון געענטפערט:

—צום מלך־טאָל, וואָרום עס ווייסט שוין זיין צייט צו לויפן דאָרט אין ראָד מיט די איבעריקע פערד, זיינע חברים.

האָט אים תימן געפרעגט:

—און פאַרוואָס זאָל אויך דער רייטער נישט וויסן זיין צייט? פון דיין האַנט האָבן מיר דאָך דעם היינטיקן יום־טוב! און פאַרוואָס פעלסטו צווישן די פאַרבעטענע?

און דאָס פערד האָט זיך געגעבן אַ שטעל אויף האַסטיק, האָט זיך צעהירזשעט און זיך געריסן צום לויפן. און אמנון האָט געענטפערט:

—איך ווייס דעם ווילן פון מיין פערד, דעריבער וועל איך מיט דעם אַוועקלויפן אין מלך־טאָל און וועל זיך באַלד אומקערן.

האָט תימן געזאָגט:

—דיין פערד נעמט זיך איבער מיט דעם צודעק פון לייבס פעל, וואָס ליגט אויף אים.

און תּמר האָט געזאָגט:

—דאָס פערד איז פונקט ווי אַ מענטש מיט אַ נאַריש האַרץ, זיך צו גרויסן מיט זיין צודעק. ס׳האָט פאַרגעסן, אַז דאָס האָט עס זיך נישט אַליין פאַרדינט...

און אמנון האָט געלאַכט, און האָט אַ צי געטאָן דאָס ציימל פון זיין פערד און האָט אָפּגעטאָטעמט און אַוועק ווי אַ געשיק־טער אינד.

און תימן האָט זיך אָנגערופן צו תמרן און עזריקמען:

—ווי שיין און ווי גלוסטיק אמנון זעט אויס! לויטער, פאַררויטלט, אָנגעקליידט ווי אַ העלד אין אַ מלחמהטאָג.

האָט תּמר געזאָגט:

—ווען די ממשלה וואָלט געקערט צו שיינקייט, וואָלט אמנונען געפּאַסט צו קעניגן. וואָרום ער איז געגליכן צו דוד, דעם מלך פון ישראל.

—צו דודן, ווען ער האָט זיך געמאַכט משוגע,—האָט עזריקם געענטפערט מיט הוזק.

האָט תּמר אַ קוק געטאָן אויף אים מיט שפּאָט און האָט אים גאָרנישט געענטפערט.

און תּימן האָט געפרעגט:

—און פאַרוואָס געפעלט ער דיר נישט?

האָט עזריקם געזאָגט:

—ווייל ער ווערט אַלע מאָל אַן אַנדערער: אַמאָל חברט ער זיך מיט די געלערנטע נביאים און אַמאָל באַהעפט ער זיך צו די געלערנטע קריגער, און דאָס, וואָס ער בייט זיך אַלעמאָל, מאַכט אים פאַרגעסן זיין אָנהויב און זיין סוף, וואָרום אַ פּאַסטוך פון שעפּסן איז ער געווען אין אָנהויב, און אַ פּאַסטוך פון נאַרישקייטן וועט ער זיין צום סוף, און זיין גאַנצע אַרבעט איז אומזיסט. ווען ער וואָלט בעסער גענומען פון דיין פאָטער אַ געשאַנק, וואָלט דאָס געווען זיין חכמה, וואָרום וואָס טויג אים זיין שיינקייט און זיין העלדישקייט און זיין זינגען און זיס ריידן? צי וועט דאָס זיין פאַר אים אַ צודעק, צו פאַרדעקן זיין פּשוטע משפּחה און אָרעמקייט?

האָט תּימן צו אים געזאָגט:

—באַטראַכט, עזריקם, דיינע אייגענע ווערטער און זע, אַז דו רעדסט נאַרישקייטן. וואָרום ווען ער וואָלט געווען אַ האַר פון יהודה, וואָלט איך געזאָגט, אַז אים פּאַסט צו זיין נאַריש און פאַרגרעבט. ווייל צו וואָס דאַרף ער חכמה, אַז ער קען זיך איבערנעמען מיטן כּבוד פון זיינע עלטערן און זיך גרויסן מיט זייער רייכקייט. גאָט אָבער האָט דאָסדאָזיקע פאַרמיטן פון אים, און האָט אים דערפאַר געגעבן: שיינקייט, חכמה און גבורה. צי ווערסטו אָפּשפּעטן פון דידאָזיקע מתּנות פון גאָט?

—דידאָזיקע דריי זאַכן בין איך אים מוחל,—האָט עזריקם געענט־פערט,—אָבער דאָס פערטן וועל איך אים נישט מוחל זיין,—דאָס ריידן מיט אַ נביאים־שפּראַך! דער, וואָס קומט אַרויס פון אַ ני־דעריקער משפחה—וואָס קען אים געבן און העלפן, אַז ער וועט ריידן מיט דער שפּראַך פון געלערנטע? צי וועט פון זיינע רייד עפּעס בלייבן אין די הערצער פון די, וואָס הערן אים? אַלע מענטשן פון ציון זיינען דאָך געלערנטע פון גאָט, און נאָר די אָרעמע, די יונגע נביאים האַלטן זיך גרויס. אַלע יאָגן זיך נאָך נאָכן שיינעם ריידן, זיינען פאַראירט דורך זייערע מליצות, נעמען דעם הימל אין מויל, כּדי צו לאָזן הערן זייערע רייד צווישן פּעלקער און מענטשן. זיי ריידן פון דורות, וואָס זיינען פאַרגאַנגען און זאָגן פאַר דאָס, וואָס דאַרף געשען אין די קומענדיקע צייטן. אָבער זייער דור—איז כּעס, זייערע טעג—ווייטאָק, פון הימלען ריידן זיי און אויף דער ערד האָבן זיי נישט קיין שטיקל ברויט. און וואָס האָבן זיי צו טאָן מיטן הימל? די הימלען זיינען צו גאָט, און אַ פאַרשטענדיקער מענטש האָט אין זינען די ערד, וואָס גאָט האָט אים געגעבן צו וואוי־נען אויף איר, טרינקט ער וויין מיט פרייד און גיסט דעם וויין פון זיין ווייַנשטאָק אויף גאָטס מזבח. פרעג אָבער ביי דידאָזי־קע גאָט־געלערנטע, וועלן זיי דיר זאָגן: „פאַר גאָט איז נישט זיס דאָס וויין גיסן און גאָט פאַרלאַנגט נישט קיין קרבנות". איך אָבער וויל זיי אויף פרעגן: פונוואַנען ווייסט איר, וואָס גאָט וויל? משל און מליצה! אַ נאַרישקייט איז עס אין מיינע אויגן, שיין ריידן—איז שטאַמלעריי.

האָט תּימן צו אים געזאָגט:

—אויב אַ מענטש זאָל לעבן לויט דעם, ווי דו זאָגסט, וואָלטן אים אויך אויסגעזען ווי אַ נאַרישקייט די משלים פון שלמה המלך, און די געזאַנגען פון דודן וואָלט ער געהאַלטן פאַר שטאַמלעריי.

און תּמר, וואָס איז שוין מיד געוואָרן צו הערן עזריקמס נאַ־רישקייטן, האָט געענטפערט:

—איך וועל מאַכן אַ סוף צו די רייד. דאָס איז דאָך באַוואוסט,

אַז זינט גאָט האָט צעשטערט די איינציקע שפּראַך, וואָס איז געווען אויף דער גאַנצער ערד, האָבן זיך די מענטשן אונטערגע־שיידט יעדער מיט זיין שפּראַך, מחשבות און מעשים: דאָס האַרץ פון די קלוגע טראַכט פון קלוגע זאַכן, גוטע מענטשן ריידן וועגן גוטס און אָפּשפּעטער, וואָס יאָגן זיך נאָך נאַריש־קייטן, ריידן פּוסטע פאַלשע רייד, אַזוי ווי זיי אַליין זיינען פאַלש. אין ירושלים איז דאָך פול פון דידאָזיקע אַלע מענטשן, ווי אַ שטייג, וואָס איז פול מיט פייגל. זאָל זיך דעריבער יע־דער מענטש גיין מיט זיין וועג, זיך זוכן חברים, וואָס זיינען ווי ער אַליין, און יעדער מענטש זאָל שניידן דאָס, וואָס ער האָט פאַרזייעט.

אָבער עזריקם האָט זיך דערמאָנט אין דער לעקציע, וואָס זמרי האָט אים געגעבן, האָט אים באַנג געטאָן אויף דעם, וואָס ער האָט שלעכטס גערעדט אויף אמנונען, און ער האָט געזאָגט: „איך האָב דאָך נאָר גלאַט אַזוי גערעדט וועגן אמנונען, וואָס איך אַליין ווינטש אים נאָר גוטס; און דערפאַר טאַקע האָב איך אים געוואָלט געבן אַ געשאַנק, כדי ער זאָל קענען זיצן רואיק אויף זיין נחלה. אפשר האָב איך אין אים אַ טעות געהאַט, גיב זשע מיר, תמר, צו פאַרשטיין מיין פעלער, און איך וועל זיך פון דעם אויסהיילן.

האָט תמר צו אים געזאָגט: „מיר איז אַלצאיינס, צי דו וועסט בלייבן מיט דיינע פעלערן, צי נישט.

און אַזוי ווי זיי ריידן, האָט אַ שלאָג געטאָן אויף דער ערד אַ שלאַקסרעגן און עזריקם האָט פאַרביסן מיט די ליפּן און אויפ־געהערט צו ריידן וועגן אמנונען, און ער האָט גערעדט פון רעגן, וואָס טוט שטערן די שניטער אין זייער אַרבעט אויף זיינע פעלדער.

און תמר קוקט נאָך אַלץ אַרויס דורכן פענסטער און זי דער־זעט: אמנון רייט אויף זיין פערד, וואָס פליט, ווי אַן אָדלער, און קערט זיך אום אַהיים, וואָרום דער רעגן האָט אים אָפּגע־האַלטן פון צו לויפן אין מלך־טאָל. און אָט איז אמנון מיט זמרין אַריינגעקומען אין תמרס צימער, און ס׳איז געווען, ווי

נאָר זמרי האָט אַ קוק געטאָן אויף עזריקמען און תּמרן, האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן זיך געקריגט און ער האָט זיי אַ פֿרעג געטאָן:

—וועגן וואָס האָט איר דאָ גערעדט?

האָט תּימן געענטפֿערט:

—מיר האָבן זיך געשפּאַרט צו וויסן וועגן דעם: מיט וואָס אַ קראַפּט אַ מענטש מאַכט רעכטפֿאַרטיק זיין וועג.

און זמרי האָט אַראָפּגעבויגן זיין קאָפּ, און די אויגן אַראָפּ־געלאָזט צו דער ערד און אָפּגעזיפֿצט און געזאָגט:

—מיט וואָס זאָל אַ מענטש זיך מאַכן רעכטפֿאַרטיק? אונזערע זינד וועלן דאָך זיין אַזויפֿיל, ווי די האָר אויפֿן קאָפּ, ווען אַ מענטש זאָל באַגיין נאָך זיין האַרץ און זיינע אויגן און זיי פֿאָלגן. און נישט נאָר מיט דעם, נאָר אויך מיט דעם, וואָס אַ מענטש טוט, מיט זיינע פֿוסטריט, מיט זיין ריידן זינדיקט דער מענטש.

האָט תּימן געזאָגט צו אים:

—און ווער ווייסט, אפֿשר זינדיקט אַ מענטש אויך מיט דעם, וואָס ער שפּירט מיט דער נאָז?

האָט זמרי געזאָגט צו אים:

—דו לאַכסט דערפֿון? אָט האָט היינט מיט מיר אַזוינס פּאַסירט, ווארום איך בין געקומען אין דיין פֿאָטערס וויינגאָרטן, פֿון וועלכן מען האָט נאָך נישט אָנגעהויבן צו עסן די פּירות, ווייל זיינע דריי יאָר ערלה האָבן זיך נאָך נישט געענדיקט, די וויינ־שטאָקן האָבן געלאָזט הערן זייער גוטן ריח, האָב איך דעם ריח געשמעקט און ס׳איז מיר זיס געווען. דאָס איז דאָך אַ קליינינקייט! ס׳איז אָבער נישט גוט פֿאַר אַ מענטשן צו האָבן אויף זיך אויך אַזאַ קליינע זינד. ווען איך וואָלט געקענט זיך פֿאַרגעבן דידאָזיקע זינד דורך אַ קרבן, וואָלט איך מקריב געווען צוויי טויבן.

האָט תּימן געזאָגט:

—ווען אַ מענטש זאָל לעבן, ווי זמרי הייסט, וואָלטן שוין נישט געווען קיין שעפּסן אין זייערע שטאַלן און קיין טויבן אין די

טויבנשלאגן. ס'וואָלטן נישט געקלעקט די אַלע שעפּסן פון קדר אויף קרבנות, און אַלע חיות פון וואַלד לבנון אויף פייער־קרבנות, וואָרום אויף יעדן שריט און טריט הויערט די זינד. גיין, זמרי, נישט פאַר מענטשן איז דיין וועג. מיט דיין וועג זאָלן גיין מלאכים. אָבער זאָל אונז אויך אמנון זאָגן, וואָס ער מיינט, אָבער כ'בעט דיך, אמנון, זאָלסט גאָטס וועג נישט פאַר־צוימען מיט שפּיציקע שטיינער.

האָט אמנון געזאָגט:

—איך קען נאָר זאָגן דאָס, וואָס איך האָב געהערט פון מיכה הנביא: „אַ מענטש דאַרף נאָר זיין רעכטפאַרטיק, גערעכטיק, ליב האָבן גוטס צו טאָן און באַשיידן גיין אין גאָטס וועגן".

און תּרצה, וואָס האָט די גאַנצע צייט גערעדט מיט אירע פריינ־דינס, וועלכע זיינען געקומען צו איר צו גאַסט, איז איצט אַריינ־געקומען צו תּמרן אין צימער און האָט געפרעגט: „וואָס האָט איר זיך אַלע דאָ צענויפגעזאַמלט? קומט אַריין אין שטוב, וואָ־רום ס'איז שוין געקומען מיין מאַן מיט די פאַרבעטענע געסט". האָבן זיי אַזוי געטאָן.

און ידידיה איז מיט די פאַרבעטענע געסט אַוועק צו גאָטס הויז און דאָרט מיט גרויס געזאַנג מקריב־געווען דאַנק־קרבנות צו גאָט, און נאָכדעם זיינען אַלע צוריקגעקומען און זיך גע־לאָזט וואוילגיין אין דעמדאָזיקן טאָג, און נאָך מיטאָג האָט יעדער צוריקגעקערט אַהיים, נאָכדעם ווי זיי האָבן געבענטשט ידידיהן און זיין הויזגעזינד, און עזריקם איז אַהיים געגאַנגען אַ טרויעריקער מיט אַ ביטער געמיט.

און תּימן האָט געזאָגט צו זמרין:

—זאָג מיר, זמרי, מיט וואָס האָבן מיר היינט געזינדיקט: צי מיטן טעם פון אונזער גומען, צי מיטן שמעקן פון אונזערע נע־זער?

האָט זמרי אים געענטפערט:

—און נאָך וואָס זינדיקסטו אַצינד מיט דער שפּעטונג פון דיינע לעפצן? אויב עס פּאַסט נאָך דאָס לאַכן פאַר אַ יונגן מאַן, פּאַסט

עס אָבער נישט פּאַר אַזאַ מענטשן, ווי איך בין, וואָס זאָרגט זיך שטענדיק איבער זיינע זינד, און טרערן פאַרגיסן זיינע אויגן, דערמאָנענדיק זיך אין די זינד פון דער יוגנט.
און ידידיה, וואָס האָט דאָס געהערט, האָט אַוועקגעשיקט זמרין צו זיין אַרבעט און תימנען האָט ער אויסגעשטראָפט דערפאַר, וואָס ער שפּעט אָפּ פון אַזאַ צדיק תמים, און תימן האָט זיך פאַרשעמט פאַרן פּאָטער. און ידידיה איז אַוועק אַהין, וואו די זקנים זיצן ביים משפט, און תימן האָט געזאָגט צו אמנונען:

—נאָך אין דריי טעג אַרום פאַרלאָזן מיר אונזער ווינטער־וואוי־נונג און ציען זיך אַריבער אין אונזער זומער־וואוינונג אויפן הר הזיתים. זאָלסטו זיין גרייט צו גיין מיט מיר אַהין פאַר־נאַכט. האָט תמר געזאָגט: „מיר וועלן אַלע דריי גיין, וואָרום דער רעגן האָט אויפגעהערט און די הימלען האָבן זיך אויס־געלייטערט.״
און עזריקם האָט זיך צוריקגעקערט צו זיך אַהיים און זיין צאָרן האָט אין אים געבּרענט, און איינער פון זיינע קנעכט האָט אים בסוד אַנטפּלעקט, אַז עכן האָט אָנגעלאָדן אויף זיין אייזל פון די בעסטע ווייצן און איז אַוועקגעגאַנגען דערמיט. האָט עזריקמס צאָרן שטאַרק געגרימט, אָבער ער האָט געוואַרט ביז עכן וועט צוריקקומען. און אַז עכן איז צוריקגעקומען האָט עזריקם אים געפרעגט, אַזוי צו זאָגן:
—וואו געפינט זיך די חברה גנבים, צו וועמען דו פירסט אַרויס דיין האַרס פאַרמעגן?
און עכן איז שטאַרק דערשראָקן און צעמישט געוואָרן און האָט נישט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן. איז עזריקם אַריינגעפאַלן אין גרויס גרימצאָרן, האָט ער אָנגעכאַפּט עכנען ביי די האָר פון קאָפּ און האָט זיי געפליקט און מיט שאַנד אים געפּאַטשט איבערן פּנים. און עכנען האָט אויך אָנגעכאַפּט אַ גרימצאָרן און ער האָט אויסגעשריגן:
—אוי, דו אומווירדיקער, דו זון פון נידעריקסטע משפחות! לאָז מיך אָפּ, וואָרום דו וועסט אומקומען מיט מיר צוזאַמען.

האָט עזריקם זיך צעשריען צו זיינע באַדינער:

—בינדט אים, דעמדאָזיקן אומווירדיקן מאַן און לאָזט אים אַראָפּ אין גרוב, גיט אים דאָרט ווייניק ברויט און ווייניק וואַסער, און זאָל ער דאָרט זיצן ביז די נשמה וועט אים אויסגיין.

האָט חלאה צו אים געגעבט און געוויינט און געבעטן צו אים, ער זאָל זיך דערבאַרמען אויף איר, ווײַרום זי איז דאָך זיין זייגערין, און זאָל שיינקען איר מאַן. האָט עזריקם זי אָפּגעשטויסן פון זיך מיט גרויס גרימצאָרן.
האָט עכן צו איר געזאָגט:

—דידאָזיקע קלעפּ האָב איך זיך אַליין געשלאָגן! און דו זאָלסט נישט בעטן ביי דעמדאָזיקן געמיינעם מענטשן.
און די קנעכט האָבן עכנען געבונדן און אַראָפּגעלאָזט אין גרוב, און עזריקם האָט גענומען דעם קנעכט, וואָס האָט עכנען פאַרמסרט, און אים געמאַכט פאַר דעם שפייזער פון זיין הויז. און עזריקם האָט אויסגעפּאָרשט חלאהן, צו וויסן, ווער עס האָט פון עכנען גענומען דעם ווייץ. און חלאה האָט געוואוסט, אַז דאָס האָט נעמה גענומען ביי איר מאַן דאָס, וואָס עס איז באמת אירס. אָבער פאַר עזריקמען האָט זי זיך געמאַכט, אַז זי ווייסט פון גאָרנישט.

9

אַון דער הר־הזיתים איז אַ גלוסטיק אָרט און אַ טייער ווינקל פאַר די קינדער פון ציון, און אין שאָטן פון זייגע פרישע שמעקנדיקע זיילבערטביימער טוען זיך באַשיצן אַלע די, וואָס האָבן ליב פאַרגעניגן און וואוילטאָג. אויף דעם באַרג זיינען פאַרנאַכט געקומען אמנון, תימן און תמר.

און תמר האָט געזאָגט:

—נאָך אין דריי טעג אַרום וועלן מיר אַרויסגיין פון שטאָט, זיך דאָ צו באַזעצן, און ווי טייער מיר איז דאָסדאָזיקע אָרט.

האָט אמנון געזאָגט:

—וואונדערלעך איז דער מענטש, דען ער האָט כסדר ליב טוישונגען. די דאָרפסלייט וועט מיאוס די שטילע מנוחה פון דאָרף און זיי גלוסטן צום גערויש פון שטאָט, וואו זיי מייגען צו געפינען אַלע פאַרגעניגנס פאַרן מענטשן,—און די שטאָטלייט ווידער וועט מיאוס אַרומצוגיין צווישן די גרויסע מאַסן

מענטשן, זיך צוצעקוקן צו אַלערליי מענטשלעכע צרות אויף די רוישיקע גאַסן, און זיי גלוסטן דעריבער צו דער רואיקייט און שטילקייט אין פעלד. און ווי טייער איז דאָס אָרט, וואו עס האָבן זיך באַהעפט שטילקייט און הייליקע געפילן! צו מזרח־זייט פון דעם באַרג זעט זיך דער געזאַלצענער ים, דער סמל פון אייביקן שווייגן. און צו דער זייט ים קוקט גאַנץ ירושלים—אַ געוואַלטיק שיין בילד.

—צי האָסטו געזען דעם פלוין אַרום דעם געזאַלצענעם ים?— האָט אים תמר געפרעגט.

—כ׳האָב געזען,—האָט אמנון געענטפערט,—ווען איך האָב צוריק־געקערט פון בצרה אויפן יום־טוב שבועות. און אונזערע על־טערן האָבן אונז דערציילט, אַז איידער גאָט האָט פאַרטיליקט סדום און עמורה און די ערד האָט זיך צעברענט ווי פייער, איז דאָסדאָזיקע לאַנד געווען ווי אַ גן־עדן. און אַצינד איז עס אַ מוראדיק לאַנד, פול מיט נאַפט, שוועבל און זאַלץ, ווי אויך פעך ברענט דאָרט און ברייננט אויף אַ געשטאַנק. אויף איר טרויערט די וויסטקייט, דאָרט שפּראָצט נישט קיין שום גרעזל און קיין ווערמעל דערפרייט עס נישט, פייגלעך זינגען דאָרט נישט און אַלע פייגלעך מיידן אויס דאָסדאָזיקע לאַנד. אויך די ווילדע חיות ווערן דערציטערט און אַנטלויפן פון דער ערד, וואו גאָטס קללה הויערט דאָרט פון לאַנגע דורות. נישטאָ דאָרט קיין סימן פון לעבן. אין דעם געזאַלצענעם ים אַריין גיסט זיך דער ירדן און דאָרט ווערט פאַרשטערט זיין גערויש און ס׳שטאַרבן אויס זיינע פיש.

האָט תמר געזאָגט צו אים:

—קער זיך אָפּ פון דער זעאונג פון אייביקער וויסטקייט און הויב אויף דיינע אויגן, צו זען גאָטס שטאָט. ווי גלוסטיק זיי־נען די רוישיקע גאַסן פאַר די, וואָס שטייען דאָ! קוק אויף דער שיינקייט פון מזרח־מאַרק און זע דעם וואַסערמאַרק, וואָס איז פול מיט מענטשן אין פאַרנאַכט, ווען די שעפערס גייען אַרויס צו שעפּן וואַסער. דאָרט גייט אויף דער טומל פון פערד־מאַרק, דאָרט פאָרן דורך די האַרן פון יהודה און די גרויסע

לייט, אין קאָטשן, בריטשקעס, און רייטוועגענער, און אַז זיי גייען אַרויף אויף גאָטס באַרג, רוישן און קלאַפּן די רעדער, און זייער קוילערן זיך ברומט פון ווייטן. אַך! ווי שיין איז דער קלאַנג פון די רייטוועגן אויף די בערגשפּיצן. ווי אַ שטיל ברומען, ברומט פון אַלע עקן לאַנד.
—קוקט אַהין,—האָט תּימן געזאָגט.—דאָרט, אויפן פּישמאַרק, זעט זיך אַ גרויסער עולם, מען פּאַרקויפט און מען קויפט, ווייל אויף דעמדאָזיקן אָרט געפינט זיך די שפע פון ימים און דאָס גוטס פון די שטאַרקסטע וואַסערן, און הערט זיך צו צום מע־קען פון די סטאַדעס אויפן שעפּסנמאַרק, וואו עס ווערן צע־נויפגעזאַמלט די שעפּסן פון קדר און די בעק פון נביות.
און אמנון האָט געזאָגט צו תּימנען:
—היינט איז דאָך דער טאָג, ווען עס ווערט פּונקט אַ יאָר, זינט איך האָב מציל געווען תּמרן און מיין גוטס...
און אמנון האָט נישט געקענט פאַרענדיקן זיינע רייד, ווייל ער האָט שטיל אָפּגעזיפצט און די אויגן זיינען אים פול געוואָרן מיט טרערן.
און אויך תּמר האָט אָפּגעקערט די אויגן פון ברודער און האָט אָפּגעווישט איר טרער, וואָס איז איר געפאַלן אויף דער באַק, און זי האָט זיך אָפּגעקערט צו אמנונען און געזאָגט:
—ניין אמנון! דיין גוטס וועט נישט פאַרוויאַנעט ווערן, ווי דאָס גראָז אין פעלד, נייערט עס וועט בליען ווי אַ רויז אין מיין האַרץ.
—ווי אַ רויז!—האָט תּימן אויסגערופן און זיך דערמאָנט אין דער רויז, וואָס ער האָט געזען אויפן באַרג כּרמל.—ווי געשריגן! די רויז בליט אין איר שיינקייט און פּראַכט, אָבער דאָס האַרץ פון מאַן וועלקט.
און אַזוי ווי זיי שוויגן אַלע און זיינען פאַרזונקען אין זייערע מחשבות, האָט זיך באַוויזן אַ רחמנות־זעאונג פאַר זייערע אויגן און אין זיי דערוועקט דאָס געמיט: זיי האָבן דערזען אַ ים־אָדלער, אַ פאַרצוקער, מיט צעשפּרייטע פליגלען. זיין פּיסק איז ברייט אָפן און זיינע נעגל זיינען ווי פון אייזן, ווי טשוועקעס

אויסגעשטרעקט אונטער אים, און ער שוועבט און יאָגט זיך נאָך אַ שיינער טויב, וואָס אירע פעדערן זיינען באַדעקט מיט זילבער, און וואָס איז שוין שטאַרק מיד און קאָן נאָך אַריינפאַלן צום פאַרצוקער.

און אַז זיי האָבן דאָסדאָזיקע דערזען, האָבן זיי אָנגעהויבן צו שרייען אויף דעם אָדלער, האָט דער פאַרצוקער אַ ווײַלע זיך אָפּגעקערט אין אַ זייט, און די טויב האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. אָבער אין אַ ווײַלע אַרום האָט דער אָדלער ווידער גענומען נאָכיאָגן זיין רויב, און די טויב נעמט זיך אָן מיט כּוח, און שטאַרקט זיך צו פליען, פּאָכעט מיט אירע פליגלען און קלאַפּט מיט זיי מיט אַלע כּוחות, כּדי אַנטרונען צו ווערן פון איר פאַרצוקער ערגעץ אין אַ גרוב אָדער אין אַ שפּאַלט פון אַ שטיין.

האָט תּימנען שטאַרק פאַרדראָסן אויף דעם אָדלער, האָט ער געאײַלט און צענויפגעקליבן שטיינער און גענומען נאָכיאָגן דעם פאַרצוקער און, לויפנדיק, האָט ער זיך דערווייטערט. און אמנון האָט זיך נישט גערירט פון אָרט און זיינע ציטערדיקע הענט האָבן אומגערן אָנגעהאַלטן תּמרס הענט און ער האָט געזאָגט:

—ווײ! מיין אומשולדיקע טויב, ביזט געגליכן צו תּמרן...

און תּמר—אויך זי האָט אירע הענט שטאַרק געהאַלטן אין אמנונס הענט, און האָט געזאָגט:

—דיין האַנט, וואָס האָט מיך מציל געווען פון לייב, זי וועט מיך אויך באַשירמען פון דעם ים־אָדלער, וואָס יאָגט זיך נאָך מיר. זע: איך הויב אויף די האַנט צום הייליקן בית־המקדש און שווער, אַז דיינע בין איך פון יענעם טאָג אָן, וואָס דו האָסט מיך געראַטעוועט אין בית לחם.

—און איך בין דיינער אויף אייביק!—האָט אמנון איר אָפּגעענטפערט מיט דיזעלביקע ווערטער.—זע, טייערע, ביים הייליקן באַרג שווער איך אויך: אָדער איך וועל לעבן גליקלעך מיט דיר, אָדער איך וועל שטאַרבן אַן עלנטער. איינע האָב איך

דיר געפונען צווישן די מיידלעך, און קיין אַנדערע וועל איך קיינמאָל נישט געפינען!
האָט תּמר אַראָפּגענומען פון איר האַנט חנבאלס רונג, האָט אים דערלאַנגט צו אמנונען און געזאָגט:
— אויף דעם רונג איז אויסגעקריצט דער נאָמען פון תּמר, וואָס לעבּט, און דער נאָמען פון חנבאל, וואָס איז שוין געשטאָרבן. זאָל זשע דיר זיין דער רונג פאַר אַ צייכן: אָדער אַ זיס גליק־לעך לעבן אָדער דעם טויט האָט גאָט באַשערט פאַר אונז ביידע.

און ווי נאָר אמנון האָט געוואָלט אָנהויבן צו ריידן, האָט תּימן זיך באַוויזן פון צווישן די איילבערטביימער, און מיד און פאַר־מאַטערט איז ער געווען, און אין האַנט האָלט ער די טויב.
און ער האָט געגעבנט צו זיי און געזאָגט:
— איצט האָב איך עס געזען מיט מיינע אויגן, ווי גאָט נעמט זיך אָן פאַר דעם געיאָגטן און באַרויבטן, וואָרום נישט געקענט האָט שוין די טויב אַנטרונען ווערן פון איר רויבער, אויך מיין האַנט האָט איר נישט געהאָלפן, דער ים־אָדלער האָט שוין כּמעט געטאָטעמט איבער איר און זיין שנאָבל איז געווען אָפן צו פאַר־צוקן זי. פּלוצלונג אָבער לאָזט זיך אַראָפּ אַ גרינגער באַרג־אָדלער פון דערהויך און פליט גלייך צום ים־אָדלער, און איין ווײַלע — און דער ים־אָדלער איז שוין ביים באַרג־אָדלער אין די נעגל און די פאַרמאַטערטע טויב איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד, וואָרום זי איז זייער מיד געווען, האָב איך זי צו מיר גענומען.
— אַזוי זאָל זיין דער סוף פון יעדן נאָכיאָגער! — האָט תּמר גע־ענטפערט, קוקנדיק מיט ליבשאַפט און זאַנפטיקייט אויף אמנונען.

האָט תּימן געזאָגט, לאַכנדיק, צו אמנונען:
— דאָס איז אַ באַווייז, אַז אויך דיין טויב וועט גאָט נישט אי־בערענטפערן צו אַ ווילדער חיה.
האָט תּמר געזאָגט צו אים:
— וואָס עפּעס טרעפסטו היינט? הלואי זאָל עס זיין, ווי דו

זאָגסט, ווייל מיין האַרץ איז צוגעבונדן צו אַמנונס האַרץ, אָבער וואָס קען איך האָפן, אַז עזריקם יאָגט זיך נאָך מיר, ווי אַ ים־אָדלער?

האָט תימן געזאָגט:

—דעריבער זאָל אמנון זיין דער באַרג־אָדלער, וואָס זאָל דיך נעמען אונטער זיינע פליגלען, זאָל דיך אויסלייזן פון עזריקמען און אים פאַרצוקן מיט זיין גרימצאָרן.

האָט תמר געלאַכט און געזאָגט:

—גיב מיר דידאָזיקע טויב, נאָכדעם ווי דו האָסט זי פאַרגלייכט צו מיר.

האָט תימן איר געגעבן די טויב און האָט געזאָגט:

—היט זי אָפּ, און זאָל זי דיר זיין פאַר אַ ביישפּיל.

האָט תמר געזאָגט:

—איך וועל זי אָפּהיטן, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג.

און תימן און תמר האָבן געבראַכט אמנונען אין דער זומער־וואוינונג און האָבן אים באַוויזן די צימערן. און דערנאָך איז געקומען זמרי, זיי צו רופן, און האָט צו זיי געזאָגט: „וואָס האָט איר זיך דאָ אַזוי פאַרזוימט? אייער פאָטער און מוטער וואַרטן דאָרט אויף אייך?" און תימן האָט געזען דער שווערטערס רונג אויף אמנונס האַנט, האָט ער זיך געמאַכט, אַז ער זעט עס נישט, אָבער נאָר זמרי האָט דאָס גוט באַמערקט, האָט ער אָפּגעקערט די אויגן און מיט זיי גערעדט פון אַנדערע זאַכן, גייענדיק מיט זיי אַהיים. און תימן האָט זיך אים פאַרענטפערט, פאַרוואָס ער האָט היינט געשפּעט פון אים און געבעטן, ער זאָל עס אים מוחל זיין. האָט זמרי געענטפערט: „ווי דו זעסט מיך לעבן, אַז איך האָב עס שוין געהאַט פאַרגעסן דאָס האָסטו מיר איצט דערמאָנט אין דעם. חלילה צו מיר, איך זאָל טראָגן אַ שנאה אין האַרצן."

און ס׳איז געווען צומאָרגנס אינדערפרי, און זמרי האָט אויף דער גאַס באַגעגנט עזריקמען. זיינען זיי צוזאַמען געגאַנגען איבערן שעפּסנמאַרק און פישמאַרק און זיינען געקומען ביז צום גאָלטן מאַרק, וואו אַ גרויסער עולם מענטשן געפינט זיך אויף די גאַסן. האָט זמרי געזאָגט צו עזריקמען: „ס׳אַר אַ גרויסער עולם דאָ איז! צווישן דידאָזיקע מענטשן זיינען פאַראַן קויפער און פאַרקויפער, דורכגעטריבענע אָפּנאַרער און נאַראָנים און ווי נאַריש זיינען די מענטשן, וואָס צאָלן געלט פאַר יעדער זאַך, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך מענטשלעכע הענט, פאַר תבואות און פאַר פי, נאָר ווער פון זיי ווייסט דעם פרייז פון מענטשן אַליין? ווייל אין דעם מענטשן איז פאַראַן יעדע נוצלעכע זאַך. קויף דעם מענטשנס האַרץ פאַר געלט, וועסטו באַקומען דאָס געווער, וואָס דו דאַרפסט פאַר דיין פאַרגעניגן אָדער צו פאַרדאַרבן אַ צווייטן, אָדער דו קענסט גאָר פון דעם מענטשן באַשאַפן אַזאַ מין באַשעפעניש, אַז ער זאָל

פאַר דיר ווערן אַן אָקס מיט הערנער אָדער אַ בער, וואָס זאָל לאַקערן.

האָט עזריקם צו אים געזאָגט:

—איך זע, אַז דו האָסט אַ פולן בויך מיט נייס. קום זשע צו מיר אַהיים און דערצייל עס מיר.

האָט זמרי צו אים געזאָגט:

—נישט אין הויז קען מען ריידן, וואָרום די שטיינער פון דער וואַנט קענען אויסזאָגן דעם סוד. ס׳איז אויך נישט קיין אָרט פאַר דעם אויף דער גאַס, וואו אויף יעדן פוסטריט באַגעגענען דיך זיבן אויגן, און אויף יעדן וואָרט לאַקערן זיבן אויערן, וואָס קענען עס דערהערן.

האָט עזריקם צו אים געזאָגט:

—איך האָב אַ גוט אָרט, לאָמיר גיין אין טרינקהויז צו כרמין. ער פאַרשטייט אַלץ, איז זייער קלוג און פאַרבאָרגט יעדע זאַך.

האָט זמרי צו אים געזאָגט:

—און איך וועל אויך פאַר אים נישט אַנטפלעקן מיין סוד. לאָמיר גיין אין גיהנם־טאָל (וואו מען פלעגט אַמאָל פאַרברענען קינדער פאַר דער עבודה זרה „מולך״), וואו קיין מענטשלעכער פוס טרעט נישט דאָרט אין די איצטיקע צייטן פונם מלך חזקיהו.

האָט עזריקם געזאָגט:

—זאָל זיין אַזוי. אָבער אַז דו וועסט עפּעס האָבן מיר צו זאָגן ביינאַכט—מעגסטו קומען אין כרמיס ויין־הויז. ער וועט שוין שיקן נאָך מיר, וואָרום ער איז מיין סוד־מענטש.

זיינען זיי געגאַנגען און געקומען אין גיהנם־טאָל און זיך געזעצט צווישן די ביימער, און זמרי האָט געזאָגט:

—נעכטן זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אויפן הר־הזיתים תימן, אמנון און תמר, האָבן זיי זיך דאָרט פאַרזוימט ביז שפּעט אין אָוונט, און ס׳איז געווען, אַז איך בין געקומען, צו רופן זיי אַהיים, האָב איך באַמערקט חננאלס רונג אויף אמנונס האַנט.

איז עזריקם אויפגעשפרונגען פון זיין אָרט און אויסגערופן:

— ווי! דיינע רייד האָבן מיך פלוצלונג דערשלאָגן! חנבאלס רונג אויף דער האַנט פון דעם פאַסטוך אמנון! ס׳ווערט מקוים חנבאלס חלום. ווי, זמרי! איך האָב דאָך דיך געבעטן, דו זאָלסט אמנונען פאַרמיאוסן אין תמרס אויגן, און דו האָסט זיך אויס־געקליבן אַ קרומען וועג אים גאָר צו ליבן פאַר איר, וואָס האָסטו מיר געטאָן?

האָט זמרי צו אים געזאָגט:

—פון דיינע רייד קען איך נאָר לאַכן. און מיט וואָס, אַ שטיי־ער, האָב איך אים געקענט פאַרמיאוסן אין תמרס אויגן? צי קען איך איר פאַרבלענדן די אויגן און איינריידן איר, אַז ער איז נישט שיין? אַז יעדעס אויג זעט, ווי ער שיינט און ווי גלוסטיק ער איז. איך האַלט זיך ביי מיינעם: אַ מענטש, וואָס טראָגט נישט אויף זיין פנים אַ שלייער פון רעכטפאָרטיקייט, איז ווי אַ פיש, וואָס האָט נישט קיין שופן און קיין פלוספע־דערן, און אַזאַ פיש איז תמא! דעריבער לויב איך מיט דעם מויל דעמיעניקן, וואָס מיין האַרץ האָט אים פיינט.

—און פאַרוואָס האָסטו דאָס נישט דערציילט ידידיהן?—האָט עזריקם געפרעגט.

האָט זמרי דערויף געענטפערט:

—צי איך אַליין דאַרף זיין אי דער ראַטגעבער אי דער טוער?

האָט עזריקם געזאָגט צו אים:

—גיב זשע אַן עצה און געפין אַ מיטל, ווייל דער אמנון וואָס קומט אַרויס פון אַ געמיינער משפחה, שטייט מיר ווי אַ ביין אין האַלז—נישט צום איינשלינגען און נישט צום אויסשפייען, און אויב דו ווילסט שטיין פון ווייטן, גיב זשע דאָס איבער אַן אַנדערן, וואָס זאָל עס דערציילן ידידיהן.

האָט זמרי צו אים געזאָגט:

—אָט דאָס האָב איך דיר דאָך געזאָגט: שמיד דאָס האַרץ פון מענטשן מיט געלט און דו וועסט באַקומען אַ געווער אין דיינע

הענט; פון איין זייט וועל איך אָנריידן פורהן, אמנונס באַדינער, און וועל אים צוזאָגן, אַז ער וועט באַקומען זיין שכר פון דיר דערפאַר, וואָס ער וועט לאָקערן און נאָכשפּירן זיין האַר, פון דער צווייטער זייט, ווידער, וועל איך אָנריידן מעכהן, זי זאָל ריידן דאָס, וואָס איך וועל איר הייסן, און דו גיב מיר נאָר געלט און לאָז מיך טאָן, וואָס מען דאַרף.

האָט עזריקם צו אים געזאָגט:

—איך האָב דאָך דיר שוין לאַנג געזאָגט, אַז קיין שום געלט איז ביי מיר גאָרנישט, אָבער קויף מיר דערפאַר תּמרס האָרץ. און דיר, זמרי, וואָס זאָל איך דיר געבן? בעט פון מיר ביז אַ העלפט פון מיין פאַרמעגן און איך וועל דאָס פון דיר נישט פאַרמיידן.

האָט זמרי צו אים געזאָגט:

—באַרואיק זיך און האָב נישט קיין מורא. איך וועל שוין וויסן אַלץ, וואָס מען דאַרף טאָן. מיט דער צייט וועל איך זיך אויס-לערנען, וואָס צו טאָן און וועל מאַכן אַ סוף פון אמנונען.

האָבן זיי צוזאַמען צוריקגעקערט אין שטאָט אַריין און עזריקם האָט אים געגעבן געלט אונטערצוקויפן פורהן און מעכהן.

און ידידיה מיט זיין הויזגעזינד האָבן פאַרלאָזט זייער ווינטער-וואוינונג און זיך באַזעצט אין זייער זומערוואוינונג, וואָס אויפן הר-הזיתים און אויך אמנון האָט זיך דאָרט מיט זיי באַזעצט און דאָס בוידעמשטיבל, וואו ער האָט פריער געוואוינט, האָט מען אויסגערוימט פאַר סתרין, וואָס איז געקומען פון כרמל אויף צוויי וואָכן קיין ציון.

און ס'איז געווען אויפן דריטן טאָג, זינט ידידיה האָט געוואוינט אין דער זומערוואוינונג, איז אַ יונג, אַ דינער פון שופט מתּן, גע-קומען צו אים צולויפן ביינאַכט, אים צו רופן, ער זאָל גיין צום שופט מתּן.

האָט ידידיה געפרעגט:

—וואָס האָט געטראָפן מיט דיין האַר, וואָס ער איילט אַזוי, איך זאָל גיין צו אים ביינאַכט?

האָט דער יונג געענטפערט:

ווייל [illegible] שרעק איז אים באַפאַלן.

האָט זיך ידידיה געזעצט אויף זיין מוילאייזל, איז געקומען צו מתּנען אין הויז, זיך דאָרט אַנידערגעזעצט נעבן זיין בעט און געפרעגט:

—וואָס איז דיר, מתּן?

האָט מתּן צו אים אויסגעשטאַרצט די אויגן און האָט נישט געקענט ענטפערן.

און מתּנס ווייב האָט געזאָגט צו אים:

—אַ שלעכט געמיט האָט זיך באַזעצט אין מיין מאַן, ער איז פון זינען געווירט און זיין האַרץ איז משוגע.

—אמת טאַקע,—האָט ידידיה געענטפערט,—אַז שוין אַ חודש צייט, ווי ער זעט אויס אַזוי שלעכט און טרויעריק. האָב איך אים געפרעגט, וואָס איז מיט אים, האָט ער מיר געענטפערט: „כ׳בין אַ ביסל נישט געזונט, עס וועט איבערגיין.”

און מתּנס ווייב האָט געזאָגט:

—אַזוי האָט ער געענטפערט יעדן, וואָס האָט אים געפרעגט, אָבער זיין קרענק האָט אים איינגאַנצן פאַרענדערט. גאַנצע טעג איז ער טרויעריק און צאָרנדיק, און אין די נעכט איז אים באַפאַלן אַזאַ שרעק, וואָס איך ווייס נישט, ווי עס אָנצורופן. וואָרום אַז ס׳איז געקומען האַלבע נאַכט, איז ער אַראָפּ פון זיין געלעגער, האָט געבראָכן די הענט, געטופעט מיט די פיס, און זיך געווערגערט, און געשריען און געלאַרעמט און גערעדט אַזעלכע משוגענע מוראדיקע רייד, אַז מיר שטעלן זיך איצט אויף די האָר פון לייב, בשעת איך רייד פון דעם. אַזוי איז אַדורך אַ גאַנצער חודש, אין וועלכן גאָט האָט מיר באַשערט נעכט פון פיין און מאַטערניש, אָבער די נאַכט בין איך גאָר דערשראָקן געוואָרן. ווייל דער שגעון האָט זיך גאָר געשטאַרקט אים צו שרעקן, און ער האָט געאיילט זיין יונג, דיך צו רופן.

און אַזוי ווי זי האָט גערעדט, איז זי דערציטערט געוואָרן און אויפגעשפּרונגען פון איר אָרט, וואָרום זי האָט דערזען, ווי דעם מאַנס אויגן שפּריצן מיט שרעק. און מתּן האָט זיך צעשריען מיט אַ קול פול שרעק:

„ווי געשריען! חגית און אירע קינדער, ווי! אַ לייבין מיט איר־
רע לייבעלעך, ווי איז מיר! ווער וועט פאַרלעשן דעם פלאַ־
קער, וואָס ברענט אין מיין האַרצן!—קער אָפּ, קער אָפּ, שלעכ־
טע פרוי, פאַרצוק מיך נישט מיט דיין צאָרן,—פאַרוואָס זאָל נישט
ברענען נעמהס הויז?—ווי, זינדיקע פרוי... מיין זייד יאָגט דיך
נאָך אומזיסט. אָ! די זינד זיינען שטאַרקער פון מיר!—ווי איז
מיר! אַן אייביקער פלאַקער!"

און מתן האָט מער נישט געקאָנט ריידן, וואָרום ער האָט באַ-
קומען דעם שלאַג, און ער איז פאַרשטומט געוואָרן. און ער האָט
גענומען אַ שליסל פון זיין צעקאָפּנס און האָט אים דערלאַנגט
ידידיהן.

האָט זיין ווייב געזאָגט:

—אָט דאָס איז דער שליסל פון דער הייל, צו וועלכער קיין
מענטשלעכע האַנט—חוץ זיין האַנט—האָט זיך נאָך ביז היינט
נישט צוגערירט, ווי געשריען! מיין מאַן פאַרלאָזט זיינע וואוי-
נונגען און האַלט ביי שטאַרבן.

און מתנס ווייב האָט ביטער געוויינט, און ידידיה האָט זי גע־
טרייסט און געזאָגט:

—שוין-זשע זיינען קיין רפואות נישטאָ אין גלעד, אָדער קיין
דאָקטאָר איז נישטאָ דאָרט? האָף, ווייל ס'איז נאָך דאָ אַ האָפ-
נונג און גאָט וועט העלפן, און דו—הער זיך נישט צו צו זיינע
רייד, ווייל ער רעדט פון שגעון. און איך קער צוריק איצט צו
זיך אַהיים, און מאָרגן אינדערפרי וועל איך אַהער קומען.

און ידידיה איז אַרויסגעגאַנגען פון מתנס הויז און זיינע מחשבות
זיינען געווען שטאַרק צעמישט פון מתנס רייד, האָט ער זיך
געזעצט אויף זיין מוילאייזל און איז דורכגעריטן איין גאַס און
אַ צווייטע גאַס און אַ דריטע גאַס, און מיט אַמאָל איז דער הימל
געוואָרן שטאַרק רויט און אַ רויך מיט אַ פלאַם פייער דערהויבט
זיך. איז ער צוריקגעריטן מיט דעם וועג, וואָס ער איז געקומען,
כדי צו גענענען צום אָרט פון דער שרפה, און אַז ער איז
אַהין געקומען, האָט געררופן אַ שטים:

—איילט זיך צו ראַטעווען! מתן דעם שופטס הויז ברענט!

איז ידידיה צוגעקומען צו דער שטוב, זעט ער—אַ גרויסער המון מענטשן האָט דאָס הויז אַרומגערינגלט און קיינער לעשט נישט, און נאָכן ריח פון שוועבל, וואָס ער האָט דערפילט, האָט ידידיה פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָבן מענטשלעכע הענט אונטערגעצונדן דאָס הויז.

האָט ידידיה געפרעגט די מענטשן, צי מען האָט אַרויסגעראַטעוועט פון פייער די נפשות פון מתנס הויז. האָבן זיי אים געענטפערט:

—מיר זיינען אַהער געקומען און—דאָס פייער האָט געהאַט אַרומגענומען דאָס הויז פון אַלע פיר זייטן און קיינער האָט נישט געוואָלט זיך אַריינלאָזן אין פייער, צו ראַטעווען די נפשות.

און מתנס הויז איז פאַרברענט געוואָרן ביזן גרונט, און ווען דער מאָרגנשטערן איז אויפגעגאַנגען, איז פון גאַנצן הויז געבליבן אַ באַרג קוילן.

און ידידיה האָט מיט זיך גענומען די שטאָט-שוטרים און האָט געעפנט די טיר פון דער הייל מיט דעם שליסל, וואָס מתן האָט אים געגעבן—און ווי שטאַרק דערציטערט איז ער געוואָרן, אַז ער האָט דאָרט געפונען אַלע טייערע און גלוסטיקע זאַכן, וואָס זיינען געווען באַהאַלטן אין אוצר-הויז פון זיין פריינט יורם.

און ער האָט געזאָגט:

—לסוף איז די זאַך קלאָר געוואָרן, און מתן האָט קלאָר גערעדט, ווען דאָס משוגעת איז אים באַפאַלן.

און ידידיה האָט באַפוילן און מען האָט די טייערע זאַכן אַוועקגעטראָגן צו די אַלטע לייט, די שופטים, זיי זאָלן דאָרט ליגן, ביז מען וועט אויספאָרשן, צו דערגיין די מעשה נורא, וואָס ס׳איז אָפּגעטאָן געוואָרן אין מתנס הויז, און ידידיה האָט געאיילט זיך אומצוקערן אַהיים.

און תרצה האָט אַ גאַנצע נאַכט נישט געקענט צומאַכן מיט אַן אויג. וואָרום זי האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס איז געשען,

וואָס מען האָט אַזוי געאײַלט צו שיקן נאָך איר מאַן, ער זאָל ביינאַכט גיין צו מתנען. און איר ציטערניש איז גאָר גרויס געוואָרן, ווען מען האָט איר דערציילט, אַז אַ שרפה האָט אויסגעבראָכן אין שטאָט. האָט זי זיך געפּעדערט מיטן מאָרגנשטערן און איז וואַרטנדיק אַרומגעגאַנגען צווישן די איילבערטביימער, נאָכדעם ווי זי האָט אַוועקגעשיקט איינעם פון אירע דינער אין שטאָט אַריין נאָך ידידיהן. דערווייל האָט זי דערזען, ווי אַ מענטש גייט-אַרויף אויפן באַרג, האָט אים תּרצה געפרעגט: „וואָס איז געשען אין שטאָט?” האָט דער מענטש געענטפערט: „דאָס פייער האָט פאַרברענט דאָס הויז פון דעם שופט מתן”. האָט תּרצה פאַרבראָכן די הענט, וואָרום דאָס האַרץ איז איר שיער אַרויסגעפאַלן פון שרעק, אָבער זי איז צו זיך געקומען, דערזעענדיק, ווי ידידיה קומט אַרויף אויפן באַרג. זי איז אים אַקעגנגעלאָפן און איז געפאַלן אויף דעם מאַנס האַלז און געזאָגט: „האָסט מיך היינט שטאַרק איבערגעשראָקן, מיין מאַן, ווען דו וואָלסט נישט געגאַנגען צו מתנען, וואָלט איך נישט פאַרוואָגלט געווען אַ גאַנצע נאַכט.”

האָט ידידיה געענטפערט:

— ווען איך וואָלט נישט געגאַנגען, וואָלט איך פאַרשפּאָרט אייבערצוטראָגן אַ נאַכט פון פיין און מאַטערניש. אמת, ס'איז אַנדערש נישטאָ קיין רו פאַר מיר, ווי נאָר אַז איך בין מיט דיר, מיין טייערע.

האָט תּרצה צו אים געזאָגט:

— זע נאָר, זע! ס'אַר אַ גלאַטיקע ריידעלעך דו רעדטסט, און איך גלייב אין דיר, ווי אַ נאַרישע טויב, אָבער זאָג מיר, מיין ליבער, צי איז טאַקע פאַרברענט געוואָרן מתנס הויז?

האָט ידידיה געזאָגט:

— אמת, דאָס פייער האָט פאַרברענט דאָס הויז מיט די איינוואוינער צוזאַמען, און מתן איז געשטאָרבן מיט אַ טויט פון אַן אויסוואורף.

און ידידיה האָט פאַר איר דערציילט אַלץ, וואָס איז געשען די נאַכט, און האָט געזאָגט:

—ווײ געשריִען! נישטאָ שוין קיין געטרוישאַפט אויף דער וועלט, וואָרום געפעלשט האָט מתן אין יורמען, ווי אַן אמתער פעלשער, ווען יורם האָט אין אים געגלויבט.

האָט תרצה טרויעריק געענטפערט:

—ווײ, מיין חברטע נעמה! וואָרום זי איז פאַרוואָגלט געוואָרן אָן אַ שום שולד און זי האָט נישט געפעלשט אין האַר פון איר יוגנט, ווי מיר האָבן געמיינט.

האָט ידידיה געזאָגט:

—אַזוי טראַכט איך אויך אַצינד. ס'האָבן דאָך אָבער אויף איר עדות געזאָגט חפר און בוקוה, מענטשן, וואָס זיינען שטענדיק באַגלייבטע, און ווער וועט זיי אָפּלייקענען? ווײ, ווײ! מיינע רעיונות זיינען מיר שטאַרק צעמישט. אָבער לאָמיך גיין אין גאָטס הויז, און אַז איך וועל צוריקקומען, וועלן מיר ווייטער ריידן וועגן דעם.

און ידידיה איז אַריין אין גאָטס הויז, ווען די כהנים האָבן געגענט דעם מאָרגן־קרבן, און ער האָט דאָרט געטראָפן סתרין.

און אַז ידידיה האָט פאַרלענדט זיך צו בוקן פאַר גאָט, האָט ער מיטגערופן סתרין, יענער זאָל גיין מיט אים אַהיים. און ער האָט אים דערציילט די גאַנצע מעשה נורא, האָט סתרי געשוויגן. ער האָט נאָר געזיפצט און זיי זיינען געקומען אין דער זומערוואוינונג, האָט זיי תרצה געגעבן צו עסן, און זי האָט געזאָגט:

—ס'האָט זיך אויסגעלאָזט די געטרוישאַפט פון מענטשן! און ווער קען איצט אונטערשיידן צווישן ריינע הערצער און אומווירדיקע הערצער?

און תימן האָט געזאָגט:

—אָט דאָס איז דער מתן, וואָס האָט שטענדיק געהויבן די הענט צום הימל מיט וויינענדיקע אויגן צו גאָט, און האָט שטענדיק געברייגט קרבנות אין פייעראָפּפער?

האָט ידידיה זיך אויסגעשריִען אויף אים און געזאָגט:

—שוין אַ סך מאָל, ווי איך האָב דיך געוואָרנט זיך נישט אַריינ־

צעמישן צווישן עלטערע מענטשן, וואָרום נישט דו וועסט אונז לערנען, וואָס מען דאַרף וויסן.
און ער האָט געזאָגט צו תּרצהן:
—לאָמיר נישט באַשולדיקן די גאַנצע וועלט צוליב די זינד פון איינעם. לאָמיר גלויבן, אַז עס איז נאָך פאַראַן געטרוישאַפט, און אויב אַ מענטש פאַרדאַרבט זיין וועג—ווערט מען דאָס געוואָר.
—געטרוישאַפט!—האָט סתרי אויסגערופן מיט אַ זיפץ.—דאָס וואָרט איז ביי יעדן אויף דער צונג, אָבער אין האַרץ ווערט עס אָפּגעהיט ביי איינעם פון טויזנט שטאָטישע איינוואוינער. אַלע קליידן זיך אין רעכטפאַרטיקייט, ווען זיי גייען אַרויס אויף דער גאַס—אָבער ווען זיי קומען אַהיים, טוען זיי אויס פון זיך דידאָזיקע צירונג. זיי מיר מוחל, ידידיה, וואָס איך וועל דיר זאָגן: איך—האָב פון מתנען. שטענדיק נישט אַזוי געהאַלטן, ווי דו האָסט פון אים געהאַלטן. דעריבער וואונדער איך מיך אויך איצט נישט אויף דער שענדלעכער זאַך, וואָס ער האָט געטאָן. וואָרום אלמנות, וואָס זיינען געקומען צו אים בעטן משפט און הילף, האָט ער ליידיק און לויז אַוועקגעלאָזט (ווייל זיי זיינען געקומען צו אים מיט ליידיקע הענט) און באַרויבטע יתומים האָבן געשריען אין זיינע אויערן אויף זייערע רויבער, ביז זיי זיינען הייזעריק געוואָרן שרייענדיק און ער האָט זיי שטענדיק געענטפערט מיט זיינע פאַלשע גלאַטיקע ריידעלעך, אַזוי צו זאָגן: „און ווער בין איך, וואָס איר שרייט צו מיר? איך בין נאָר אַ ריט און אַ שטעקן אין דער האַנט פון משפט. אַ ריט פון גאָטס שטראָף און אַ שטעקן פון גאָטס צאָרן”—און זיין ריט און זיין שטעקן—זיינען געווען ווי אויסגעטריקנט שטרוי פאַר די הענט, וואָס זיינען געווען פול (וואָס האָבן אים געגעבן שוחד). אויך זיין קריגן זיך מיט זיינע חברים איז געווען אַ קריג פאַר גאָט, און זיין צונג—אַ שווערד, וואָס האָט זיך נוקם געווען פאַר גאָט, (האָט שטענדיק נאָר גערעדט פון גאָט, און אַליין געטאָן פאַרקערט).
—ריכטיק רעדסטו, סתרי,—האָט ידידיה געענטפערט—אָבער זאָג

מיר, ווי אַזוי ווייסט מען, וואָס דער מענטש האָט אין זינען? צי דורך אָפענע פענסטער קען מען קוקן אין האַרצן פון אַ פריינט? איך האָב געקוקט אויף מתנען, ווי אויף אַ מענטשן, און אַלע זיינע מעשים זיינען פאַרן אויג געווען רעכטפאַרטיק. און אויב איך וועל נאָר קוקן שלעכט אויף אַ מענטשן, ווי דו מיינסט, וועלן דאָך די מענטשן, וועלכע זיינען פאַר מיר געווען אינדערפרי, ווי די מלאכים פון גאָט—ווערן פאַרנאַכט, ווי די שדים און רוחות, און דעמאָלט וועלן אַלץ ווייניקער ווערן מיי־נע גוטע פריינט און עס וועלן זיך מערן מיינע שונאים פון טאָג צו טאָג. און אין דער שטאָט ציון, וואָס האָט אַזויפיל איינוואוינער, וועל איך זיצן ווי אַ נאַקעטער בוים אין דער מדבר.

—פאַרגיב מיר, מיין האַר און פריינט,—האָט אים סגרי געענט־פערט.—איך וועל דיך לערנען, ווי אַזוי אונטערצושיידן צווישן אַ ריין האַרץ און אַ זינדיק האַרץ. עס פעלן דאָך נישט אין אונזערע צייטן קיין פרומע גאָטספאָרכטיקע לייט אין יהודה. קוק אויף אונזער מלך, וואָס איז שיין און גרויס. זיסקייט און זאַנפטיקייט שיינען אויף זיין פנים. ער איז אַ קוואַל פון לעבן און גענאָד צו די רעכטפאָרטיקע, און אַ שרעק פאַר די זינדי־קע, און קוק אויף דעם נביא בן־עמוץ און אויף די איבעריקע נביאים און וועסט איינזען, אַז זייער הייליקייט מאַכט זיי שיין און גרויס. זיי שיינען, ווי די זון, וואָס דערפרישט די ריינע שפראָצונגען און פאַרברענט מיט איר היץ דאָס פאַרטריקנטע גראָז. נישט אַזוי אָבער זיינען דידאָזיקע לייט, וואָס טוען זיך נאָר אָן אין פרומקייט, כדי צו פאַרדעקן אונטער דעם זייער פאַלשקייט. זיי זעען גאָר אַנדערש אויס.

האָט ידידיה צו אים געזאָגט:

—וואָס קומט מיר אָבער אַרויס דערפון? איצט זיינען מיר גע־עפנט געוואָרן די אויגן צו זען, אַז אין דעם אומגליק, וואָס איז געשען מיט יורמס הויז, איז שולדיק דער אויסוואורף מתן. ווער אָבער האָט עס אים באַצאָלט, ווי ער האָט זיך פאַרדינט? און ווער זיינען עס די לייט, וואָס האָבן אונטערגעצונדן זיין

הויז און יורמס הויז? די זינד פון נעמה איז דאָך געחת געוואָרן פאַר די אַלטע לייט, די שופטים, לויטן עדות זאָגן פון חפר און בוקיה. מתן אָבער האָט דאָך געזאָגט, אַז דאָס בייזע געמיט איז אים באַפאַלן, אַז זי איז אומשולדיק, און וועמען זשע זאָלן מיר גלויבן? עפּעס איז דאָ אַלץ פאַרפּלאָנטערט. און וואָס איז געוואָרן דער סוף פון נעמהן און פון אירע קינדער?

האָט סתרי צו אים געזאָגט:

—גאָט איז דאָך אונזער שופט, און אויב ער האָט שוין אָנגע־הויבן צו אַנטפּלעקן פאַר אונז פאַרבאָרגענע זאַכן, לאָמיר האָפן צו אים, אַז ער וועט אַלץ קלאָר מאַכן, און עס וועלן געכאַפּט ווערן די רויבער, וואָס האָבן נעמהן צו שאַנד און צו שפּאָט געבראַכט. ווײַ געשריען! אַזעלכע זאַכן טרעפן זיך נאָר אין דער גרויסער שטאָט, און איך דאַנק גאָט פאַר דעם חסד, וואָס ער האָט מיר מזכה געווען, צו וואוינען צווישן די איינוואוינער פון וואַלד אין כרמל, און דו, מיין האַר און פריינט, פון היינ־טיקן טאָג אָן גיב אַכטונג אויף אַלץ, וואָס עס טוט זיך אַרום דיר. דיין גלייבן אין גאָט—איז אַן אמתדיק גלויבן, אָבער דיין גלויבן אין מענטשן—איז נאַריש און ברייִנגט גרויס שלעכטס. גאָט זאָל דיך באַשירמען פון זיי.

און סתרי האָט געגעסן און געטרונקען, דערנאָך איז ער אַוועק־געגאַנגען קיין ירושלים צוריק צו זיך אויפן בוידעמשטיבל, און האָט דאָרט געוואוינט די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין ירושלים.

אין דערדאָזיקער נאַכט, וואָס מתנס הויז האָט אָפּגעברענט, האָבן עזריקם, חפר און בוקיה זיך פאַרזאַמלט ביי כרמין אין הויז. און חפר און בוקיה האָבן אַזוי געזאָגט צו עזריקמען: „נאָך אַ ווײַלע—און דאָס פייער וועט פאַרברענען מתנס צונג און ער וועט דיר שוין מער קיין שום שלעכטס נישט טאָן מיט זיינע לעפצן. אויך זיין ווייב און קינדער און הויזמענטשן וועט דאָס פייער פאַרברענען, אַזוי אַז עס וועט נישט בלייבן ווער עס זאָל עפּענען אַ מויל און אַ פּיפּס טאָן! און אַצינד, נעם גיך און

ברייננג אַרויף עכּנען פון גרוב, און זאָג אים, אַז דו וועסט מיט אים גוטס טאָן, וואָרום אויב דו וועסט אים האַלטן אין גרוב, וועלן געעפנט ווערן די אויגן פון די אַלטע לייט און זיי וועלן זיך אָנשטויסן, און וועסט האָבן אַ ביטערן סוף.

האָט עזריקם געאײלט צו טאָן, ווי עס האָבן אים געראָטן חפר און בוקיה, האָט ער אַרויפגעבריינגט עכּנען פון גרוב, האָט אים איבערגעבעטן מיט אַ שטיקל פעלד און אַ גאָרטן, וואָס ער האָט געשיינקט אים און זיינע קינדער, און האָט אים צוגעזאָגט נאָך אַ סך גוטס צו טאָן און צוריק אים געמאַכט פאַר אַ שפּייזער.

און די אַלטע לייט האָבן אַ סך חוקר ודורש געווען חפרן בוקיהן, ווי אויך עכּנען און חלאהן וועגן דעם, וואָס עס איז געשען אַמאָל אין יורמס הויז, אָבער קיין איינער פון זיי האָט נישט געזאָגט אויף אַ האָר אַנדערש פון דעם, וואָס זיי האָבן געזאָגט מיט אַ סך יאָרן צוריק, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט פאַר זיך אַליין. דעמאָלט האָבן אַלע שופטים געזאָגט: נישט אַנדערש, אַז דאָס איז געווען אַן אָפּמאַך צווישן נעמהן און מתנען, זיי זאָלן זיך נוקם זיין אין חגיתן, וועלכעביידע האָבן שטאַרק פיינט געהאַט, און זיי האָבן אומגעקערט צו עזריקמען די אַלע טייערע זאַכן, וואָס האָבן געקערט צו זיין פאָטער יורם און מען האָט זיי געפונען ביי מתנען. און מתנס נאָמען איז פאַרשאָלטן געוואָרן. און די אומגליקלעכע נעמה האָט געהערט ווי אַ סך ריידן און שעלטן איר נאָמען און איר אָנדיינק, און זי האָט זיך געמאַכט, אַז זי הערט עס נישט. וואָרום קיינער האָט זי נישט געקענט, און די אָרעמעלייט, צווישן וועלכע זי האָט געוואוינט, האָבן זי געהאַלטן פאַר אַ פּלשתית.

יב

און סתרי, איידער ער האָט צוריקגעקערט אויפן כּרמל, האָט צו אמנונען אַזוי געזאָגט: „עס פרייט מיך זייער דיך און דיין שיינקייט צו זען זיצן אין ידידיהס הויז, וואו דו האָסט אַזויפיל כּבוד."

האָט אמנון צו אים געזאָגט:

—וואָס קען מיר געבן דערדאָזיקער גאַנצער כּבוד, אַז איך בין אָן אַ נאָמען און ווייס נישט פונוואַנען איך קום אַרויס.

האָט סתרי צו אים געזאָגט:

—מאַך דיר אַ נאָמען דורך קלוגשאַפט און וויסן, ווייל נאָר דאָס איז דער כּבוד פון מענטשן, און זיי גרייט אויפן דריטן טאָג, ווייל דעמאָלט וועט אַהער קומען מיין ברודער אבישי, און וועט דיר דערציילן גרויסע זאַכן.

האָט זיך סתרי מיט אים געזעגנט און זיך געלאָזט אין וועג אַריין. און אמנון איז געבליבן זיצן אין בוידעמשטיבל, און איז זיך דאָרט געזעסן זיכער מיט זיין דינער פורה, וואָס האָט גע־

לאָקערט אָװעקצוגנבענען דעם רונג פון זײַן האַנט און האָט נישט געקענט, װאָרום דער רונג איז שטאַרק באַהעפט געװען צו אמנונס פינגער, און מעכה–אויך איר האָט נאָך זמרי נישט געזאָגט, װאָס זי זאָל זאָגן תמרן.

און ס'איז געװען, װען אמנון האָט איינמאָל געשלאָפן אויף זײַן געלעגער–האָט מען געקלאַפּט אין די טיר פון זײַן חדר, איז אמנון אויפגעשטאַנען אַ דערציטערטער און געפרעגט: „װער קלאַפּט דאָס צו מיר ביינאַכט?” און אבישיס קול רעדט צו אים: „עפן מיר, אמנון, די טיר.” האָט אמנון געעפנט די טיר, און דער אַלטער אבישי איז אַרײַנגעקומען. האָט אמנון אָנגעצונדן פײַער און האָט געפרעגט:

–װאָס טוט ביי מיר מיין האַר אין אַזאַ שפּעטער שעה?

האָט אבישי געזאָגט צו אים:

–טו זיך אָן און קום מיט מיר.

האָט זיך אמנון געאיילט, און אַרומגעװאַשן זײַן לייב מיט װאַסער און אָנגעקליידט זײַנע קליידער און איז געגאַנגען מיט אים. זײַנען זיי געגאַנגען דורך געמאַרקן און גאַסן, און זײַנען געקומען ביז צום גיא־מאַרק, און אבישי האָט געזאָגט:

–דאָ שטיי און פאַרנעם מײַנע רייד. איך האָב געהערט, אַז דו ביזט פאַרװאָגלט און מיינסט, אַז דו קומסט אַרויס פון אַ נידעריקער משפחה?

האָט אמנון געזאָגט:

–אמת, מיין האַר, מיין אָפּשטאַמונג פאַרביטערט מיר דאָס לעבן, װייל איך װייס נישט, פונװאַנען איך קום אַרויס און װייס נישט, װאָס מיין סוף װעט זײַן.

האָט אבישי צו אים געזאָגט:

–שװער מיר צו, אַז דו װעסט גאָרנישט אַרויסברענגען אויף דײַנע ליפּן פון דעם, װאָס דײַנע אויערן װעלן איצט פאַרנעמען.

האָט אמנון געענטפערט:

–ביי גאָט שװער איך, אַז איך װעל נישט לאָזן הערן פון מויל

דאָס, וואָס דו ווילסט פאַרבאָרגן, הלואי זאָל דאָס זיין אַ טרייסט פאַר מיין האַרץ.

האָט אבישי געגומען אמנונען און אים אַריינגעפירט אין אַן אָרעם געצעלט—און אמנון האָט דערזען אַ שיינע פרוי, וואָס זיצט ביי אַן אָרימען טיש, און אויפן טיש אַ קופערנער לייכ־טער, און דאָס ליכט שיינט אויף איר פנים, וואָס איז פאַרבי־טערט פון געוויין—און צו דער רעכטער זייט פון דערדאָזיקער פרוי זיצט זייער אַ שיין מיידל, וואָס איז אויפגעשטאַנען, ווען אמנון איז אַריינגעקומען.

און אמנון שטייט, שוויגט און גאַפט און גאַרט צו וויסן, וואָס דאָס אַלץ באַדייט.

און אבישי האָט געזאָגט צו אמנונען:

—געגען איצט און קוש די הענט פון דיין מוטער, וואָס האָט דיך געבוירן. האָב אויך ליב דאָסדאָזיקע מיידל, וואָרום זי איז דיין שוועסטער, וואָס דיין מוטער האָט זי געוואונען אַ צווילינג מיט דיר.

און ווי אמנון האָט דאָס דערהערט, איז אים געפאַלן זיין האַרץ און די פרוי האָט זיך צעוויינט, און האָט געגענט צו אמנונען און האָט אים געהאַלזט און געקושט און געזאָגט:

—דו ביזט דער זון, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין דער צייט פון מיין פיין, וואָס דו קענסט מיך נישט פון זינט איך האָב דיך אַנטוויינט.

און דאָס מיידל, אויך זי האָט געקוקט אויף אמנונען מיט זאַנפ־טע אויגן פול טרערן, און זיך האָט געזאָגט:

—אָך! מיין פלייש און לייב! דאָס ביזטו מיין ברודער אמנון, וועמענס נאָמען איך האָב שטענדיק געהערט פון דער מאַמען? דאָס ביזטו דער, וועמען איך האָב געזען אין דמיון, אָבער איך האָב אים נישט געקענט?

און אבישי איז אַרויס פון געצעלט, ווען די פרוי האָט זיך גע־געבן צו דערקענען צו איר זון, און די פרוי האָט ווידער גע־זאָגט:

—גאָט זאָל דיך לייטזעליקן, מיין שיינער זון, אָבער פאַרוואָס

ביזטו אַזוי צעטראָגן און שווייגסט, זון מײַנער?
איז אמנון געפאַלן אויפן האַלז פון זיין מוטער און שוועסטער, און ווידעראַמאָל געפאַ.ן אויף זייערע העלזער און פון זיינע אויגן זיינען גערונען די טרערן, ווי אַ טייך איבער זייערע באַקן, אָבער זיינע לעפצן זיינען נאָך אַלץ פאַרשטומט.
האָט די פרוי געזאָגט:
—לאָז מיך הערן דאָס ריידן פון דיינע לעפצן, וואָס איז זיס.

און אמנון האָט געוויינט און געזאָגט:
—דיין ליבע צו מיר, מוטער מיינע, דיינע קושן און דיין גרויס באַרמהאַרציקייט צו מיר, האָט זיך אָפּגעהאַלטן אַזויפיל יאָרן, און איצט האָט זיך דאָס אַלץ צענויפגעזאַמלט אין איין רגע, און מיין האַרץ איז צו איינג, איך זאָל דאָס אַלץ קענען פאַר־נעמען. דערפאַר בין איך ווי פאַרשטיינערט געוואָרן. ווי זיס ביזטו מיר, מוטער מיינע, און ווי שיין ביזטו מיר, שוועסטער מיינע! ווי רויזן אין אַ וויסט לאַנד האָב איך זיך אייך פאָרגע־שטעלט, וויי איז צו מיר, אַז איך זע אייך, ווי פאַרדעקט און פאַרבאָרגן אין אָרעם געצעלט! זאָג זשע מיר, מוטער מיי־נע, וואָס איז די מעשה, וואָס דו האָסט זיך צו מיר פאַר־פרעמדט ביז אַהער? זאָג מיר דיין נאָמען און מיין שוועסטערס נאָמען. ווער איז מיין משפחה און מיין פאָטערס הויז אין יהודה? דערצייל מיר פון דיינע ליידן, בכדי איך זאָל זיי וויסן. צי איז דען קורץ מיין האַנט, צו העלפן דיר, און אויב איך קען דיר נישט העלפן פון דיין אָרעמקייט און פיין, וויל דאָך ידידיה מיר געבן אַ נחלה דערפאַר, וואָס איך האָב מציל געווען זיין טאָכטער תמר פון טויט, און אויב איך האָב ביז אַהער גאָרנישט געוואָלט נעמען פון אים, וועל איך איצט נעמען דאָס, וואָס איך האָב מיר פאַרדינט און ס׳וועט זיין אויף צו שפּייזן אייך.
האָט די מוטער צו אים געזאָגט:
—איין זאַך בעט איך פון דיר, מיין טייערער זון. דו זאָלסט נישט בעטן פון מיר, איך זאָל דיר זאָגן דאָס אַלץ, וואָס איך פאַרהויל פון דיר, און זאָלסט זיך נישט איילן צו וויסן דיין

אָפּשטאַמונג און דעם נאָמען פון דיינע עלטערן. איך וועל דיר נאָר אַ קליין ביסל זאָגן: דיין פּאָטער איז געווען פון די אַדללייט אין לאַנד און איז געשטאָרבן, און נאָך זיין טויט זיינען געקומען זיינע מאָנערס, וואָס זיי איז געלט געקומען און האָבן אַלץ צוגענומען. ווען איך וואָלט נישט אַנטרונען געוואָרן צוזאַמען מיט אייך, מיינע טייערע, וואָלטן זיי מיך צוזאַמען מיט אייך גענומען צו פעלשן מיט אונז און אונז צו פאַרקויפן, ווי מען פאַרקויפט קנעכט און דינסטן. אויך איצט פאָרכט איך מיר פאַר זיי, ווייל זיי זיינען אכזרים. און אויב דאָס איז דיר ווייניק, זאָלסטו וויסן, אַז אויב מען וועט זיך פון אונז דערוויסן, וועלן מיר נאָך האָבן אַ סך גרעסערע צרות און ליידן. דעריבער וועל איך פאַרבאָרגן אַלץ אין דער טיפעניש פון מיין האַרצן, ביז גאָט וועט זיך דערבאַרעמען. איך זע דאָך שוין, אַז גאָט האָט זיך דערמאָנט אין דיין פּאָטערס הויז, וואָרום ער האָט דיך אויפגעהויבן פון דאָרט, וואו עס הויערן די פּאַסטוכער צו באַזעצן דיך מיט אַ גרויסן מאַן, אין וועמענס הויז דו האָסט אַן אָרט און אַן אָנלען.

און אמנון האָט געזיפצט, הערנדיק דידאָזיקע רייד פון זיין מוטער, און זיינע טרערן זיינען אים גערונען איבער די באַקן, און ער האָט געזאָגט:

—ידידיה האָט מיר געגעבן אַן אָרט און אַ נאָמען אין זיין הויז נאָר צו מיין גרויס ווייטאָק און פּיין, ווייל מיין פאַרלאַנג איז צו ווייט פון מיר. ווי מיר, ווי! ווען איך וואָלט נישט פאַרלאָזט די וואוינונגען פון די פּאַסטוכער, וואָלט איך דאָך איצט רואיק געווען.

האָט זיין מוטער צו אים געזאָגט:

—וואָס איז דיר, מיין זון? וואָס איז דיין פאַרלאַנג, וואָס איז ווייט פון דיר?

און אמנון האָט נישט געקאָנט איינהאַלטן דעם שטראָם פון זיינע טרערן, און ער האָט געזאָגט:

—זע נאָר דעם רונג, וואָס איז אויף מיין האַנט. דעמדאָזיקן ר'נג האָט מיר געגעבן תמר, די טאָכטער פון ידידיה, וואָרום

זי האָט מיך זייער ליב. אויך מיין האַרץ איז צו איר באַהעפט, נאָר אָן שום האָפנונג.
האָט די מוטער געזען דעם רונג, און האָט געקוקט דאָ אויפן זון און דאָ אויף דער טאָכטער, וואָס האָט זיך אויך שטאַרק געחדושט דאָס זעענדיק. זי האָט זיך דערמאָנט אין רונג, וואָס עס האָט איר געגעבן תימן, ידידיהס זון אין כרמל. האָט די מוטער אים געפרעגט, ער זאָל איר זאָגן, וואָס באַטייטן די נע־מען, וואָס זיינען אויף דעם רונג אויסגעקריצט. האָט אמנון איר אַלץ דערציילט, און די מוטער האָט צו אים געזאָגט:
—באַרואיק דיין האַרץ און פאַרלאָז זיך אויף גאָט.—און זי איז געזעסן און געטרייסט איר זון ביז דער מאָרגנשטערן האָט גע־עפנט זיינע אויגן, און זיין ליכט האָט אַריינגעשיינט דורכן פענסטער פון געצעלט און נעמה האָט געהאַלזט און געקושט איר זון און טאָכטער, און זי האָט געזאָגט:
—אַזוי ווי דער מאָרגנשטערן שיינט אויף, אַזוי זאָל אויך אייער מזל אויפשיינען. מיינע אויגן זאָלן עס צוזען, און מיין האַרץ זאָל זיך פרייען מיט אייך.
און אמנון איז ווידער געפאַלן דער מוטער און דער שוועסטער אויפן האַלז און האָט זיי געקושט, און ער האָט געזאָגט: „פון איצט אָן וועל איך דאָך אייך שוין אַלעמאָל זען.” האָט די מוטער צו אים געזאָגט: „אַז איך וועל וועלן זיך זען מיט דיר, וועל איך צו דיר שיקן עוצן, דעם דינער פון אבישין, אונזער וואוילטעטער, און וועל דיר אָנווייזן אַן אָרט, וואוהין דו זאָלסט קומען, און דו, מיין זון, היט דיינע טריט, ווען דו וועסט גיין צו מיר, און היט אָפּ דיין צונג פון צו ריידן.
און אמנון איז אַרויסגעגאַנגען פון געצעלט פון זיין מוטער און שוועסטער מיט אַ געבראָכן האַרץ.
און פורה, וואָס האָט געלאָקערט און נאָכגעקוקט אַלץ, וואָס אמנון טוט, האָט זיך זייער דערפרייט מיט דעם, וואָס עס האָט פּאַסירט די נאַכט, וואָס אמנון איז עפּעס פלוצלונג אַוועקגעגאַנ־גען, און ווי נאָר אמנון און אבישי זיינען אַרויסגעגאַנגען, האָט ער געאיילט אוז זיי נאָכגעגאַנגען פון ווייטן. אַזוי האָט ער זיי

באַנגעקוקט ביז זיי זיינען געקומען צו גיאַ־מאַרק, און האָט באַלד צוריקגעקערט. וואָרום ער האָט זיך געטראַכט: טאָמער קומט אמנון באַלד צוריק, וועט ער אים נישט געפינען איבערהיים, וועט ער זיך עפּעס אָנשטויסן.

צומאָרגנס איז פּורה געגאַנגען צו זמרין און האָט אים דערציילט וועגן דעם. האָט זמרי צו אים געזאָגט: „האָסט זיך זייער באַנאַרעשט. פאַרוואָס האָסטו נישט צוגעקוקט דורכן פענסטער אין געצעלט אַריין, צו וויסן וואָס דאָרט טוט זיך. דעריבער גיב גוט אַכטונג אויף אים פון איצט אָן, ווייל דאָס איז נישט קיין פּוסטע זאַך."

יג.

אַין עכֿן האָט גערעדט צו זיין ווייב חלאה, אַזוי צו זאָגן: „גאָט האָט זיך דאָך דערמאָנט די זינד פון מתן, וואָס האָט מיך אַראָפּגעפירט פון גלייכן וועג, און זיין ביטערער מוראדי־קער סוף האָט מיך געמאַכֿט דערציטערן, וואָרום איך ווייס, אַז גאָט וועט אונז אויך נישט שיינקען. דעריבער הער אויס, וואָס איך טראַכֿט צו טאָן, כּדי צוריקצוקערן די פאַרשטויסענע יורמס אויף זייער ארבערונג.

האָט חלאה אויף אים זיך אויסגעשריען און געזאָגט:

—דו מיינסט צו פאַרטרייבן אונזער זון פון זיין ארבערונג, אין דער צייט, ווען ער האָט אָנגעהויבן אַרויסצעווייזן צו אונז זיין גענאָד?

האָט עכֿן צו איר געזאָגט:

—צום ערשטן הער אויס, דערנאָך וועסטו ענטפערן. איך וויל אומקערן די פאַרשטויסענע יורמס און דערמיט אויפהייבן דעם כּבוד פון אונזער זון. אונזער האַרינטע נעמה האָט אַ טאָכֿטער,

אַ מיידל אַ יפת תאר, וואָס איך האָב נאָך אַזעלכעס נישט געזען, און איך ווייס, אַז ווי נאָר עזריקם וועט איר זען, וועט ער צו איר שטאַרק גלוסטן, און איך וועל מיר געבן צו דערקענען צו נעמהן, און איך וועל איר דערציילן דעם אמת, אַז דאָס האָט מתן אונטערגעצונדן דאָס הויז פון איר מאַן יורם, ווייל ער האָט שטאַרק געצאָרנט אויף חגיתן, און ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר מיר, האָט ער עס מיר דערציילט און איך האָב געמאַכט אַנטרונען מיין זון און געזאָגט: דאָס איז עזריקם. און אַצינד וועל איך, איר איינריידן, אַז זי זאָל געבן איר טאָכטער פאַר אַ ווייב צו עזריקמען, און זי וועט רואיק זיצן מיט אים אויף דער נחלה פון איר פאָטער, און קיינער וועט דאָס נישט וויסן. וואָרום זיי וועלן זאָגן: עזריקם האָט גענומען די טאָכטער פון אַ פלשתית.

האָט חלאה צו אים געזאָגט:

—און וואָס וועט ידידיה זאָגן? דו ווייסט דאָך, אַז ער וועט נישט לאָזן, עזריקם זאָל נעמען נאָך אַ ווייב צו זיין טאָכטער.

האָט עכן געזאָגט:

—הער מיך אויס און פאַרשטיי וואָס איך מיין. זמרי האָט דאָך מיר דערציילט, אַז חננאלס רונג איז אויף דער האַנט פון אמנון דעם פאַסטוך, וועמען ידידיה האָט אַריינגענומען אין זיין הויז. און תמרס האַרץ גלוסט צו אים, דעריבער וועל איך אין געהיים אויסזאָגן דעם יונגנמאַן, אַז חננאל לעבט, און אַז ער וועט דאָס דערהערן, וועט ער זיך אַוועקלאָזן קיין אַשור, און איך ווייס, אַז ער וועט צוריקברייגען חננאלן פון זיין געפאַנגענשאַפט און זיין חלום וועט מקוים ווערן, ווייל אמנונס געשטאַלט איז פונקט ווי די געשטאַלט פון דעם יינגל, וואָס חננאל האָט געזען אין חלום. וועט תמר בלייבן פאַרן יונגלינג, דעם פאַסטוך, און די טאָכטער פון אונזער האַרינטע נעמה וועט חתונה האָבן פאַר אונזער זון, און דערמיט וועט אונזער זינד אויסגעקויפט ווערן.

האָט חלאה צו אים געזאָגט:

—זע, מיין מאַן, דו לאָזט זיך אויף אַ קרומען וועג און היט זיך, דו זאָלסט נישט אַריינפאַלן אין עפּעס אַ נעץ.
האָט עכן צו איר געזאָגט:
—האָב נישט קיין מורא, מיין ווייב, דו לאָז מיר נאָר טאָן, וואָס מען דאַרף, און איך וועל שוין אַלץ מאַכן, ווי עס באַדאַרף צו זיין.
האָט חלאה צו אים געזאָגט:
—און ווי אַזוי זאָל אמנון, דער יונגלינג, נישט מורא האָבן פאַר דער מלחמה פון די פעלקער און ווי אַזוי וועט ער זיך איינשטעלן דאָס לעבן צו פאָרן קיין אַשור?
האָט עכן איר דערויף געענטפערט:
—הדורם, דער סוחר פון צידון, איז הי, און ער קען זיך מיט מיר. און דאָס ווייסט מען דאָך, אַז צור צידון לעבן בשלום מיט אַלע פעלקער—ווייל זיי פאָרן איבער די ימים און האַנדלען און וואַנדלען אומעטום. עס האַלט זיי נישט אָפּ דער קריג פון די פעלקער און די מלחמה שטערט נישט זייער וועג. און איך וועל באַהעפטן אמנונען צו דער חברותא פון דידאָזיקע וועגלייט, ער זאָל גיין מיט הדורמען, וואָס וועט זאָגן אויף אים, אַז ער איז אַ צידונער, און מען וועט אמנונען צוליב אים אויך נישט טשעפּען. איך ווייס, אַז אמנון וועט זיך נישט אָפּזאָגן פון צו גיין מיט אים, ווייל ער גלוסט שטאַרק צו תמרן, ווי זמרי האָט מיר געזאָגט.
האָט חלאה צו אים געזאָגט:
—דיינע פאָרטלען זיינען צו הויך און צו גרויס פאַר מיר. און דו גיב נאָר אַכטונג, דו זאָלסט נישט אַריינפאַלן אין אַ פּלאָג.

האָט עכן צו איר געזאָגט:
—עזריקם וועט דאָך גאָרנישט וויסן, ביז אמנון וועט אָפּטאָן זיין אַרבעט, און אַז אונזער זון וועט זען, אַז תמר איז דערווייטערט פון אים, וועט ער האָבן אַ געפאַלן געמיט, וועל איך אים דערמאָלט באַוויזן די טאָכטער פון אונזער האַרינטע נעמה אין איר גאַנצער שיינקייט און פּראַכט, וועט ער פאַרגעסן תמרן און

וועט גלוסטן אין איר, און זיין האַרץ וועט ווערן צו איר באַ־
העפט, בפרט אַז איך וועל אים זאָגן, אַז זי איז די טאָכטער
פון יורם און אַז ער איז נאָר מיין זון. וואָרום נישט אויף אייי־
ביק וועל איך עס דאָך פאַרבאָרגן פון אים.

און זמרי האָט באַפוילן צו פורהן, ער זאָל דעם טאָג גיין אויפן
גיאַ־מאַרק און אויספאָרשן, ווער וואוינט דאָרט אין דעם געַ־
צעלט, אין וועלכן אמנון איז געווען. האָט פורה אַזוי געטאָן,
איז ער געגאַנגען און אַריינגעקומען אין דעם געצעלט און האָט
געפונען אַן אויסרייד עפעס צו פרעגן ביי דער פרוי און ער
האָט צו איר געזאָגט:

—זאָג מיר, איך בעט דיך, וואו וואוינט דאָ ערגעץ שעף די
מואב־טאָכטער? האָט אים די פרוי געענטפערט: „איך ווייס
נישט.” איז פורה פון דאָרט אַרויס און האָט זיך געטראַכט:

—איצט איז אַלץ קלאָר, וואָרום אמנון האָט ליב דאָסדאָזיקע
שיינע מיידל, וואָס וואוינט דאָ אין דעם געצעלט. האָט ער
נאָכגעפאָרשט און נאָכגעפרעגט ביי די אָרעמע איינוואוינער, האָבן
זיי אים דערציילט, אַז די פרוי, וואָס וואוינט דאָ אין דעם
געצעלט מיט איר טאָכטער, איז אַ פלשתית. איז ער געגאַנגען
צו זמרין, וואָס איז דעמאָלט געזעסן און געוואַרט אויף אים
ביי כרמין אין הויז, און האָט עס אים דערציילט. האָט אים
זמרי אַריינגעפירט אין אַ באַזונדער חדר און האָט געזאָגט צו
אים:

—איך גיב דיר דרייסיק זילבערנע שקלים פאַר דיין אַרבעט.
און נאָך אַזויפיל וועסטו ביי מיר באַקומען, ווען דו וועסט גליקן
ביי דעמיעניקן, צו וועלכן איך וועל דיך איצט שיקן. גיי צו
תימנען און זאָלסט אים אין געהיים אַנטפּלעקן, אַזוי צו זאָגן:
„די נאַכט האָט זיך אמנון אַרויסגעכאַפּט פון דער היים, בין
איך אויפגעשטאַנען און בין אים נאָכגעגאַנגען פון וויטן און
געזען, וואו ער גייט. האָב איך געזען, ווי ער גייט אַריין אין
אַ געצעלט, וואו עס וואוינען צוויי פרויען, און דאָרט האָט ער
זיך געזוימט ביז אינדערפרי. בין איך געקומען דיר דערציילן,
ווייל אמנון פירט זיך נישט גוט.” און זאָגן זאָלסטו צו תימנען,

אַז ער זאָל נישט אויסזאָגן, ווער עס האָט אים דאָס אַנטפּלעקט.

האָט פורה געזאָגט צו זמרין:

—פאַרלאָז זיך אויף מיר, איך וועל שוין וויסן, ווי אַזוי צו ריידן מיט תימנען. איך גיי שוין טאָן, וואָס דו האָסט געהייסן.

האָט זמרי צו אים געזאָגט:

—וואַרט נאָך אַ טאָג אָדער צוויי, טאָמער וועסטו עפּעס מער געוואָר ווערן, וועלן מיר אויך וויסן, וואָס מיר האָבן צו טאָן.

האָט פורה געזאָגט:

—גוט, איך וועל טאָן נאָר דאָס, וואָס דו וועסט מיר הייסן.

און ס'איז געווען אויפן אַנדערן טאָג, נאָך מיטאָג צייט, איז עוץ געקומען צו אמנונען און האָט אים אַרויסגעפירט אין דרויסן און האָט געזאָגט צו אים: „זיי גרייט אין גיהנום־טאָל אויף יענעם און יענעם אָרט צווישן די באַלזאַמסאָסנע־ביימער. ווי נאָר עס וועט ווערן נאַכט, זאָלסטו דאָרט זיין.”

האָט אמנון צו אים געזאָגט:

—גוט, איך וועל אַזוי טאָן.

און פורה האָט געהערט זיינע רייד, שטייענדיק אונטער דער טיר, איז ער געגאַנגען און האָט עס דערציילט זמרין.

האָט זמרי צו אים געזאָגט:

—אַצינד, לויף שוין צו תימנען און דערצייל אים אַלץ, וואָס דו ווייסט.

האָט פורה געאיילט דאָס צו טאָן. און זמרי האָט זיך געטראַכט: „דאָס ערשטע דאַרף איך פאַרשטערן די ברודערשאַפט צווישן תימנען און אמנונען, בכדי תימן זאָל עפּעס געפינען אַ פלעק אויף אמנונען און זאָל אים שוין מער נישט האַלטן פאַר אַזאַ גאָטספאָרכטיקן יונגנמאַן.

און אמנון האָט אָפּגעהיט די צייט, וואָס עוץ האָט אים באַשטימט. און ער איז געקומען אויף יענעם אָרט צווישן די ביי־

מער און ער האָט געטראָפן זיין מוטער און שוועסטער, אָנגעטאָן אין שוואַרצע קליידער און צוגעדעקט אין שלייערס. און אמנון איז געווען זייער פריילעך און אויפגעלייגט. וואָרום נאָך נעכטן האָט ער געהערט פון עכנען, אַז חננאל לעבט און וועגן הדורמען, און ער איז געווען גרייט זיך צולאָזן אין וועג אַריין. האָט ער זיך זייער געפרייט צו זען זיין מוטער און שוועסטער, איידער ער פאָרט אַוועק קיין אַשור. און ער איז טרויעריק געוואָרן, זעענדיק ווי זיין מוטער איז שטאַרק צעמישט, וואָרום זי האָט אויך געהערט פון עכנען אַזעלכעס, וואָס האָט איר געמאַכט שטאַרק דערציטערן, אָבער זיין שוועסטער האָט נאָך גאָר נישט געוואוסט פון דעם, אַזוי האָט עס אויסגעזען פון איר פנים. און זי האָט געזאָגט צו איר ברודער: „צי אויף אייביק, ברודער מיינער, וועל איך דיר זיין ווי אַ פרעמדע? צי אויף אייביק וועסטו מיר פרעמד זיין? וויי וויי, אַ צעבראָכן געמיט און אַ גרויסער ווייטאָק!" און נעמה האָט געוויינט, הערנדיק די רייד, און אמנון האָט געזאָגט: „כ'בעט דיך, מוטער מיינע, וויין נישט, וואָרום פון דיינע טרערן ווערט מיר דאָס האַרץ צעגאַנגען. זאָג מיר נאָר דעם נאָמען פון מיין צאַרטער שוועסטער." האָט די מוטער צו אים געזאָגט: „צי וועט דיר שוין גרינגער זיין צו וויסן, אַז איר נאָמען איז שושנה?" האָט אמנון געזאָגט צו זיין שוועסטער: „ווי שיין עס פאַסט דיר דיין נאָמען, ווי אַ טייערער שטיין צו דער שיינער קעניגלעכער קרוין". האָט די מוטער צו אים געזאָגט: „זיי וויסן, זון מיינער, אַז אַלץ איז איבערגעקערט געוואָרן אין דידאָזיקע יאָרן. וואָרום פאַר מיר זיינען אַנטפּלעקט געוואָרן פאַרהוילענע זאַכן, און דאָס, וואָס איך האָב זיך נישט געריכט צו הערן, האָבן איצט מיינע אויערן פאַרנומען. אפשר וועט קומען אַ טאָג און אויך פאַר דיר וועלן אַנטפּלעקט ווערן דידאָזיקע פאַרבאָרגענע זאַכן, וועסטו שטוינען און ציטערן. איך וועל דיר אָבער דאָס מאָל צוּוויסן נעבן, ווייל דו וועסט אונז אַ לאַנגע צייט מער נישט זען. וואָרום מיר פאַרלאָזן היינט די שטאָט און גייען אַוועק זיך באַזעצן אויף אַן אַנדער אָרט, ביז אַ געוויסער צייט."

האָט אמנון געזאָגט:
— אויך איך בין גרייט זיך צו לאָזן אין וועג אַריין נאָך אין דריי טעג אַרום. וואָרום אויך דאָס, וואָס איך האָב מיך נישט געריכט, האָבן מיינע אויערן געהערט. אָך! אָך! מיינע אויערן האָבן געהערט, אַז חננאל, תּרצהס פֿאָטער, לעבט נאָך, און דער רונג, וואָס תּמר האָט מיר געגעבן, איז פֿאַר מיר אַ גוטער סימן און איך האָף, אַז חננאלס חלום וועט מקוים ווערן. ווייל איך האָב דאָך באַשיינפּערלעך געזען, אַז אַ סך זאַכן זיינען שוין מקוים געוואָרן: מיין געשטאַלט איז ווי די געשטאַלט פֿון דעם יינגל, וואָס חננאל האָט געזען אין חלום, איך האָב מציל געוועזן תּמרן פֿון טויט און זי האָט מיך ליב באַקומען און האָט מיר געגעבן דעם רונג, וואָס איך דאַרף איצט האָבן. אויך מיין אָפּשטאַמונג איז פֿאַרהוילן, און אויב די אַלע זאַכן זיינען מקוים געוואָרן, איז דאָך פֿאַראַן אַ האָפֿנונג, אַז אַלץ וועט מקוים ווערן.

האָט די מוטער צו אים געזאָגט:
— פֿאַרלאָז זיך אויף גאָט און פֿאַרזיכער זיך אויף אים, וואָרום ער וועט דיך פֿירן אין דיין וועג און וועט דיך ברענגען צום אָרט פֿון דיין פֿאַרלאַנג און וועט דיך צוריקקערן בשלום און וועסט מיט זיך ברענגען חננאלן, און איך וועל דיך זען אין פֿריידן. און ווער ווייסט, אפשר וועט מיין גורל אויך אויפֿשיי־נען און איך וועל זיך שוין נישט דאַרפֿן פֿאַרבאָרגן.
האָט נעמה זייער געוויינט. און אמנון האָט איר דערציילט, אַז ער באַהעפֿט זיך צו אַ חברותא, צו גיין מיט אַ סוחר פֿון צידון קיין אַשור. האָט ער געקושט די מוטער און די שוועס־טער. אויך זיי האָבן אים געהאַלזט אין זייערע אָרעמס און אים געקושט. דערנאָך האָט אמנון צוריקגעקערט אין שטאָט אַריין, גייענדיק פֿון איין זייט און זיי זיינען געגאַנגען פֿון דער אַנ־דערער זייט.
און ס'איז געווען, ווי זיי זיינען אַזוי געגאַנגען, איז תּימן זיי אַנטקעגן געקומען. האָט פּנינה אים תּיכּף דערקענט און האָט פֿון אים אָפּגעטרעטן, און תּימן האָט זיך איינגעקוקט אין איר

און איז פאַרוואונדערט און דערציטערט געוואָרן און מיט גרויס חדוש האָט ער אויסגערופן: „אַך! אָך! איך זע שושנהן!״ און פנינה האָט געשוויגן. און תימן האָט צו איר געזאָגט: „דאָס ביסטו דאָך שושנה, וואָס איך האָב זי געזען אויפן באַרג כּרמל און וואָס זי האָט אָנגעצונדן אַ ליבעפייער אין מיין האַרץ און איז פון מיר פאַרשוואונדן ווי אַ חלום — — —
און פנינה איז געשטאַנען, געקוקט דאָ אויף דער מוטער און דאָ אויף תימנען און גאָרנישט געענטפערט.
און תימן האָט ווידער געזאָגט:
—צאַרטע שושנה, קער מיר אום צוריק דאָס, וואָס דו האָסט פון מיר אַוועקגענומען, גיב צוריק די רו צו מיין נשמה און די מנוחה צו מיין האַרצן. וואָרום איין רגע האָסטו מיר געשײנקט דיין ליבן בליק און אויף לאַנגע צייטן האָסטו אַוועקגערויבט פון מיר מיין מנוחה. איצט, קום מיט מיר, וועל איך דיך אַוועקפירן צו מיין פאָטער, און איך וועל צו אים זאָגן:
—דידאָזיקע איז מיין רו, צו וועלכער איך גלוסט, און אויב דו וועסט זי פון מיר פאַרמיידן, וועל איך שטאַרבן.
האָט נעמה צו אים געזאָגט:
—האַרנזון, זאָלסט זי נישט רופן שושנה, און זאָלסט נישט גלוסטן צו דעם מיידל, וואָס איז דיר פרעמד. וואָרום זי איז פאַרקנסט צו אַ מאַן.
האָט תימן צו איר געזאָגט:
—דאָס ביסטו דאָך אודאי איר מוטער, וואָס האָסט מיר געלאָזט ענטפערן דורך דער אַלטער, אַזוי צו זאָגן: „ס׳איז אַרויסגעפאַלן דער סאַפירשטיין פון רונג״ און איצט זאָגסטו מיר: „זי איז צו איינעם פאַרקנסט.״ ווער איז עס דער מענטש, וואָס האָט געפונען אַזאַ טייערן אוצר און זאָל זי נישט אָנקליידן אין געוועב ווי אַ קעניגלעכע טאָכטער? ער איז דאָך זייער אָרעם, רוף זשע מיר אָן דעמדאָזיקן אָרעמאַן און איך וועל אים פאַר איר באַצאָלן מיט זילבער און גאָלד, וואָרום אַן איינאיינציקער יורש בין איך פון דעם רייכן ידידיה. איך ווייס, אַז דער מענטש וועט זיך פרייען מיט דעם לוין און איך וועל זיך פרייען מיט

דיין טאָכטער אין וועלכער עס הייגט אָפּ מיין גאַנץ לעבן.

האָט נעמה צו אים געזאָגט:
—צי איז דיר ווייניק דאָס, וואָס גאָט האָט דיר געגעבן פאַרמעגן און עשירות, זוכסטו זיך נאָך שיינע פרויען, אָבער דער אָרעמאַן האָט גאָרנישט! געזוג פאַר אייך, האַרגזונדלעך!
האָט תימן געזאָגט:
—כ׳בעט דיך, שושנה, קוק צו מיר!
האָט די פרוי געזאָגט:
—לאָז צורו, האַרגזון, און רייד נישט קיין פוסטע רייד. וואָרום נישט שושנה הייסט מיין טאָכטער. גיי דיר קיין כרמל און זוך דיר דאָרט די שושנה, וואָס האָט געפאַנגען דיין האַרץ, אָדער גיי אַהיים, שלאָף זיך אויס און אַז דו וועסט זיך אויפכאַפּן, וועט דיין חלום האָבן אַוועקגעפלויגן.
האָט תימן צו איר געזאָגט:
—אויב איך האָב טאַקע געהאַט אַ טעות אין מיינע שטענדיקע רעיונות—זיי זשע וויסן, אַז וועגן דיין טאָכטער האָב איך כסדר געטראַכט, שוין אַ גאַנץ יאָר ווי איך טראַכט פון שושנהן אין חלום און אויפן וואָר.
האָט זיך תימן געווענדט צו פנינהן און געזאָגט:
—אויך דו וועסט זיך פאַרלייקענען צו מיר, וועסט שווייגן און זיך נישט געבן צו דערקענען? צי דען האָט דיר גאָט געגעבן שיינקייט, זאַנפטיקייט, אָבער אין האַרצן רמאות און ליגן? חלילה, נישט צו אומווירדיקייט, נאָר צו ליבע האָט דיך גאָט באַשאַפן. דעריבער גיב אַ קוק אויף מיר און זאָג מיר: צי דען האָסטו מיך קיינמאָל נישט געזען? צי דען האָסטו נישט גענומען פון מיר אַ רונג אין כרמל? און איצט זיי וויסן, אַז איך וועל זיך פון דאַנען נישט רירן, ביז דו וועסט מיר זאָגן, פאַרוואָס איז אַרויסגעפאַלן דער סאַפּירשטיין פון רונג? און אויב דו וועסט מיר דאָס זאָגן, וועל איך דיך נאָך איין זאַך בעטן, זאָלסט מיר ווייזן דעם מענטשן, צו וועמען דו ביסט פאַרקנסט, לאָמיך זען דעם גליקלעכן און איך וועל וויסן ווי אומגליקלעך איך בין.

און פון פנינהס אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן, און זי האָט געזאָגט:

—פרעג מיין מוטער, ווייל צו איר געהער איך, און זי וועט טאָן, ווי איר וועט געפעלן.

האָט נעמה צו אים געזאָגט:

—איך בעט דיך, האַרנזון, גלויב אין מיר, ווי ליב דו האָסט מיין טאָכטער און גלויב, אַז אין דריי טעג אַרום וועט דיר מיין טאָכטער געבן אַן ענטפער וועגן זיך. נאָר זע, איך באַשווער דיך ביי די הירשן און אינדן אין פעלד, דו זאָלסט גאָרנישט דערציילן פון אונזערע רייד.

האָט תּימן געזאָגט:

—ביי מיין לעבן און ביים לעבן פון דיין טאָכטער שווער איך דיר, אַז איך וועל קיין איין וואָרט פון אירע ווערטער קיינעם נישט אַנטפלעקן.

האָט פנינה צו אים געזאָגט:

—גיי, מיין האַר, בשלום, און וואַרט אויף מיין ענטפער. ביי גאָט שווער איך, אַז איך וועל דיר ענטפערן אויפן דריטן טאָג.

איז תּימן אַוועק פון זיי און האָט זיך געטראַכט: „נישט אַנדערש ווי אמנון האָט דערזען דאָסדאָזיקע מיידל און האָט זיך איינגעליבט אין איר. אָבער וואָסער מענטש וועט זי זען און נישט גלוסטן צו איר? ס'איז דעריבער נישטאָ קיין אַנדערע עצה, ווי אונטערצוגעבן אמנונען האָפנונגען, צו נעמען תּמרן, און אָפּצוקערן דאָס האַרץ פון מיינע עלטערן פון עזריקמען. דעמאָלט וועט אמנון נישט קענען נעמען קיין אַנדערע, אַ חוץ מיין שוועסטער. אָבער לאָמיך וואַרטן ביז איבערמאָרגן: ווי עס זעט מיר אויס דאָס מיידל, האָט זי נישט קיין שלעכט האַרץ, לאָמיך זשע פריער הערן, וואָס זי וועט מיר זאָגן און איך וועל שוין וויסן, ווי אַזוי זיך צו פירן.

און אמנון איז געזעסן ביי זיך אין בוידעמשטיבל און שטאַרק געטראַכט פון זיינע פּלענער. וואָרום איין זאַך איז אים געשטאַנען, ווי אַ שאָטן אין וועג: טאָמער וועט מען וועלן אַ סך אויס-

לייזגעלט פאַר חנגאלן און מיט וואָס וועט ער אים קענען אויס־לייזן? האָט ער דאָס ערשטע געהאַט אין זינען, ער זאָל מאָרגן דערציילן תּמרן וועגן זיין נסיעה קיין אַשור, אפשר וועט זי געבן אַן עצה. האָט ער געוואַרט ביז מאָרגן און איז געגאַנגען און געזאָגט צו תּמרן, אַז ער האָט עפּעס צו ריידן מיט איר אַ סוד, און אַז זי זאָל זיין גרייט און זיך באַגעגענען מיט אים פאַרנאַכט אויף יענעם און יענעם אָרט אויפן הר־הזיתים.

אוי ס'איז געווען פאַרנאַכט, איז אמנון געשטאַנען אויף דעם אָרט, וואו ער האָט זיך געדאַרפט באַגעגענען מיט תּמרן צווישן די שטריכן, וואָס אונטער דעם הויז פון זומערוואוינונג. די זון האָט זיך שוין געגייגט צום אונטערגיין און די לבנה האָט זיך באַוויזן אויפן הימל, און אמנון האָט מיט אַ דימאַנט אויסגעקריצט אויף דעם איילבירטבוים, וואָס איז דאָרט געוואַקסן, זיין נאָמען און תּמרס נאָמען. און אָט איז תּמר אָנגעקומען, און אַז זי האָט געזען, וואָס ער טוט, האָט זי אויסגערופן און געזאָגט: „דיין נאָמען איז שוין לאַנג אויסגעקריצט אין מיין האַרצן מיט אַ געט־לעכן כּתב". האָט אמנון צו איר געזאָגט: „באַהעפט זאָלן דאָ זיין אונזערע נעמען און, ווי דער איילבירטבוים, אַזוי זאָל בליען אונזער ליבע אין דער יוגנט, און אויך פריש בלייבן ביז אין דער טיפער עלטער, און איצט, הער אויס מיין טייערע, אַזעלכע סודות, וואָס דו האָסט קיינמאָל נישט געטראַכט צו הערן און זאָלסט נישט בעטן פון מיר, איך זאָל דיר זאָגן פונוואַנען איך וויים דאָס. גענוג וועט דיר זיין צו וויסן, אַז דאָס איז אמת און אַז אונזער האָפנונג הויבט זיך אָן פון דעם."

האָט תּמר געזאָגט:

—חלילה מיר צו טאָן אַנדערש, ווי דו זאָגסט.

האָט אמנון געזאָגט:

—הער זשע, מיין ליבע, און וואונדער זיך: חננאל לעבט! און מאָרגן פאַרנאַכט בין איך גרייט זיך צו באַהעפטן צו אַ חברותא, צו גיין מיט אַ צידונער סוחר קיין אַשור, צוריקצוקערן חננאלן פון זיין געפאַנגענלאַנד.

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, איז תּמרס האַרץ דערשראָקן געוואָרן פון גרויס פרייד, האָט זי אָנגענומען אמנונס האַנט און האָט געזאָגט: „צי קען איך אַזוינס הערן און מיין האַרץ זאָל רויִק בלייבן?" האָט אמנון צו איר געזאָגט: „זיי וויסן, מיין האַרצנסגעליבטע, אַז איך וועל מער דיין ליכטיק פּנים נישט זען, ביז איך וועל נישט אויספירן דאָס, וואָס איך זאָג. און דו בעט דיין פאָטער און ער זאָל מיר געבן טויזנט זילבערנע שקלים, מיט וועלכע איך זאָל קענען אויסלייזן חננאלן. דו זאָג אים כּלומרשט, אַז איך האָב מיך באַדיינקט און וויל ביי אים געמען באַצאָלט דערפאַר, וואָס איך האָב מיט דיר געטאָן. איך ווייס, אַז דיין פאָטער וועט עס מיר טאָן."

און תּמר האָט געוויינט, ווען ער האָט גערעדט, און אויך אמנון האָט געוויינט און געזאָגט: „וואַרט, מיין טייערע, אויף מיין צוריקקער." און אמנון האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן צו דער זון און האָט געזאָגט: „אויך דו, ליכטיקע זון, ווען דו גייסט אונטער, זיי אַן עדות פון אונזער בונד, און פאַרבאָרג עס ביז די ריכטיקע צייט וועט קומען. דעמאָלט וועסטו באַשיינען אונזער וועג אין פאַרליבטע וועלן מיר גיין אַנטקעגן דיין שיין."

האָט תּמר אויפגעהויבן אירע הענט און האָט געזאָגט: „און איך מאַך מיר די לבנה פאַר אַן עדות און נאָכאַמאָל שווער איך דיר, אַז צו דיר געהער איך אויף אייביק!"

האָט תּמר אָנגענומען אמנונס האַנט און האָט געזאָגט:

—היט אָפּ דעם רונג מער פון אַלץ אין דער וועלט.

האָט אמנון געזאָגט:

—ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון מיין אויג וועל איך אים היטן, ווייל פון דעם רונג איז אָפּהייגגיק אונזער ליבע און לעבן!

האָט תּמר געזאָגט:

—מאָרגן וועל איך בעטן פון מיין פאָטער דאָס געלט, וואָס דו דאַרפסט האָבן. וואָרום היינט וועל איך דאָס נישט קענען טאָן, ווייל מיין האַרץ איז מיר שטאַרק געפאַלן פון דער פּלוצלינגער בשורה, וואָס איך האָב געהערט, און פון מיין זאָרג פאַר דיר, וואָרום יעדער טאָג פון דיין נסיעה וועט זיין פאַר מיר אַ יאָר.

און אַזוי ווי תּמר רעדט און האַלט אמנונס האַנט, האָט זיך איר פֿאָטער ידידיה דערנענטערט, גייענדיק צו זיי, און זיי האָבן אים נישט באַמערקט און ער האָט פּלוצלונג געגעבן צו זיי און געזאָגט: „אַך! איך האָב דערזען אַ וואונדערלעכע זעאונג! די הענט פֿון אַ מאַנספּערשוין און אַ פֿרעמד מיידל זיינען צענויפֿגעפֿלאָכטן.“ זיינען אמנון און תּמר שטאַרק דערשראָקן געוואָרן פֿאַר אים און האָבן גאָרנישט געקענט אים ענטפֿערן. און ידידיה איז שטיין געבליבן און זיך איינגעקוקט אין זיי, און ער האָט דערזען חנבאלס רונג אויף אמנונס האַנט, האָט ער אים אָן ווערטער אַראָפּגענומען, און געשאָקלט מיטן קאָפּ און פֿאַרבראָכן די הענט, און אמנון און תּמר זיינען ווי פֿאַרשטיינערט געשטאַנען, און אַז ידידיה האָט דאָס געזען, האָט ער אויסגערופֿן: „איר דאַרפֿט זיך דאָך ביידע שעמען! נאָר וואָס האָב איך צו ריידן פֿון מיין טאָכטער, זי איז דאָך ווי אַ נאַרישע טויב אָן פֿאַרשטאַנד. צו דיר אָבער, אמנון, צו דיר זיינען מיינע רייד געווענדט. צי אַזוי צאָלסטו מיר אָפּ? דאָס איז דיין ערלעכקייט און פֿיינקייט? איך האָב דיר דאָך געוואָלט באַצאָלן פֿאַר דעם, וואָס דו האָסט מציל געווען תּמרן און דו האָסט גאָרנישט געוואָלט נעמען. אָבער זע, דו ווילסט צופֿיל לוין: אַ נפֿש פֿאַר אַ נפֿש! געגוג דיר צו פֿאַרפֿירן מיין טאָכטער מיט פֿאַלשע רייד, עס וועט דיר נישט געלינגען: זוך דיר פֿרויען, ווי דיר פּאַסט, אין ירושלים און אין יהודה און מיין טאָכטער לאָז געמאַך, ווייל נישט פֿאַר דיר איז זי, און נישט זי האָט דיר גאָט באַשערט. גיי צוריק אין דיין געצעלט און זאָלסט מער תּמרן נישט זען.“

און ידידיה האָט אָנגענומען תּמרן פֿאַר דער האַנט, און האָט זי געבראַכט אין שטוב אַריין, און האָט זי אַוועקגעשטעלט פֿאַר זיין ווייב תּרצה און געזאָגט צו איר: „אין דעם, תּרצה, ביזטו שולדיק, און אַצינד היטל זי פֿון איר משוגעת.“ און ער האָט דערציילט אַלץ, וואָס ער האָט געזען.

און אמנון האָט צוריקגעקערט אין זיין צימער, פֿול מיט בושה און גרויס ווייטאָק, ווייל אַלע זיינע האָפֿנונגען זיינען מיטאַמאָל

צונישט געוואָרן, און אַ גאַנצע נאַכט האָט ער פאַרבראַכט אין גרויס פיין. און זמרי האָט באַמערקט אין ידידיס הויז און געזען, ווי תמר וויינט אין דער שטיל און ווי תימן גייט אויס פון בייבקעניש און מעכה האָט אים דערציילט וועגן דעם, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט איר האַרינטע תמר. און אויך פורה האָט אים דערציילט, אַז אמנון האָט אין וואַגלעניש פאַרבראַכט די גאַנצע נאַכט און אויך בייטאָג שטאַרק געליטן. און זמרי איז געגאַנגען אָנזאָגן עזריקמען, אַז די פיש זייבען אַריינגעפאַלן אין זיין נעץ.

יד.

און ס׳איז געווען אויפן דריטן טאָג, וואָס פנינה האָט באַ־
שטימט פאַר תּימנען, איז תּימן אַוועק אויפן באַשטימטן אָרט,
און ער האָט לאַנג געוואַרט און זיך אויסגעקוקט די אויגן, צו
דערזען זיין האַרצנסגעליבטע, אָבער זי איז נישט געווען און
אַ יונג האָט געגענט צו אים און געזאָגט:

—ווער ביזטו, מיין האַר?

האָט תּימן צו אים געזאָגט:

—און וואָס דאַרפסטו צו מיר, וואָס דו פרעגסט מיך?

האָט דער יונג צו אים געזאָגט:

—אַ האַרנזון זוך איך דאָ, וואָס מען האָט אים באַשטימט אין
דער צייט צו קומען אַהער. זאָג־זשע מיר, מיין האַר, ווער
ביזטו?

האָט תּימן צו אים געזאָגט:

—איך בין דער זון פון רייכן ידידיה.

האָט דער יונג אַרויסגענומען פון בוזעם אַ פאַרחתמטן בריוו און
האָט געזאָגט:

—אַ מיידל, אַ פרעמדס, וואָס איך קען זי נישט, האָט מיר נעכטן אינדערפרי געגעבן דעמדאָזיקן בריוו, האָט מיר באַצאָלט פאַרן וועג און געזאָגט: „מאָרגן פאַרנאַכט טראָג אים אַוועק צווישן די ביימער און זאָלסט אים איבערגעבן צום זון פון רייכן ידידיה; ער וועט דאָרט שטיין." האָב איך דעם בריוו גענומען און גע־בראַכט צו דיר, מיין האַר.
האָט תימן געעפנט דעם בריוו און אין אים געליינט, אַזוי צו זאָגן:
„האָסט אַ טעות געהאַט, מיין האַר תימן, נאָר מיט דיינע לעפצן, אָבער נישט מיט דיינע אויגן: דיינע אויגן האָבן מיך דערקענט. אָבער דיינע לעפצן האָבן מיך נישט ביי מיין נאָמען גערופן. איך בין דידאָזיקע, וואָס דו זוכסט, אָבער נישט שושנה בין איך, נישט דאָס איז מיין נאָמען, מיט וועלכן מען האָט מיך אַ נאָמען געגעבן נאָך מיין געבוירן ווערן. דעריבער זיי מיר מוחל, מיין האַר, ווייל צוויי מאָל האָב איך דיך גענאַרט: אין כּרמל האָב איך זיך נישט געגעבן צו דערקענען מיט מיין אמתן נאָמען, און אין ציון האָב איך זיך געמאַכט נישט דערקענען. אויך איצט וועל איך פאַר דיר אַנטפּלעקן מיין האַרץ, אָבער מיין נאָמען און מיין אָרט וועל איך פון דיר פאַרבאָרגן. ווען איך האָב זיך גערופן ביים נאָמען שושנה אין כּרמל—בין איך געווען רואיק און צופרידן. ווי אַ שטיל שעפסעלע בין איך גע־ווען, איידער איך האָב דיך דערקענט און זיך אַליין נישט געקענט. דעמאָלט האָבן דיינע אויגן מיך באַלויכטן, דיינע ווער־טער האָבן ווי פיילן געצילט אין מיין האַרצן און געטראָפן, איצט ווייס איך, ווי אומגליקלעך איך בין! ווי נאָר איך האָב אויפגעהויבן מיינע אויגן, צו קוקן אויף דיר, האָב איך באַלד צו זיך געזאָגט: קוק נישט צו דער זון, ווייל זי איז הויך פון דיר, און פון איר שיינעם ליכט וועלן דיינע אויגן טונקל ווערן און ס'וועט גרעסער ווערן דאָס פינסטערניש אין דיין האַרצן.

„קער זיך אָפּ פון מיר, מיין טייערער און גלוסטיקער! ווייל אַ סך דערנער זיינען פאַראַן אַרום דער רויז (שושנה). אויב דו

וועסט זי וועלן אָנרירן, וועלן דיר נאָר די הענט ווי טאָן און זי אַליין וועסטו נישט דערגרייכן, אָדער אַ בייזער ווינט וועט זי אַרויסכאַפּן פון דיינע אָרעמס. דעריבער זאָג איך דיר: קער זיך אָפּ פון איר!

„איך בעט דיך, מיין האַר! זאָל אין דיינע אויגן טייער זיין מיין לעבן—דאָס לעבן, וואָס גלוסט צו דיר און האָט מורא דיך צו זען,—לאָמיך זיין פאַר דיר אַ נאַכט־חלום, וואָס איז מיטן טאָג פאַרפלויגן און פאַרגעסן געוואָרן אויף אייביק. און דו וועסט מיר זיין, ווי די געשטאַלט פון אַ געטלעכן מלאך, וואָס האָט אַראָפּגענידערט אין אַ געטלעכן פלאַם פון הימל, אָנצוצינדן אַ פייער אין האַרץ פון אַ שטיל שעפּסעלע און איז אַוועקגעפלויגן. פאַרבאָרג די זאַך, ווי דו האָסט מיר געשוואוירן, דערבאַרם זיך אויף אַן אומגליקלעכער און פאַרגעס מיך, ווי מען פאַרגעסט אַ טויטן, און דיין ליבע שיינק צו דער, וואָס איז גליקלעכער פון מיר.״

אַז תימן האָט פאַרלענדט צו לייענען דעם בריוו, האָט ער אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט פון גרויס וואונדער און צערודער־רונג, און האָט אויסגערופן: „ווי! מיין האַרץ צוגייט אין מיר און מיין געמיט איז געבראָכן! ווי, גלוסטיקע רויז! איך הויב נישט אָן צו פאַרשטיין דיין רעטעניש, ווי איך פאַרשטיי נישט דיין ליבע! וואָרום אויב דו גלוסט צו מיר, טאָ ווער איז דער שטן, וואָס שטערט אונז?״

און דער יונג, וואָס האָט אים געבראַכט דעם בריוו, אַז ער האָט געזען, ווי דער בריוו האָט אים געמאַכט טרויעריק, האָט ער זיך אָנגערופן צו תימנען:

—אומזיסט מיין האָפנונג. איך האָב געהאָפט צו באַקומען פון דיר געצאָלט און איך וועל שוין נישט באַקומען.

האָט תימן צו אים געזאָגט:

—ווייז מיר, וואו דאָס מיידל וואוינט און איך וועל דיר באַ־ווייזן מיין ברייטע האַנט.

און דער יונג האָט געענטפערט און געזאָגט:

ווי אַזוי, מיין האַר, זאָל איך דיר ווייזן, וואו זי וואוינט, אַז

איך האָב זי אַפילו רעכט נישט געזען? וואָרום ווי נאָר זי האָט מיר געזאָגט דיין נאָמען, האָב איך זיך שטאַרק דערפרייט, וואָרום איך האָב מיר געטראַכט. אָט דאָ וועל איך קריגן גוט באַצאָלט פאַרן וועג, ווייל דאָס איז אַ רייכער זון.

האָט תימן צו אים געזאָגט:

„קום צו מיר אַהיים. זאָלסט דאָרט גאָרנישט זאָגן און דאָרט וועל איך דיר באַצאָלן.״ איז דער יונג אַוועק פון אים, און תימן האָט צוריקגעקערט אַהיים מיט גרויס אַנגסט און וויי, און ער האָט זיך געטראַכט: „איך וועל זיך מאָרגן פעדערן און אַוועקגיין צו אמנונען און אים אויספאָרשן. אויך סתרין וועל איך אויספאָרשן, אפשר וועל איך זיך עפּעס דערוויסן ביי זיי?״

און אמנון איז דעמאָלט געזעסן אַ טרויעריקער אין זיין חדר און האָט זיך געפייניקט, צו געפינען אַן עצה און ער האָט זיך געטראַכט: „ווי צו דעם דריטן טאָג, אויף וועלכן איך האָב געהאָפט און דער טאָג איז פאַר מיר געווען אַ פינסטערער, ווייל איך האָב זיך אָנגעזעטיקט מיט בושה מער ווי מיט כבוד, מיט יסורים מער ווי מיט ליבע, און אַצינד וועט מיין פיינט עזריקם זיך גרויסן איבער מיר. וויי, ווי אַזוי וועל איך דאָס קענען צוקוקן, ווי מיין טייערער אוצר ווערט אַוועקגעגעבן צו אַן אַנ־דערן, און וואו וועל איך זיך אַהינטאָן מיט מיין חרפה? נישטאָ קיין אַנדער עצה, סיידן זיך אַוועקלאָזן וואַנדערן אין דער וועלט אַריין אָן אַ שום האָפנונג.״

און דידאָזיקע רעיונות האָבן אים שטאַרק דערשלאָגן און ער האָט ביטער געוויינט.

און די נאַכט איז צוגעפאַלן, און דער רעש פון שטאָט איז אַנטשוויגן געוואָרן, אָבער אין אים האָט שטאַרק גערעשט, און ס'האָט געברומט זיין האַרץ צו תמרן, וואָס איז פון אים אָפּ־געריסן געוואָרן. פלוצלונג איז ידידיה אַריינגעקומען מיט אַ בינטל געלט אין דער האַנט. איז אמנון דערציטערט געוואָרן און האָט זיך פאַר אים אויפגעשטעלט, און ידידיה האָט געזאָגט: „שיק אַרויס דיין יונג פון דאַנען!״ איז פורה אַרויסגעגאַנגען און גע־

גאַנגען צו זמרין, ווײַל ער האָט מורא געהאַט צו שטיין אונ־טער דער טיר, טאָמער עפנט זי ידידיה אויף און וועט אים דערזען.

און ידידיה האָט געקוקט אויף אמנונען, וואָס זײַן פּנים איז רויט געוועזן פון געוויין און ער האָט געזאָגט: „דו ווייסט, אמנון. האָסט זיך ענדלעך באַטראַכט, אַז דו האָסט געטאָן אַן אומרעכט און האָסט געפּעלשט אין מיר דערמיט וואָס דו זיצט רואיק ביי מיר! איך בין אָבער נישט געקומען צו דיר, צו שטראָפן און צו לערנען דיך דאָס, וואָס די יונגע נביאים האָבן דיך נישט געקענט אויסלערנען. איין זאַך וועל איך פון דיר בעטן, אמנון: זיי מיט מיר איין ווײַלע ערלעך פאַר דעם חסד, וואָס איך האָב מיט דיר געוואָלט טאָן דײַן גאַנץ לעבן, זאָג מיר דעם אמת: צי דען האָט דיר תמר געשוואוירן טרייע לי־בע אויף אייביק?"

האָט אים אמנון געזאָגט:

—ריכטיק, מיין האַר, אַזוינס איז געשען נאָך מיט אַ יאָר צוריק, ווען איך האָב איר לעבן געראַטעוועט אין בית לחם. אָבער דאָס, וואָס דײַן טאָכטער האָט מיר געגעבן דעם צייכן פון אונ־זער בונד, דאָס האָסטו מיר נעכטן צוגענומען.

האָט ידידיה געזאָגט:

—דו האָסט מיר באַלד געזאָגט דעם אמת און דאָס האָב איך ליב. אָבער זאָג מיר, אמנון: וואָס וועסטו טאָן, אַז תמרס פאָ־טער וועט פאַרשטערן איר שבועה?

האָט אמנון געענטפערט:

—דעמאָלט וועל איך אַלע מײַנע יאָרן וואָגלען מיט מײַן ביטער געמיט. איך וועל זיך אַרומבלאָנקען אַן עלנטער און קיין אַנ־דערע וועל איך קיינמאָל נישט קענען, וואָרום אַזוי האָב איך געשוואוירן, און איך האָב נישט קיין פאָטער, וואָס זאָל פאַר־שטערן מײַן שבועה.

האָט ידידיה געזאָגט:

—תמר האָט דאָך אָבער אַ פאָטער, און דאָס איז דײַן זינד, וואָס דו האָסט אים נישט געדיינקט.

האָט אמנון געזאָגט:

—אָבער דער לייב, ווען ער האָט געלאָקערט צו פאַרצוקן דיין טאָכטער, האָט אויך נישט געדיינקט אין דיר.

האָט ידידיה געזאָגט צו אים:

—דו האָסט דאָך נאָר מציל געווען תמרס לעבן, טאָ ווי אַזוי האָסטו געוואָלט אַזאַ לוין—צו נעמען איר לעבן און איר כבוד. תמרס כבוד קער צו מיר און מיין כבוד קען תמר נישט אַוועק־געבן צו אַ צווייטן אָן מיר! ווי געשריען, מיינע אויגן זיינען געעפנט געוואָרן צו זען דיינע וועגן! און איצט, אויב דו ווילסט מיר נישט האָבן פאַר אַ שונא, טאָ נעם פון מיר צו דאָס בינטל געלט און זאָל דאָס זיין דיין שכר, און חנגאלס רונג, וואָס תמר האָט דיר געגעבן צו צייכן פונם ליבעבונד, גיב איך דיר און זאָל עס דיר זיין אַן אָנדיינקגעשאַנק צום זכרון פון דיינע זינד, און אַזוי ווי עס האָט שוין נישט קיין ווערט דערדאָזיקער רונג נאָכדעם, ווי חנגאל איז געשטאָרבן, אַזוי האָט נישט קיין ווערט דיין ליבע צו מיין טאָכטער. נעם דאָס צו פון מיר און זאָלסט פון דאַנען אַוועק נאָך איידער דער מאָרגן וועט אויפ־שיינען און זאָלסט נישט זיין דאָ קיין שטרויכלונג און שטע־רונג פאַר מיין טאָכטער. זע, איך וואָרן דיך!

און ידידיה האָט שוין מער נישט געוואַרט אויף אמנונס ענט־פער, און האָט אים איבערגעלאָזט אַ בינטל מיט טויזנט זילבער־שטיק און אויך דעם רונג און איז אַוועק פון אים מיט גרויס גרימצאָרן.

און אמנון האָט זיך דערפרייט, זעענדיק ווי ידידיהס צאָרן איז אים געקומען צו הילף. האָט ער גענומען דאָס געלט מיטן רונג און ער האָט פאַרשפּרייט אויפן פערד דאָס פעל פונם לייב, וואָס ער האָט דערהרגעט, און איז אַוועקגעריטן צו הדורמען.

און פורה איז צוריקגעקומען צו אמנונען אין צימער און האָט אים דאָרט נישט געפונען. האָט ער דאָרט אַליין איבערגענעכ־טיקט און זיך געפעדערט אינדערפרי און האָט עס דערציילט זמרין. האָט זמרי צו אים געזאָגט: „איך ווייס דאָך שוין פון

ידידיהן, אַז אמנון איז אַוועק אין דער וועלט אַריין און וועט שוין אַהער מער נישט קומען."

האָט פורה געזאָגט צו אים:

—און וואו איז מיין שׂכר?

האָט אים זמרי געזאָגט:

—וואַרט צו, פורה, טאָמער וועל איך דיך נאָך דאַרפן, און דיין שׂכר וועסטו באַקומען.

זיינען דריי טעג פאַרלאָפן, זינט אמנון איז אַוועק פון ציון, און עזריקם איז געפאַלן ביי זיך, וואָרום ער האָט געהערט, אַז ידידיה האָט צוריקגעקערט צו אמנונען דעם רונג, וואָס ער האָט געהאַט ביי אים צוגענומען, ווייל ער האָט אים געהאַלטן פאַר אַ זאַך, וואָס איז גאָרנישט ווערט, און אויך אַ בינטל געלט האָט ער אים געגעבן. האָט ער זיך אין געהיים אַן עצה געהאַלטן מיט זמרין: וואָס טוט מען אַצינד, איידער אמנון קומט צוריק מיט חגאַלן פון זיין געפאַנגענשאַפט? און זמרי האָט אים אַזוי געעצהט: „אייל צו ידידיהן, ער זאָל דיר וואָס גיכער געבן תמרן פאַר אַ ווייב. און איך וועל שוין זוכן פאָרטלען אויף צו פאַרמיאוסן אמנונען פאַר תמרן. איך וועל עס טאָן דורך מעכהן, וואָס האָט ליב אמנונען, וואָרום נאָכדעם ווי איר האַרינטע וועט אים נישט וועלן מער, וועט זי האָבן אַ האָפנונג—זי אַליין זאָל געהערן צו אמנונען." און עזריקם האָט געזאָגט: „דיין עצה איז אַ גוטע."

און עזריקם איז געגאַנגען צו ידידיהן און האָט אים באַגעגנט, ווי ער גייט אַראָפּ פון הר־הזיתים, און ער האָט זיך אָנגערופן צו אים:

—ביז ווי לאַנג וועט דיין טאָכטער תמר זיך אָפּקערן פון מיר און דערמיט פאַרשטערן דעם בונד, וואָס דו האָסט געשלאָסן מיט מיין פאָטער יורם?

האָט ידידיה צו אים געזאָגט:

—דאָס בין איך דאָך דער, וואָס האָט געשלאָסן דעם בונד מיט יורמען און דו ביזט זיין זון און תמר איז מיין טאָכטער, און ווער וועט קענען איבעררייסן דעמדאָזיקן דרייפאַכיקן פאָדעם?

שרעק זיך נישט, עזריקם, גיי צו תמרן, זי איז ביי זיך אין חדר, און רייד מיט איר ווי דיין הארץ וועט דיך לערנען, און זאָלסט וויסן, אַז מיט אַן אַנדער לשון וועט זי איצט מיט דיר ריידן.

האָט עזריקם געזאָגט:

—הלוואי זאָל תמרס האַרץ געענדערט ווערן מיך ליב צו האָבן, ווי זי האָט מיך ביז אַהער פיינט געהאַט!

האָט ידידיה צו אים געזאָגט:

—איך האָב דיר דאָך געזאָגט: איך בין תמרס פאָטער און מיין ווילן וועט זי טאָן.—און ידידיה איז אַוועק אין שטאָט אַריין.

און עזריקם איז געקומען צו תמרן אין חדר, האָט ער זי גע־טראָפן, ווי זי זיצט אַ טרויעריקע און איז פאַרזונקען אין אירע רעיונות, און אַז תמר האָט אים דערזען, האָט זי אויסגעקערט דאָס פנים צום פענסטער, ביי וועלכן זי איז געזעסן.

האָט עזריקם געזאָגט צו מעכהן:

—גיי אַרויס פון דאַנען, וואָרום איך האָב עפּעס צו ריידן מיט תמרן.

האָט תמר געזאָגט צו מעכהן:

—בלייב דאָ, וואָרום איך האָב פיינט פאַרבאָרגענע זאַכן.

האָט עזריקם געזאָגט צו תמרן:

—זייער פיל חכמה האָט מיין האַרץ געלערנט, זינט דיין האַרץ האָט פאַרבלאָנדזשעט און פירט דיך אויף אַ קרומען וועג.

האָט תמר אים געענטפערט:

—מיין האַרץ האָט נישט פאַרבלאָנדזשעט, נייערט עס גייט מיטן גלייכן וועג, וואוהין מיין שכל טראָגט עס, און דאָס האַרץ פון די לויפערס וועט עס נישט דעריאָגן און דערגרייכן, פונקט ווי דאָס לויפנדיקע פערד קען נישט דעריאָגן אַן אינד, וואָס לויפט געשיקט אין טאָל.

האָט עזריקם געזאָגט:

—אויך די אינד, וואָס לויפט געשיקט אין טאָל, וועט נישט דעריאָגן די אויסגעלאַסענע טאָכטער, וואָס יאָגט זיך נאָך איר

געליבטן קעגן ווילן פון אירע עלטערן. און אויך זי—זי וועט אויך נישט גרייכן דעם יונג, וואָס יאָגט זיך נאָכן ווינט אין פעלד.

—אָט דאָס האָב איך דאָך געזאָגט,—האָט זיך תמר אָפּגערופן צו מעכהן.—עזריקם האָט זיך היינט גענומען ריידן מיט אַ געלערנטן לשון! און דו, מעכה, זאָג אַליין! אַזעלכע רייד דאַרפן זיך נישט שעמען צו ריידן די נביאים, וואָס שטראָפן די מענטשן אויף די געמאַרקן, און עזריקם וויל זיי ריידן אין געהיים פאַר אַ מיידל, וואָס וויל זיי נישט הערן!

—דו גרייזסט,—האָט עזריקם געענטפערט,—וואָרום נאָר אים אײנעם ווילסטו הערן ריידן אין געהיים. ווען דו וואָלסט אויך מיך געוואָלט הערן אין געהיים, וואָלט איך דיר באַוויזן צו קויפן טויזנט אַזעלכע שיינע רעדנער, און קיין איינער פון זיי וועט נישט שטיין נידעריקער פון דעם איינעם, וואָס דו האָסט זיך אויסגעקליבן.

—ריכטיק האָסטו געזאָגט,—האָט אים תמר געענטפערט,—דו האָסט דאָס געלט, וואָרום דו ביסט דאָך אַ האַר. נאָר אויב דו קענסט קויפן,—קויף זשע זיך חכמה, קויף זיך אַ האַרץ, דעמאָלט וועסטו פאַרשטיין, אַז פאַר אַ נאַר איז איבעריק אויך זיין ריידן. ביז וואַנען, עזריקם, ביז וואַנען וועסטו זיך באַרימען מיט דיין רייכקייט און כבוד? זיי וויסן, אַז דאָס עשירות און כבוד טאַפּן אינדערפינסטער און געפינען נישט שטענדיק דעם מענטשן, וואָס זיי זוכן. זיי וויסן, עזריקם, אַז גאָלד און זילבער ווערן גענומען פון דער ערד, און דער מענטש, וואָס גרויסט זיך נאָר מיט דעם, איז אַליין ווי אַ שטיק ערד און תמר וועט איר כבוד נישט שמוצן אין בלאָטע.

און עזריקם האָט זיך שוין נישט געקענט באַהערשן, וואָרום זיין צאָרן האָט אים אויפגעפלאַקערט, און ער האָט געזאָגט:

—איך שטעל זיך נישט אונטער צו פירן מיט דיר אַ וכוח, ווייל אַ סך חכמה איז געקומען אין דיין האַרץ. דו האָסט דאָך כסדר געהאַט דיין לערער פאַר די אויגן, און מיינע אויערן פאַרנעמען נאָר די רייד זיינע, וואָס גייען אַרויס פון דיין מויל, צו

ערגידעריקן יעדן דערהויבענעם און צו דערהויבן יעדן נידע־דיקן, ווייל אַזוי פּאַסט פאַר דיין לערער, און אַזוי האָסטו אויך ליב, — אָבער זיי וויסן, דו האַרצנסגעפּאַנגענע, אַז דער הערשער וועט דיר זיין כּוח באַווייזן, און וועסט זיך שוין דעמאָלט נישט חכמהנען.
איז תּמר אויפגעשטאַנען פון איר אָרט מיט גרויס איבלקייט, כּדי אַרויסצוגיין פון איר חדר, און זי האָט געזאָגט צו מעכהן.

— שיק אַוועק דעם האַר פון מיינע אויגן און זאָל ער אַרויסגיין, וואָרום וואָס מער איך קוק אויף אים, אַלץ מער שפּעט איך אָפּ פון זיין צורה.
און תּמר איז אַרויס פון איר חדר, און אויך עזריקם איז אַוועק־געגאַנגען, קריצנדיק מיט די ציין.
איז עזריקם אַוועק אין שטאָט אַריין און האָט אָפּגעזוכט ידידיהן און האָט געזאָגט צו אים, אַזוי צו זאָגן:
— אמת, מיט אַן אַנדער לשון האָט תּמר צו מיר גערעדט. אָבער ווי, איר לשון איז ווי אַ שאַרפער חלף! און איך בין שוין כּמעט געוואָרן צו פאַרטראָגן אירע רייד. דאָס זיינען די פּרוכטן פון דעם חסד, וואָס מיין האַר האָט געטאָן צום פּאַסטוך, און איצט הייל דו אויס דיין טאָכטער, אויב דו קענסט.
האָט ידידיה צו אים געזאָגט:
— אויך דו, עזריקם, איילסט זיך צופיל. יאָג זיך נישט אַזוי, איך וועל פּרובן ריידן מיט איר, און תּמר וועט זיך מיט דיר איבערבעטן. וואַרט צו אַ ביסל און לאָז מיך איינוואָרצלען דיין גליק, און אַז תּמר וועט אַלט ווערן אַכצען יאָר, וועל איך דערפילן דיין פאַרלאַנג.
און ס׳איז געווען בייטאָג,ביים עסן, איז תּרצה אַרויסגעקומען פון איר חדר און זיך געזעצט ביים טיש צו דער רעכטער זייט פון איר מאַן, און תּימן און תּמר צו דע־ לינקער זייט פון זייער פאָטער. און תּימן איז געווען פאַרזונקען אין זיינע טראַכ־טונגען און תּמר איז געזעסן פול מיט עצבות, און ידידיה האָט דאָס באַמערקט, אָבער האָט גאָרנישט געזאָגט פאַר דער צייט,

וואָס זיי האָבן געגעסן. נאָכן עסן האָט ידידיה מיט כּעס אַ זאָג געטאָן צו תּימנען און תּמרן, אַזוי צו זאָגן:

—געגנוג איך צו זיצן ביי מיין טיש מיט טרויעריקע פּנימער צו פאַרשאַפן מיר גרויס עגמת נפש. איר זאָלט זיך מער נישט ווייזן פאַר מיינע אויגן ביז וואַנען איר וועט נישט אָפּטאָן פון זיך אייער שלעכט געמיט.

האָט תּרצה צו אים געזאָגט:

—כ'בעט דיך, מאַן מיינער, צאָרן נישט, אויב איך בין דיר טייער.

—דו ביסט מיר זייער טייער,—האָט איר ידידיה געענטפערט,— ווייל פאַר דיר האָב איך באַצאָלט אַ סך. נישט אַזוי אָבער פירן זיך היינט די מאַנספּערשוינען, וואָרום זיי קויפן זיך דאָס האַרץ פון מיידל אָן אַ שום פאַרמעגן. איידער נאָך זיי זוכן, געפינען זיי שוין.

האָט תּרצה געזאָגט צו אים:

—דערמאָן זיך, מאַן מיינער, די אַמאָליקע צייטן, ווען גאָט האָט באַשאַפן נאָר אדמען אַליין. וואָס האָט ער דעמאָלט געגעבן פאַר זיין ווייב חוה? נאָר אַ ריפּ פון זיינע ריפּן. דערמאָן זיך אויך די צייט, אויף וועלכער ישעיהו בן עמוץ האָט נביאות געזאָגט: זיבן פרויען וועלן זיך אָנהייגנען אין איין מאַן און בעטן פון אים, ער זאָל רופן זיין נאָמען אויף זיי. דידאָזיקע טעג האָבן גענענט און געקומען, און ס'איז געוואָרן אַ נייס אין לאַנד, אַז מיידלעך זוכן נאָך מאַנסלייט.

—ווי געשריען אויף דידאָזיקע צייטן!—האָט ידידיה געזיפצט.— ווי געשריען! דאָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין אונזערע רייכע היכלות, און מען זעט עס שוין אויך אויף אונזער טאָכטער, וואָס האָט אָפּגעקערט איר האַרץ פון אירע עלטערן. פרעג דיין טאָכטער, וועט זי דיר דערציילן, ווי אַזוי מען פירט זיך היינטיקע צייטן.

און פון תּמרס אויגן האָבן זיך גענומען גיסן טרערן ביי דעם פאָטערס רייד.

און ידידיה האָט געזאָגט צו תּרצהן:

—זאָל דיר נישט איינפאַלן, אַז תּמר האָט זיך באַדיינקט פון אירע מעשים, נייערט זי וויינט אין איר האַרצן נאָך איר אויס־דערוויילטן, וואָס איז שוין דאָ נישטאָ. דעריבער האָט זי היינט באַליידיקט דעם נדיב־זון, און דו, קוק נישט אויף דעם, וואָס זי וויינט, וואָרום אירע טרערן זיינען ווי דער טוי באַלד באַגינען, וואָס ווערט תּיכּף אויסגעטריקנט פון דער מאָרגנזון. טאָכ־טער מיינע! זאָלסט בייזקען און גאַרן, וואָרום דיין געליבטער איז אַוועקגעפאָרן פון דיר און וועט זיך שוין מער נישט צו־ריקקערן. און דו וויין נישט נאָך אים, נאָר וויין אויף דיין האַרץ, וואָס איז נישט רעכטפאַרטיק און אויף דער שאַנד פון דיין יוגנט, און ווייס און זע, אַז עזריקם איז צו דיר זייער גוט, ווייל ער האָט דיך נאָך פונדעסטוועגן נישט אַוועקגעוואָרפן. און אַצינד—זיבן טעג זאָלסטו זיצן פאַרשעמט פון דיינע מעשים, און אין די דאָזיקע טעג באַדיינק זיך צו וויסן, אַז דו האָסט זיך אומווירדיק געפירט, ליב צו האָבן אַ פרעמד יונגלינג, נישט פרעגנדיק דיין פאָטער, און זאָלסט זיך פאַר מיר נישט ווייזן ביז וואַנען דו וועסט זיך האָבן באַדיינקט פון דיין נאַרישקייט.
און ידידיה האָט זי אַוועקגעשיקט פון זיינע אויגן, און תּמר איז אַרויסגעגאַנגען מיט אַ ביטער געוויין.
אויך תּימן איז אַרויסגעגאַנגען, און תּרצה האָט געזאָגט צו ידידיהן:
—דערמאָן זיך נאָר, מאַן מיינער, ווען דו האָסט אַזוי אָפּגע־טאָן. תּמר איז דאָך ביי אונז אַן איינאונאיינציקע, און נאָך וואָס זאָלסטו איר פאַרביטערן דאָס לעבן?
האָט ידידיה געענטפערט:
—אָט דאָס זאָג איך דאָך, אין דעם ביסטו, תּרצה, שולדיק! דיר געפעלט דאָך איר פירונג אָפּצושאָקלען זיך פון דעם זון פון מיין חבר יורם, מיט וועמען איך האָב אַ בונד געשלאָסן און זיך אויסוויילן אַ פרעמדן בחור, וואָס קומט אַרויס פון אָרעמ־קייט. איך וועל נישט פאַרלייקענען, ער איז טאַקע אַ פאַרשטאַנ־דיקער, האָט אויך אַ גוט האַרץ און איז זייער אַ שיינער! אָבער מיט וואָס פאַר אַ נאָמען זאָל איך אים רופן? שר, האַר, אָדער

אלוף? ער איז דאָך אָן אַ נאָמען.

האָט תרצה צו אים געזאָגט:

—מאַן מיינער, דו פאָרשט נאָך די עלטערן, און פאָרשט נישט נאָך תמרס האַרץ. נישט אַזוי האָט מיין פאָטער געטאָן. ער האָט בעסער אויסגעפאָרשט מיין האַרץ, ווען ער האָט מיך צו דיר געגעבן, און איך האָב גאָרנישט אין זינען געהאַט צו וויסן פון וואַנען דו קומסט אַרויס. איך האָב דיך נאָר געזען, דיך ליב באַקומען און מיט דיר חתונה געהאַט. דערנאָך ערשט האָב איך זיך דערוואוסט דיין אָפּשטאַמונג. צי ווייסטו נאָך נישט, מאַן מיינער, אַז רויזן בליען טיילמאָל אין אַ וויסט לאַנד, און אויף דעם שיינעם כּרמל און אין שרון וואַקסן דערנער?

האָט ידידיה צו איר געזאָגט:

—הער אויס, געליבטע מיינע, איך ווייס וואָס עס דריקט דיך אַזוי צו ריידן, וואָרום דו טראַכסט נאָך אַלץ וועגן דיין פאָ־טערס חלום, און אמנון קומט ביי דיר אויס ענלעך צו יענעם יונגלינג, וואָס ער האָט געזען אין חלום. ווען דיין פאָטער וואָלט געלעבט, וואָלט איך אַליין מיין גאַנץ פאַרמעגן געגעבן אמנונען און געשיקט אים, ער זאָל דיין פאָטער אויסלייזן. דו האָסט דאָך אָבער געזען דעם סוף פון חלום, און איצט באַווי־ליק און רייד איבער תמרן, זי זאָל מיטן גאַנצן האַרצן צוריק־קערן צו עזריקמען.

האָט תרצה געזאָגט:

—איך וועל אַזוי טאָן.

און מעכה האָט צו תמרן געזאָגט:

—זע, מיין האַרינטע, אַז ס'איז געשען אַזוי, ווי איך האָב גע־זאָגט. באַלד אין אָנפאַנג האָב איך דאָך געזאָגט, אַז אמנון איז אומגליקלעך. ער וועט שטאַרק ליידן אָן אַ שום האָפנונג, און דו וועסט זיך נישט קענען אָנטאָן קיין בושה און נישט מביש זיין דיינע עלטערן, צו ענטפערן אים מיט ליבע. און איצט, מיין האַרינטע, ווי אומגליקלעך צו ביזט, וואָרום דו האַלסט זיך נאָך ביי דיין ליבע און ליידסט דערפון חרפּות. פאַרוואָס אָבער גע־פעלט דיר נישט עזריקם, וואָס קומט אַרויס פון אַזאַ שיינער

איידעלער משפחה, און איז זייער רייך, און וואָס ער פאַרמאָגט, איז דאָך דיינס. און וואָס וועט דיר אמנון געבן? נאָר זיין האַרץ קען ער דיר ברענגען און אַ חוץ דעם פאַרמעגן, האָט ער דאָך גאָרנישט. ווי, מיין האַרינטע! דאָס האַרץ טוט מיר ווי צוצוקוקן דיין צער און פיין, וואָרום דיין פאָטער האָט דיך פאַרשעמט און מיט גרויס שאַנד דיך אַוועקגעשיקט פון זיינע אויגן.

האָט תמר איר געענטפערט:

—ווען ער וואָלט מיך אַפילו אַרויסגעיאָגט פון שטוב און אויף אייביק, וואָלט איך פאַרלאָזט די רייכע פאַלאַצן, און געגאַנגען נאָך אמנונען, וואָס איז מיין גאַנץ לעבן. מיט אים וועט מיר זיין זיס צו וואוינען אויך אין אַ פאַסטוך־געצעלט, וואָס וועט פאַר מיר זיין ווי אַ קעניגלעכער פאַלאַץ, אויב אמנון וועט דאָרט זיין מיט מיר. זאָל ער מיך פירן אין מדבר אַריין, מיטן גאַנצן האַרצן וועל איך אים מיטגיין, וואָרום אונטער די טריט פון זיינע פיס טוט אויפבליען די אויסגעטריקנטע מדבר־ערד, פון זיינע זיסע רייד—ווערט פריילעך די וויסטעניש, און דורך זיין זיסער שטים טוט זינגען דאָס דערנערלאַנד.

האָט מעכה צו איר געזאָגט:

—און איך האָב תחילת געמיינט, אַז ער איז זייער שיין, אָבער נאָכדעם ווי איך האָב זיך צו אים צוגעוויינט, האָב איך איינ־געזען, אַז ער איז דער אייגענער, ווי אַלע בחורים אין ציון. ווען דו וואָלסט זיך צוגעלאָזט צו עזריקמען, וואָלסטו אמנונען פאַרגעסן. און דאָס איז די איינציקע עצה פאַר דיר, דו זאָלסט אים פאַרגעסן, וואָרום ער וועט שוין אַהער קיינמאָל נישט צו־ריקקומען.

און אָט זיינען פאַרלאָפן די זיבן טעג, אויף וועלכע ידידיה האָט תמרן פון זיינע אויגן פאַרטריבן און ער האָט פון איר קיין ענטפער נישט באַקומען. האָט ער צו איר געזאָגט:

—זיי גרייט, מיין טאָכטער, פאַר עזריקמען, וואָס האָט דיך ליב, וואָרום נאָך אין צען חדשים אַרום וועסטו אַלט אַכצן יאָר און וועסט צו אים געהערן—סיי דו וועסט וועלן, סיי נישט.

האָט תּמר געשוויגן און גאָרנישט געענטפערט,—אָבער דאָס האַרץ האָט איר געוויינט אין דער שטיל.
און איינמאָל איז תּימן אַרייַנגעקומען צו תּמרן אין צימער און האָט געזאָגט צו איר:
—הער זיך צו, שוועסטער מיינע, צו דעם, וואָס איך וועל דיר זאָגן. און ביי גאָט שווער איך, אַז אין מיינע לעפּצן איז נישטאָ קיין שום אָפּנאַרעריי.
—איך קען דיין ערלעכקייט,—האָט תּמר געענטפערט,—רייד, איך הער דיך.
האָט תּימן געענטפערט און געזאָגט:
—דו ווייסט דאָך, שוועסטער מיינע, אַז איך האָב ליב אמנונען, ווי אַן אייגענעם ברודער, און עזריקמען האָב איך פיינט, און דו האָסט געשלאָסן אַ בונד מיט דיין אויסדערוויילטן אין יע־נעם פאַרנאַכט, ווען אונזער פאָטער האָט דיך פלוצלונג איבער־געשראָקן, און צומאָרגנס איז אמנון אַוועקגעפאָרן און מען ווייסט נישט וואו ער איז. און אויך דו ווייסט גאָרנישט פון דעם, וואו ער איז אַהינגעקומען. דעריבער הער אויס, שוועסטער מיינע, און ווייס, אַז דעם מענטשנס פאַלשקייט איז זייער גרויס.
נעכטן איז צו מיר געקומען אַ מענטש פון גבעת בנימין און ער האָט מיר אַזוי דערציילט: „איך בין געגאַנגען קיין ירושלים, זיך צו ווייזן פאַר גאָט אין יום־טוב פּסח און איך האָב געזען צווישן ציונס טעכטער אַ מיידל אַ יפת תּאר, אַ טאָכטער פון אַן אָרעמאַן, וואָס איז שוין געשטאָרבן, און איר מוטער איז אַ פלשתּית. האָב איך געגלוסט צו דעם מיידל און בין געקומען צו איר אין געצעלט, וואָס געפינט זיך אויפן גיאַ־מאַרק, און איך האָב זי איינגערעדט, זי זאָל ווערן מיין ווייב, און דאָס מיידל האָט איינגעוויליקט, און איך האָב איר געגעבן מתּנות און צו איר געזאָגט: „בלייב דאָ אַ חודש צייט, ביז איך וועל צעטיילן צווישן מיינע ברידער דעם טאַטנס נחלה. דעמאָלט וועל איך אַהער צוריקקומען און דיך נעמען צו מיר אין הויז אַריין.” האָט דאָס מיידל געענטפערט: „גוט!” איידער איך בין אַוועקגעפאָרן, האָב איך מיין משרת־יונג באַזעצט אין אַ וואוי־

גונג, וואָס שטייט נאָנט צו דעם געצעלט און אים באַפוילן, ער זאָל נאָכקוקן די פירונג פון דעם מיידל. אין אַ חודש אַרום, אַז איך בין צוריקגעקומען קיין ירושלים, האָב איך זי שוין דאָרט נישט געפונען, און מיין יונג האָט מיר דערציילט, אַז אַ יונג־לינג מיט שיינע אויגן איז געקומען ביינאַכט צו איר אין גע־צעלט אַריין און פאַרבראַכט דאָרט ביז אינדערפרי און פון דאָרט איז ער אַוועק און געקומען אין דיין פאָטערס הויז אַריין."

אַזוי האָט מיר דער מענטש דערציילט, און פורה האָט מיר גע־זאָגט, אַז אמנון איז טאַקע ביינאַכט אַוועק פון זיין הויז, און איז צוריקגעקומען ערשט אינדערפרי. און איך, ווען איך וואָלט נישט געוואוסט נאָך אַנדערע סודות וועגן אמנונען—וואָלט איך געזאָגט, אַז דער מענטש מיט פורהן זאָגן ליגן. אָבער די זאַך איז פאָרט אַן אמת, ווי איך וואָלט עס געזען מיט מיינע אויגן. און דו, שוועסטער מיינע, האָב דאָס אין זינען. טאָמער וועט זיך אונזער פאָטער באַדיינקען און וועט דיך געבן צו אמנונען, זאָלסטו דעמאָלט זען, ער זאָל נישט נעמען נאָך אַ ווייב צו דיר, און אויב ער האָט שוין דאָס מיידל גענומען, זאָלסטו אים באַ־פעלן, ער זאָל זי גטן, איידער ער נעמט דיך.
און תמר האָט זיך שטאַרק פאַרחדושט פון דעם ברודערס ווער־טער, און דאָס האַרץ האָט איר שטאַרק גענומען שלאָגן, אָבער זי האָט פאַרבאָרגן פון איר ברודער איר שעמעריי און געזאָגט:

—זיי נישט קיין נאַר, צו גלויבן יעדע נאַרישקייט. טויזנט מע־נער זאָלן פאַלש זיין, און אמנון וועט נישט פעלשן אין זיין ערלעכקייט. לאָז מיך צורו, ברודער מיינער. זאָל נאָר אונזער פאָטער אונז נישט צושיידן. און דאָך האָט תמר דאָס שטאַרק אין זינען געהאַט.
ידידיה האָט אָבער איינגעזען, אַז תמר האָט פיינט עזריקמען מיטן גאַנצן האַרצן, האָט ער זי צורו געלאָזט און זיך אָנגע־רופן צו תרצהן: „לאָמיר צוקוקן דאָס גרייטע און זען, צו ווע־מען גאָט האָט באַשערט אונזער טאָכטער תמר."

טז.

דריי חדשים זיינען פארלאָפן זינט אמנון איז אַוועקגעפאָרן, און מען האָט נישט געוואוסט, וואו ער איז אַהינגעקומען. און תמר האָט זיך שטענדיק געפעדערט אין איר פאָטערס וויינגאָרטן אַריין און האָט איינע אַליין שפּאַצירט צווישן די ביימער, און איינמאָל, אינדערפרי, ווען זי האָט אַזוי אַרומשפּאַצירט ווי תמיד, האָט אַ צידונער גענענט צו איר און אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ בריוו, און האָט זיך געפרעגט:

—צי דאָס ביסטו תמר, די טאָכטער פון ידידיה?

האָט תמר געענטפערט:

—איך.

—האָט דער צידונער געזאָגט:

—באַצאָל מיר מיין שכר, וועל איך דיר געבן דעם בריוו, וואָס עס האָט צו דיר געשיקט אַ יונגלינג פון אַשור און זיין נאָמען איז אמנון.

האָט תמר צו אים געזאָגט:

—קום אַהער אין מיטן טאָג, וועל איך דיר גוט באַצאָלן. האָט דער צידונער געזאָגט:

—איך גלויב דיין וואָרט, וואָרום דו ביזט אַ נדיב־טאָכטער און וועסט מיין שׂכר נישט רויבן.

איז דער צידונער אַוועקגעגאַנגען און תּמרס האַרץ האָט געציטערט פון פרייד, און דאָס זיינען די רייד פונם בריוו:

„אין נמרד־לאַנד, אין אַ שטאָט פון פרעמדע שלעכטע פעלקער, אין נינוה בין איך. שטיי אויף, נדיב־טאָכטער, און פאַרנעם, תּמר, צו די רייד פון אמנון פון וויטן לאַנד. איך האָב דיך ליב באַקומען אין בית־לחם, געגאַרט צו דיר אין ציון, און ביז עק וועלט ביסטו מיין אוצר. ווייט בין איך פון קוואַל פון מיין לעבן, אָבער דיין געשטאַלט באַגלייט מיך, עס פירט מיך און רעדט צו מיר אין חלום און אויפן וואָר. דיין פאָטער האָט מיר צוריקגעקערט דעם רונג, און טויזנט זילבערשטיק האָט ער מיר געגעבן,—און דו—דו ווייסט דאָך צוליב וואָס איך דאַרף זיי—הלוואי זאָל איך שוין געפינען דאָס, וואָס איך זוך. אַז איך וועל אים אויסלייזן, וועל איך אים ברענגען און אַוועקשטעלן פאַר דיר און זאָגן: „אָט איז דער באַשייד פון חלום" און וועל דיך צו זיך אויף אייביק פאַרקנסן, און אויך דיינע עלטערן וועלן אויסשרייען: „אמנון האָט וואונדער באַוויזן!"

„אין דער שטאָט נינוה בין איך, די גרעסטע שטאָט אין לאַנד אַשור, אַ לאַנד פון תּבואה און יונגע וויינען. אויך די הימלען טריפן דאָ מיט טוי. איצט הער און ווייס וואָס דאָס איז פאַר אַ שטאָט, אויף וועלכער מען דערציילט אַזויפיל גרויסע זאַכן.

„גאָט באַשאַפט בערג, און מענטשן בויען שטעט! און די שטאָט נינוה שטייט אויף איר באַשטאַנד פון אַלטע צייטן ווי אַ קלענערע שוועסטער נאָך די גרויסע בערג. אַשור האָט די שטאָט געבויט און כּדי אויף אייביק צו דערהויבן דעם נאָמען פון זיין זון נין—האָט ער איר אַ נאָמען געגעבן נינוה. די שטאָט איז

געבויט פוןביידע זייטן טייך חדקל, און אַ הויכע פעסטע מויער רינגלט זי אַרום.

„דאָס איז די זייער אַלטע שטאָט פון טיפע אַלטע צייטן, אָבער צי קענסטו זי גלייכן צו ציון, די יונגע און צאַרטע? נישט ווי דער טייך שליח זיינען אירע טייכן. אַ ליכטיקייט איז פאַרשפרייט אויף גאָטס טייך, און אייז־פאַרגליווערונג איז אויף די סאַזעווקעס אין נינוה, אין זייערע וואַסערן זעט זיך נישט די שיין פון פריילעכע פנימער, וואָרום ביי זיי זיינען טריבע פנימער, אויסגעמישט מיט די טרערן פון באַרויבטע, געפאַנגענע פון די יעניקע פעלקער, וואָס ווערן אַהער געבראַכט אין שיפלעך און אין פישער־שיפלעך. און נישט ווי דער הר־ציון, אָדער הר־מריה אָדער הר־הזיתים, וואָס שטייען הייליק און שיין,—נישט צו זיי קענען זיך גלייכן די בערג פון אַשור, וואָס רויכערן און שפייען מיט פלאַמען פייער, וואָס פאַרברענט דאָס לאַנד אַרום. ציון איז די וואוינונג פון דעם אייביקן גאָט און נינוה איז אַ וואוינונג פון לייבן. דעריבער האָב איך עס אַ נאָמען געגעבן דאָס געשטרייפטע מוראדיקע לאַנד. עס זעט אויס, ווי אַ טיגער, וואָס איז געשטרייפט מיט זיינע פאַרבן, און איז מוראדיק מיט זיין געשריי און מיט זיינע ציין, וואָס זיינען שאַרף ווי שווערדן.

„די זון נויגט צום פאַרגיין, די לבנה באַלייכט מיט איר ליכטיקייט דעם טייך חדקל און איך קוק אויף די וואַסערן פון שפיץ־באַרג. די טייערע לבנה גייט! ווי זיס ביסטו מיר פון דער צייט, וואָס איך האָב דיך אַזוי געזען, ווען איך בין געשטאַנען אויפן הר־הזיתים, ווען דו האָסט פאַרשפרייט דיין ליכט, ווי מיט שטיקער זילבער דורך די צווייגן פון די אייל־בירטביימער אויף תמרן, וואָס איז געשטאַנען, ווי אַ ליליע, צו מיין רעכטער זייט!

„ווי אַ פלעווע איז דער טאָג פאַרבייגעפלויגן, ווי דער ווינט איז דער אָוונט אַוועק, און אָט איז שוין האַלבע נאַכט, אַלע מענטשן ליגן און טרוימען אונטער די פליגלען פון שלאָף, וואָס בינדט אויף דעם עול פון אַ גאַנצן טאָג מאַטערניש, און איך—

איך דרימל נישט און שלאָף נישט. מיט דער פעל פון לייב האָב איך אויסגעבעט מיין געלעגער, און טראַכטונגען און מחשבות אָן אַ שיעור האָבן זיך דערוועקט אין מיר. ווער וואָלט מיר געגעבן פליגלען, ווי ביי אַ טויב, וואָלט איך תיכף צו דיר געפלויגן, דיך אָנגעקוקט, און געוואוסט, אַז דו ביזט נאָר רואיק, וואָלטן זיך אויך באַרואיקט מיינע האָפנונג־טראַכטונגען און מיינע גלידער וואָלטן נישט געציטערט אַזוי אָפט. אָט דאָס האָב איך שוין אויסגעפּאָרשט און אויסגעפּרובט און איינגעזען, ווען איך בין געווען אין ציון ביי דיין פאָטער אין הויז: ס'האָט געטראָפן, אַז איך בין געזעסן אין מיין בוידעמשטיבל, איז פלוצלונג מיר אַ פרייד באַפאַלן, און איך האָב נישט געוואוסט, פון וואָס דאָס קומט, בין איך געקומען צו דיר און דיך אויך געטראָפן אַ פריילעכע. און אַמאָל, אַז איך בין טרויעריק געוואָרן, אַליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס, בין איך אַוועק דיך צו זען און—דו ביזט טרויעריק. האָב איך דערוועקט דיין האַרץ צו דעם אַלעם און דו האָסט מיר געזאָגט מיט דיינע זאַנפטיקע לעפצן: „ווייסטו דען נאָך נישט, אמנון, אַז זינט מיר האָבן זיך פאַרליבט אין איינאַנדער, געהערט דיין האַרץ צו מיר און מיין האַרץ צו דיר, און אין דער פרייד פון איין האַרץ איז זיך מתעסק דאָס אַנדערע? און אַז איין האַרץ האָט צער—טוט עס אויך ווײ דאָס אַנדערע. אין מיין האַרצן האָב איך באַהאַלטן דיינע זיסע ווערטער, און שטענדיק זע איך, ווי זיי זיינען ריכטיק. אַזוי זאָלסטו שטענדיק ליב האָבן דאָס, וואָס מיין האַרץ האָט ליב, און פיינט האָבן דאָס, וואָס מיין האַרץ האָט פיינט.

„אַזוי איז עס, מיין האַרצנסגעליבטע! ביידע האָבן מיר איין נשמה, און דעריבער ווי זאָל עס מיך איצט נישט שרעקן, ווען מיין האַרץ איז אַזוי נישט רואיק? וואָס איז דיר, תמר, מיין טייבעלע, צי האָט דער פאָטער דיינער זיך אויסגעשריען אויף דיר? האָט דיך עזריקם טרויעריק געמאַכט אָדער דו זאָרגסט פיר דיין ליבן אמנונען? אָבער—לאָמיך איצט נישט האַלטן פון די אַלע סימנים. קיין שום פיין און טרויער זאָל דיך נישט

גרייכן, און אויב זיי וועלן צו דיר קומען, וועלן זיי זיך צע־שפרייטן, ווי וואָלקנס, און אַנטלויפן פאַר דיין ליכטיק פּנים.

„באַרואיק זיך, געמיט מיינס! וואָרום אַ קול ווי פון אַ קראַנקן האָט מיין אויער פאַרנומען, אַ ברומען פון פרעמדע געגנט זיך, אַ ברומען, וואָס מאַכט דערציטערן די שטילקייט פון דער נאַכט — וואָס איז דאָס אַזוינס? ווײ! דאָס קלאָג־געשריי פון די געפאַנ־גענע ברומט אין די גאַסן פון נינוה, דאָס האַרץ טוט מיר ווײ, הערנדיק דאָס געשריי פון די אומגליקלעכע, וואָס ליאַרמען — וואָ־רום גאָט האָט צעמישט די שפּראַך פון נינוה: אַ טייל ברומען ווי די בערן, קלאָגן איבער זייער געבראָכן געמיט: „ווי באַ־רויבט מיר זיינען געוואָרן!" און זייערע באַצווינגער לאַכן און שאַלן, ווי די ווילדע: „אָך, זיי זיינען אין אונזער האַנט!" נאָר פרעמדקייט זעען מיינע אויגן און איבערגעדרייטע זאַכן הערן מיינע אויערן. אַן אויסמישונג פון לשונות און פעלקער, אַ טייל ריידן אויס זייער געבראָכן האַרץ אויף מיצריש, אַ טייל קלאָגן ביטער אויף די לשונות פון קדר, ערב און דומה. כ׳גע־דיינק אָן ירושלים און שרעק זיך, אָן תּמרן — און מיין האַרץ ווערט צוגאַנגען, אָבער איך באַרואיק מיין האַרץ און טראַכט מיר: „דאָס איז נישט מער ווי דער גערויש פון היישעריק, ווי אַ צענויפזאַמלונג פון קריגערישע מילבן אויף שטיקער ערד — פון איין געשריי פון יידישן גאָט וועלן זיי פון ווייטנס נאָך אַנט־לויפן און אַנטשוויגן ווערן אויף אייביק".

„אַ גאַנצע נאַכט האָט מיין האַרץ געטראַכט: צי וועט זיך די נאַכט קיינמאָל נישט אויסלאָזן? טרעט אָפּ פון מיר, נאַכטזעאונ־גען! צו ליכט גלוסט מיין נשמה! — כ׳האָב געעפנט דאָס פענס־טער פון מיין חדר, און דער מאָרגנשטערן איז שוין פאַרשפּרייט איבער די בערג פון נינוה! ס׳האָבן זיך צעצוויטשערט די פייגעלעך צוזאַמען מיטן מאָרגן און געמאַכט זינגענדיק מיין האַרץ. ווער וואָלט געבן — און די זיסע צייט זאָל זיך לאַנג ציען פאַר מיר! נאָר ווי איך זיץ אַזוי און טראַכט, איז דער מזרח רויט געוואָרן. נאָך אַ ווײַלע — און די

זון בלאַנקט ווי מיט פונקען פייער פון די שפּיצן בערג אַראָפּ. ווי שיין איז איר ליכט אויף די בערג! און ווי הערלעך איז זי, ווען זי שיינט אויפן חדקל, דעם טייך, וואָס ציט זיך פון גן־עדן. די זון באַווייזט זיך ווי אַ העלד און מיט גרויס שטאַרקייט פאַריאָגט זי די פינסטערניש ביזן לעצטן ים. די פייגלעך שאַלן און באַזינגען איר גבורה, און אַלץ אויף דער וועלט דערפרייט זיך, וואָרום געשטאַרקט האָט זיך דאָס ליכט איבער דער פינסטערניש! און די זון גייט ווייטער פריילעך און העלדיש, העכער און ליכטיקער ביז מיטן טאָג. און אָט שטייט זי מיד און מאַט אין מיטן הימל. די פייגלעך האָבן אויפגעהערט צו צוויטשערן. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז ווערט ווייניקער איר שיינקייט, די שאָטנס וואַקסן אויס און דער טאָג פאַרגייט—אַזוי איז דאָס לעבן פון מענטשן אויף דער ערד, און אַזוי פאַרגייט זיין לעבן. ווי אָנגענעם איז דער פרימאָרגן פון זיינע קינדעריאָרן! און ווי גלוסטיק איז דאָס ליכט פון דער יוגנט! דעמאָלט אַנטלויפט פאַר אים יעדע פינסטערניש, און די האָפנונג, וואָס שמייכלט פאַר אים, זינגט אין זיינע אויערן, ווי די זינגענדיקע פייגעלעך. אָבער ווי! די האָפנונג באַגלייט אים ביז דער העלפט פון זיינע יאָרן, טרייסט אים ווי אַ מוטער, אָבער אויף דער עלטער פאַרלאָזט זי אים.

„און רייד איך פון האָפנונג, ווערט טרויעריק מיין האַרץ. געדיינק, תּמר, מיין האַרצנסגעליבטע, דעם טאָג פון חודש ניסן, ווען איך בין געזעסן מיט דיר צוזאַמען ביי דיין פאָטער אין הויז, ווען דיינע לעפצן האָבן צו מיר גערעדט אַזעלכע זיסע רייד און געזעסן איז דערביי דיין ברודער תּימן: „האָף, אמנון, וואָרום די האָפנונג איז טייערער פון לעבן"! און וואָס האָפסטו, וואָס דו טרייסט מיך? שוין פינף מאָל ווי די זון האָט אויפגעשיינט פון די מזרח־בערג אויף נינוה, און די זון פון האָפנונג האָט אויף מיר נישט קיין שיין געטאָן. מיינע אויגן שוועבן איבער די גאַסן פון נינוה און מיין האַרץ ציט מיך קיין ירושלים, וואָרום דאָרט איז דער קוואַל פון מיין האָפנונג. אָבער ווי נאָר עס גיט מיך אַ צי אַהין, אַזוי טרעט איך אָפּ צוריק מיט צי־

טערניש—וואָרום דאָרט איז אויך מיין שרעק—מיין האַרץ איז ווי דאָס רוישן פֿון שטאַרקע וואַסערן, וואָס לויפֿן צום ברעג און לויפֿן צוריק, פֿליסנדיק מיט זייערע כוואַליעס, ווייל אויך אַזוי לויפֿן די וואַסערן און אַנטלויפֿן צוריק: עס טרעפֿט, אַז מיין גייסט שוועבט אַרום אויף דעם הר־הזיתים און פֿאַרבאָרגט זיך אין די שאָטנס פֿון אַ יונגן און פֿרישן איילבירטבוים, אויף וועלכן עס זיינען אויסגעקריצט אונזערע נעמען. דאָרט זיינען אויך אונזערע הערצער פֿאַרבונדן צוזאַמען. „אָך!—זאָג איך צו זיך אַליין—האָף, וואָרום ס׳איז דאָ וואָס צו האָפֿן!" אומזיסט הויבן אויף די בערג די קעפּ זייערע און שטייען צווישן אונז—וואָרום זיי וועלן אונז נישט צעשיידן. אויך די טייכן חדקל, פּרת און דער ירדן, די גרויסע שטאַרקע טייכן, וואָס פֿלייצן איצט צווישן מיר און דיר, וועלן נישט פֿאַרפֿלייצן אונזער ליבע. מיינע אויערן הערן נאָך דיין זיס קול, און דיינע לעפּצן גריסן מיך פֿון וויטן און זאָגן מיר: „דיינע בין איך!" אָט אַזוי טראַכט איך און מיין האָפֿנונג טראָגט מיך צו דיר אויף די פֿליגלען פֿון ליבע. אָבער באַלד ענטפֿערט מיר מיין שׂכל: „לאָז אָפּ, נאַרישע טויב! פֿאַרפֿלי נישט אין די הימלען אַריין, דאָרט שוועבט אַרום דער אָדלער און דער ים־אָדלער. זיץ בעסער שטיל אין דערנידער און בלייב רואיק". דער שׂכל רעדט און ווער קען אים נישט הערן? און אויב איך הער זיך צו צום שׂכל, טאָ ווי אַזוי זשע זאָל איך האָפֿן? אַזוי וואַקלען זיך די געדאַנקען אין מיר ווי עס דרייט זיך דער שאַרף פֿון אַ שווערד.

„צאַרטע מיינע, וואָס דו זיצסט זיך דאָרט רואיק! וואַרט נאָך אַ ווײַלע אויף מיר און זאָלסט דיין ליבע קיין אַנדערן נישט אַוועקגעבן. לאָז ווידעראַמאָל קלינגען דיין שטים, נדיב־טאָכטער, און זאָג: „האָף, אמנון, ווייל האָפֿן איז בעסער פֿון לעבן". זאָג מיר דאָס, טויב מיינע, וואָס דו געפֿינסט זיך דערהויבן אויפֿן ציון־באַרג, און איך וועל דערהערן דיין שטים אין וויטן לאַנד, וואָרום הדורם האָט זיך געלאָזט פֿאָרן אין די שטעט פֿון מדי. אָך! איך האָף נאָך צו געפֿינען דאָרט דאָס, וואָס איך זוך.—

ווער וואָלט געגעבן—און די טעג פון מיין נסיעה זאָלן זיך תּיכּף ענדיקן און אַ האַנט פון אויבן זאָל מיך אָננעמען פאַר די האָר מיינע און מיך אַריבערטראָגן איבער דעם ווייטן שטח פון אַשור־בערג, פון די פייערשפייענדיקע בערג, ביז די רואיקע ציון־בערג און איך זאָל דערזען דיין געשטאַלט אויפן וואָר—געענדיקט זיינען די רייד פון אמנונען״.

אַז תּמר האָט געענדיקט לייענען דעם בריוו, האָט זי, אַ פריילעכע, אים שטאַרק געקושט און געזאָגט: „וואו איז פאַראַן דען אַ מאַן, וואָס קען אַזוי ליבן, ווי אמנון, אָדער ווער קען זיך אַזוי צאַרט און זיס אויסדריקן, ווי ער? זיין ליבע איז טאַקע אַ געטלעכער פלאַם, און זיינע רייד—פלאַמפייער״ אַזוי. האָט תּמר צו זיך אַליין גערעדט, און אַזוי טראַכטנדיק פון איר האַרצנס־געליבטן, האָט זי זיך דערמאָנט אָן דעם, וואָס תּימן האָט וועגן אים דערציילט און איר האַרץ איז פּלוצלונג דערשראָקן געוואָרן. אָבער זי איז באַלד געקומען צו זיך און געזאָגט: „זאָלן אַלע מענטשן פון דער וועלט פאַלש זיין, אמנון אָבער וועט נישט פעלשן.״ און תּמר האָט איבערגעלייענט דעם בריוו אַ צווייט מאָל און אַ דריט מאָל, האָט נאָכגעפאָרשט יעדעס וואָרט און געפונען אַזעלכע ווערטער, וואָס זי האָט זייער באַדייטונג נישט פאַרשטאַנען. „אַזוי זאָלסטו שטענדיק ליב האָבן דאָס, וואָס מיין האַרץ האָט ליב״. „וואָס מיינט ער מיט דעם צו זאָגן?—האָט תּמר אויסגערופן מיט ציטערניש—צי איז אמת, וואָס תּימן האָט מיר דערציילט אויף דיר, אמנון? צי דען, אמנון, האָט אַ פרעמדע דיין האַרץ אָנגערירט? וויי! דאָס האַרץ צינד זיך מיר אָן, אַז איך טראַכט אַזוי. אָבער צו וואָס שרעקט זיך מיין האַרץ? ס׳איז אַ פאַלשע שרעק, דאָס וועט נישט געשען.״

און אַזוי ווי זי רעדט צו זיך אַליין, איז מעכה, איר דינסט, צוגעגאַנגען צו איר און געפרעגט:

—וואָס ביזטו אַזוי פאַרזונקען אין טראַכטונגען?

האָט איר תּמר געזאָגט:

—גיב אַן עצה, מיט וואָס קען מען אויספּרובן אַ מאַן, צו וויסן, צי ער איז טריי אין זיין ליבע?

האָט מעכה געענטפערט:

—אויב אַ מאַן הויבט אָן נאָכצוקוקן אויף אַן אַנדער מיידל, איז ער שוין נישט טריי זיין געליבטער און אויב ער רעדט ליבע־רייד מיט אַ פרעמדער, האָט ער געפעלשט אין דער, מיט וועלכער ער האָט זיין בונד געשלאָסן.

האָט תמר געזאָגט צו איר:

—ס׳איז ריכטיק. אָבער לאָמיר איבערלאָזן די רייד אונזערע אויף אַן אַנדער צייט, וואָרום איך האָב צו דיר אַ געהיימען ענין.

האָט מעכה געענטפערט:

—גוט, מיין האַרינטע, איך בין גרייט צו אַלעם, וואָס דו וועסט מיך באַפעלן.

טז.

אוֹן די געטלעכע שטאָט ירושלים האָט געציטערט פאַרן אָנ־פאַל פון סנחריב, דעם מלך פון אַשור. אַלע טאָג האָט מען געהערט אַלץ גרעסערע גבורות פון אים און אַלע זיינען דער־שראָקן געווען, און תמר האָט אין גאָרטן אַלע פרימאָרגן און אַלע פאַרנאַכט געבעטן צו גאָט, ער זאָל איר צוריקברענגען איר אמנונען, אַ געזונטן און מיט אַ געטריי האַרץ צו איר. און דער סוד, וואָס איר ברודער תימן האָט איר דערציילט וועגן אמנונען, האָט איר פאַרשאַפט גרויסע יסורים און זי האָט דאָס דערציילט פאַר מעכהן און זי האָט זיך פאַר איר אויסגערעדט דאָס האַרץ. און פאַר איר איבערגעלייענט דעם בריוו, וואָס אמנון האָט איר געשריבן. און מעכה האָט נאָך געמערט אָנצו־צינדן דאָס פייער פון אייפער אין איר האַרצן, און תמר האָט אָנגערעדט מעכהן, אַז זי זאָל אָפּנאַרן פורהן און פאַנגען זיין האַרץ דורך ליבע, כדי זי זאָל זיך פון אים דערוויסן אמנונס סודות. האָט מעכה נישט פאַרזוימט צו טאָן אַזוי ווי איר האַ־

רינטע האָט איר באַפוילן. און אין האַרצן האָט זי זיך געטראַכט: „אָך! פאַרטריבן וועט ווערן אמנון פון תמרס אויגן, ער וועט צוריק ווערן אַן אָרעמער בחור, און דעמאָלט וועט ער אפשר מיינער זיין. האָט זי זיך אין געהיים אָפּגערעדט מיט זמרין, וואָס זי האָט צו טאָן. האָט איר זמרי אויסגעלערנט די אַרבעט. און זמרי האָט געשיקט זאָגן עזריקמען, ער זאָל אויף אים וואַרטן אינדערפרי.

דער באַגינען האָט אַלץ מער אויפגעשיינט, ביז ס'איז געוואָרן גרויסער טאָג, און די איינוואוינער פון ציון האָבן פאַרלאָזט זייערע געצעלטן און הייזער און זיי שטופּן זיך ביי די טויערן פון די געמאַרקן: גרויסע האַרן און ראַטגעבער האָבן זיך פאַרזאַמלט זיך צו באַראַטן, וואָס מען זאָל טאָן, כדי צו שטאַרקן די שטאָט, ווען דער שונא וועט באַפאַלן. און דאָס פאָלק רוישט און ברומט: אַ טייל שפּאַנט גלאַט אַרום איבער די גאַסן און וויל הערן נייס, אַנדערע ריידן סתם נאַרישקייטן. די ליגנערס האָבן געפּונען וואָס צו טאָן, און פאַרקויפט זייערע ליגנס פאַר גוט געלט. דאָ שטייט אַ רעדל מענטשן און רינגלט אַרום איינעם, וואָס דרשנט פאַרן פאָלק און זאָגט: „דער מלך האָט געשיקט שליחים קיין מצרים, צו בעטן הילף פון פרעהן. מיר לעבן דאָך בשלום מיט אים און ער וועט אונזער מלך נישט אָפּזאָגן".—„פאַרלאָזן זיך אויף פרעהן טאָר מען נישט! מאַכט איינער פון המון.—וואָס קאָנען זיי, די מצרים, אונז שוין העלפן? זיי זיצן זיך ברייט אין זייער לאַנד און טרינקען דאָס וואַסער פון ניל. און אָט האָט פון דער אַנדערער זייט זיך אויפגעשטעלט איינער אַ פרעמדער, וואָס קומט פון פרת, און אַ סך מענטשן רינגלען אים אַרום, און ער דערציילט פאַר זיי, אַזוי צו זאָגן:

—ווי! פאַרוויסט געוואָרן זיינען די וועגן און די וועגלייט האָבן אויפגעהערט זיך צו ווייזן, וואָרום אַרויסגעגאַנגען פון דער נאָרע איז דער לייב מיט זיינע קליינע און יונגע לייבן, און ס'איז אַרויסגעגאַנגען פון זיין אָרט דער פעלקער־באַצווינגער מיט זיין חיל. די זין פון אַשור און עילם גייען מיט

זייערע פּענער און איבער זיי האָט צו שאַפֿן רבֿשקה, אַ העלד און אַ שטאַרקער, ווי אַ טענענבוים פֿון לבֿנון, און איצט רוען זיי אויף דער באַפֿעסטיקטער שטאָט כּרכּמיש, וואָס שטייט אויף דעם אָרט, וואו עס באַהעפֿטן זיך די טייכֿן כּבֿר און פּרת. אויך די גרויסע פֿעסטונג איז פֿאַר זיי אַ שפּילכל, בפֿרט נאָך די באַפֿעסטיקטע שטעט פֿון יהודה! זיי שלינגען זיי איין ווי פֿייגן. נאָך אַ ביסל—און זיי וועלן אַריבער דעם טייך פּרת און דעם ירדן.”

און ביי דידאָזיקע ווערטער ציטערט אויף דאָס האַרץ פֿון יעדן צוהערער און זיין געמיט ווערט געבראָכֿן, זיפֿצן זיי, אָכֿצן זיי און קרעכֿצן און רופֿן עפּעטער אויס: „מוראדיק, שרעקלעך! ווער וועט אונז שיצן אין ציון?”

און חפֿר און בוקיה, וואָס האָבן זיך געפֿונען צווישן דערדאָזיקער מאַסע, האָבן געענטפֿערט מיט שפּאָט: „קומט, לאָמיר זיך אָנטרינקען מיט וויין, אָנשכּורן מיט ביר.”

—קומט!—האָט בוקיה גערעדט.—ווער עס האָט געלט, זאָל עפּענען דאָס בייטל און געבן צו טרינקען זיין חבֿר, וואָס האָט קיין געלט נישט. וואָרום גאָר אין גיכֿן וועט דער מענטש אַוועקוואַרפֿן אין די גאַסן זיין זילבער און גאָלד און קיינער וועט עס נישט אויפֿהויבן. קומט זשע! לאָמיר שווענקען אונזערע העלזער מיט בלוט פֿון וויינטרויבן, איידער דער שונא וועט וואַשן זיינע פֿיס אין בלוט פֿון אונזערע געפֿאַלענע.

און איינער שרייט אויס:

—שטיל זאָל זיין! הערט אויף צו ריידן, אָט גייט בן־אָמוץ מיט זיינע קעניגלעכע האַרן.

האָט זיך די מאַסע צעטיילט און בוקיה האָט געזאָגט צו חפֿרן: „קום צו כּרמין, וועלן מיר דאָרט כאַפּן אַ טרונק!”

און כּרמי האָט זיך פֿאַר אַלעמען אין די אויגן געחבֿרט מיט פֿיינע לייט. אָבער אין געהיים האָט ער געהאַט צו טאָן מיט אַלע שלעכטע מענטשן און רוצחים. אויך פֿאַר זיי האָט ער זיך שטענדיק פֿאַרענטפֿערט און האָט אויף אַלע געמיינע זאַכֿן זיך געהאַט זיינע תּירוצים, און געזאָגט האָט ער, אַז ער געפֿינט

נישט אין זיך קיין שום זינד. ער האָט געזען אַ סך שלעכטע זאַכן און זיך געמאַכט נישט זעענדיק, האָט געהערט די לעסטערונגען פון די אָפּשפּעטער און זיך געמאַכט נישט הערנדיק. זיין ווייַן האָט ער געגעבן פאַר גנבות, און די גנבות האָט ער געגעבן זיינע באַקאַנטע אויסוואורפן, זיי זאָלן עס פאַרקויפן פאַר געלט. אַזוי האָט כרמי אָנגעפילט זיינע קאַסטנס מיט גאָלד און זיין הויז איז געווען אַ נעסט פאַר פאַררעטער, וואָס זייער זינד האָט קיינער נישט געוואוסט. און אַלע טאָג און פאַרנאַכט איז ער אויפגעגאַנגען אין גאָטס הויז זיך צו בוקן פאַר גאָט און זיך געמאַכט פאַר אַ נעבעכל.

און זמרי מיט עזריקמען זיינען געקומען צו אים אין הויז, ווען דער מאָרגנשטערן איז אויפגעגאַנגען, ווייל דאָ האָבן זיי זיך באַשטעלט נעכטן און כרמי האָט זיי געשטעלט ווייַן אין אַ באַזונדער פאַרבאָרגן חדר און זיי האָבן געטרונקען.

האָט עזריקם געזאָגט:

—נישט אַנדערש, אַז דו האָסט אַ בשורה מיר אָנצוזאָגן.

האָט זמרי אים געענטפערט:

—דו ווייסט נאָך נישט, אַז איך בין אויסן נאָר דיין טובה! זיי זיך נישט מיאש פון תמרן, וואָרום ס'איז דאָ אַ האָפנונג. זיי וויסן, מיין האַר, אַז אמנון האָט געשיקט תמרן אַ בריוו פון נינוה, אַ בריוו פול מיט ליבע, וועלכן תמר האָט איבערגעליינט פאַר מעכהן, איר דינסט. האָט מעכה מיר דערציילט וועגן דעם בריוו, האָב איך איר געלערנט צו ריידן פאַלש און מאַכן ביטער, ווי פאַלין, די זיסע רייד אמנונס. אין די ווערטער, וואָס איך האָב איר אויסגעלערנט צו זאָגן, כדי אָנצעצינדן דאָס פייער פון אייפער אין האַרץ פון איר האַרינטע, האָבן געגליקט, און תמר האָט איר אָנגערעדט, זי זאָל אַרויסוויזן פורהן ליבשאַפט און פריינטשאַפט, כדי זי זאָל פון אים דערגיין אמנונס סודות. און פורה איז דאָך אונזערער, און תמר איז שוין שטאַרק גענאַרט און גלויבט, אַז אמנון האָט ליב אַן אַנדער מיידל, און דער אייפער ברענט אין איר.

האָט עזריקם צו אים געזאָגט:

—אָך! דיינע ווערטער האָבן מיך איצט דערפרייט. הער זיך צו און איך וועל דיר דערציילן אַזוינס, וואָס פאַלט צענויף מיט דיינע רייד. נישט אומזיסט גלויבט תמר, אַז אמנון איז פאַרליבט אין אַן אַנדער מיידל,—ס׳איז ריכטיק. איך האָב וועגן דעם געהערט פון עכנען, וואָס האָט מיך נעכטן געטרייסט, זעענדיק, ווי איך זיץ אַ טרויעריקער און דערשלאָגענער אין מיין צימער, און ער האָט געזאָגט צו מיר: „ווי לאַנג, מיין האַר, וועסטו ליידן און זיך פייניקן וועגן תמרן, וואָס האָט דיך אַוועקגעוואָרפן? צי איז זי איינע אין ציון?״ האָב איך אים געענטפערט: „זי איז דאָך איינע פאַר אמנונען, און ווי אַזוי קען איך צוקוקן, ווי זי ווערט צו אים אַוועקגעגעבן?״ האָט עכן צו מיר געזאָגט: „אויך ביי אמנונען איז זי נישט איינע, וואָרום ער האָט זיך געפונען אַן אַנדער מיידל, וואָס איז שענער פון איר, וואָס ער וועט פאַר איר נישט נעמען קיין זיבן מיידלעך, ווי תמר, אָבער דאָס מיידל איז אָרעם, דעריבער וויל אמנון באַקומען געלט דורך דעם, וואָס ער וועט צוריקברייגען חנבאלן פון זיין געפאַנגענשאַפט. דעריבער פאַרכאַפּ דו פריער, און פאַרקנס צו דיר דאָסדאָזיקע שיינע מיידל. אַז דו וועסט זי נאָר דערזען, וועסטו תמרן פאַרגעסן.״ האָב איך אים געפרעגט, וואו זי געפינט זיך, האָט מיר עכן אַזוי געענטפערט: „אין צען טעג אַרום וועסטו זי זען, וואָרום זי וואוינט איצט מיט איר מוטער ביי דער גרענעץ פון יהודה.״

האָט זמרי צו אים געזאָגט:

—ס׳איז מיר אַ גרויס וואונדער, פון וואַנען ווייסט דאָס אַלץ עכן? נאָר זאָל זיין, וואָס עס איז. ווייסט אַנדערש, אַז דאָס איז דאָס מיידל, וואָס האָט געוואוינט אין געצעלט אין גיא־מאַרק. אויך תימן איז אין איר פאַרליבט אָן שום האָפנונג, וואָרום ווי אַ שאָטן גייט ער אַרום, זינט ער האָט זי געזען אין גיהנום־טאָל. אָך! נאָר דאָ האָט לילית געלייגט איר איי. און פון דעמדאָזיקן איי וועט זיך אויספיקן די שלאַנג פאַר אמנונען, תמרן און תימנען. אָך! מיר איז איינגעפאַלן אַ גוטע עצה. איצט לאָמיר נאָר וואַרטן אויף דעם טאָג, ווען דאָס מיידל וועט אַהער

צוריקקומען און אויך אמנון וועט צוריקקערן.
און אַזוי ווי זיי זיצן און ריידן, איז חפר מיט בוקיהן אַריין צו כּרמין אין הויז, און חפר האָט געזאָגט צו כּרמין: „מיר האָבן פאַרביטערטע הערצער, ווייל מיר האָבן זיך אָנגעהערט אין גאַס, אַז די שונאים זאַמלען זיך אַרום אונז. האָבן מיר אָפּגעטרעטן צו דיר, כּדי צו דערטרינקען אונזער עצבות און ביטערקייט אין אַ גלאָז וויין און ביר.” און כּרמי, וואָס האָט געהאַלטן זמרין פאַר אַ וואָרהאַפטן מענטשן, האָט זיך אויסגע־שריען אויף זיי, כּדי זמרי, וואָס זיצט אין זיין צימער, זאָל עס הערן, און ער האָט געזאָגט צו זיי: „שווייגט! איצט איז נישט קיין צייט צו שפּעטן!” „האָט חפר זיך איינגעקוקט אין כּרמין און געזאָגט. „וואָס איז עפּעס היינט מיט דיר, כּרמי? האָסט אפשר געבראַכט אַהער אַ שטראָפער, וואָס זאָל אונז לער־נען ווי אַזוי צו טרינקען?” „איך וועל עס דיר געבן צו פאַר־שטיין,—האָט בוקיה געזאָגט צו כּרמין,—מיר, ווי דו, זיינען דאָךליידיקע מענטשן, און די פעסלעך זיינען פול מיט וויין, וועלן מיר אויסליידיקן די פעסלעך אין זיך אַריין, וועלן מיר ווערן פול און די פעסלעך ליידיק. ס'איז נישט אַזוי?” „לאָז געמאַך,—האָט כּרמי אים געענטפערט—זעצט זיך דאָ און טרינקט.”
—נישט אַנדערש, ווי עפּעס אַ שטראָפער געפינט זיך דאָ,—האָט חפר געענטפערט.—לאָמיר גיין זוכן אין די חדרים, זאָל זיין, וואָס עס וויל זיך.
האָט כּרמי אים אָנגעכאַפּט און שטיל געזאָגט:
—עזריקם מיט זמרין זיינען דאָ פאַראַן.
האָט בוקיה געזאָגט אין דער הויך:
—אָך! דאָס זיינען גוטע מענטשן, זיי וועלן אונז אויך געבן.

און עזריקם האָט עס דערהערט, האָט ער זיי געעפנט די טיר פון חדר, זיינען חפר מיט בוקיהן אַהין אַריין און געטראָפן ווי זמרי זיצט און קוקט אין גלעזל. האָט חפר געזאָגט צו אים: „ביסט שטאַרק פאַרזונקען אין וויין, ווי דו וואָלסט געוואָלט געפינען אין נאַסן געטראַנק דיינע מחשבות. וואָס זיינען פאַר־

לאָרן געגאַנגען אויף דער טו־יקעניש, אָדער דו פּאַנגסט פון דאָרט אַרויס אַזוינע נייס, וואָס זיינען נאָך נישט באַשאַפן געוואָרן.

—ריכטיק,—האָט אים זמרי געענטפערט, איבערקערנדיק דאָס גלעזל,—נייס און אַלעס איז אין דעם רויטן ווייִן פאַראַן, אָבער ס'איז געשמאַקער, ווען דער ווייִן איז אין אונז פאַראַן.

—אין ווייִן איז פאַראַן עפּיס אַ כשוף,—האָט בוקיה געענטפערט.— ווי נאָר ער קומט אַריין אין אונז, ווערט יעדע מחשבה באַפליגלט און באַווייזט גרויסע וואונדער.

—און וואָס פאַר אַ גרויסע וואונדער האָסטו אין זיך?—האָט אים עזריקם געפרעגט.

—זאָל מיין האַר בעסער הייסן דערלאַנגען ווייִן, וואָס וועט ווערן פון די טרוקענע רייד?

האָט עזריקם געזאָגט צו כּרמין:

—גיב אַריין ווייִן, וועלן מיר טרינקען.

און חפר האָט געזאָגט:

—מעסט נאָר אָפּ אַ גוטע מאָס.

און בוקיה האָט געענטפערט:

—זאָל לעבן אונזער מלך חזקיהו—זינט ער זיצט אויפן טראָן, איז אונזער ווייִן נישט געמישט מיט קיין וואַסער, די מאָס איז אַ גוטע, און אונזער בויך איז אויך פול. נעכטן האָבן די שוטרים אויסגעפּאָרשט די שענקען און געפּאַקט ביי יצהר קראַמליר אַ שלעכטע מאָס און שלעכטן ווייִן, האָבן זיי צעבראָכן זיינע כּלים און אים איינגעזעצט אין תּפיסה. אויך דו, כּרמי, היט זיך, גיב גוטן ווייִן, אויב נישט, וועלן מיר דיר צוברעכן די כּלים אויף אַזעלכע קליינע שערבלעך, אַז וועסט אַפילו נישט געפינען קיין שערבל צום קראַצן זיך.

—רעכט, דו לץ איינער!—האָט אים כּרמי געענטפערט.

האָט כּרמי געבראַכט ווייִן און האָט זיי אים אָנגעגאָסן אין די גלעזער אַריין און זיי האָבן געטרונקען און זיך אָנגעשכורט, און בוקיה האָט אָנגעהויבן צו זינגען ווי אַ שכּור.

—אָט דאָס זיינען דאָך מיינע ווערטער,—האָט בוקיה ווייטער גע־

רעדט.—עס און טרינק, ווארום מארגן וועלן מיר שטארבן! דער מענטש, וואס האט ליב צו לעבן, באדארף נישט ווייטאקן מיטן הארץ פאר די צייטן, וואס זיינען אוועק. און זאל ער נישט זארגן פאר די צייטן, וואס וועלן קומען. ער דארף נאר זען דעם טאג, אין וועלכן ער לעבט און פארברייינגען אים אין זויפן, ווי איך טו

—דער ווייַן רעדט שוין פון דיר ארויס,—האט אים הפר געענטפערט.

—איך זאג א רעכטפארטיקע זאך,—האט בוקיה געזאגט.—ווער וואלט מיך געמאכט פאר א מוסר־זאגער אין דערדאזיקער צוטומלטער צייט און ווער וואלט מיך נישט געפאלגט?

—באמת א צוטומלטע צייט איז איצט,—האט כרמי געענטפערט.— אבער פארלירן זיך אין א צרה, איז נישט גוט. מיר האבן דאך א שטארקע שטאט, זי וועט אונז באשיצן אין טאג פון קריג, אירע ווענט זיינען דאך פעסטע, אונזער פעסטונג איז דאך הויך. זי דערגרייכט צו די וואלקנס. זאלן קומען די חילות פון אשור, זאלן זיי זען די שטארקע פעסטונגס־מויערן און טורמס און זיך פארשעמען מיט זייער העלדישקייט. אט זיינען אונזערע הארן אוועק קיין צען, און אונזערע שליחים קיין חנס, צו ברייינגען פון מצרים פערד און רייטוועגנס. און אן דעם האבן מיר אויך גענוג געווער—לאמיר זיין האפערדיק און זיך נעמען צו דער שפיז, ווארום מיר זיינען דאך מלחמה־לייט, און גאט וועט שטיצן אונזער האנט.

און זמרי, וואס איז ביז אהער געזעסן שטיל און געשוויגן, האט אויסגעטרינקען זיין גלאז און געזאגט צו כרמין:

—דיין ווייַן איז נישט געמישט מיט קיין וואסער, דיינע רייד אבער זיינען אויסגעמישט מיט נארישקייטן און מיט נעכטיקע טעג. די פעסטונג פון ירושלים איז א באשיצונג פאר קארלי־קעס, פאר אזא שוואך פאלק, ווי איר זענט, וואס זיינען העלדן זיצן פארשפארט אין די נארעס און פון ערד און ליים מאכן זיי זיך א פעסטונג—דער לייב מאכט נאר א טריט אויף זייערע פעסטונגען און זיי ווערן צעפאלן, ער דארף גאר קיין קראפט

נישט צו דעם. אַלע זענט איר העלדן צו ריידן מיט גאוה און שטאָלץ, בשעת פּאַר אייך שטייען די גלעזער וויין, אָבער ווען איר דערזעט דעם שאַרף פון דער שווערד, דעם בליץ פון אַ שפּיז, דעמאָלט ווערט איר פאַרשטומט און האָט מורא אַ וואָרט אַרויסצוריידן אויפן שונא. ווען איר וויל ווילט איר איינשמוסן? פרעגט אַזאַ מענטשן, וואָס האָט זיך שוין אָנגעליטן אַזוי ווי איך, וואָס איז געזעסן אין נויט אין באַלאַגערטן שמרון, ווען שלמנאסר האָט באַלאַגערט די שטאָט. ניין, מיינע האַרן און חברים, נישט מיטן מויל וועט איר פירן אַ מלחמה מיט אַשור!

—ווי!—האָט בוקיה אויסגערופן מיט אַ זיפץ.—דאָס גוטס פון פעלקער האָט דאָך סנחרוב שוין צענויפגענומען, די מי פון פעלקער האָט ער געירשנט, און זיין האַרץ איז נאָך ברייט, ווי דער גיהנום, איינצושלינגען אויך אונזערע פרידלעכע וואוינונגען. צי איז דען נישטאָ קיין טרויבן און וויין אין אַשור, וואָס ער קומט צענויפנעמען אונזער וויין און אויסדריקן אונזער זאַפט? אָ! אַשור, ווי דער טויט קען זי זיך נישט אָנזעטיקן.

—באַרואיק זיך,—האָט אים זמרי געענטפערט מיט אַ געלעכטער,—שרעק זיך נישט, לאָמיר שליסן אַ בונד מיטן טויט און זאָל דער טרויבנזאַפט נישט פאַרשניטן ווערן פון דיין מויל.

האָט חפר געענטפערט און געזאָגט:

—אַזוי זאָל מיר גאָט העלפן, ווי איך וועל זיך פון דאַנען נישט רירן, ביז וואַנען ער וועט אונז נישט זאָגן דעם גאַנצן סוד פון דער זאַך. דו ווייסט דאָך געוויס, זמרי, האָסט דאָך אודאי געהערט עפּעס פון דיין האַר אין הויז, אָדער פון אַן אַנדער אָרט האָסטו זיך דערוואוסט, זאָג זשע דאָס אונז אויך און לאָמיר אויך וויסן.

האָט זמרי צו זיי געזאָגט:

—שווערט מיר דאָ צו, אַז איר וועט גאָרנישט דערציילן, ביז די צייט וועט נישט קומען.

האָט בוקיה געזאָגט:

—זאָל דאָס ביר אונז ביטער ווערן, און דער וויין זאָל אויי ווערן ווי פּאָלין, אויב מיר וועלן עפּעס וואָס דערציילן.

האָט זמרי געזאָגט:
—איך בין זיכער אין אייך, דערציילט העראָט מיך אויס, מיינע פריינט און האַרן, איך בין דאָך אַ געבוירענער פון שמרון, און קיין שום פאַרמעגן האָב איך נישט אין ירושלים, פונדעסטוועגן טוט מיר וויי דאָס האַרץ, זעענדיק, אַז די שטאָט געפינט זיך אין אַ צרה. מיט פוסטע זאַכן טרייסט מיך בן־אמוץ, מיט שיינע רייד, מיט נביאות און זעאונגען, ווי אַ מענטש, וואָס זיין מאַמע טרייסט אים, און ווי אַ קליין קינד, וואָס זיין זייגערין שלעפערט אים איין מיט זיסע לידלעך. לאָמיר אים אָבער נישט הערן, וואָרום דער טויט וועט אונז איינשלעפערן! דער מענטש, וואָס וויל לעבן, זאָל צושטיין צו שבנאן, דעם האַר, און זיין לעבן זיך רעטן, וואָרום ער איז גאָר אַן אַנדערער, און ער וועט לאָזן פריי אַלע די, וואָס ווילן זיך אונטערגעבן דעם מלך פון אַשור. ס'איז אָבער איצט נישט די צייט צו ריידן אַ סך, אַ ביסל האָב איך אייך געזאָגט—דאָס איבעריקע וועט איר הערן, ווען איר וועט זיך אויסניכטערן.
—נאָר גוטס און פרידן זאָל קומען צו שבנאן!—האָט עזריקם געענטפערט.
האָט זמרי געזאָגט:
—זייט זשע גרייט צו דעם טאָג, ווען מיר וועלן זיך צוזאַמענקומען ביי שבנאן אין הויז, וואָרום ער פירט אַ קריג מיט חזקיהון, אָבער דאָס דאַרף געהאַלטן ווערן בסוד־סודות, איידער דער קריג צווישן זיי וועט פאַר אַלעמען אַנטפּלעקט ווערן.

האָבן זיי אים געשוואוירן, זיי זאָלן דאָס האַלטן בסוד.
און זמרי האָט געאיילט צוריקצוקערן אין הויז פון זיין האַר ידידיה, צו טאָן זיין אַרבעט, און עזריקם האָט געזאָגט צו חפר און בוקיה:
—איך בין דאָך נאָך אַ יונגערמאַן, אָבער איר זענט דאָך געוועזן דערוואַקסענע מענטשן נאָך אין די צייטן פון אחז, ווען אונזערע עלטערן האָבן נאָך געמאַכט פאַרשידענע כשוף־זאַכן, כדי צו וויסן וואָס עס וועט געשען מיט פאָלק און מענטש. איצט שטייען

מיר ווי די פוקסן ביי די אויפבראָכן פון ירושלים, ווי בלינדע טאַפּן מיר אינדערפינסטער און מיר ווייסן נישט, וואָס עס טוט זיך, און מיר טוען בלויז דאָס, וואָס מיר הערן צו די נביאות פון בן־אמוץ. ווען איך וואָלט דאָ געוואוסט פון עפּעס אַ כשופ־מאַכער אָדער וואָרזאָגער, וואָלט איך אים אַ סך באַצאָלט, ער זאָל מיר זאָגן דאָס, וואָס עס וועט פאַסירן מיט ציון און וואָס מיט מיר אַליין וועט געשען.

האָט חפר צו אים געזאָגט:

—הער אויס, מיין האַר, וואָס עס האָט מיט מיר אַליין פאַסירט מיט אַ פּאָר חדשים צוריק: געגאַנגען בין איך פאַרנאַכט צווישן די באַלזאַמסאָסנעס, האָב איך דאָרט געזען אַ פרוי צוגעדעקט מיט אַ שלייער און אַ מיידל, וואָס איז געווען אַזוי שיין, אַז איך האָב אַזאַ שיינקייט נישט געזען. האָב איך זיי געפרעגט, וואו זיי גייען? האָט מיר די פרוי געענטפערט: „פון באר־שבע בין איך מיט מיין טאָכטער אַרויסגעגאַנגען קיין ירושלים, האָט מיין טאָכטער געבעטן, איך זאָל איר ווייזן אַלע ערטער פון דער שטאָט.” דערווייל האָב איך דערזען פון וויטן, ווי אַ מענטש קומט אָן און געגענט זיך, האָב איך פאַרלאָזט די צווי פרויען און בין אַוועקגעגאַנגען, ווייל איך האָב מורא געהאַט נישט צו ווערן פאַרדעכטיק. און די צווי פרויען זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן צווישן די ביימער, און פון דעמאָלט אָן פאַרדריסט מיר שטאַרק דערויף, וואָס איך האָב זיי פאַרלאָזט. נישט אַנדערש, אַז דאָס זיינען כשופמאַכערינס.

האָט עזריקם געזאָגט צו אים:

—זוך איבער דער שטאָט, אפשר וועסטו זיי געפינען, וועסטו מיר זאָגן.

האָבן זיי פאַרענדיקט זייער ריידן און זיינען זיך אַוועק. און אין עזריקמס האַרץ האָבן געברומט און געברויזט פאַרשידענע רעיונות, וועלכע ער האָט פאַרבאָרגן ביז די צייט וועט קומען.

יז.

צוויי חדשים זיינע [illegible] וועק, זינט עס איז אָנגעקומען אמנונס בריוו צו תּמרן און מער האָט זי פון אים נישט געהערט, און טאָג־טעגלעך מיטן אויפגיין פון מאָרגנשטערן האָט זיך תּמר געפעדערט אין פּאַטערס ווייַנגאָרטן אַריין אויסצוגיסן איר האַרץ פאַר גאָט, און זי האָט געבעטן צו אים, ער זאָל איר צוריק־ברייַנגען אמנונען אַ געזונטן און מיט אַ באַגלויבט האַרץ צו איר.

און איינמאָל, אין אַ טאָג, איז תּמר געשטאַנען אין גאָרטן אין דער צייט פון איר געוואוינהייט—ווען עס הויבט אָן אויפצוגיין דער מאָרגנשטערן ביז עס ווערט גרויסער טאָג,—האָט מעכה גע־נענט צו איר און געזאָגט: „זאָל דייַן האַרץ זייַן רואיק, האַ־רינטע מייַנע, ווען דו וועסט הערן, אַז אמנון און חננאל גע־פינען זיך שוין בייַ אייך אין שטוב. זיי זייַנען נאָר וואָס אָנ־געקומען.“

—אמנון! חננאל!—האָט תּמר אויסגערופן מיט ציטערניש און פרייד.

דאָס האַרץ איז איר שיעור נישט אַרויסגעשפּרונגען, און זי איז אַריינגעלאָפן אין שטוב. און דאָרט האָט זי דערזען פאַר די אויגן דאָסדאָזיקע בילד: איר מוטער תּרצה פאַלט אויפן האַלדז פון אַן אַלטן מאַן און שרייט: „פּאָטער, פּאָטער מיינער! לעבן מיינס!" איר פּאָטער, ידידיה, שטייט פאַר אמנונען פאַר־חדושט און פאַרגאַפט און זיינע הענט זיינען אויסגעשפּרייט און ער רופט אויס: „אַך! אַך! מיינע אויגן האָבן דערזען אַזאַ וואונ־דער, וואָס איך האָב זיך נישט געריכט צו זען!" תּמרס האַרץ איז געפאַלן און זי האָט נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן און תּימן און זמרי שטייען אין ווינקל פון שטוב דערשראָקן און צעמישט און פלוצלונג האָט תּמר אויסגערופן:

—אַך! מיין אויג אין קאָפּ!

האָט ידידיה זי אָנגענומען פאַר דער האַנט, זי פאָרגעשטעלט פאַר חננאלן און געזאָגט:

—קוק זיך נאָר אום, פּאָטער, צו דיין טאָכטער תּמר.

האָט חננאל געהאַלדזט ידידיהן און תּמרן און געזאָגט:

—קוק זיך נאָר אום, זון מיינער, צו דיין זון אַמנון, דעם אויס־לייזער פון מיין לעבן און דעם יורש פון מיין פאַרמעגן. אַך! מיין חלום איז מקוים געוואָרן! קיין האָר איז נישט געמינערט געוואָרן. אַ סך האָט אמנון געטאָן פאַר דיין טאָכטער, אַ סך האָט ער געטאָן פאַר מיר, גרויס זאָל אָבער זיין זיין כּבוד.

—אָך!—האָט תּרצה געענטפערט.—אַ סך גוטס האָט אמנון פאַר אונז געטאָן, אָבער אַ סך צרות האָבן מיר אים פאַרשאַפט, איצט קע־נען מיר אימנישט איבערבעטן.

און תּרצה האָט זיך צעוויינט ביי דידאָזיקע ווערטער און ידידיה איז געפאַלן אמנונען אויפן האַלדז און האָט געוויינט און געזאָגט:

—זיי מיר מוחל, זון מיינער, איך האָב דיך פאַרשעמט, נישט וויסנדיק דיינע וועגן. און איצט דערוועק זיך אַנטקעגן תּמרן, דיין געליבטע און דערוועק איר צו איר ליבע, וואָרום דער

חלום איז מקוים געוואָרן און דו, דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב געשלאָסן אַ בונד מיט יורמען, ווי אַזוי זשע זאָל איך דעם בונד פאַרשטערן? דעריבער בעט בײַ מײַן פאָטער חננאל, וואָרום תמר איז זײַן טאָכטער, און ער וועט דײַן בקשה דיר נישט אָפּזאָגן.

און תמר שטייט נאָך אַלץ, ווי פאַרחלומט, און אמנון האָט גע־נענט צו איר און געזאָגט:

—דו ביזט מײַן הילף און ליכט! דו האָסט צוריקגעקערט דעם פאָטערס האַרץ צום קינד.

האָט חננאל אָנגענומען אמנונס האַנט און געזאָגט פאַר אַלע פון ידידיהס הויזגעזינט:

—אַלע מײַנע אוצרות, וואָס איך האָב אַמאָל באַהאַלטן אין שמרון—זײַנען שוין איצט אָנגעלאָדן אויף מוילאייזלען, עס פעלט גאָרנישט פון זיי און די אוצרות האָב איך הײַנט אַוועקגעגעבן צו אמנונען פאַר דעם, וואָס ער האָט מיך אויסגעלייזט. איצט בין איך אַן אָרעמאַן, און אמנון איז אַ גביר צווישן די גרעס־טע גבירים פון ירושלים, און תמר איז מײַן טאָכטער, און וואָס זאָל איך אים געבן פאַר דעם, וואָס ער האָט איר לעבן מציל געווען? גיב זשע, תמר, טאָכטער מײַנע, דײַן האַנט אין נאָמען צו דײַן אויסדערוויילטן.

און מיט דידאָזיקע ווערטער האָט ער אָנגענומען תמרס האַנט און זי באַהעפט צו אמנונס האַנט, וואָס ער האָט געהאַלטן אין זײַנע הענט און געזאָגט צו תמרן:

—אָט זעסטו דאָס יונגלינג מיט די שיינע אויגן, וואָס האָט מיך אויסגעלייזט, ליב האָבנדיק דיך. זײַן אָפּשטאַמונג איז פאַרהוילן, זײַן ליכט אָבער וועט אויפשײַנען דורך דיר און דורך זײַן שיין גוט האַרץ, וואָס איז זײַן שיינע אָפּשטאַמונג. און אַצינד, אמנון, זון מײַנער, תמרס ליבע איז דאָן דיר טײַער, האָסט צוליב איר אײַנגעשטעלט צוויי מאָל דײַן לעבן, טאָ זאָל זי דיר זײַן טײַער און זאָלסט נישט נעמען צו איר קיין אַנדערע ווײַ־בער. טרינקט בײדע פונם תענוג־בעכער צו דער זעט און קיין פרעמדע זאָל צווישן אײַך זיך נישט אַרײַנמישן.

—איינציק איז תמר ביי אירע עלטערן, און איינציק וועט זי מיר זיין אויף אייביק.

האָט תמר צו אים געזאָגט:

—אויף אייביק בין איך דיינע, וואָרום דו האָסט געוואונען מיין האַרץ!—און אַ שטראָם טרערן האָט זיך אַ גאָס געטאָן איבער אירע באַקן ביי דידאָזיקע ווערטער.

און תרצה האָט געזאָגט צו אמנונען:

—מיר האָבן דאָך שוין נישט וואָס צו ריידן, תמר איז דיינע, נעם זי דיר אַוועק אין ווייגגאָרטן אַריין און רייד צו איר האַרצן, וואָרום זי איז נאָך אַלץ ,ווי אין חלום.

און אמנון האָט געהאַלזט תימנען און געגריסט זמרין און האָט גענומען תמרן און מיט איר אַוועק אין ווייגגאָרטן און געזאָגט צו איר:

—אַוועק איז דער חלום, אונזערע אויגן זעען שוין זיין באַשייד. איצט דערוועק זיך אַנטקעגן מיר און באַווייז מיר דיין ליכטיק פנים. ווייל נאָר אין דיין ליכטיק געשטאַלט איז מיין גאַנץ לעבן.

האָט תמר געזאָגט צו אים:

—הלואי זאָל דיין האַרץ זיין צו מיר אייביק, אַזוי ווי היינט.

האָט אמנון געזאָגט צו איר:

—צי נאָך גלויבסטו נישט מיין האַרץ? צי נאָך ווייסטו נישט, אַז צוליב דיר וועל איך מיין לעבן איינשטעלן אונטער דעם שווערד און זיך באַזעצן צווישן לעמפּערטן, און יעדער אומ־גליק איז פאַר מיר אַ שפּילכל? ווייל נאָר אין דיר איז מיין לעבן און נאָר צוליב דיר וועל איך לעבן אויף דער וועלט. ביי גאָט שווער איך!

און אמנון האָט געקושט תמרן און אויך תמר האָט אים אַ סך געקושט, און האָט אים געוויזן דעם בריוו, וואָס זי האָט ביי זיך געטראָגן באַהאַלטן, און זי האָט געזאָגט:

—מיין האַרץ איז ביי דיר און מיט דיינע לעפצן קענסטו עס

נאָגן, וואו דו ווילסט. איך גלויב, אַז דו רעדסט תּמיד אמת און ערלעך.
און תּמר האָט שוין מער נישט אין זינען געהאַט די רייד פון תּימנען וועגן אמנונען, און פאַרבראַכט האָט זי אין ליבע און פריינטשאַפט ביז מיטנטאָג, דעמאָלט זיינען זיי צוריקגעקומען אין שטוב אַריין און געפונען דעם טיש געגרייט, האָבן זיי געגעסן און געטרונקען, און זיך געלאָזט וואוילגיין, און אמנון האָט קיין ווייַן נישט געטרונקען, וואָרום אַ נדר האָט ער געטאָן צו גאָט, זיך אָפּצושיידן פון ווייַן גאַנצע דרייסיק טעג פון זינט ער וועט אָנקומען קיין ירושלים.
האָט חננאל געזאָגט צו אמנונען:
—זאָלן דורך די דרייסיק טעג פון דיין נזירות און מיר וועלן פייערן דיין חתונה.
און מעכה איז זייער טרויעריק געוואָרן, זעענדיק ווי אמנון, דער זון פון אָרעמע עלטערן, איז דערהויבן געוואָרן, האָט זי אַנטפּלעקט פאַר ידידיהן, אַז אמנון איז פאַלש געוואָרן, און אַז אויך תּימן, דער זון זיינער, ווייסט פון דעם, וואָרום אמנון האָט ליב באַקומען אַן אַנדער מיידל שוין נאָכן ליבע־בונד מיט תּמרן. האָט ידידיה אויסגעפאָרשט זיין זון תּימן, און יענער האָט אים דערציילט פון דעם אַלעם, וואָס פורה האָט אים געזאָגט און אַז ער אַליין האָט געזען דאָס אָרט צווישן די באַלזאַמסאָסנעס, וואו זיי זיינען זיך צענויפגעקומען. איז ידידיה שטאַרק דערציטערט און איבערראַשט געוואָרן, האָט ער באַפוילן תּימנען, ער זאָל דאָס פאַרהוילן, ביז אמנונס מעשים וועלן אַנטפּלעקט ווערן. און ער האָט געזאָגט צו תּימנען:
—שיק אַוועק פורהן צו אמנונען, ער זאָל אים באַדינען און באַפעלן אים, ער זאָל אַכטונג געבן אויף זיין פירונג, און אויב די זאַך וועט זיך אַרויסווייזן פאַר אַן אמת, וועט פורה דאָס זאָגן מעכהן, און מעכה וועט עפענען תּמרן די אויגן. אויב זי וועט זיך אָפּזאָגן פון איר אויסדערוויילטן, ווייל ער האָט געפעלשט אין איר, וועל איך זי מיט געוואַלד אָפּגעבן צו עזריקם, דעם זון פון יורם, מיט וועמען איך האָב אַ בונד געשלאָסן. און

אמנון וועט בלייבן מיט זיין עצבות, און וועט אַליין שולדיק זיין דערין, און דו רייד מיט אמנונען מיט ליבשאַפט, און זאָלסט זיך נישט איילן אים צו דערצערנען, איידער עס וועלן אונז אַנטפּלעקט ווערן זיינע סודות.

און דעמזעלבן טאָג האָט ידידיה געזאָגט צו אמנונען: „איך האָב באַפוילן די בויער, זיי זאָלן דיר אויפשטעלן אַ הויז אויפן הר־הזיתים, דאָרט אויף יענעם אָרט, וואו דו האָסט געשלאָסן דיין ליבע־בונד מיט תּמרן. און איצט וואוין ביז דיין חתונה אין מיין זומערוואוינונג, כדי דו זאָלסט דאָרט צואיילן די בעלי־מלאכה און אַכטונג געבן אויף זייער אַרבעט.״

האָט אמנון געזאָגט:

—גוט, פאָטער מיינער, זאָל אַזוי זיין, ווי דו זאָגסט.

אין דעמזעלבן טאָג איז אמנון אַרויסגעגאַנגען פון ידידיהס הויז, צו וואוינען אין זומערוואוינונג, האָט ער מיט זיך מיט־גענומען זילבער און גאָלד פון די אוצרות, וואָס חננאל האָט אים געגעבן, און פורה איז געווען זיין באַדינער. האָט ער דורך אים אַלע טאָג געשיקט וויין און פרוכטנזאַפט פאַר תּמרן, און תּמר האָט אים צוריקגעשיקט זיסוואַרג און טייערע חפצים.

און ס׳איז געווען אין די טעג, ווען אמנון האָט געוואוינט אין זומערוואוינונג, האָט ער געשיקט זאָגן סתרין, אַז ער איז צו־ריקגעקומען פון לאַנד אַשור. און אַליין האָט ער געציילט יעדן טאָג, וואָס איז פאַר אים געווען אַ יאָר, ביז ס׳וועט זיך ענדיקן דער חודש צו זיין חתונה, און פורה האָט אין אים נישט באַ־מערקט קיין שום שלעכטע זאַך. אַזוי זיינען פאַרבייגעגאַנגען זיבנאונצוואַנציק טעג, און ס׳איז געווען ביינאַכט, איז עוץ גע־קומען אים זאָגן, אַז אבישי איז זייער קראַנק, און אַז צו אים איז געקומען זיין ברודער סתרי פון כּרמל און יענער איז גרייט צו קומען קיין ירושלים אויף זיין חתונה. נאָכדעם ווי עוץ האָט עס אים דערציילט, איז ער אַרויסגעגאַנגען פון זיין שטוב און אמנון איז אויך נאָך אים אַרויסגעגאַנגען, וואָרום ער האָט באַ־מערקט, אַז ער האָט אים צו זאָגן עפּעס אַ געהיימע זאַך, און

אין דרויסן האָט עוץ צו אים געזאָגט:
—קום מאָרגן ביינאַכט אין געצעלט פון גיא־מאַרק, וועסטו דאָרט טרעפן דיינע ליבע, נאָר פאַרבאָרג דיין קומען אַהין.
האָט אמנון געשאָנקען עוצן מתנות. און אמנון האָט געוואַרט אויפן מאָרגנדיקן טאָג, ער זאָל קענען זען זיין מוטער און שוועסטער און זיך טיילן מיט זיי זיין פרייד און גליק.
און ס'איז געווען צומאָרגנס, ווען אמנון האָט נאָך געהאַט צוויי טעג צו זיין חתונה, איז זמרי געגאַנגען אינדערפרי איבער דעם טייך שליח, וואו ער האָט זיך געדאַרפט טרעפן מיט עזריקמען, וואָס האָט דאָס אים צעוויסן געטאָן דורך זיין קנעכט, און זמרי איז פאַרבייגעגאַנגען די מצבה, וואָס שטייט אויף אבישלומס קבר ביים אַראָפּגאַנג פון באַרג, צו דרום־זייט פון ירושלים, האָט ער דאָרט געטראָפן, ווי איינער פון די יונגע נביאים שטייט און רעדט דידאָזיקע רייד:
—ווידערשפעניגער! קומט אַהער, איר מורדים, גענענט און קומט אַהער! קוקט אויף דעם קבר פון אבשלומען און נעמט זיך אַראָפּ אַ מוסר. דאָס איז אַ צייכן פאַר אַלע בוגדים, וואָס פאַר־ראַטן זייער פאָטער, אַז זיי וועלן האָבן אַזאַ סוף, ווי ער. ווער איז דער פאָטער פון פאָלק?—דער מלך! און ווער איז דער זון, וואָס וויל אָפּרויבן דעם פאָטער?—דאָס איז דער האַר שבנא, אַ חבר צו אבישלומען. אוי, ווידערשפעניקער! האָסט פאַרגעסן אָן גאָט און לעסטערסט זיין געזאַלבטן. וויי! מיט די מורדים האָסטו געשלאָסן איין האַנט! אַ מוראדיקע שטראָף וועט אויף דיר קומען, און, ווי אבשלום, וועסטו שטאַרבן עלנט צווישן הימל און ערד!
און זמרי האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט, הערנדיק דידאָזיקע ווער־טער, וואָס האָבן זיין האַרץ געטראָפן ווי שאַרפע פיילן, און ער האָט געזאָגט:
—יונגער נביא! נאָכוואָס רעדסטו פאַר די ביימער אין פעלד? צי איז דען קיין פאָלק נישטאָ אין ציון, צי האָבן זיי נישט קיין אויערן צו הערן?
—דאָס פאָלק איז נאָר טרוקן גראָז,—האָט אים דער נביא געענט־

פערט,—פאַרטריקנט פון שווערן שטראָף־טאָג, וואָס ברענט אין זיי, און זייערע אויערן זיינען פאַרשטאָפּט און קענען נישט הערן. ס'איז דאָך שוין בעסער צו ריידן צום מדבר, וואו קיין מענטש געפינט זיך נישט, איידער צו ריידן אין שטאָט פאַר אומ־מענטשן.

—משוגע ביסטו, פאַראירטער מענטש!—האָט אים זמרי געענט־פערט.

—אודאי בין איך משוגע, וואָרום איך זאָג דעם אמת!—האָט אים דער נביא געענטפערט און איז אַוועקגעגאַנגען.

און ווי זמרי שטייט נאָך אַזוי און טראַכט זיך אַריין אין די רייד פון יונגען נביא, איז עזריקם אָנגעקומען און ער האָט געזאָגט צו זמרין:

—און וואָס ווערסטו איצט זאָגן, זמרי? געוואָרן איז דער שעפסן־פאַסטוך אַ האַר, און דער האַר יאָגט זיך נאָך נאָכן ווינט אין פעלד.

האָט אים זמרי געענטפערט:

—אמת טאַקע, דו יאָגסט זיך שטענדיק נאָך נאָכן הוילן ווינט, און ווי זאָל עס דיר נישט קרענקען?

האָט עזריקם געזאָגט:

—אויב דו רעדסט שוין אַזוי, זאָג איך דיר, אַז דער גייסט פון נקמה דערקוויקט און דערמינטערט מיך, וואָרום ווייניק נאָך, וואָס תמר האָט פון מיר געשפעט, ווי מען שפעט אָפּ פון אַ נידעריקן מענטשן, דערמיט וואָס זי האָט דערהויבן אמנונען פון דעם מיסט, אויף וועלכן ער האָט זיך געוואַלגערט, און אים איר ליבע געשיינקט—נאָר דערדאָזיקער נידעריקער מענטש, דער זון פון דער פראָסטער נידעריקער אָפּשטאַמונג, יאָגט מיך נאָך און פייניקט מיך אויף אַלע מיינע וועגן! הער אויס, וואָס ס'האָט מיט מיר פּאַסירט, דעמאָלט וועסטו גאַפן און באַדויערן.

נעכטן בייטאָג האָט מיך עכן געפירט צו דעם שיינעם מיידל, וועלכע אמנון האָט ליב געהאַט, איידער תמר איז צו אים פאַר־קנסט געוואָרן. און ס'איז געווען, ווען מיר זיינען געקומען אין

איר געצעלט, וואָס געפינט זיך אויפן גיאַ־מאַרק, האָבן מיר זי געטראָפן זיצן מיט דער מוטער און שפּינען ווייסע וואָל. וואָס זאָל איך דיר, זמרי, זאָגן און דערציילן וועגן דעם מיידל? אין קורצן וועל איך דיר זאָגן: אויב תּמר איז שיין, ווי די לבנה, לייכט דאָס מיידל, ווי די זון! כ׳האָב זי דערזען און זיך באַלד פֿאַרליבט אין איר, און זי גענומען איינריידן, פֿאַר דער מוטער אין די אויגן, אַז זי זאָל זיך אָפּטרייסלען פֿון אָרעמקייט און ווערן אַ צאַרטע האַרינטע אין מיין פּאַלאַץ. האָט דאָס מיידל אויפגעהויבן אויף מיר די אויגן, און צוריק זיי אַראָפּגעלאָזט צו איר האַנטאַרבעט, און איך האָב פֿון איר קיין ענטפֿער נישט געהערט. האָב איך מיך אָנגערופֿן צו איר: „איך בין דאָך דער זון פֿון האַר יורם, וואָס וויל דיך מציל זיין פֿון דיין אָרעמקייט, ווי אַזוי זשע קענסטו מיר אָפּזאָגן? צי וועל איך דיך נישט קענען דערהויבן?״ און דאָס מיידל האָט געשוויגן און גאָרנישט געענטפֿערט. האָט די מוטער אירע צו מיר געזאָגט: „זיי מוחל, מיין האַר, מיין טאָכטער איז נישט געוואוינט צו ריידן מיט מאַנסלייט, בפֿרט נאָך מיט אַזאַ האַר פֿון יהודה, ווי דו ביזט, וואָס האָסט זיך אַראָפּגעלאָזט צו ריידן מיט איר וועגן ליבע...״ איך האָב איר אָבער נישט געלאָזט פֿאַרענדיקן אירע רייד און געזאָגט:

—איך ווייס, וואָס מיט דיין טאָכטער פּאַסירט, וואָרום איר האַרץ איז פֿאַרכשופֿט און בייִנקט נאָך דעם נאַרישן פּאַסטוך, אמנונען, וואָס פֿאַרפֿירט מיט זיין אויסגעלאַסנקייט דאָס האַרץ פֿין די פֿרויען. דאָס איז דאָך דערזעלבער יונג, וואָס האָט געשוואוירן ידידיהן, אַז ער וועט נישט נעמען מער קיין ווייבער חוץ זיין טאָכטער!

האָבן טרערן זיך באַוויזן פֿון דער מוטערס און מיידלס אויגן און זיי זיינען דערציטערט געוואָרן, ווען איך האָב דאָס גערעדט. און די מוטער האָט מיר געזאָגט: „זאָל גאָט מיר אַזוי העלפֿן, ווי איך וועל מיין טאָכטער נישט געבן צו אמנונען פֿאַר אַ ווייב. און איצט, מיין האַר, זאָל דאָס מיידל זיין מיט מיר אַ חודש, ביז וואַנען איר האַרץ וועט זיין גרייט פֿאַר דיר, וועל

איך עס דיר געבן צו וויסן.״
האָט עכן געזאָגט צו מיר: „זאָל אַזוי זיין, וואָרום די פרוי וועט קיין ליגן נישט זאָגן.״ האָב איך זיך אויפגעהויבן און מיט אַ פאַרביטערט האַרץ פאַרלאָזט דאָס געצעלט.
און ס׳איז געווען ביינאַכט, בין איך ווידער, איינער אַליין, געגאַנגען צו דעם געצעלט, און איך זע, ווי דאָרט איז ליכטיק, אָבער איך האָב זיך נישט אונטערגעשטעלט אַריינצוגיין, און איך האָב מיר געטראַכט: לאָמיך זיך אַנידערשטעלן נעבן דער וואַנט און אַריינקוקן דורך די לאָדנשפּאַלטן, און ווי דערציטערט בין איך געוואָרן, ווען איך האָב דערזען, ווי אמנון נעמט אַרום דאָס מיידל און זי פאַלט אים אויפן האַלז, און איר מוטער כאַפּט זיי אַרום. מיין האַרץ איז מיר אַרויסגעשפּרונגען, ס׳איז מיר פינסטער געוואָרן אין די אויגן און טויב געוואָרן אין די אויערן, הערנדיק זייערע קושן. אָט דאָס איז די שיינהייט, וואָס קען מיט קיין מאַנסלייט נישט ריידן?—האָב איך זיך געטראַכט. איך האָב זיי דערציילט פון אמנונס אויסגעלאַסנקייט און דאָך טרעט דאָס מיידל נישט אָפּ פון אים! אויפגעקאָכט בין איך געוואָרן, דאָס האַרץ האָט מיך אונטערגערייצט אונטערצוצינדן דאָס געצעלט. האָב איך אָבער פאַרביסן מיט די ליפּן און זיך איינגעהאַלטן, און אַהיים בין איך געקומען אַ צאָרנדיקער און האָב דאָס דערציילט עכנען. האָט ער געזאָגט צו מיר: „באַרו־איק זיך און זיי נישט אויפגעקאָכט. אויב איך וועל דיר נישט ברענגען דאָס מיידל צו דיר אין שטוב אַריין, זאָלסטו מיך פאַרטרייבן פון דיינע אויגן אויף אייביק.״ אָבער וואָס קען ער מיר העלפן, אַז איך האָב אַליין געזען מיט מיינע אייגענע אויגן אמנונס אויסגעלאַסנקייט, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר מיר ווי אַ שאָטן אויף אַלע מיינע וועגן. וויי, זמרי! אַ סך חרפּות און יסורים האָב איך זיך שוין אָנגעליטן פון אמנונען. איצט זוכט ער מיין בלוט, וואָרום איינער פון אונז מוז אומקומען, שטאַרבן און דער צווייטער זאָל בלייבן לעבן.
און זמרי איז צו זיך געקומען פון עזריקמס ווערטער, און ער האָט געזאָגט:

—אַ שלאַנג האט תמר אַריינגענומען צו זיך, צו שפּילן זיך מיט איר, האָט אָבער די שלאַנג אַ ביס געטאָן נישט אויסצוהאַלטן. אָך, מיין האַר! געקומען איז די צייט נישט צו זיצן מיט פאַר־לייגטע הענט, און איך וועל זיך תּיכּף נעמען צו דער אַרבעט. וואָרום אַ רגע איז איצט ווי אַ טאָג. נאָך אַ ווײַלע און דו וועסט זען דאָס גרויסע פייער, וואָס וועט ברענען אין אמנונען, אין תּימנען, אין תּמרן און אין דעם פרעמדן מיידל. און אויב דו וועסט פאַרלאַנגען איינע פון זיי—וועל איך זי ראַטעווען פון־דיינעטוועגן פון דער שרפה.

—זאָלסט מיר נאָר נישט פאַרקויפן,—האָט עזריקם געענטפערט,—די פעל פון לעמפּערט, איידער ער איז אַריינגעפאַלן אין דיין נעץ.

—ריכטיק,—האָט זמרי געענטפערט.—לאָז מיך איצט, וואָרום איך טאָר נישט פאַרזוימען.

און זמרי האָט געאײַלט צו גיין צו זיין אַרבעט.

יח.

אין דעמדאָזיקן טאָג, נאָך מיטאָגצייט, איז תּמר געזעסן אין איר חדר אַ פריילעכע און גליקלעכע. איר האַרץ זינגט אַ ליבע־ליד צום טאָג פון איר חתונה, וואָס איז שוין אָנגעקומען, און אירע הענט האַפטן אויס אַ קאָפּ־באַנד, אָנצוטאָן אים אויפן קאָפּ פון איר אויסדערוויילטן אין טאָג פון זיין חתונה. און מעכה לייגט אַריין אין קליידערשאַנק די טייערע צירונגען און זיפצט.

—וואָס איז דיר, מעכה, וואָס דו זיפצט אַזוי?—פרעגט זי תּמר.

און מעכה שאָקלט באַדויערלעך מיטן קאָפּ און זאָגט:

—ווי אַזוי זאָל איך זיך פרייען אויף דעם גליק, וואָס אַנטלויפט ווי דער שאָטן? אָט, דאַכט זיך, איז די פרייד שוין געקומען, און פלוצלונג פליט זי אַוועק, און אַ טרויער קומט אויף איר אָרט.

—לאָז צורו, דו נאַרישע וואָס דו ביסט.—ענטפעפט תּמר.

—איך בין טאַקע אַ נאַרישע דינסט,—האָט מעכֿה געענטפערט— פונדעסטוועגן ווייס מײַן האַרץ פריער, וואָס עס דאַרף געשען. איך ווייס עס לויט די סימנים, וואָס האָבן שטענדיק ריכֿטיק באַוויזן: שוין דרײַ נעכֿט ווי איך הער דאָס געשרײַ פון אַ קראָ אויף אונזער דאַך. דאָס איז דאָך שוין באַוואוסט, אַז דערדאָזיקער פייגל איז פון איין חברה מיט די כּשופמאַכֿער און זאָגט נישט אָן קיין גוטס, און דעריבער בין איך שטאַרק אומרואיק. וויי, מײַן האַרינטע! וואָרום מיט מײַנע ליפּן וועל איך דיר הײַנט אָנזאָגן אַ ביטערע זאַך. איך קען עס מער נישט באַהאַלטן אין מײַן האַרץ, ווײַל איך זע ווי עס רוקט זיך אָן אַ צרה אויף דיר. איך האָב געטאָן, ווי דו האָסט מיר געהייסן. כ׳האָב נאָכגעפאָרשט פורהן וועגן אמנונען, און ער האָט מיר געזאָגט, אַז אַמנון האָט צו טאָן מיט מכֿשפות.

איז תמרן באַפאַלן אַ פינסטערע שרעק, דערהערנדיק דאָס, און זי האָט אויסגערופן:

—גאָט, מײַן גאָט! קער מיר צוריק דײַן ליכֿטיקע פרייד און זאָלן מעכֿהס ווערטער זײַן נישט אמת!

האָט מעכֿה געזאָגט:

—אויך מײַן האַרץ איז שטאַרק דערשראָקן געוואָרן, דערהערנדיק דידאָזיקע שרעקלעכֿע זאַך?

איז תמר נאָכֿמער צעמישט געוואָרן און געפרעגט:

—צי ווייסט פורה, ווער זיי זײַנען און וואו זיי וואוינען?

—דידאָזיקע פאַרשאָלטענע זײַנען צוויי,—האָט מעכֿה געענטפערט,— אַ מוטער מיט אַ טאָכֿטער, און דאָס מיידל איז גאָר אַ שיינע און איז אַ כּשופמאַכֿערין. זי פאַנגט הערצער מיט איר שיינקייט. פורה ווייסט אויך וואו זיי וואוינען, און ער האָט אַליין געזען, ווי אמנון האָט נעכֿטן מיט זיי פאַרבראַכֿט אַין ליבע, האָט ער אים געוואָלט פון דאָרט ראַטעווען, אָבער ער האָט מורא געהאַט פאַר זיך אַליין, וואָרום האָט זיך עמעץ אָנגעהויבן מיט מכֿשפות און ס׳איז יענעם גלאַטיק אַראָפּ? זיי זײַנען דאָך זייער שרעקלעכֿע. זיי זייייך איין האַנט מיט די ווילדע פון די וויס-

טע מדבריות, שלאַנגען לעקן דעם שטויב פון זייערע פיס און טוען זיי קיין שום שלעכטס ניט. אויך דער פלאַם ברענט ניט זייער לייב, און דער שאַרפסטער שווערד קען זיי ניט אָנרירן. אין די פינסטער נעפּלדיקע נעכט, ווען די לבנה ווערט פאַרפינסטערט און די שטערן אין הימל לייכטן ניט, אין האַלבע נאַכט, ווען אַ שוואַרצע פינסטערע מורא ליגט אויסגעשפּרייט אויף דער שטילער ערד, דעמאָלט גייען אַרויס דידאָזיקע פאַרשייטע טעכטער, גייען אַרום איבער אַזעלכע ערטער, וואו קיין מענטשלעכער פוס טרעט ניט, וואָס קיין אויג האָט נאָך ניט געגעבן קיין בליק אויף זיי אָן ציטערניש, און זיי גייען צום טייך קדרון, אין וועלכן מען וואַרפט אַריין אַלע טמא זאַכן, און זיי גייען צום גיהנום־טאָל, וואו מען האָט פאַרברענט אַמאָל קינדער צו דער עבודה־זרה מלך, און זיי נעכטיקן אין קברים און פאָרשן די מתים. נאָר ווי איז צו דעם, וואָס קוקט זיי דעמאָלט נאָך, וואָרום די שוואַרצע קראָען צופּיקן אים.

און תמר האָט זיך פאַרקרימט פאַר דידאָזיקע ווערטער און איז געפאַלן מעכהן אויפן האַלז און געזאָגט:

—מעכה! מעכה! זאָג מיר, כ'בעט דיך, אַז דאָס רעדסטו צו מיר אין חלום, און איך וועל דיך האַלטן פאַר אַ געטרייע שוועסטער. זאָג מיר, אַז נאָר צוליב דעם דו, זאָלסט מיך אויספּרובן, האָסטו דאָס אויסגעטראַכט אויף אמנונען—און איך וועל דיר אָוועקגעבן דאָס גאַנצע פאַרמעגן, וואָס איך האָב פון חנבאלן. גיב מיר צוריק מיין אמנונען, וואָרום אָן אים בין איך אָרעמער פון דיר! אָבער וואָס איז מיר אמנון, ווען דיין וואָרט איז אמת?

האָט מעכה געזיפצט און געזאָגט:

—ווי איז מיר, מיין האַרינטע, וואָס איך האָב דיין באַפעל געפאָלגט, און וואָס וועט מיר אַרויסקומען, אַז איך וועל פאַר דיר לייקענען און באַהאַלטן מיין בראָך פון דיר? נעכטן האָט זיך דאָך אמנון אַרויסגעכאַפּט פון זיין חדר און איז צוריקגעקומען מיטן מאָרגנשטערן. דאָס איז דאָך ניט אומזיסט! זאָל

מיין האַרינטע מיט אים איבעררײדן. אפשר וועט ער זיך באַדיינקען אויף זיין שלעכטן וועג.

—לאָז מיך אָפּ, מעכה! —האָט תמר געענטפערט, פאַרברעכנדיק די הענט. —קער אָפּ פון מיר און איך וועל ביטער וויינען, וואָרום מיין האַרץ וויינט אין מיר, ביז מיינע אויגן וועלן זען מיין בראָך, וואָס איז גרויס, ווי דער ים. זאָל זיין, וואָס עס וויל זיך! די נאַכט וועל איך וואַכן און היטן אמנונס טריט. גיי און זאָג נאָר אָן פורהן, ער זאָל איילן און זאָל מיר באַלד געבן צו וויסן, ווי נאָר אמנון וועט אַרויסגיין פון זיין חדר, און זאָלסט גאָרנישט דערציילן דערפון פאַר מיינע עלטערן.

איז מעכה געגאַנגען, ווי איר האַרינטע האָט איר באַפוילן, און תמר האָט דערציילט איר אומגליק פאַר איר ברודער תימן, איז יענער אויפגעשפרונגען אין גרויס צאָרן און געזאָגט:

—איך בין גרייט צוזאַמען מיט דיר צו זען דאָס שלעכטס, וואָס ברענט ווי אַ פייער אין געצעלט פון גיאַ־טאָל.

אַ פינסטערניש האָט צוגעדעקט די ערד, און פורה איז געקומען צום פענסטער פון תמרס חדר, וואָרום דאָרט האָט מעכה אויף אים געוואַרט. איז מעכה אַריינגעגאַנגען צו איר האַרינטע און האָט געזאָגט: „שטיי אויף, נדיב־טאָכטער, פאַרשפּעטיק נישט, וואָרום אמנון איילט צו טאָן זיין שלעכטס.” און תרצה איז אַריינגעקומען אין חדר און געזאָגט: „וואָס איז דיר, טאָכטער מיינע, וואָס דיין פּנים איז אַזוי פאַרוויינט?” האָט תמר געפורבען אַן אויסרייד און געזאָגט: „ווייל אמנון איז זייער טרויריק אויף אבישי, זיין דערציער, וואָס איז קראַנק, און איצט וועל איך גיין מיט תימנען און וועל אים טרייסטן פון זיין טרויער און וועל צוריקקומען.” און תרצה, וואָס האָט איר קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט אין אירע פאַרלאַנגען, האָט באַפוילן תימנען, ער זאָל מיט איר פאָרן אין אַ וואָגן געשפּאַנט מיט פערד, און תימן האָט אַזוי געטאָן און זיך געלאָזט פאָרן צום גיאַ־מאַרק, און פורה האָט אָנגעטריבן. און ס׳איז געווען, אַז זיי זיינען געקומען ביז אַ צוויי איילן פאַר דעם געצעלט, האָט תימן געזאָגט צו פורהן: „בלייב דאָ זיצן ביי די פערד און איך מיט תמרן וועלן מיר

גיין צום געצעלט." זיינען זיי צוגעגאַנגען און האָבן אַריינגעז, קוקט דורך די פענסטער־ראַמען, האָבן זיי געזען, ווי דאָס מיידל־די יפת־תאר, אָנגעטאָן אין זייד און אין וועב, שטייט ווי אַ שיינע כלה ביי אמנונס רעכטע האַנט און בלאַנקט מיט איר שיינקייט און פראַכט, און אמנון האָט אָנגעטאָן פינגערלעך אויף אירע הענט און אוירינגלעך אויף אירע אויערן און קוקט אויף איר מיט ליבשאַפט און זאַנפטיקייט און קושט זי, און אויך דאָס מיידל קושט אים אַ סך, און די מוטער קוקט אויף זיי און גע־נענט צו זיי און קושט זיי ביידע עטלעכע מאָל מיט ליבשאַפט און פרייד, נישט זאָגנדיק קיין וואָרט.

—ערד, שפּאַלט זיך!—האָבן געפּליסטערט תמרס ווערטער.

—זאָל שלאָגן, גאָט, דער דונער און זיי דערשלאָגן!—האָט תימן שטיל אָפּגעענטפערט.—לאָמיר גיך אַוועק פון דאַנען!

און ביי דידאָזיקע ווערטער האָט ער אָנגענומען תמרס האַנט און זי אַ ציִ געטאָן, איז תמר נאָך אים געגאַנגען מיט גע־שטרויכלטע קני, ביז זיי זיינען צוגעקומען צו דעם וואָגן, וואו זיי האָבן זיך אַריינגעזעצט.

האָט פורה זיי געפרעגט:

—וואָס אַזוינס האָט איר געזען?

האָט תימן געענטפערט:

—וויי געשריען! הלואי וואָלטן מיר היינט קיין אויגן נישט גע־האַט צו זען דאָס שלעכטס!

—אָט דאָס איז אמנון, מיין אויסדערוויילטער?—האָט אויסגערופן תמר אַ צעשראָקענע.

—וויי געשריען!—האָט תימן געענטפערט.—דאָס איז אמנון דיין אויסדערוויילטער, וואָס האָט אויסגעוויילט אַ פרעמדער, וואָס שטייט אַ בליענדיקע צו זיין רעכטער האַנט, ווי די רויז אין כרמל, און דו וועסט פאַרוויאַנעט ווערן.

—וויי איז מיר, ברודער מיינער!—האָט תמר ווידער געזיפצט.—גאָט האָט אויף מיר אויסגעגאָסן די נאַכט און מיך פאַרדאָרבן! אַ פייער ברענט אין מיינע ביינער!

-וויי געשריען אויף דער נאַכט!—האָט תימן געברומט.—דער

נעפּל זאָל זי איינשלינגען, זאָל זי נישט זען דעם מאָרגנשטערן.
דידאָזיקע נאַכט האָט ווי אַ ים־שלאַנג איינגעשלונגען מיט איין מאָל אַלע חסדים און גוטסקייטן פון אמנונען, און האָט אויך פאַרשטערט די ברודערשאַפט צווישן מיר און אים.
און ביי דידאָזיקע ווערטער און קלאָגערייען האָט פורה אַ טרייב געטאָן די פערד און זיי אַהיים געבראַכט, און תימן האָט גע־לערנט תמרן, וואָס זי האָט צו זאָגן דער מוטער. האָבן זיי פורהן אַהיימגעשיקט צו זיך, און תימן און תמר זיינען אַריין אין חדר, איז תרצה אַרויס צו זיי און געזאָגט: „וואָס איז אייך, מיינע טייערע, וואָס איר זענט אַזוי צעטראָגן.” האָט תמר געזאָגט:
—איך האָב מיך דערשראָקן מוטער מיינע, אַ מכשפה האָט מיך איבערגעשראָקן. זי האָט מיך באַגעגנט און געזאָגט צו מיר—תימן האָט עס אויך געהערט—„זיי וויסן, מיידל, אַז מיט דיר וועט שלעכט זיין, אויב דו וועסט חתונה האָבן פאַר דיין גע־ליבטן.” און מער האָט זי גאָרנישט געזאָגט, וואָרום זי איז באַלד פאַרשוואונדן געוואָרן. נישט אַנדערש, דאָס איז געווען אַ מכשפה.
—הער אויף, טאָכטער מיינע, צו ריידן נאַרישקייטן,—האָט תרצה געענטפערט, לייג זיך שלאָפן און דו וועסט זיך באַרואיקן, און דערציי״ל דאָס נישט פאַר אמנונען, דיין אויסדערוויילטן, און מאַך אים נישט טרויעריק. נישט אַנדערש, ווי דאָס האָט עזריקם אונטערגעשטעלט דידאָזיקע פרוי, זי זאָל דיך איבערשרעקן

און תרצה האָט נאָך לאַנג גערעדט און זי געוואָלט באַרואיקן און טרייסטן. תמר אָבער האָט זיך נישט געקאָנט טרייסטן, וויסנדי״ק דאָס, וואָס האָט איר האַרץ פאַרביטערט, און אַ גאַנצע נאַכט האָט זי געוויינט.

יט.

דער מאָרגן האָט אויפגעשיינט און מעכה האָט אויפגעוועקט תמרן, וואָס האָט נאָר וואָס איינגעדרעמלט, און געזאָגט צו איר:

—שטיי אויף, מיין האַרינטע, וואָרום די זון האָט שוין אויפגע־שיינט.

—ווי אָבער צו מיר, וואָס מיין זון איז מיר פאַרגאַנגען,—האָט תמר געענטפערט מיט געוויין,—מאָרגן וועט אויפשיינען די זון צו באַלייכטן דעם טאָג פון מיין חופה, און דערדאָזיקער טאָג וועט זיין פינסטער פאַר מיר.

האָט מעכה געזאָגט:

—הער אויס, מיין האַרינטע, און שטוין. וואָרום אמנון איז אַהער געקומען, און ער וואַרט אויף דיר. ער זיצט איצט ביי חננאלן אין זיין חדר און רעדט מיט אים.

און תמר האָט אַרויסגעברומט:

—אָ, מיין גענאַרער! אָבער זאָג מיר נאָר, מעכה: צי האָסטו

געזען נאָך אַזאַ שיינעם יונגנמאַן, ווי ער איז? ער איז דאָך אַזוי שיין, אַז ווען אַלע מיידלעך פון יהודה זאָלן אויף אים אַ קוק טאָן, וועלן אַלע קראַנק ווערן פון ליבע! איך האָב אויף אים כסדר געקוקט און מיין האַרץ איז צו אים צוגעבונדן, ווי געשריען! ווי אַזוי זשע זאָל איך אים פאַרטרייבן און דערווייטערן פון מיינע אויגן? גאָט, מיין גאָט, שטיי מיר ביי! שטאַרק מיין האַרץ און מאַך עס פעסטער פון שטיין, מאַך שטריינג מיין געמיט, איך זאָל קענען ריידן צו אים שטריינג! אָבער ניין! ער האָט מיך גענאַרט מיט פאַלשע רייד, און מיט פאַלשקייט וועל איך אים אויך נאַרן. זאָג אים, מעכה, אַז נאָך אין איין ווײַלע אַרום וואַרט איך אויף אים אין מיין חדר.

און תמר איז אויפגעשטאַנען און האָט זיך געוואַשן, און זיך אויסגעשמירט מיט שמעקעדיקע ביימלען, און אָנגעטאָן אירע טייערע קליידער, און זיך אויסגעצירט מיט איר צירונג און געמאַכט אַ פריילעך פנים, כדי אמנון זאָל נישט באַמערקן איר צעמישטקייט.

און אמנון איז אַריינגעקומען צו איר אין צימער און האָט געזאָגט:

—וואָס מאַכסטו, טייבעלע מיינס? ביזטו גוט געשלאָפן?

האָט אים תמר געענטפערט:

—די נאַכט איז מיר זייער לאַנג געווען.

האָט אמנון צו איר געזאָגט:

—נאָך איין טאָג, און דו וועסט מיך רופן, „מאַן מיינער” און איך דיך—„ווייב מיינס.”

און ביי דידאָזיקע ווערטער האָט ער זי אַ קוש געטאָן אין מויל און תמרס געזיכט איז בלאַס געוואָרן און זי האָט געזאָגט:

—דיינע ליפן, אמנון, ברענען ווי פייער. צי נאָר צוליב דעם האָסטו זיך געפעדערט קומען צו מיר אינדערפרי?

האָט אמנון געזאָגט:

—אויב פאַר דיר איז עס אַ קלייניקייט, איז עס פאַר מיר אַ

גרויסע זאַך, ווייל מיין ליבע צו דיר איז טויזנט מאָל גרע־
סער פון דיין ליבע צו מיר. נאָר געקומען בין איך צו דיר
צוליב דערדאָזיקער סיבה. איך האָב דיר דאָך צוגעשוואוירן,
איך זאָל אַוועקפאָרן און צוריקקומען מיט דיין וויסן, דעריבער
בין איך איצט געקומען צו פרעגן, איינציקע מיינע: צי זאָל
איך גיין קיין בית לחם, זען וואָס עס מאַכט מיין דערציער
אבישי, וואָס איז זייער שלאָף?

האָט תמר געזאָגט צו אים:

—צי ווּעסטו אייביק האַלטן דיין שבועה, ווי דו האָסט זי גע־
האַלטן ביז היינט?

האָט אמנון געענטפערט:

—ביי גאָט שווער איך, אַז איך וועל שטענדיק טאָן נאָר דאָס,
וואָס דו וועסט מיר הייסן.

האָט תמר געזאָגט:

—וועל איך פון דיר בעטן איין זאַך, דו זאָלסט עס טאָן פאַר
מיין ליבע צו דיר ביז אַהער. גיי דיר אַוועק פון מיין פאָ־
טערס הויז און פון לאַנד יהודה און ביז דריי טעג זאָל זיך
דיין געביין דאָ נישט ווייזן.

—ווי, תמר!—האָט אמנון אויסגעשריען אין גרויס ציטערניש.—
צי איז דאָס דיין שטים, טויב מיינע? דאָס זיינען דיינע ווער־
טער, טייערע?

—נישט דיין טויב און נישט דיין טייערע בין איך מער,—האָט
תמר געענטפערט.—איך בין דיין אומגליק און אַ פאַררעטערין
בין איך פון איצט אָן. וואָרום איך האָב מיר באַדיינקט דערויף,
וואָס איך האָב ביז אַהער נישט געפאָלגט מיין פאָטער. איצט
וויל איך אויפשטעלן דעם בונד מיט זיין פריינט און חתונה
האָבן מיט יורמס זון. זע, אמנון איך בין אַ פאַררעטערין און
אַ פאַלשע און האָב מיך פיינט!

—תמר! תמר!—האָט אמנון אויסגערופן און זיך איינגעקוקט אין
איר פנים.—הער אויף, תמר, צו שפּאַסן מיט מיר, וואָרום דאָס
קאָסט מיר דאָס גאַנצע לעבן.

און אמנון איז שטיל געוואָרן אַ ווײַלע, און האָט געטראַכט און

דערנאָך אַרויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער און געזאָגט:
—איך שעם זיך, וואָס איך האָב זיך אַזוי באַנאַרישט און אַ ווייַ־לע געמיינט, אַז דו מיינסט עס מיט אַן אמת! דיינע ליפּן האָבן איצט גערעדט ביטערע ווערטער און דיינע אויגן האָבן מיך באַהאַרצט מיט ליבע. איך ווייס, אַז דו וועסט באַלד מיך טרייסטן, רייד זשע, תּמר, ווי דו ביסט געוויינט צו ריידן מיט מיר און נאָך וואָס שפּאַסטו און ווילסט מיך גענאַרן?
און ביי דידאָזיקע ווערטער האָט ער מיט ליבע אָנגענומען תּמרס רעכטע האַנט.
האָט תּמר אַרויסגעצויגן איר האַנט פון זיינע און געזאָגט:

—גענוג דיר, אמנון, זאָלסט מער נישט ריידן צו מיר! געדיינק דיינע ווערטער און דיין שבועה און גיי אַוועק פון מיינע אויגן, און זאָלסט גאָרנישט דערציילן פאַר מיינע עלטערן, געדיינק, איך באַפעל עס!—און ביי די ווערטער האָט זי זיך אויסגעקערט צו אים מיט דער פּלייצע און איז אַרויס פון איר חדר.
—ווײַ געשריען!—האָט אמנון אויסגערופן און דאָס האַרץ איז אין אים געפאַלן.—ווײַ, ווײַ, אַ בראַנד איז אין מיינע ביינער און אַ בראָך צו מיין לייב, ווער וועט מיך קענען טרייסטן!

און אמנון איז אַרויסגעגאַנגען פון תּמרס חדר דערשראָקן, צע־שלאָגן און געבראָכן, און ער האָט זיך געאיילט אַוועקצוגיין פון ידידיהס הויז, מען זאָל נישט באַמערקן זיין צעמישטקייט, און דאָס האַרץ איז אין אים פאַרשטיינט געוואָרן, און אין די אויגן איז אים טונקל געוואָרן, און די פיס האָבן אים געציטערט און ער איז געגאַנגען מיט אַלע כּוחות און איז אַהיים געקומען, וואו ער איז געפאַלן אָן כּוחות אויף זיין געלעגער. און דאָ האָט ער איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין קישן, וואָס ער האָט נאָס געמאַכט פון טרערן, און דאָ איז ער אויפגעשטאַנען און גע־גאַנגען אַ בלאָנדזשענדיקער איבערן חדר, און דאָ איז ער פּלוצ־לונג שטיין געבליבן און געזאָגט: „נישט אַנדערש, נאָר דאָס איז אַ שרעקלעכער חלום, וואָס מיר האָט זיך געחלומט, אָדער

אפשר פרובט זי דאָס מיר, כּדי צו וויסן, ווי שטאַרק עס איז מיין ליבע צו איר? אַך! ווי גרויס וועט זיין מיין פרייד, ווען תּמר וועט מיר זאָגן: „איך האָב דיך אויסגעפּרובט, אמנון!"— אָבער וואָס רייד איך? תּמר האָט דאָך מיך פאַרטריבן און באַפוילן צו גיין אין אַן אַנדער לאַנד אַריין. און איך האָב דאָך געשוואוירן איר צו פאָלגן.

און ס'איז געווען נאָך מיטנטאָג און מעכה האָט גערופן זמרין, ער זאָל קומען אין גאָרטן, וואו תּמר האָט דאָרט אַרומגעשפּאַצירט. איז זמרי געקומען, האָט ער דערזען תּמרן און געזאָגט:

—וואָס איז דיר, מיין האַרינטע, וואָס דו זעסט אַזוי שלעכט אויס, ווען ס'איז געקומען דער טאָג פון פרייד?

האָט אים תּמר געענטפערט:

—דו ביזט דאָך ביי אונז אין שטוב ווי אַן אייגענער מענטש, דערפאַר וועל איך פאַר דיר אויסדערציילן מיין האַרץ, און איך האָף, אַז דו וועסט עס פאַרהוילן פון מיינע עלטערן.

האָט זמרי געזאָגט:

—איך וועל עס פאַרן מויל נישט ברייננגען.

און תּמר האָט געזאָגט:

—הער אויס מיין בראָך און גאַף הערנדיק, וואָרום אָט דער יונגערמאַן, דער אמנון, וואָס איך האָב אים ליב געהאַט, ווי דאָס שוואַרצאַפּל אין מיין אויג, און וואָס האָט מיך צו זיך פאַרקנסט, האָט געפּעלשט אין מיר, און ער איז אַוועק צו די מכשפות.

—זאָל מיין האַרינטע,—האָט זמרי פאַרחדושט געענטפערט,—זאָל מיין האַרינטע נישט שפּעטן פון מיר, וואָרום נישט אַזעלכער, ווי אמנון, וועט טאָן אַזאַ זאַך.

האָט תּמר געזאָגט:

—אומזיסט איז דיין טרייסטן מיך, וואָרום איך אַליין, מיט מיינע אייגענע אויגן האָב דאָס געזען ביינאַכט געזען. פאַרשאָלטן זאָל ווערן דידאָזיקע נאַכט, וואָס האָט איינגעשלונגען אַלע טעג פון מיין פרייד, און פאַרשאָלטן זאָלן זיין די מכשפות, וואָס

האָבן פאַרכאַפּט אין זייער נעץ אַזאַ טייער האַרץ. ווי געשריען! אַן אומגליק פון גאָט איז אויף מיר געקומען, און האָט מיר געמאַכט פון מיין גן־עדן אַ בית־עולם. פונדעסטוועגן וואַקלט זיך נאָך מיין האַרץ צווישן שרעק און דערבאַרמונג, און ווייסט נישט, צי זאָל עס זיך דערבאַרמען אויף אַמנונען, אָדער זיך שרעקן פאַר אים און אים שטאַרק פיינט האָבן. ווי איז צו מיר! מיין האַרץ ווערט צעריסן פון ליבע און האַס, און נקמה און דערבאַרמונג, וואָס ראַנגלען זיך אין מיר. ווייל די ליבע צו אמנונען איז אין מיר אַזוי איינגעוואָרצלט, אַז איך וועל זי פון מיר נישט אויסוואָרצלען, סיידן איך זאָל מיין האַרץ אויף שטיקער צערייסן. וואָרום אין גרויס גרימצאָרן אויף אים, האָב איך אים היינט אינדערפרי פאַרטריבן פון מיינע אויגן, און איצט טוט מיר שוין באַנג און מיין רחמנות איז גרויס צו אים: וואָרום ווען האָב איך פאַרשטויסן און פאַרטריבן? אַמנונען! אָן אים איז מיין לעבן קיין לעבן נישט. כ׳בעט דיך, זמרי, פאַרשטיי מיין האַרץ און העלף מיר.

און זמרי האָט פאַרבראָכן די הענט און געזאָגט:

—מיין האַרץ וויינט אויף דיר, תמר, מיין האַרינטע, און מיין רחמנות איז גרויס צו אמנונען, דיין אויסדערוויילטן. ליבע און טייערע! ווי אַזוי איז דאָס געשען, אַז איר זענט צעשיידט געוואָרן אין דער צייט פון אייער ליבע?—און ביי דידאָזיקע ווערטער האָט ער אַרויסגענומען זיין טיכל און אָפּגעווישט אַ טרער פון זיינע אויגן. פונקט ווי די שלאַנג, וואָס הויערט אין די טייכן פון מצרים, און וואָס אַז זי פאַרזוקט אַ מענטשן, הויבט זי אים אָן צו פרעסן פון די פיס, און אַז זי קומט צום קאָפּ, מאַטערט זי זיך און וויל אים מיטאַמאָל אַראָפּשלינגען, אָבער אַז זי קען דאָס נישט, וואַרפט זי זיך און וויינט און קלאָגט ביטער, אַזוי איז אויך געווען דאָס וויינען און קלאָגן פון זמרין, וואָס ער האָט געוויינט אויף אמנונס אומגליק.

און תמר האָט געזאָגט:

—כ׳בעט דיך, זמרי, זאָלסט נישט געבן קיין שלאָף צו דיינע

אויגן אין דערדאָזיקער נאַכט און זאָלסט ריידן מיט אמנונען. שטראָף אים מיט ווייכע רייד, אפשר וועט ער זיך באַדיינקען און צוריקקערן פון זיין שלעכטן וועג, און אונזער ליבע וועט נישט פאַרשטערט ווערן.

האָט זמרי געזאָגט:

—אויב ער האָט נאָר גאָט אין האַרצן, האָף איך, אַז דו וועסט אים מוחל זיין, און אַז איך וועל אים אויסשטראָפן און ער וועט מיך האָרכן און וועט צוריק זיין דער האַר פון דיין יוגנט.

—גאָט זאָל העלפן,—האָט תמר געענטפערט,—און מיין האַרץ זאָל אים ווידער באַווילִיקן, ער זאָל ווידער געווינען מיין האַרץ נאָך מיט מער ליבע.

כ.

און אמנון האָט ביטער געוויינט דעם גאַנצן טאָג, און נישט געקענט עסן. און פאַרנאַכט איז עוץ געקומען צו אמנונען און געזאָגט צו אים:

—וואָס איז דיר, אמנון, וואָס דו ביסט אַזוי פאַרפינסטערט און פאַרזאָרגט?

האָט אים אַמנון געענטפערט:

—ווייל תמר האָט אַזוי געוואָלט, און האָט מיך פלוצלונג צעטרעטן.—און ער האָט אים דערציילט, וואָס מיט אים האָט פאַסירט. האָט עוץ געזיפצט און געשאָקלט מיטן קאָפ און געזאָגט:

—אָט דאָס האָב איך דיר דאָך נאָך דעמאָלט געזאָגט: פלי נישט נאָכן שטאָרך אין הימל אַריין! וואָרום דו ביסט געווען ווי דער שוואַלב, וואָס בויט זיך זיין נעסט אין דער הויך איבערן פענסטער פון אַ זאַל און האָסט פאַרגעסן, אַז דער ווינט מיטן רעגן צעוואַרפן זי, אָדער אַ מענטשלעכע האַנט צעקלאַפט זי.

איך האָב דיר דאָך געזאָגט: נעם דיר אַ ווייב, ווי עס פּאַסט פאַר דיר און לעב גוט מיט איר. דו אָבער האָסט מיך נישט געהערט, און אין ציון האָט זיך דיר געגלוסט צו וואוינען צווישן רייכע לייט, וואָס דו האָסט זיי נישט געקענט און דיי־נע עלטערן האָבן זיי נישט געוואוסט, וואָס האָבן פאַר גאָט נישט קיין פאַרכט און אויף מענטשן נישט קיין רחמנות. וואָ־רום ווען תמר וואָלט געהאַט גאָט אין האַרצן, וואָלט זי איצט נישט געוואָרן אַזוי אַכזריותדיק צו דיר.

האָט אַמנון צו אים געזאָגט:

—דו אַליין האָסט זי דאָך פאַר מיר אַזוי שטאַרק געלויבט נאָך איידער איך האָב זי געקענט.

האָט עוץ געזאָגט:

—דו זעסט דאָך שוין אַצינד, אַז איר רעכטפאַרטיקייט איז נאָר ווי אַ קלייד, וואָס מען טוט אָן אין אַ יום־טוב. הער זשע אויף צו לויפן נאָך איר, ווייל דו קענסט דעם קאָפּ צוברעכן, פאַר־געס די טעג, וואָס דו האָסט געגרייזט אין איר ליבע, און מעק אויס איר זכר פון דיין האַרצן.

האָט אַמנון געזאָגט:

—לאָז אָפּ, עוץ, איך קען גיכער פאַרגעסן מיין רעכטע האַנט. תמרן אָבער וועל איך אייביק נישט פאַרגעסן.

און אַזוי ווי זיי ריידן, איז זמרי געקומען. האָט עוץ געזאָגט צו אמנונען:

—כ׳האָב שיעור פאַרגעסן צוליב וואָס איך בין צו דיר געקומען. זיי וויסן, אַז מיין האַר אבישי איז זייער קראַנק און וויל דיך זען.

האָט אמנון געזאָגט:

—קום צו מיר מאָרגן אינדערפרי, וועלן מיר צוזאַמען גיין קיין בית־לחם.

איז עוץ אַוועק פון אמנונען און האָט פאַרבאָרגן די רייד זיי־נע און פאַר נעמהן און פנינהן גאָרנישט דערציילט.

און זמרי האָט געזאָגט צו אַמנונען:

—פרייד צו דיר, אַמנון, וואָס מאַכסטו?

האָט אים אַמנון געענטפערט:
—ס׳איז מיר ביטער!
האָט זמרי צו אים געזאָגט:
—איך ווייס פון דיין טרויער, דעריבער האָב איך זיך געאיילט צו קומען צו דיר און דיך צו טרייסטן. ווי צו די היינטיקע צייטן, וואָס מיט יעדן טאָג ווערט עפּעס אַ נייס! ביי מיין אַרבעט בין איך מיר געשטאַנען פון אינדערפרי ביז פאַרנאַכט, איך אָונגט בין איך אַרויס אין דרויסן, געגאַנגען איבער די גאַסן און מוראדיקע זאַכן האָב איך דאָרט געזען. אַ סך פון די פּיי־נע לייט האָבן אָנגעהויבן צו ציטערן און צו אַנטלויפן פון שונא, וואָס איז נאָך ווייט: מאַנכע לויפן מיטן ים צו די ווייטע אינזלען, אַנדערע ווידער לויפן קיין צור און צידון, בין איך אַהיימגעקומען און אויך דאָרט איז מיר נישט רואיקער גע־וואָרן, ווייל דאָרט האָט זיך אויך אַלץ געענדערט. תמר האָט זיך אָפּגעקערט פון דיר און ווידער זיך אויסגעקליבן צוריקמען, און איך האָב געפּרובט ריידן מיט איר און גערעדט פון דעם, וואָס דו האָסט געטאָן פאַר איר און פאַר איר פאָטערס הויז, און האָב זי אַפילו געשטראָפט פאַר איר פירונג. אָבער תמר האָט זיך אויף מיר אויסגעשריען און געזאָגט:
—ווער האָט דיך, זמרי, געמאַכט פאַר אַ ראַטגעבער און שטראָ־פער ביי מיין פאָטער אין הויז? אויך דיר איז שוין גענוג צו זיצן ביי אונז אין שטוב. ווער וואָלט געגעבן, אַז קיין שום פרעמדער זאָל זיך נישט אַריינמישן אין מיין פאָטערס הויז!—
און איך האָב געגאַפּט הערנדיק אירע רייד, וואָרום זי זיינען מיר פרעמד, זי האָט קיינמאָל אַזוי נישט גערעדט. האָב איך געאיילט צו דיר, כדי דיך צו פרעגן און צו ווּיסן, וואָס איז דאָס פאַר אַ גרימצאָרן? אפשר האָסטו פון זיך אָפּגעשטופּט איר האַרץ?
האָט אַמנון געענטפערט:
—ביי גאָט שווער איך, אַז איך פיל נישט אין מיר קיין שום זינד. תמר האָט מיך דאָך היינט פאַרטריבן פון אירע אויגן און מיך באַפוילן, איך זאָל גיין אין אַן אַנדער לאַנד אַריין.

און איך וועל פּאָלגן. איך וועל אַוועק פון לאַנד פון לעבן אין אַ וויסטן לאַנד אַריין.

און אמנון האָט ביטער געוויינט ביי דידאָזיקע ווערטער, און זמרי האָט געזיפצט און געקרעכצט און געזאָגט:

—איין זאַך וועל איך דיך בעטן, אמנון, הער אויף אַזוי ביטער צו וויינען, וואָרום דיין טרויער מאַכט מיך טרויעריק און דיינע טרערן מאַכן מיינע אויגן נאַס, און וואָס וועל איך דיר קענען העלפן, אַז אויך איך וועל זיין אַ צומישטער? הער אויף צו וויינען, לאָמיר שמועסן און זיך באַראַטן, וואָס מען האָט איצט צו טאָן.

האָט אַמנון זיך אָפּגעווישט די טרערן פון פּנים און געזאָגט:

—רייד דו, זמרי, איך וועל הערן. איך בין שטאַרק צוטראָגן און קען נישטריידן.

האָט זמרי געזאָגט:

—איך האָב פריער פאַרשטאַנען דיין סוף, וואָרום איך קען תמרן פון קינדהייט אָן. אַזוי ווי זי איז אַזאַ איידעלע און צאַרטע אַזוי איז שטאַרק ווי אייזן איר עקשנות, און תמר האָט פאַרביטערט דאָס לעבן פון אירע עלטערן נאָך איידער דו האָסט זי געקענט. דאָס, וואָס זיי האָבן פאַרמיאוסט, האָט זי דווקא ליב געהאַט, און דאָס, וואָס זיי האָבן געלויבט, איז איר נישט געפעלן. זי האָט פיינט געהאַט עזריקמען, ווייל אירע עלטערן האָבן אים ליב געהאַט, און האָט דיך דערווייטערט פון זיך דעמאָלט, ווען אירע עלטערן האָבן דיך מקרב געווען. אַלע טאָג וועסטו נאָך זען אַזעלכע ענדערונגען, וואָרום דאָס, וואָס אירע עלטערן געפעלט—געפעלט איר נישט. ווען אירע עלטערן זאָלסטו איצט נישט געפעלן, וועט תמר דיך ווידער באַגערן. איך זאָג דיר איצט דעם גאַנצן אמת, אַז זי האָט נישט קיין אמת וואָרט. נאָך דעמאָלט האָב איך אין האַרצן געטראַכט: ווי אומגליקלעך איז אַמנון, וואָרום תמר שפּינט שוין פאַר אים אַ שפּינוועבס און צום סוף וועט ער אָנכאַפּן אַ פולע האַנט מיט ווינט—ווי אַ פייגעלע וועט אַוועקפליען זיין האָפענונג, און תמר

יועט פון אים אָפּשפּרינגען ווי אַ נאַכט־חלום, וואָרום פון חלום קומט איר ליבע און וועט צוריק ווערן אַ חלום.

—וויי,—האָט אַמנון געזיפצט און ביטער גערעדט,—ווי זיס איז מיר געווען דערדאָזיקער חלום! הלואי וואָלט ער זיך געצויגן דאָס גאַנצע לעבן! היינט האָב איך מיך אויפגעכאַפּט פון דעם חלום, כּדי אויף אייביק איינצושלאָפן!

—הער אויס, אַמנון!—האָט זמרי געזאָגט.—קיין רעכטספאָרטיקע פרוי איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ, און דעריבער טאַקע האָב איך נישט חתונה געהאַט. און דו, אַמנון, צי דו וועסט וועלן פאָלגן מיין עצה אין אַ צייט אַרום אָדער נישט, אָבער איצט, אין דער צייט, פאָלג מיך: צי איז דען איצט אַ צייט צו נעמען אַ ווייב, ווען אַלע האַרן פון ירושלים ווערן פאַר־וואָגלט? זיי דאַרפן זיך שלעפן מיט זייערע ווייבער, האָבן גרויס פּלאָג און צער, פירנדיק מיט זיך זייערע קליינע קינדער, און אַז דער שונא וועט זיי באַגעגענען, וועט ער זייערע נפשות אַוועקרויבן. נישט אַזוי אָבער איז מיט די מענטשן, ווי מיר זיינען היינט, וואָס גייען און קומען אַליין מיט זיך. אָט, אַמנון, ביידע זיינען מיר דאָך פאַרטריבן פון ידידיהס הויז, ביידע זיינען מיר גרינג אויף די פיס, ווי די הירשן, לאָמיר זיך אויפהויבן און אַנטלויפן איידער אונזערע פיס וועלן ווערן גע־שטרויכלט אויף די בערג פון ציון. זוך דיר גיך אַן אָרט, וואו אַנטרונען צו ווערן, וואָרום ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ שלעכטס תמר וויל דיר נאָך אָפּטאָן? היינט האָסטו זי אָנגעהויבן נישט צו געפעלן און מאָרגן וועט זי אויף דיר אויסטראַכטן אַזעלכע בלבולים, פון וועלכע דו הויבסט גאָרנישט אָן צו וויסן, כּדי זי זאָל זיין די גערעכטע, און אויב זי וויל דאָס, ווער וועט איר שטערן דעריין?

—וויי איז מיר!—האָט אַמנון געענטפערט.—וויי איז מיר, צו וואָס תמר האָט מיך דערפירט!—האָט ער אויסגערופן מיט אַ צעבראָכן האַרץ.—פון ווייטע לענדער בין איך צו דיר געלאָפן און אין ווייטע לענדער וועל איך איצט אַנטלויפן פון דיר! און איצט, זמרי, דו ביזט דאָך צו מיר ווי אַ ברודער היינט, אָבער איך

איך בין צו דיר נישט גלייך, וואָרום איך בין נישט אַליין. איך האָב נאָך אַ מוטער און אַ שוועסטער, און ווי שווער און ביטער איז מיר צו פאַרלאָזן די פאַרבלאָנדזשעטע שעפּעלעך. פונדעסט־וועגן טרייבט מיך מיין שבועה אַרויסצוגיין פון די גרענעצן פון יהודה. דו ווייסט דאָך מיר פרעגן: וואו וועל איך גיין? איך וועל גיין קעגן דעם שווערד און געפּאַנגענשאַפט און יעדן אומגליק, וואָס וועט מיך צום ערשטן באַגעגענען, וואָרום אויף וואָס האָב איך נאָך צו האָפן? אָבער דו, זמרי, נאָך וואָס דאַרפסטו מיט מיר גיין אויף צרות, נאָך וואָס זאָלסטו קוקן אויף די האַרן פון ירושלים, וואָס אַנטלויפן?

ווי אַזוי קענען זיי פאַרגעסן, אַז דידאָזיקע שטאָט ירושלים איז ווי אַ דערבאַרמדיקע מוטער פאַר זיי, וואָס איז געווען זייער גלוסטונג און זייער יוגנט, וואָס האָט זיי געצערטלט און דער־צויגן, און ווי אַזוי קענען אירע קינדער זיך אָפּקערן פון איר ליבע און זי פאַרלאָזן אַן עלנטע אין די שווערע צייטן? ווײ, תּמר! דו ווייסט דאָך עס אַזוי גוט ווי איך אַליין, אַז מיין האַרץ איז מיט ליבעשטריק צוגעבונדן צו ציונס בערג און באַ־העפט צו ציונס גאָט און בית־המקדש, צו איר מלך, כּהנים און נביאים,—דאָס ווייסטו דאָך, תּמר, און דידאָזיקע הייליקע פּע־דעם רייסטו איבער מיטאַמאָל אין איין רגע. איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, זמרי: ווען נישט דאָס, וואָס איך האָב גע־וואוירן תּמרן, צו פאָלגן אַלץ, וואָס זי וועט מיך הייסן, וואָלט מיר איצט גאָרנישט איינגעפאַלן אַרויסצושטעלן אַ פוס פון שטאָט אַרויס אין אַזאַ צייט, אָבער איך וואָלט בעסער גענומען אויף זיך געפּייניקט צו ווערן אין שטאָט דורך באַלאַגערונג און הונ־גער, איידער זיך צו לאָזן וואוילגיין אין רואיקע וואוינונגען אויף פרעמדער ערד. אָ! ווען תּמר וואָלט מיך נישט פאַריאָגט פון דאַנען, וואָלט איך איצט מיין בלוט פאַרגאָסן, ווי וואַסער אויף ציונס ערד, און וואָלט געשטאָרבן מיט פרידן אין שויס פון מיין מוטער!

פאַר זמרין זיינען די ווערטער געווען ווי פיילן, מחמת ער האָט געזען, ווי אַמנון איז נאָך געטריי זיין גאָט און זיינע הייליקע,

און אַ ציטערניש האָט אָנגעכאַפּט זיינע לענדן, דערוויסנדיק זיך, אַז תמר האָט זיך אַריינגעלאָזט צו גלויבן אין נאַרישקייטן, אַז ער האָט צו טאָן מיט מכשפות, און אַז דידאָזיקע פרויען זיינען גאָר זיין מוטער און שוועסטער. און ער האָט שטאַרק מורא געקריגן, טאָמער וועלן זיינע פאַלשקייטן אַנטפּלעקט ווערן און אַמנונס גערעכטיקייט וועט אַרויפשווימען ווי בוימאייל אויפן וואַסער. און זיין האַרץ האָט געזאָדן ווי אַ זידנדיקער קעסל פון זיינע רציחהדיקע רעיונות און ער האָט געזאָגט צו אַמנונען:

—איך האָב זיך אַרויסגעכאַפּט און איך וועל קיין חרטה נישט האָבן: איך בין גרייט זיך צו באַהעפטן צו דיר און גיין מיט דיר. איצט גיי איך צו ידידיהן אים צו זאָגן, אַז איך פאַרלאָז זיין הויז, און איך ווייס, אַז ער וועט מיר באַצאָלן, וואָס מיר קומט און וועט מיך אַרויסשיקן פון זיין הויז מיט פרידן. און אפשר וועט מיר גליקן צוריקצוקערן תמרס האַרץ צו דיר, דע־מאָלט וועט מיין שמחה זיין אָן אַ ברעג.

האָט אַמנון צו אים געזאָגט:

—טויזנט פריינט האָט אַ מענטש, ווען אים שיינט די זון און עס איז פרידן צו אים, און איינער פון טויזנט בלייבט אים אין דער צייט פון צרות און פּיין. אָבער ווי טייער איז דער איינער! אַלע מיינע פריינט האָבן מיך היינט פאַרלאָזט, ווי תמר האָט מיך פאַרלאָזט, און דו ביסט געקומען מיך צו טרייסטן, און מיט וואָס זאָל איך דיך באַלוינען? אָבער אויב דאָס מויל פון אַ פריינט וועט אויף אונז קיין גוט וואָרט נישט זאָגן, וועט ער דאָך זיין, ווי אַ פידל, וואָס הייענגט אויף דער וואַנט, נישט צו שפּילן, נייערט צו קוקן אויף אים.

האָט זמרי געזאָגט:

—פאַרלאָז זיך אויף מיר און זיי רואיק, איך וועל באַלד צו־ריקקומען און דיר ברייגגען אַן ענטפער.

איז זמרי אַוועק פון אַמנונס הויז און אַוועק צו כרמין אין שענק, און האָט געשיקט רופן עזריקמען, כדי אים צו דער־ציילן פון אַלץ, וואָס ס׳איז געשען פון דער נעכטיקער נאַכט אָן.

כא.

אַון עזריקם איז געקומען צו כּרמין אין הויז, האָט ער זמרין אַריינגערופן אין אַ באַזונדער חדר און צוגעשלאָסן הינטער זיך די טירן. און זמרי האָט געזאָגט:

—איצט קען איך זיך באַרימען, אַז מיין חכמה איז מיר ביי־געשטאַנען און איך האָב דיינע פיינט אָנגערייצט איינעם אויף דעם אַנדערן. תמר האָט דערווייטערט אַמנונען פון איר פאָ־טערס הויז און פון לאַנד יהודה. ער איז פאַרפינסטערט און פאַרביטערט פון זיין פיין, וואָרום ער האָט געשוואוירן צו פאָלגן אַלץ, וואָס תמר וועט אים באַפעלן, און ער וועט זיין שבועה האַלטן. נאָך אין דריי טעג אַרום וועט שוין זיין געביין נישט זיין אין לאַנד יהודה, און דו ווערסט איצט גרויס. קענסט זיך אויסקלויבן תמרן אָדער יענס שיינע מיידל—אָבער וואָס ביסטו אַזוי צורודערט און טרויעריק און מיין בשורה מאַכט נישט פריילעך דיין פּנים?

האָט עזריקם פאַרבראָכן זיינע הענט און געזאָגט:

—אומזיסט, זמרי, האָסטו זיך געמאַטערט מיט דיין גאַנצער קלוג־שאַפט און כיטרעקייט אויפצובינדן די קנופּן, וואָרום איידער דו האָסט אויפגעבונדן צוויי, האָבן זיך נייע דריי פאַרקניפּט, און עס איז איבערגעריסן געוואָרן דער פאָדעם און קיינער קען אים נישט צוריק פאַרבינדן! איך וועל דיר נאָר אַ ביסל דער־ציילן, און דיין האַרץ וועט אויפגעציטערט ווערן.
זינט איך קען עכנען, האָב איך געזען, ווי ער האָט פיינט חפר און בוקיהן, וועלכע איך האָב אונטערגעשטיצט, און אויך זיי האָבן אים פיינט און לאָקערן אויף אים. האָבן זיי זיך די לעצטע טעג דערוואוסט, אַז עכן קומט אַריין אין דעם געצעלט פון די צוויי פרויען, וואָס שטייט אין גיאַ־מאַרק. האָבן זיי אים אָנגעהויבן נאָכצוקוקן. און ס׳איז געווען היינט אינדערפרי, בין איך מיט עכנען אַריינגעקומען אין דעם געצעלט, און די פרוי האָט צו מיר געזאָגט: „וואָס האָסטו געאיילט צו קומען איי־דער עס איז אַוועק אַ חודש צייט?" האָב איך איר געענטפערט: „ווייל דו האָסט געאיילט צו פעלשן אין דיין שבועה, און נעכטן ביינאַכט זיך דערפרייט מיט אַמנונען. און איצט וועל איך ריידן נישט צו דיר, נייערט צו דיין טאָכטער". און איך האָב זיך געווענדט צום מיידל און געזאָגט:
—זיי וויסן, איידעלע, אַז אַ צאָרן האָסטו אָנגעצונדן אין תמרן און איר אייפערזוכט וועט דיך יאָגן ביזן גרוב אַריין און קיי־נער וועט דיך נישט באַשיצן. דעריבער לאָם איך זיין דיין באַ־שיצער אין דיין שלעכטער צייט. איך וויל נישט וויסן, ווער דו ביסט, פון וואַנען דו קומסט אַרויס און וואָס דו טוסט דאָ. וואָרום אַלע זינד פאַרדעקן מיין ליבע צו דיר. זיץ מיט מיר רואיק און זיכער אין מיין פּאַלאַץ, און דיין מוטער וועט זיין מיט אונז. אָבער ווייַ וועט זיין צו דיר, אָרעמע, אויב דו וועסט נישט וועלן גיין מיט מיר, וואָרום דיין שיינקייט וועט ווערן טונקעלער פון דעם שטאַרקסטן נעפּל, וועסט פון מיין האַנט אומ־קומען, און דיין מוטער וועט עסן ערד. האָט די פרוי צו מיר געזאָגט: „דו, מיין האַר, ביסט דאָך אַ זון פון גרויסע רייכע לייט און מיין טאָכטער איז אָרעם און דערשלאָגן, און אויב

דו וועסט זי נעמען פּאַר אַ ווייב, וועסטו זיך דאָך אַליין דער־נידעריקן."

און אַזוי ווי זי רעדט, איז חפר מיט בוקיהן אַריין אין גע־צעלט, און חפר האָט זיך איינגעקוקט אין ביידע פרויען, און צו מיר אַזוי געזאָגט:

—דאָס זיינען די פרויען, וועגן וועלכע איך האָב דיר דער־ציילט ביי כּרמין אין הויז. און עכן האָט מיט פיינטשאַפט אָנ־געקוקט חפרן און געזאָגט:

—וואָס ווילסטו, וואָס ביסטו אַהער געקומען צו ריידן געהיימע זאַכן?

האָט חפר צו אים געזאָגט:

—דו, עכן, ביסט געקומען אַהער גאָכצופאָרשן דידאָזיקע פרויען און צו אַנטפּלעקן זייערע סודות, און מיר וועלן פאָרשן די סודות פון אַמאָל, כּדי צו וויסן ווי אַזוי די נאַכט איז ליכטיק ווי דער טאָג. און וואָס טוט אַ קנעכט צו זיין האַרס הויז, ווען ער איז ביין אויף אים? אָבער צו וואָס דאַרף איך דאָס פאָרשן ביי כּשוף? דו אַליין, עכן, וועסט מיר באַשיידן דאָסדאָזיקע רע־טעניש.

און דאָס מיידל איז שטאַרק דערשראָקן געוואָרן. האָט זי אָנ־געכאַפּט די מוטערס האַנט און געזאָגט:

—זאָג מיר, מוטער, וואָס זיינען זיך צו אונז צענויפגעקומען מענטשן, וואָס מיר קענען זיי גאָרנישט? זייערע לעפצן ריידן שרעקלעכע זאַכן און זייערע אויגן גלאָצן מיט פּחד, און איך וויים זיי נישט און פאַרשטיי זיי נישט.

האָט עכן געזאָגט צו חפרן:

—לאָז מיך געמאַך און לאָז געמאַך דידאָזיקע פיינע פרויען. זאָלסט זיך נישט דערוועגן מער צו ריידן, וואָרום איך וועל דיר פאַרשטאָפּן דאָס מויל מיט שפּיציקע שטיינער!

האָט חפר אַרויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער און געזאָגט:

—וואַרט צו, עכן, נאָך אַ ביסל, וואָרום איידער דו וועסט פאַר־שטאָפּן מיין מויל מיט שפּיציקע שטיינער, וועסטו לעקן די ערד ווי אַ שלאַנג. וואָרום דו מאַכסט דאָ כּשוף. קום, בוקיה,

מיר וועלן אַוועק צו די זקנים די שופטים און זיי דערציילן עכֿנס מעשים, וואָרום ער האָט צו טאָן מיט כּשוף. און דו, מיין האַר עזריקם, גיי אַרויס פון דאַנען, וואָרום נאָך וואָס זאָלסטו נעמען אויף זיך די זינד, און נאָך וואָס זאָלסטו הערן עכֿנען, וואָס וויל דיך אומברייינגען און דיך אַריינפּאַקן אין דער נעץ פון דידאָזיקע פיינע פרויען?

האָט עכֿן געזאָגט צו אים:

—קום, לאָמיר אַלע דריי גיין צום טויט, וואָרום אונזער צייט איז שוין געקומען. איך וועל גיין צו די זקנים און עפענען מיינע ליפּן, און פאַרשטאָפּט זאָלן ווערן די מיילער פון די שקרים. אָבער דאָס מאָל פאָלגט מיך און פאַרמאַכט דאָס מויל.

און ביי דידאָזיקע ווערטער האָט ער עפּעס איינגערוימט חפרן אין אויער, אַז יענער איז דערציטערט געוואָרן און אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט און ער האָט אַ קוק געטאָן אויף די פרויען און דאָס האַרץ איז אים געפאַלן און ער האָט געזאָגט צו עכֿנען:

לאָמיר איינער דעם אַנדערן קיין שלעכטס נישט טאָן. איך האָב חרטה אויף מיינע ווערטער, און דו—זיי מיר מוחל!

אַזוי האָט ער געזאָגט און דאָס האַרץ האָט אין אים געציטערט. האָט ער עפּעס איינגערוימט בוקיהן אין אויער, איז יענער אויך דערציטערט געוואָרן, און פון זייער ציטערניש האָט מיין האַרץ אויך אָנגעהויבן צו ציטערן. און חפר און בוקיה זיינען אַרויסגעגאַנגען פון געצעלט, איז עכֿן אויך אַרויס און איך בין אַוועק נאָך אים שטאַרק פאַרחדושט און נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר. האָט עכֿן צו מיר געזאָגט: „שרעק זיך נישט, מיין האַר, אַז עס איז פרידן צו אונז, איז אויך צו דיר פרידן, און איר—חפר און בוקיה, קומט צוגיין צו מיין האַר אין הויז היינט אין אָוונט, וועלן מיר זיך באַראַטן וועגן אונזערע געהיימע זאַכן".

האָבן זיי אים געענטפערט: „גוט!" און איך האָב געבעטן עכֿנען, נאָכדעם ווי מיר זיינען אַהיימגעקומען, ער זאָל מיר זאָגן וואָס דאָס אַלץ באַטייט, איז עכֿן אַריינגעגאַנגען צו מיר אין מיין צימער, האָט פאַרשלאָסן די טיר, איז מיר געפאַלן אויפן האַלז

האָט מיך אַרומגענומען און געקושט, און געזאָגט:
—איצט איז געקומען די צייט אַראָפּצוקוילערן פון מיין האַרץ דעם שטיין, וואָס דריקט מיך פון דעם טאָג אָן, וואָס דו ביסט געבוירן געוואָרן. און היינט וועל איך דיר אַלץ דערציילן: זיי וויסן, אַז איך האָב דיר דערוואָרבן אַ גרויס פאַרמעגן דורך דעם רויב פון מיינע הענט, און דידאָזיקע צוויי פרויען, וואָס דו האָסט געזען—דאָס זיינען נעמה און איר טאָכטער! ביי די־דאָזיקע ווערטער האָבן אָנגעהויבן ציטערן מיינע ביינער, און איך האָב אים געפרעגט:
—און ווי אַזוי זשע האָסטו מיר איינגערעדט צו נעמען מיין שוועסטער, יורמס טאָכטער, פאַר אַ ווייב?
האָט מיר עכן געזאָגט:
—אָט דאָס האָב איך דאָך געמיינט: אַ שווערער שטיין דריקט מיין האַרץ, און דו איל זיך נישט צו נעמען דעם שטיין אויף דיין האַרץ. וואַרט ביז אין אָוונט, ביז חפר און בוקיה וועלן קומען, און מיר וועלן זיך באַראַטן ווי אַזוי אַרויסצונעמען אונ־זערע העלזער פון דעם שלעכטס, וואָס איז אָנגעגרייט פאַר אונז. זמרי! זמרי! דו האָסט דאָך געהערט, דו פאַרשטייסט דאָך, ווי מיין האַרץ איז צערודערט, און דו באַרימסט זיך, אַז דו האָסט מיך פון אַלע צרות אַרויסגעראַטעוועט.
און זמרי איז דערשראָקן געוואָרן, הערנדיק זיינע רייד, און געזאָגט צו עזריקמען: „עכן, חפר און בוקיה זיינען מוראדיקע לייט. זיי טראָגן אין זיך שרעקלעכע זאַכן! ס'איז אָבער איצט נישט די צייט נאָכצופאָרשן זייערע מעשים, איך האָב נאָך נישט אויסגעשאָכן אַלע מיינע פיילן אין אַמנונען. וואָרום איך האָב נאָך נישט דערפירט דערצו, ער זאָל אַנטלויפן פון דאַנען. און אויב די צוויי חברים וועלן עפענען זייערע מיילער פאַר די שופטים—וועט אַלץ פאַלן אויף אונזערע קעפּ. און ווער קען דיר ערב זיין, אַז דידאָזיקע רמאים וועלן שווייגן? און איצט, עזריקם, דו האָסט דאָך געזען מיין מי פאַר דיינעטוועגן ביז אַהער, און ווייסט דאָך, וואָס איך האָב פאַר דיר געטאָן, באַ־צאָל זשע מיר איצט מיין שכר, אויב נישט וועל איך זיך באַ־

העפטן צו די, וואָס לאָקערן אויף דיר, און דיינע שונאים וועלן זיך דערפרייען אויף דיין בראָך, וואָרום איך וועל עפּענען תמרן די אויגן, און זי וועט דערזען אַזעלכע זאַכן, וואָס זי האָט נאָך ביז אַהער נישט געוואוסט. אַמנון איז דאָך אַ ברודער פון דעם מיידל, און די פּרוי—דאָס איז דאָך זיין מוטער, דאָס ווייס איך פון אַמנונען אַליין, און אויב תמר וועט זיך פון דעם דערוויסן, וועט דאָך אַמנון ריין בלייבן פון זיינע זינד.

און עזריקם איז שטאַרק צוטומלט געוואָרן און זיין גרימצאָרן האָט אין אים געברענט, און ער האָט געזאָגט צו זמרין:

—אַ העלפט פון מיין פאַרמעגן איז דאָך דיר געגעבן געוואָרן, זיי זיכער, אַז איך וועל דיך נישט נאַרן. איך ווייס דאָך, אַז מיין וואוילשטאַנד איז ביי דיר אין דער האַנט צו יעדער צייט, דעריבער גיב נאָר איצט אַן עצה וואָס צו טאָן.

און זמרי האָט געשפּאַנט הין און צוריק איבערן חדר, פאַרזונקען אין זיינע מחשבות און פּלוצלונג איז ער שטיין געבליבן און האָט אָנגענומען עזריקמס האַנט און געזאָגט:

—חפר און בוקיה וועלן דאָך קומען צו דיר אין אָוונט, זאָלסטו אַזוי טאָן. גיב זיי וויין איבער ווייַן, זאָלן זיי טרינקען און זשלאָקען און שכור ווערן. דעמאָלט זאָלסטו אונטערצינדן דאָס הויז און זייער סוד זאָל אַוועק מיטן רויך. גיי גיך פון דאַנען און גרייט זיך צו צו טאָן, ווי איך האָב דיר געראַטן, אָבער מאַך עס מיט שכל, און מיר וועסטו באַצאָלן מיט מזומנים, וואָרום איך וועל נישט נעמען קיין ירושה פון פעלד און גאָרטן. און איך—איך גיי איצט אויסשיסן מיינע לעצטע קוילן אין אַמנונען. פאַר דיר און פאַר מיר וועל איך דאָס טאָן.

און זמרי איז אַוועקגעגאַנגען פון אים און צוגעגרייט גיפט, וואָס ער האָט געדאַרפט, כדי אויסצופירן זיינע שרעקלעכע פּלענער און ער איז צוריקגעקומען צו אַמנונען און געזאָגט צו אים:

—ידידיה איז נישטאָ אינדערהיים. ער איז איצט צווישן די קעניגלעכע האַרן, וואָס באַטראַכטן די באַשיצונג פון דער שטאָט. די מענטשן פון דער שטוב שלאָפן שוין. נאָר ווען איך בין

צוריקגעגאנגען אַהער, איז מיר איינגעפאַלן אַ גוטע עצה. הער מיך אויס, אַמנון, איך האָף נאָך, אַז תּמר וועט זיך איבער־בעטן און צו דיר צוריקקערן. דו שיק איר דורך פּורהן אַ לאָגל ווײַן, ווי שטענדיק און אַ געבעט־בריוו גיב אים מיט, וועט פּורה מיט דעם קומען אינדערפרי אין גאָרטן אַרײַן. וואָרום אין דער צייט שפּאַצירט זי דאָרט אַרום, וועט ער איר געבן דעם לאָגל ווײַן און דעם בריוו, און איך וועל אָנקומען און אָנהויבן ריידן נאָך דעם, ווי זי וועט לייענען דײַן בריוו. איך וועל זיך אויך איינשטעלן און איר אַ ביסל אויסשטראָפן פאַר אירע מעשים, ווייל איך זוך נישט אירע חסדים און פאַר איר צאָרן האָב איך קיין פאָרכט נישט. מיט אַ ריין האַרצן האָב איך געדינט איר פאָטער, און מײַן רעכטפאָרטיקייט האָט אויף מיר שטענדיק עדות געזאָגט, אַז איך בין ערלעך. פאָלג זשע, אַמנון, מײַן עצה, און דערמיט וועסטו אויספּרובן תּמרס האַרץ, וואָרום איינס פון די ביידע: אָדער דו וועסט ווידער קויפן איר האַרץ, אָדער איר האַרץ איז ביז אַהער אויך פאַלש געווען צו דיר.

האָט אַמנון געזאָגט צו אים:

—דײַן עצה איז אַ גוטע, הלוואי זאָל תּמר פון איצט אָן זײַן צו מיר, ווי זי איז צו מיר געווען ביז אַהער! און דו, זמרי, גיי נישט אַוועק פון מיר, נעכטיק מיט מיר די נאַכט, וואָרום איך בין שטאַרק דערשלאָגן און אַז איך זע דיך, ווער איך עטוואָס רואיקער.

האָט זמרי געזאָגט:

—האָב קיין מורא נישט, איך בין מיט דיר סיי אין גוטן, סיי אין שלעכטן, וואָרום איך ווייס דײַנע יסורים.

האָט אַמנון זיך אַוועקגעזעצט און געשריבן צו תּמרן אַ בריוו. און טרערן זײַנען גערונען איבער זײַנע באַקן און דאָס זײַנען די רייד פון בריוו:

„קער אויס צו מיר נאָך אַמאָל דײַן פּנים, דו שיינע פון צווישן די ווײַבער, און מאַך מיר וויסן, אײדעלע תּמר, וואָס פאַר אַ זינד האָב איך געטאָן, וואָס דו האָסט זיך דערצאָרנט אויף מיר און מיך פאַרטריבן הײַנט פון דײַנע אויגן?

דערמאָן זיך נאָר, צאַרטע, אַז אַ פּאַסטוך בין איך געווען, און נישט דערוועגט האָט זיך מיין האַרץ צו טראַכטן פון דיר, איך האָב דיך נישט געזוכט, אָבער דו האָסט מיך נאָכגעזוכט מיט ליבע. איך האָב נישט געהאָפט אויף דיין ליבע—און דו האָסט געגעבן מיר צו האָפן, און האָסט געזאָגט צו מיר מיט גוטס־קייט, ליבע און זאַנפטיקייט: „האָף, אַמנון, וואָרום דאָס האָפן איז בעסער פון לעבן". דעמאָלט האָסטו מיך געמוטיקט און מיר געגעבן שטאַרקייט, איך זאָל טאָן גרויסע זאַכן און זיך לאָזן אין די שיינע גרויסע וועגן, און האָסט מיך הויך דערהויבן,— און היינט האָסטו מיך אַראָפּגעוואָרפן נידעריק צו דער ערד! ווי איז מיר! וואָרום דיינע רייד האָבן מיך היינט דערשלאָגן, צוקלאַפּט. אויך איצט שלײדערט מיך מיין פּחד און מיין האָפ־נונג, ווי אין אַ גיהנום און איך ווייס נישט מיין סוף, בעט איך דיך, תּמר מיינע, באַגיטיק צו מיר דיין פּנים און קער מיר אום דיין פריילעך געמיט, ווי דעמאָלט, אין בית־לחם, אָדער לאָז מיר וויסן, פאַרוואָס איך בין אַזוי אומגליקלעך.

„אַ גאַנצן טאָג האָב איך געקלערט און געטראַכט און גאָט האָט מיר אַריינגעשיקט זיין עצה: איך שיק דיר אַ לאָגל מיט ווייַן, ווי שטענדיק. אויב דו וועסט אים נעמען פון מיר ווי ווייַן פון אַ געליבטן, אָך! וועל איך נאָך אויפהויבן שטאָלץ מיין קאָפּ. און אויב דו וועסט אים מיר צוריקשיקן, ווי ווייַן פון אַ פּעל־שער, איז עס פאַר מיר אַ צייכן, אַז גאָט האָט מיר אַזוי באַ־פוילן: הויב זיך אויף און וואָגל אַוועק אין אַ פרעמד לאַנד אַריין. און זיי וויסן, תּמר, אַז איך וועל דיין געבאָט נישט ווידערשפּעניקן, וואָרום איך האָב דיר געשוואוירן און ווי אַזוי זאָל איך מיין שבועה נישט האַלטן? איך וועל גיין מיט מיינע ליידן און מיט אַ האַרץ, וואָס איז דיר טריי געבליבן, און מיי־נע לעצטע ווערטער וועלן זיין: „שטאַרב, מיין האַרץ, און שווייג, ווייל אַזוי האָט תּמר געוואָלט!"

„זע זשע, תּמר, מיין טייערע, ביי דיר אין האַנט און ביי דיר אויף די ליפּן איז היינט מיין פרידן און מיין בראָך, מיין כּבוד און מיין שאַנד, מיין לעבן און מיין טויט,

—רייד זשע אַרויס דאָס וואָרט און לאָמיך וויסן, צי בין איך אויפן הימל אין דער הויך אָדער אין טיפן גרוב, אונטן. זע, צאַרטע, איך בין ביי דיר אין דער האַנט און דער־באַרם זיך אויף אַמנונען."

און אַז אַמנון האָט פאַרענדיקט דעם בריוו, האָט ער געזאָגט צו זמרין:

—לייען איבער מיינע רייד.

האָט זמרי איבערגעלייענט דעם בריוו, און אַמנון האָט פאַרבראָכן די הענט אויפן קאָפּ און ביטער געשריען און געזאָגט:

—וויי, תּמר, צו וואָס איך בין געקומען! וויי איז מיר, וואָרום מיט אַן אַנדער לשון האָב איך היינט גערעדט צו דיר!

און זמרי האָט איבערגעלייענט דעם בריוו צוויי מאָל און דריי מאָל, און האָט געזאָגט צו אַמנונען:

—אויב תּמרס האַרץ איז האַרט ווי שטיין, וועט עס צעשפּרונ־גען ווערן פון פלאַם פון דיינע רייד. אויב אָבער תּמר וועט זיך אויך איצט נישט צוריקקערן צו דיר, און וועט נישט פאַר־נעמען די שטראָף־רייד מיינע, איז זי דאָך אַ ווילדע חיה און ס'איז פאַר דיר נישטאָ קיין בעסערס, ווי נאָר צו אַנטלויפן פון איר. מאָרגן וועלן מיר דאָס וויסן. און איצט שאַף דיר אַ לאָגל וויין, ער זאָל שטיין גרייט אויף אינדערפרי.

האָט אַמנון אָנגעגרייט דעם לאָגל וויין און אים אַוועקגעשטעלט אויפן טיש און דערנאָך האָבן זיי זיך אַנידערגעלייגט שלאָפן, און זמרי איז אויפגעשטאַנען פון זיין געלעגער ביינאַכט און אַריינגעטאָן דאָס סם אין לאָגל אַריין און האָט פון דעם אַפילו פורהן נישט דערציילט.

ווער האָפט עס נישט אויפן ליכט פון מאָרגנשטערן, און ווער פרייט זיך נישט מיטן ליכטיקן טאָג? די זון איז די פרייד פאַר יעדער באַשעפעניש, אויף גוטס ווי אויף שלעכטס שיינט זי מיט איר ליכט. אַמנונס האַרץ האָט געהאָפט אויפן ליכט, וואָס זאָל מאַכן אַ סוף צו דער פינסטערניש, וואָס איז אין אים באַהאַלטן. אָבער זמריס אומווירדיק האַרץ האָט געהאָפט אויף דעם טאָג, וואָס זאָל באַלייכטן זיין בייז רשעות. און ווי נאָר

דער מאָרגנשטערן איז אויפגעשטאַנען, איז אַמנון, זמרי און פּורה אויפגעשטאַנען, און אַמנון האָט געגעבן פּורהן דעם לאָגל ווײַן און דעם ברױט, ער זאָל זײ אַוועקטראָגן צו תּמרן. און זמרי האָט געזאָגט:

זאָל גאָט באַגליקן דײַן וועג, און אַרײַנגעבן תּמרן אין האַרצן, זי זאָל זיך איבערבעטן צו דײַן האַר.

איז פּורה דערמיט אַוועקגעגאַנגען.

און זמרי האָט געזאָגט צו אמנונען:

—און איך וועל אויך גײן צו תּמרן און וועל דיר ברענגען אַ תּשובה. און דו פאַרבאָרג זיך, וואָרום מיר ווײסן נאָך נישט, וואָס עס וועט געשען, וואָרום אויב תּמר וועט זיך האַלטן בײַ איר שלעכטס, קען זי אויף דיר אָנשיקן אַזאַ צרה, אויף וועלכער דו האָסט זיך גאָרנישט געריכט. גײ זשע אַרויס דעריבער פונדאַנען און באַהאַלט זיך דאָרט צווישן די בײמער.

האָט אַמנון אָפּגעזיפצט און געזאָגט:

—אויב תּמר וועט פאַרבאָרגן איר פּנים פון מיר, איז שוין פאַר מיר קײן פאַרבאָרגונג נישטאָ, וואָרום די הימלען וועלן אַנט־פּלעקן מײַן פאַרבאָרגעניש.

איז זמרי אַרויסגעגאַנגען פון אַמנונען מיט אַ האַרץ, וואָס האָט געשטורעמט ווי דער ים און מיט אַן אומווירדיק געמיט, וואָס איז באַשמוצט פון רויב, רציחה און פאַלשקײט—ווי דער שטן, וואָס גײט אַרויס פון די טיפענישן פון גיהנום מיט זײַנע פאַר־דאַרבער: רציחה, רויב, בראָך, אומגליק, מהומה און צוטומלע־ניש, צו פאַרדאַרבן די וועלט, און ער האָט זיך געטראַכט: אָך! שוין צײַטיק דער שניט! נאָך אַ ווײַלע און די אַרבעט וועט זײַן געענדיקט און מײַן געצאָלט איז זיכער.

און עוץ איז געקומען צו אַמנונען און געזאָגט צו אים:

—דײַן מוטער און שוועסטער זײַנען באַזאָרגט וועגן דיר, וואָרום זײ ווײסן נישט וואָס מיט דיר איז געשען, וואָס דו ביסט נעכטן בײַנאַכט נישט געקומען זיך זען מיט זײ, און איך האָב גאָרנישט דערצײלט וועגן דײַנע זאָרגן.

האָט אַמנון געזאָגט:

—איך האָב איצט געפּרובט ריידן נאָך איין מאָל צו תמרן, נאָך אַ ווײַלע און מײַן משפּט וועט אַרויסגיין צום גוטן אָדער צום בייזן. און זי וואַרט דאָ מיט מיר, וואָרום מײַן האַרץ איז פול מיט טרויער און ציטערט אַז אויפהער.

כב.

די זון האָט אויפגעשיינט איבער גאָטס שטאָט און די אָקסן־הענדלער פירן צום פאַרקויפן רינדער, געפּאַשעטע פי, שעפסן און פעטע קעלבער, און אַנדערע פירן ווייַן און אייַלבירטן פאַר דעם הויז פון ידידיהן, וואו ער איז געזעסן מיט זייַן ווייַב תרצה און האָבן אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער.

האָט ידידיה געזאָגט:

—דאָס פאָלק שעכט אין דידאָזיקע טעג זייער אַ סך. מען הרגעט אויס די רינדער פון די שטאַלן, מען שעכט אויס די שעפסן פון די שטעלעכלעך, און מען דריקט אויס דאָס לעצטע ביסל ווייַן פון די קעלטערס, ווי זיי וואָלטן זיך איצט אָנגעגעסן אויף אַ יובל יאָרן. גאָט האָט גערופן אין די טעג צום וויינען און צום קלאָגן, און ס'איז גאָר ששון ושמחה.

האָט תרצה געזיפצט און געזאָגט:

—ביי אונז אין הויז האָט זיך אָנגעהויבן די קלאָג, דו האָסט מיך באַפוילן, מאַן מייַנער, צו שעכטן אַ שחיטה און צוגרייטן

אויף מאָרגן, צום טאָג פון אַמנונס און תּמרס פּרייד. אַלץ איז שוין גרייט, און מיט תּמרן איז עפּעס נישט גלאַטיק. אַ גאַנצע נאַכט איז איר שלאָף פאַרוואָגלט געוואָרן. זי האָט געוויינט און געגאָסן מיט טרערן. וואָרום זי האָט זיך איינגערעדט און גלויבט אין אַזאַ נאַרישקייט ווי אין די רייד פון עפּעס אַ פאַרשאָלטענער מכשפה, וואָס האָט זיך באַוויזן צו איר אין אַ פינסטערער נאַכט, און זי שרעקט זיך פאַר איר טייערן אַמנונען.

האָט ידידיה געזאָגט:

—דעם אמת וועל איך דיר זאָגן, תּרצה, אַז פון זינט אַמנון האָט זיך באַוויזן אין אונזער הויז—האָט זיך אָפּגעטאָן דער פרידן פון אים, און עפּעס אַן איבערקערעניש איז געשען אין תּמרן. לאָז זי צורו און מיר וועלן זען וואָס גאָט וועט איר באַשערן.

האָט תּרצה געזאָגט:

—זי ברומט און גייט אַרום אַ צערודערטע אין גאָרטן, און איך האָב זי פאַרלאָזט, זעענדיק, אַז מיינע אַלע טרייסטווערטער קלעבן זיך נישט צו איר. איר טרויער איז אין איר פאַרבאָרגן און זי וויל זיך נישט טרייסטן.

האָט ידידיה געזאָגט:

—לאָמיר נאָך צווואַרטן היינטיקן טאָג, און מאָרגן וועל איך צו איר צושטיין, זי זאָל מיר זאָגן, וואָס איז איר פאַרלאַנג, וואָרום זי איז שוין געוואָרן אַכצען יאָר אַלט.

און זמרי איז אָנגעקומען אין גאָרטן אַריין און האָט געזען, ווי תּמר לייענט אַמנונס בריוו און איר פּנים האָט געזאָגט, אַז זי האָט שוין חרטה אויף איר צאָרן און זי האָט גרויס רחמנות אויף אַמנונען. און מעכה שטייט פאַר איר און האַלט דעם לאָגל וויין. איז זמרי שטיין געבליבן פון ווייטן, און אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און אויסגערופן:

—וואַרף אַוועק, מיין האַרינטע, די אומווירדיקע זאַך פון דיין האַנט און דערבאַרם זיך איבער זיך אַליין!

האָט תּמר אויפגעהויבן אירע אויגן, און זמרי האָט געגענט צו

איר, און אַ פינסטערע שרעק האָט זיין פנים באַדעקט, און ער האָט געזאָגט:

—וואָס מאַכסטו, מיין האַרינטע, לעבסטו נאָך? צי זע איך נישט מיט מיינע אויגן? ניין! אָט איז דער לאָגל וויין און איך זע קיין שום שלעכטס נישט, אָך! דער לאָגל איז פול און מיין האַרינטע—לעבט! געלויבט איז גאָט, וואָס ער האָט נישט אָפּגע־טאָן זיין חסד פון מיין האַרס הויז!

און תמר איז געשטאַנען און געקוקט אויף זמרין, וואָס האָט בלויז אַרויסגעזאָגט דידאָזיקע עטלעכע ווערטער און דאָס איבע־ריקע פאַרבאָרגן צו זאָגן, און זי האָט זיך אָנגערופן צו אים:

—רייד קלאָרע ווערטער און זאָל מען הערן, וואָס דו רעדסט.

האָט זמרי געזאָגט:

—נישטאָ וואָס צו ריידן, נישטאָ וואָס צו זאָגן. אַ שפּראַך האָט אַמנון, ווי די פּען פון אַ געניטן שרייבער, אָבער זיין האַרץ טראַכט זייער שלעכטע געמיינע זאַכן. ער רעדט נאָר אַזוי שיין, כדי אויסצופירן זיינע בייזע מחשבות. ווייטער איז גאָרנישט. וואַרף אַוועק דעם בריוו פון דיין האַנט, גיס אויס דעם וויין און פאַרגעס אין אַמנונען.

—זמרי!—האָט תמר אויסגערופן,—צי מיינסטו, אַז אַמנון איז אויס־געוואַקסן אין מיין האַרצן, ווי אַ שטיקל מאָך אויפן דאַך, וואָס דו רעכנסט מיט ווערטער אים אויסצורייסן פון דאָרט? ניין, זמרי! אַמנון האָט פאַרנומען דאָס גאַנצע האַרץ מיינס!

—וויי געשריען!—האָט זמרי אויסגעשריען און זיך געפליקט די האָר פון קאָפּ.—וויי, וויי! דער שטן האָט מיך אָנגערעדט זיך אַריינצומישן אין אַ זאַך, וואָס קער זיך מיט מיר נישט אָן! הלואי וואָלט מיך נעכטן ביינאַכט אָנגעכאַפּט אַ היץ־קרענק!

—זע זשע, זמרי,—האָט תמר געענטפערט,—ווי דו ביסט נישט קיין קלוגער מענטש. אין דער טיפעניש פון דיין האַרץ קוקט דאָס גיהנום און דו ווילסט מיך איבערשרעקן. גיס אַרויף אויף מיר

אַ רעגן מיט שטיינער, חושך און טויט, צובלאָז דאָס גאַנצע גיהנום־פייער אויף מיין קאָפּ און זאָל איך וויסן, פאַרוואָס איך קום אום!

—אויב אַזוי,—האָט זמרי געענטפערט,—אויב אַזוי, הער זשע מיך אויס, צאַרטע, און מאַך דיין האַרץ שטאַרקער פון שטיין, עס זאָל נישט צעשפּרינגען פון מיינע רייד, וואָס וועלן עס קלאַפּן ווי מיט אַ האַמער. דו האָסט דאָך מיך געבעטן, איך זאָל אַמנונען שטראָפן, ער זאָל פאַרלאָזן זיין שלעכטן וועג און צוריקקערן צו דיר. און איך האָב מיר געטראַכט, אַז נישט דורך שטראָף־רייד וועל איך אַנטפּלעקן זיינע סודות. דעריבער האָב איך זיך אויסגעקליבן אַן אַנדער וועג: איך בין געקומען צו אים אַזוי, ווי איך ווייס גאָר אינגאַנצן נישט פון דעם, וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט, און איך האָב כּלומרשט גערעדט שלעכטס אויף דיר, מיין האַרינטע, און אַזוי געזאָגט: „איך ווייס נישט וואָס פאַר אַן אומרעכט דיין געליבטע תמר האָט אויף מיר געפונען, וואָס זי האָט זיך היינט אויף מיר אויסגעשריען מיט חרפּה און שאַנד, און מיר פאַרבאָטן איבערצוטרעטן די שוועל פון איר פאָטערס הויז.‟ און איך האָב אים געבעטן, ער זאָל מיט דיר ריידן און אָפּווישן דיין צאָרן צו מיר. האָט ער באַפוילן פּורהן, אַז יענער זאָל ברענגען וויין און ביר, און האָט זיך אָנגערופן צו מיר: „טרינק, זמרי, וואָרום פאַר ביטערע הער־צער איז גוט וויין צו טרינקען‟. האָב איך געטרונקען, און אַמנון האָט אויך געטרונקען, און דאָס איז דאָך געוועזן אַ זינד פון זיין זייט, וואָרום ער האָט דאָך אַ נדר געטאָן נישט צו טרינקען אַ חודש צייט און די צייט איז נאָך נישט אַריבער. איך האָב אָבער געשוויגן און אים דאָס נישט דערמאָנט. און ער האָט געזאָגט צו מיר: „דו האָסט מיך דאָך געבעטן, איך זאָל פאַר דיר ריידן צו תּמרן, זיי אָבער וויסן, אַז איר האַרץ האָט זיך אויך פון מיר אָפּגעקערט. וואָרום זי האָט מיר פון זיך פאַרטריבן מיט גרויס צאָרן. אמת, איך ווייס, אַז אבישי האָט מיך געקויפט אין מיין יוגנט און איך האָב געפּאַשעט זיי־נע שעפּסן. אָבער מיר האָט געהאָלפן מיין שטאַרקע האַנט און

מיין שיינקייט, וואָס האָבן מיך אויפגעהויבן פון די סטאַדעס שעפּסן און מיך אַוועקגעזעצט צווישן די רייכע שיינע לייט, און תּמר האָט מיך ליב באַקומען, האָב איך זי אויך געענטפערט מיט ליבע, וואָרום זי איז דאָך אַ נדיב־טאָכטער, און איז זייער רייך. ווי אָבער אונזער ליבע איז אַנטפּלעקט געוואָרן פאַר ידידיהן, האָט ער מיך אַרויסגעטריבן, האָב איך אייַנגעשטעלט מיין לעבן צו גיין קיין אַשור און אויסלייזן חננאלן, און זיין גאַנץ פאַרמעגן האָט דערוואָרבן מיין האַנט. איך האָב גערעכנט, אַז רייך וועל איך ווערן און באַקומען אַ נאָמען צווישן די גרויסע לייט, האָט מיר אָבער תּמר נישט פאַרגונען, איך זאָל ירשנען אַ פאַרמעגן, אויף וועלכן מיינע עלטערן האָבן נישט געאַרבעט. נישט אַנדערש, אַז זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אַן אַנדער בחור. אָדער זאָל אַפילו זיין אַזוי, בין איך אויך נישט קיין נאַר. איך בין מער נישט קיין פּאַסטוך און נישט קיין פאַרבלאָנדזשעט שעפּעלע. און איצט, זמרי, קלאָגסטו זיך אויף תּמרן, פאַרוואָס זי האָט דיך דערווייטערט פון איר פאָטערס הויז, אָבער מיך האָט דאָך תּמר פאַרטריבן נישט בלויז פון איר פאָטערס הויז, נאָר אויך פון לאַנד יהודה און מיך אַרט עס נישט. צי מיינסטו טאַקע, אַז ירושלים איז די האַרינגטע פון מדינות און אירע איינוואוינער—די גרעסטע פון די פעלקער. אויך איך האָב אַמאָל אַזוי געמיינט. פאַרשטיי איך עס אָבער איצט אַנדערש, נאָכדעם ווי איך האָב געזען די גרויסע שטאָט נינוה. דאָרט האָב איך געזען גרויסע חכמים, מענטשן, וואָס פאַרשטייען כּשוף, וואָרזאָגער און קונצנמאַכער. אַלץ האָבן מיינע אויגן געזען און מיין האַרץ איז קלוג געוואָרן. האָב נישט קיין מורא, זמרי, טרעט צו צו מיר, און, אָנשטאָט וואָס דו ביסט ביז אַהער געווען אַ דינער ביי דיין האַר, וועסטו זיין אַ האַר איבער די דינער פון דיין שטוב.

און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז עפּעס גאָר אַ געמיינע זאַך האָט ער אין זינען און אַז אין געהיים וועבט ער אויס אַ נעץ פאַר דיר. האָב איך פאַרוואָרפן אַ ווענדקע אין דער טיפעניש פון זיין האַרץ און איך האָב געזאָגט: „וואָס טראַכסטו, אַמנון, וועגן

מלך פון אַשור? צי וועט ער אויך מאַכן אַ תל פון יהודה, ווי ער האָט געמאַכט פון שמרון?"—האָט אַמנון צו מיר געזאָגט: „דאָס, וואָס איך רעכן, דאָס האָט איצט דיין מויל געזאָגט. אָבער היט דיינע ליפּן און זאָלסט אַזעלכע ווערטער נישט ריידן פאַר די, וואָס האָבן ליב ציון. געוויס, זמרי, וועט סנחריב מאַכן אַ תל פון ציון, ער וועט אויסראָטן אַלץ און אַלעם. דאָ ווערט צוגעגרייט אַ שחיטה פאַר שטאַרקע, פאַר אָקסן, קעלבער, עלטערע און יונגע טויבן צוזאַמען." האָב איך געזאָגט צו אַמנונען: „און וואָס וועסטו טאָן מיט דיין איידעלער טויב, אויב זי וועט דיך איבערבעטן מיט ליבע, דו זאָלסט צו איר צוריקקערן?" האָט אַמנון געזאָגט: „מיין צאַרטע טויב, וואָס איז באַדעקט מיט זילבער? ניין! איך וועל נישט איבערגעבן צו די חיות מיין טויב!"

איז תמר געקומען צו זיך און אַ ליכטיקייט האָט באַשטראַלט איר געזיכט און זי האָט געזאָגט:

—גענוג פאַר מיר! אַמנון האָט מיך נאָך ליב, און זאָלן זיך שוין ענדיקן דיינע בייזע רייד!

האָט זמרי צו איר געזאָגט:

—הלואי וואָלטן מיינע אויערן פאַרשטאָפּט געוואָרן און איך וואָלט דידאָזיקע ווערטער נישט געהערט! צי ווילסטו, מיין האַרינטע, איך זאָל דיר אויסטראַכטן ליגנס, אַבי אַנגענעמע? לאָז זשע מיך צורו און איך וועל גיין פון דאַנען.

האָט תמר געזאָגט:

—אוי דו מענטש, וואָס דו קענסט נישט אָנזאָגן קיין גוטס! דו ביסט אַ מענטש, וואָס זוכסט בלויז געטלעכע מלאכים אויף דער ערד!

האָט זמרי געזאָגט:

—פון זינט איך קען אַמנונען, האָט ער שטענדיק גערעדט אַזעל־כע ווערטער, צו וועלכע עס האָבן זיך צוגעהערט די מלאכים פון גאָט. אָבער ווי צו דער נעכטיקער נאַכט, וואָס ער האָט גערעדט פאַרדאַרבונגסרייד, פאַר וועלכע די שדים פאַרשטאָפּן זיך די אויערן, כדי זיי נישט צו הערן. וואָרום אַמנון האָט

מיך אָנגעטרונקען מיט ווייַן און ביר, און אויך ער האָט זיך אָן אַ שיעור אָנגעטרונקען. די אויגן זייַנען אים רויט געוואָרן, די צונג האָט זיך אים שווער איבערגעדרייט אין מויל, און ער האָט גערעדט זינדיקע רייד, וואָרום ער האָט אויסגערעדט אַל־דאָס בייז אויף דעם מלך, אויף די האַרן און אויף די חילות, און אויף בן־אמוצן און אויף אַלע נביאים, מיט וועלכע ער אַליין האָט זיך אַרומגעפירט. און ער האָט ווידער גערעדט וועגן דיר און האָט אַזוי געזאָגט: „דו האָסט דאָך מיר געפרעגט, זמרי, וואָס איך וועל טאָן מיט מייַן צאַרטער טויב? זיי זשע וויסן, אַז צווישן די דערשלאָגענע פונם שווערד וועט זי זיך נישט געפינען און צווישן די געשטאָרבענע פון הונגער וועט זי אויך נישט געציילט ווערן, איך אַליין וועל איר מאַכן אַ קבר דערפאַר, וואָס זי האָט געפעלשט אין מיר!" האָב איך אים געפרעגט: „דייַן צונג האָט דאָך שטענדיק גערעדט צו תּמרן ליבע און פרייַנטשאַפט און ווי אַזוי ביסטו איר אַ שונא געוואָרן?" האָט ער מיר געענטפערט: „אַזוי רעדט די צונג נאַר, און דאָס האַרץ טראַכט עפּעס אַנדערש. וואַרט נאָך אַ ביסל, וועסטו זען, זמרי, אַז מייַן האַרץ האָט אַ סך קלוגשאַפט גע־לערנט, און נישט אומזיסט בין איך געווען אין אַשור."

און תּמר האָט זיך געכאַפּט פאַרן האַרצן און געזאָגט:

—גאָט מייַן באַשיצער! גיב מיר כּוחות צו קענען פאַרנעמען דידאָזיקע רייד!

און זמרי האָט ווייטער דערציילט:

—אויך איך האָב קיין כּוחות נישט געהאַט צו הערן דידאָזיקע רייד, איך בין אָבער צעמישט געוואָרן, און מיך איז מיטאַמאָל באַפאַלן אַ שלאָף, ווי דער שלאָף פון טויט און איך בין אַנט־שלאָפן געוואָרן.

און איך ליג מיר אַזוי און שלאָף אויף מייַן געלעגער, האָט מיך אַמנון אויפגעוועקט אום האַלבע נאַכט און האָט געזאָגט: „שטיי אויף, קום מיט מיר און איך וועל דיר ווייַזן מייַן קראַפט." און ווי אין חלום בין איך געווען, גייענדיק נאָך אים, כ'האָב זיך געוואַקלט און געשאָקלט, ווי אַ שכּור. וואָרום איך בין נאָך

נישט געווען אויסגעניכֿטערט, אַ פֿינסטערע שרעק האָט צוגע־דעקט די ערד און דעם הימל, זיינען מיר געגאַנגען און גע־קומען ביזן גיהנום־טאָל. „אָך! אָך!—האָבן מיינע אויערן גע־הערט ווי אַ מיידל רופֿט—אָך, מוטער מיינע! אָט איז אַמנון, מיין אויסדערוויילטער, מיין ליבהאָבער איז געקומען!“ און אַ קול פֿון אַ פֿרוי ענטפֿערט איר: „די בימה איז אויפֿגעשטעלט, צינד זשע אָן, טאָכטער מיינע, פֿייער, און ווייז דיין געליבטן אַמנונען די אַלע מוראדיקע זאַכֿן אויף דער וועלט, וואָס זיי־נען אין דיין רשות.

און אַזוי ווי זי רעדט אַזוי, האָט מיר אַ שלאָג געטאָן אין באָז אַ געשאַנק פֿון שוועבל און ברענענדיקער סמאָלע און אַ רויט־גרינער פֿלאַמפֿייער האָט זיך באַוויזן אויף דער בימה, און ביים ליכֿט פֿון פֿלאַם האָב איך געזען אַ חנעוודיקע פֿרוי און אַ מיידל אַ שיינהייט, און זייערע האָר זיינען געווען צעלאָזט און די שלעפֿעס פֿון זייערע שוואַרצע קליידער צעפֿאָכֿן דאָס פֿייער, און זיי זאָגן אַזוי: „ברען, ברען, פֿייער, ברען, ברען, גיהנום, און צינד אָן דעם אייפֿער אין תמרס האַרץ און זאָל זי זיך אָנצינדן און ווערן ווי אַ פֿייערפֿלאַקער!“ און דאָס מיידל האָט געגעבן צו אַמנונען און צו אים געזאָגט: „פֿאַרשטער איצט דיין בונד מיט תמרן.“ האָט אַמנון זי אָנגענומען ביי דער האַנט, האָט זי געקושט אין די ליפּן און געזאָגט: „איך לאַך פֿון תמרן און פֿון איר עשירות און אין דיין ליבע וועל איך שטענ־דיק פֿאַרברייגנען.“ האָט דאָס מיידל געזאָגט: „אויב אַזוי, זאָל אונזער בונד געשלאָסן ווערן דורך מוראדיקע עדות!“ און זי האָט אַ פֿייף געטאָן מיט אירע ליפּצן און אַ שטורמווינט ברומט און פֿייפֿט איבערן גאַנצן גיהנום־טאָל, און אַן אומריינער ווינט טראָגט מיט וויסטונג פֿון אַלע פֿיר זייטן, און לייבן און יונגע לייבן שרייען, און בערן ברומען, און נאַכֿטוועלף קלאָגן און וואַלד־חזרים שרייען און באַלד דערויף—אַ פֿליגל־קלאַפּעריי פֿון אַלע וויסטע פֿייגלען—קראָען שרייען און קלאָגן, און שיפּענדיקע שלאַנ־גען האָב איך געזען אַרומקריכֿן, און ווי איך שטיי אַזוי פֿאַר־וואונדערט פֿון דעם, וואָס איך זע, גייען אַרויס מתים פֿון די

קבֿרים, און שאָקלען זיך אָפּ פֿון דער ערד און בלייבן שטיין אין טאָל, און דער שטן שטייט אויף דער בימה און שדים און לאַפּיטוטן שפּרינגען אַרום איר. און אַ טויט־שרעק איז מיך באַפֿאַלן און איך האָב אויסגערופֿן: „ווײ, גאָט! גרויסער גאָט! וואו בין איך?" איז צו מיר צוגעלאָפֿן אַ שרעקלעכער שד און האָט מיך איבערגעשראָקן און געזאָגט: „שווייג! דאָ טאָר מען נישט דערמאָנען גאָטס נאָמען! אָט איז דער שטן, דער מלך פֿון די שדים, בוק זיך צו אים און רוף אָן זיין נאָמען." איז דאָס מיידל צוגעגאַנגען צו אַ שרעקלעכן לייב און האָט אים אָנגענומען פֿאַר דער באָרד און אים צוגעפֿירט צו דער בימה, וואו זי האָט אים געהרגעט און אינגאַנצן פֿאַרברענט פֿאַר אַ קרבן. און נאָכדעם האָט זי געשפּריצט זיין בלוט אויף דער בימה און אויף אַמבונען, און געזאָגט: „דאָס איז דאָס בלוט פֿון מיין בונד, וואָס איך האָב געשלאָסן מיט דיר און עס זאָל דיר פֿאַרגעבן ווערן דיין בונד, וואָס דו האָסט געשלאָסן מיט תּמרן ביי דעם געפֿאַלענעם לייב." און די פֿרוי האָט געשאָכטן צוויי וואַלד־חזירים און זיי מקריב־געווען אויף דער בימה און דאָס פֿלייש, וואָס איז געבליבן, האָט זי אַריינגעלייגט אין אַ טאָפּ, און האָט גענומען אַ קוואָרט וויין, און האָט אַ ביסל געגאָסן אויף דער בימה, און דאָס איבעריקע אַריינגעטאָן אין אַ כּלי, און דאָס מיידל האָט אויסגערופֿן, אַזוי צו זאָגן: „דו, שטן, ביסט דער עדות פֿון אונזער בונד און אַלע מוראדיקע חיות פֿון דער וועלט זיינען עדות!" נאָכדעם האָט זי ווידער אַ פֿייף געטאָן מיט אירע ליפּצן און אַלע זיינען אַנטרונען געוואָרן. אינגיכן האָט זיך אָפּגעקאָכט דאָס חזירפֿלייש און זיי האָבן זיך געזעצט עסן פֿון דעם, וואָס זיי האָבן מקריב געווען צו די מתים, און געטרונקען דעם וויין, און דאָס איבעריקע האָבן זיי אַריינגעגאָסן אין לאָגל, און אין לאָגל האָבן זיי אַריינגעטאָן גיפֿט, און האָבן מיך אויך פֿאַרבעטן צו עסן און טרינקען מיט זיי. האָב איך אָבער געזאָגט: „איך קען גאָרנישט טועם זיין דערפֿון, וואָרום איך בין זייער איבערגעשראָקן." האָט דאָס מיידל געזאָגט צו מיר: „היט זיך, דו זאָלסט גאָרנישט דערציילן, וואָ־

רום דו שטייסט מיט דיין לעבן.״ און אַמנון האָט געהוליעט מיט די צוויי פרויען און מיר האָט זיך גערירט דער מוח פון דעם, וואָס מיינע אויגן האָבן געזען און מיינע אויערן האָבן געהערט. די כּוחות האָבן מיך פאַרלאָזט און אַ טויט־שלאָף איז מיר באַפאַלן, בין איך אַנטשלאָפן געוואָרן. און אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און געעפנט די אויגן, האָב איך געזען, אַז איך געפין מיך ביי אַמנונען אין חדר. האָב איך זיך באַלד אויפגעהויבן, און אַמנון האָט געגעבן פורהן אַ לאָגל ווייַן מיט אַ בריוו, ער זאָל זיי צו דיר אַוועקטראָגן, און ער האָט צו מיר געזאָגט: „איך האָב דיר געוויזן, זמרי, מיין פּחד, איצט וועל איך דיר ווייזן מיין כּוח, נאָר האַלט דאָס מויל!״ און אַז אַמנון איז אויף אַ ווײַלע אַרויס פון חדר, האָב איך זיך באַלד אַרויסגעגנבעט און זיך געטראַכט: איך וועל לויפן און דער־ציילן מיין האַרינטע, זאָל זיין מיט מיר, וואָס עס וויל זיך! — אָך! דער לאָגל איז נאָך פול און מיין האַרינטע לעבט!

און תּמר, וואָס איז שטאַרק דערציטערט געוואָרן, הערנדיק די־דאָזיקע שרעקלעכע רייד, האָט זיך פּלוצלונג אַ טרייסל געטאָן ווי פון אַ שרעקלעכן חלום און אויסגערופן:

—ווי! מיין קאָפּ דרייט זיך מיט מיר, ווי אַ ראָד, פון שטורעם־ווינט! אַלע פיר זייטן פון דער וועלט שפּרינגען מיר פאַר די אויגן. מעכה האַלט מיך צו.

האָט מעכה געזאָגט:

—מיר דאַכט זיך, אַז זמרי רעדט עס פון חלום, איך גלויב גאָרנישט, אַז ער האָט דאָס געזען אויפן וואָר. לאָמיר פּרובן און וויסן, צי איז עס אמת, וואָס ער האָט דערציילט, צי נישט.

און מיט די ווערטער האָט מעכה גענומען די טויב, וואָס תּימן האָט געשיינקט תּמרן אויפן הר־הזיתים און וואָס תּמר האָט זיך שטענדיק געשפּילט מיט איר, און האָט איר פון דעם ווייַן אַריינגעגאָסן אין פּיסקל אַריין. האָט די טויב גענומען פאָכן און קלאַפּן מיט די פליגלען אויף דער ערד, און באַלד דערויף

איז זי אַוועקגעשטאָרבן. האָט תּמר אָנגעהויבן שטאַרק צו שוי־דערן און איר געזיכט איז איר בלייך געוואָרן.
האָט מעכה געזאָגט:
—ווי, מיין האַרינטע, דער טויט איז אין לאָגל, און וואָס ווער־טו זאָגן?
—וואָס זאָל איך זאָגן?—האָט תּמר געענטפערט.—כ׳וועל זאָגן צו די בערג: דעקט מיך צו און צו די הויכן—פאַלט אויף מיר. ווי געשריען! מיין רוצח האָט היינט אויסגעפירט זיינע טראַכ־טונגען!
און זמרי האָט זיך געפליקט די האָר פון קאָפּ און געזאָגט:

—הלואי וואָלט איך נעכטן אומגעקומען, ווי דידאָזיקע טויב, וואָלט איך דאָך היינט פאַרשפּאָרט דאָס צו זען! שטאַרק זיך, תּמר, מיין האַרינטע, און שטעל אַרויף דיין טריט אויפן קאָפּ פון שלאַנג, וואָס האָט געלאָקערט דיר צו בייסן ביים פיס

און תּמר איז ווי פאַרשטומט געוואָרן און פון גרויס אויפרע־גונג גאָרנישט געקענט ריידן, און זמרי איז צעמישט געוואָרן און האָט געזאָגט:
—דו אַליין, מיין האַרינטע, ביסט דאָך צו מיר צוגעשטאַנען, איך זאָל דיר דערציילן אַלץ, וואָס איך ווייס.
האָט תּמר געזיפצט און געזאָגט:
—דו ביסט נישט אומגעקומען, בשעת דו האָסט עס צוגעזען מיט דיינע אויגן און איך בין פון בלויז הערן שטאַרק דערשלאָגן.

האָט זמרי געזאָגט:
—איך בין דאָך אַ מאַנספּערשוין און אַמנון איז מיר אַ פרעמדער. און אויך דו, מיין האַרינטע, טרייב אים אַוועק פון דיינע רעיונות און פאַרגעס אים און זיינע בייזע מעשים. זע, איך וואָרן דיך, איך באַשווער דיך אויך אין גאָטס נאָמען, דו זאָלסט גאָרנישט ריידן פון דעם, וואָס איך האָב דיר דאָ דערציילט, וואָרום איך האָב מורא פאַר אַמנונען.

האָט תמר אים געענטפערט מיט גרויס גרימצאָרן:
— אָך, דו מענטש, וואָס דו צוטערסט אַזוי! דאָס, וואָס דו האָסט געהאַט צו זאָגן, האָסטו דאָך געזאָגט, און איצט לאָז מיך צורו.

איז תמר אַריין צו זיך אין חדר און אויך ידידיה איז אַריין צו איר און זיך אָנגערופן:
— וואָס איז דיר, טאָכטער מיינע, וואָס דו גייסט אַרום, ווי אַ שאָטן? וואָס באַהאַלסטו דיין טרויער פון דיין פאָטער? צי קען איך דיר גאָרנישט העלפן?
איז תמר געפאַלן דעם פאָטער אויפן האַלז און האָט זיך צע־וויינט און געזאָגט:
— פאַרגיב, פאָטער מיינער, די זינד פון דיין אומגליקלעכער טאָכטער, וואָרום איך האָב דיך נישט געפאָלגט. איך, ווי אַ מיידל, האָב דערזען אַמנונען און אים ליב באַקומען, און איצט, ווי איז מיר! מיינע אויגן האָבן אַליין געזען ווי גרויס ס'איז זיין שלעכטיקייט. וואָרום ער האָט זיך פאַרקויפט צו דער אומ־ווירדיקייט, איז ער מיר אויך אומווירדיק געוואָרן. איך בעט דיך, פאָטער מיינער, אַז הנבאל זאָל נישט וויסן פון דעם. איך האָב געבראַכט די אומווירדיקייט אין דיין הויז אַריין און איך אַליין וועל זי דערוויטערן.
און ידידיה האָט באַדויערלעך געשאָקלט מיטן קאָפ און געזאָגט:

— ווי איז צו מיר און ווי איז צו דיר, טאָכטער מיינע! וואָ־רום דו האָסט תמיד אַלץ פאַרבאָרגן פון דיין פאָטער. און איצט דערוויטער אים פון מיין שטוב, וואָרום איך ווייס אויך פון זיין ווידערשפעניגקייט. כ'האָב געשוויגן. כ'האָב זיך איינגעהאַלטן, כדי צו וויסן ביז וואַנען ער וועט דיך אויך באַליידיקן.
האָט תמר געוויינט און געזאָגט:
— אמת, האַר און פאָטער מיינער, אַמנון איז פאַרדאָרבן. ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אומווירדיקע מעשים, די הימלען זאָלן קלאָגן אויף דעם, די מלאכים זאָלן ביטער וויינען דערויף און אויך דער תהום זאָל אויפציטערן. לאָז מיך, פאָטער מיינער,

וואָרום מיין האַרץ איז מיר וויסט און איך קען דיר נישט קוקן אין פּנים אַריין. ווי איז מיר, וואָס איך האָב ווידער־געשפּעניקט אין דיינע רייד! האָט ידידיה זי פאַרלאָזט און איז אַרויס און תמר האָט זיך אַ מידע געוואָרפן אויף איר געלעגער.

און חננאל איז אַריין צו תמרן אין חדר און האָט זי געטראָפן וויינענדיק אויפן קול, האָט ער געזאָגט צו איר:

—וואָס איז דיר, טאָכטער מיינע?

האָט תמר ביטער געקלאָגט און געזאָגט:

—קער זיך אָפּ פון מיר, טייערער זיידעניו! אַ סך ביסטו אויס־געשטאַנען אין דיין לאַנגן לעבן, ביסט געווען גליקלעך און אומגליקלעך. אויך דו האָסט מיך געזען אַ גליקלעכע, איז איצט געקומען אַ צרה אויף מיר, איך בין זייער שלאַף און איך ווער אָפּגעריסן פון אַמנונען אין דעם טאָג, אויף וועלכן איך האָב אַזוי געהאָפט.

איז חננאל דערציטערט געוואָרן פון דידאָזיקע ווערטער און האָט געזאָגט:

—האָף, טאָכטער מיינע, צו גאָט, וואָרום ער קען העלפן.

און חננאל איז אַרויסגעגאַנגען פון איר חדר, כּדי צו ריידן מיט ידידיהן און תרצהן, מען זאָל שיקן אַ הויזבאַדינער, צו ברענגען אַ רופא פון גלעד.

אָבער תמרס טרויער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שרעקלעכן צאָרן, וואָס האָט זיך אין איר צעפלאַקערט. האָט זי זיך מי־טאָגצייט אַוועקגעזעצט און געשריבן צו אַמנונען אַ ביטערן בריוו, און תרצה האָט זי געבעטן, זי זאָל איר זאָגן, וואָס אַזוינס איז געשען? האָט תמר צו איר געזאָגט:

—זאָלסט נישט צושטיין צו מיר, מוטער מיינע, איך וועל פריער פאַרטרייבן דעם אויסוואורף אַמנון פון געטלעכן לאַנד, און וועל דיר נאָכדעם דערציילן פון זיינע שרעקלעכע מעשים, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן, און וואָס איך אַליין האָב עס געזען מיט מיינע אייגענע אויגן.

האָט תּרצה געזיפֿצט און געזאָגט:

—ווי איז מיר, טאָכטער מיינע, וואָס דו האָסט זיך איבערגע־געבן צו די הפקרות פון דיין האַרץ, ליב צו האָבן און פיינט צו האָבן, ווי דיר פאַלט איין. געדיינק, וואָס ער האָט געטאָן פאַר דיר און פאַר דיין פאָטער.

האָט תמר געזאָגט:

—ווען אַמנון וואָלט אפילו געלעבט טויזנט יאָר און כּסדר גע־טאָן גוטס און רעכטפאַרטיקייט, וואָלט אויך איצט זיין גרויס שלעכטס זיי צוגעדעקט ווי דער תּהום. דו ווייסט דאָך, מוטער מיינע, אַז זיין נאָמען און זיין אָנדיינק איז געווען די גלוס־טונג פון מיין האַרץ, און איצט—אַז איך דערמאָן זיך אָן אים, באַפאַלט מיך אַ טויטשרעק. לאָז מיך, מוטער מיינע!

און ביי דידאָזיקע רייד איז עוץ אַריינגעקומען און האָט גע־זאָגט:

—זיי אַזוי גוט, נדיב־טאָכטער, און גיב דיין געליבטן אַמנונען אַן ענטפער, וואָרום ער קוקט זיך אויס די אויגן אויף דיין תּשובה.

האָט תמר צו אים געזאָגט:

—צי איז ער נאָך דאָ אין ציון? זאָל ער זיך איילן צו פאַר־לאָזן די שטאָט איידער עס ווערן פאַרשלאָסן די טויערן און פאַררוקט די ריגלען, וואָרום דער שווערד פון נקמה שוועבט איבער זיין קאָפּ! זאָג אים, אַז פינסטערניש און שטרויכלונג זאָלן זיין זיין וועג.

האָט תּרצה געזאָגט צו אים:

—זאָג אים, אַז אויף דעם וועג, אויף וועלכן ער האָט זיך גע־שטעלט, זאָל גאָט אים פירן, און אים צאָלן, ווי ער האָט זיך פאַרדינט.

און תמר האָט געזאָגט צו אים:

—גיי איצט אַוועק און קום צוריק פאַרנאַכט, וועל איך דיר געבן אַ בריוו צום פאַררעטער פון מיין לעבן און פון זיין אייגן לעבן.

איז עוץ געגאַנגען מיט אַ ביטער האַרץ אָנצוזאָגן אַמנונס מוטער,

אַז איר זון איז אַריינגעפאַלן אין אַ צרה. האָט נעמה פאַרבראָכן די הענט און אויסגעשריען:

—נאָך די צרה האָט מיר געפעלט! גאָט האָט ביידע קינדער אַריינגעוואָרפן אין אַן אומגליק! אייל זשע זיך און זאָג אים, ער זאָל זיך באַלד אַוועקלאָזן אין וועג אַריין, און איך מיט מיין טאָכטער וועלן אים נאָכגיין און מיר וועלן זיך טרעפן אין בית לחם, וואו מיר וועלן היינט אויך סתרין געפינען.

און נעמה מיט פנינהן האָבן ביטער געוויינט, אָבער ווי! וויי! זיי האָבן נישט געקענט אַנטלויפן, וואָרום ידידיה האָט אַרויס־געשיקט אויסקוקער צו כאַפן זיי ביינאַכט און צו ברייַגען זיי צו אים און ער וועט זיי שוין איבערענטפערן צו די אַלטע לייט—די שופטים.

כג.

די זון האָט געניייגט צו פאַרגיין און האָט געשיקט אירע לעצטע שטראַלן אויפן שפּיץ פון הר־הזיתים. און אַמנון, וואָס האָט זיך אויסגעקוקט די אויגן, וואַרטנדיק אויף פורהן און עוצן, איז אַליין אַוועקגעגאַנגען אין שטאָט אַריין, און צו־ריקגעגאַנגען מיט אַ ביטער געמיט. און איצט שפּאַנט ער אַרום מיט אַ צערודערט האַרץ נעבן טייך שלוח, דאָרט, וואו דער דאָזיקער זיסער טייך גיסט זיך אַריין אין טייך קדרון. און אַמנון האָט געזאָגט:

—ווי אָנגענעם זיינען דידאָזיקע רואיקע וואַסערן, וואָס שטראָמען שטיל. ווי קריסטאָל לייכטן זיי און זיינען זויבער ווי די זווי־בערע הימלען.—נאָר זיי גייען אַריין אין אַ נישט ריין אָרט, אין טייך קדרון, אין וועלכן מען וואַרפט אַריין יעדע אומריינע זאַך. אַזוי ווי די שטילע וואַסערן פון שלוח, אַזוי שטיל און רואיק זיינען געוועזן מיינע טראַכטונגען און אַזוי ווי זיי, וואָס פליסן אין אומריינקייט אַריין, אַזוי ווערט אויך פאַרגאָסן מיין האַרץ

מיט שוואַרצן טרויער. ווײ, ווײ! נישט לאַנג האָבן געדויערט די טעג פון מנוחה. אָנגעלאָפן זײנען אויף מיר טעג פון פּײן!

און געשפּאַנט האָט אַמנון און געוויינט, און מיט געוויין איז ער אַרויף אויפן הר־הזיתים און עוצס שטים האָט אים גערופן פון צווישן די צווייגן:

—גיכער, אַמנון!

—אָך!—האָט אַמנון אים אָפּגעענטפערט.—מײנע אויגן קוקן דיך אויס און מײנע אויערן וואַרטן אויף דײן וואָרט.

—ווײ געשריען!—האָט עוץ אים געענטפערט.—קלעפּ ליגן אין מײן מויל און טויט אין מײן האַנט.

און מיט די ווערטער האָט ער אים אַ ווײז געטאָן דעם בריוו, וואָס תמר האָט צו אים געשריבן און דעם לאָגל ווײן, וואָס זי האָט אים צוריקגעשיקט און געזאָגט:

—אַזוי האָט תמר דיר געהייסן זאָגן: „דערדאָזיקער בריוו איז פאַר אונז אַן אָפּשניט, וואָס שניידט איבער אונזער בונד אויף אײביק, זאָל ער טרינקען דעם ווײן און פאַרגעסן אין דער ליבע און גליק". און איך האָב גענומען דעם בריוו און דעם לאָגל ווײן און בין אַוועק. איז איר דינסט מעכה אַרויסגעגאַנגען נאָך מיר און געזאָגט: „זאָל אַמנון דעם ווײן נישט טרינקען! מאָרגן אינדערפרי וועל איך קומען צו אים און וועל אים דערציילן מוראדיקע זאַכן, וואָרום תמר איז געוואָרן אַן אכזר צו אים און זי וויל אים אומברענגען.

און אַמנון האָט פון בריוו אַרויסגעלייענט דידאָזיקע רייד:

„מײן חבר! מײן פרײנט! מײן אויסדערוויילטער! מײן האַרצנס־געליבטער! אַזוי האָב איך דיך שטענדיק גערופן מיט ליבשאַפט, און אַזוי האָסטו מיך אויך גערופן: מײן טויב! מײן טײערע! מײן אײנציקע! אײנע ביסטו מיר אויף דער גאַנצער וועלט! אַזעלכע גוטע גלאַטיקע ריידעלעך האָבן דײנע לעפּצן גערעדט. און דײנע הענט, ווײ, ווײ! האָבן פאַר מיר געגראָבן אַ קבר! דײנע לעפּצן—זײנען רויזן, און דײנע האַרצטראַכטונגען—רוצחים.

אַזוי האָסטו געטראַכט צו טאָן מיט דיין טויב, מיט דיין איינ־ציקער! און איצט—בלוטיקער חתן! געגוג פאַר אונז צו וואָר־קען ווי טויבן פון ליבע און פריינטשאַפט און זיסקייט, לאָ־מיר זיך בעסער אויסקלייבן דאָס ברומען פון די בערן און דאָס שרייען פון יונגע לייבן. הער זשע מיין געשריי און מיין האַרצנס־ברום, הער זיך צו, אויב דיינע אויערן זיינען נאָך נישט פאַר־שטאָפּט, ווי ביי אַ טויבנשלאַנג. אָבער צו וואָס זיינען מיינע רייד? ווילד פאַרשטאָפּט זיינען דיינע אויערן, ווי ווילד ס׳איז דיין האַרץ, וואָרום דו האָסט געזויגן די מילך פון ים־שלאַנגען און דעם שלאַנגענגיפט, וואָס אין מדבר. וואו איז דער אַמנון, וואָס האָט זיך באַוויזן פאַר מיר, ווי אַ גוטער מלאך, מיך מציל צו זיין פון לייב דעם פאַרדאַרבער? ווי געשריען! מיין האַרץ ווערט אין מיר צושפּרונגען פרעגנדיק: וואו איז ער? אַמנון פון בית־לחם האָט מציל געווען מיין לעבן און אַמנון דער כשופמאַכער האָט עס געוואָלט פאַרשניידן! איך וואָלט גע־וואָלט אַרויסברייגען דיינע בייזע מעשים אויף מיינע לעפצן, האָב איך אָבער מורא, טאָמער וועט גאָט צאָרניק ווערן, אויס־גיסן זיין כעס צו דער שטאָט און מאַכן אַ תל פון לאַנד יהודה, וואָרום דיינע אומווירדיקייטן האָבן דערצאָרנט גאָטס שטול.

„און איצט—אַנטלויף, דו, וואָס דו האָסט מיך געוואָלט אומברייג־גען. אַנטלויף אַהין, וואו די בערג רויכערן און די ימים ברו־מען. קלויב דיר אויס צום וואוינען די נאָרעס פון די לייבן און שלאַנגען,—אויך דאָרט וועט זיך אַרויסווייזן דיין שלעכטס, וואָרום דו ביסט זיך באַגאַנגען נאָך ערגער פון זיי! דער לייב האָט ליב זיין לייבין, די ים־שלאַנגען דערבאַרעמען זיך איבער זייערע קינדער—און דו האָסט פאַרצוקט דאָס לעבן פון דיין גע־ליבטער. אַנטלויף זשע, געשלענגלטע שלאַנג! זאָלסט זיך נישט פּרובן מיך איבערצורייידן מיט דיין גלאַטיק שלאַנגענצינגעלע. אַנטלויף מיט דיין לעבן, צו וואָס זאָל איך נאָך זען, ווי דיין בלוט גיסט זיך ווי וואַסער אויף דער ערד? וואָרום אַ צאָרן האָסטו צעפלאַקערט אין מיינע באָנטע און אייגענע, און אויב

זיי וועלן דיך כאַפּן, וועלן זיי דיך צורייסן אָן רחמנות אין טאָג פון נקמה."
און אַז אַמנון האָט געענדיקט לייענען דעם בריוו, האָט ער זיך אויסגעריסן די האָר פון קאָפּ, און צוריסן זיינע קליידער און געקלאָגט פון טיפן האַרצן און אויסגערופן:
—ווי אויף דעם ביטערן שרעקלעכן טאָג! גאָט האָט אונז צו־מישט און מיר פאַרשטייען זיך נישט איינאַנדער. געבעט און תחנונים האָב איך אויסגעגאָסן פאַר תמרן און זי האָט צו מיר געשריבן אַזעלכע ביטערע ווערטער. וועגן כשוף און ווידער־שפּעניקונג און האָט מיך געמאַכט פאַר אַ רוצח, וואָס וויל זי טויטן. ווי געשריען? מיין שכל איז אַנטרונען פון מיר און איך פאַרשטיי זי נישט. ניין, תמר, איך בין עס נישט! נישט אַנדערש, אַז מען האָט מיך באַרעדט און באַעוולט, און תמר איז פאַרפירט געוואָרן צו גלויבן די בייזע מיילער. וועל איך גיין זיך וואַרפן פאַר אירע פיס, און וועל ביטער וויינען אין אירע אויערן און איר האַרץ וועט צו מיר געענדערט ווערן.

—זאָלסט זיך נישט דערוועגן!—האָט אים עוץ געענטפערט.—לויף נישט אַנטקעגן דעם טויט. מעכה, תמרס דינסט, האָט דאָך אַזוי געזאָגט: „מאָרגן בין איך גרייט צו קומען צו אַמנונען און אים דערציילן, אַז תמר איז געוואָרן צו אים זייער שלעכט און זי וויל אים אומברענגען." אין דעם לאָגל וויין איז דאָך דער טויט און תמר האָט אים דיר געשיינקט, כדי דו זאָלסט פון אים טרינקען און פאַרגעסן אין דער ליבע און פאַרגעניגן.—און פאַרוואָס זאָל די מרשעת אַליין נישט טרינקען פון דעם וויין?

—שווייג, עוץ!—האָט אַמנון אויסגערופן.—זאָלן מיינע אויערן טויב ווערן, אויב זיי וועלן הערן, ווי דו לעסטערסט איר נאָמען.

האָט עוץ געזאָגט:
—אויב אַזוי, גיי צו איר, אויב דיר איז ליב צו באַקומען דעם טויט פון איר האַנט. האָב רחמנות אויף דיין לעבן און ענט־

פער עס נישט איבער אין די הענט פון די, וואָס ווילן עס אומברייגגען. אייל און ווער אַנטרונען מיט דיין לעבן!

—ניין,—האָט אַמנון אים געענטפערט.—נישט מיט מיין לעבן, נייערט פון מיין לעבן וועל איך אַנטרונען ווערן, פון מיין לעבן, וואָס איז מיר געוואָרן שווער.

האָט עוץ געזאָגט:

—פאָלג זשע אָבער דיין מוטער און שוועסטער, וואָרום זיי האָבן מיר באַפוילן, איך זאָל צו דיר צושטיין, דו זאָלסט דורכאויס גיין קיין בית לחם, און באַלד וועלן זיי אויך גיין אַהין. דאָרט וועסטו אויך געפינען סתרין אין הויז פון מיין האַר אבישי.

און אַמנון איז פלוצלונג אַזוי ווי צעמישט געוואָרן, וואָרום ער האָט נישט געהערט עוצס רייד, און ער האָט געזאָגט:

—גיי, כ'בעט דיך, עוץ, און זאָג צו תמרן, מיין טויב, אַז אַמנון, איר געליבטער, וואַרט אויף איר מיט אומגעדולד אונ־טערן איילבירבוים, אויף וועלכן עס זיינען אויסגעקריצט אונ־זערע נעמען צום אָנדיינק, וואָרום איך האָב נאָך זייער אַ סך מיט איר צו ריידן.

—זיי נישט משוגע, אַמנון,—האָט אים עוץ געענטפערט.—אַנטלויף גיכער, וואָרום די זון איז שוין פאַרגאַנגען.

—ביסט גערעכט,—האָט אים אַמנון געענטפערט,—ביז אונטער דער וועלט וועל איך אַנטלויפן, וואָרום מיין זון איז מיר אינמיטן טאָג פאַרגאַנגען. אַלע פייגלעך רוען שוין איצט, און ווען וועט מיין האַרץ זיך באַרואיקן? לאָז מיך, עוץ, נאָך אַ ווײַלע איינ־צעאָטעמען דעם שאָטן פון דעמדאָזיקן איילבירטבוים, דאָס אָרט, וואו איך האָב פאַרבראַכט מיט תמרן. וויי, וויי! ווער וואָלט דאָס מיר געקענט דעמאָלט זאָגן, אַז איך וועל דאָ אָפּרוען אין אַ ביטערן טאָג, אונטער זיין שאָטן קומען צו זיך, כדי איך זאָל כוח האָבן צו אַנטלויפן פון דעם, וואָס איז מיר צום טייערסטן אויף דער וועלט? וויי צו דער נאַכט, צו וועלכער איך האָב אַזוי שטאַרק געגלוסט! אזך האָב געהאָפט אין דער נאַכט אויף פרייד—און געקומען זיינען לייד! מאָרגן איז מיין חתונה־טאָג

און געקומען איז מיין קלאָג! זאָג זשע, דו געטלעכע שטאָט, צוזאַמען מיט די געטלעכע בערג. זאָגט תמרן: נישט קיין בלו־טיקער חתן איז אַמנון, נייערט אַן אומשולדיק אומגליקלעכער! פרידן צו דיר, געטלעכע שטאָט, און פרידן צו דיר, צאַרטע תמר! קיין כּעס האָב איך נישט, און איך קען אויף דיר נישט צאָרנען, הלואי זאָל אויך גאָט נישט צאָרנען אויף דיר!

און אַזוי ווי ער רעדט דידאָזיקע ווערטער, איז תימן געקומען צו רייטן אויף אַ פלינק פערד, און ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון פערד און געזאָגט:

—זעץ זיך אויף רייטנדיק און אַנטלויף גיך, וואָרום עס קען דיך דעריאָגן דער נקמה־שווערד, וואָס שוועבט נאָך דיר!

און מיט דידאָזיקע ווערטער האָט ער זיך אָפּגעקערט און אַוועק, נישט קוקנדיק מער צו אַמנונען, וואָס האָט אים גערופן.

איז אַמנון אויפן פערד אַוועקגעריטן קיין בית לחם, און ער האָט געזאָגט צו עוצן: „אייל זיך און ברייננג נאָך מיר מיין מוטער און שוועסטער, וואָרום איך וועל זיך אויך דאָרט נישט פאַרזוימען.”

און ס'איז געווען, ווען תימן איז צוריקגעקומען און אַריינגע־גאַנגען צו תמרן אין צימער, האָט ער זי געטראָפן, ווי זי זיצט און וויינט און ער האָט געזאָגט צו איר:

—פאַרגעס, שוועסטער מיינע, אין אַמנונען און זיי גרייט פאַר עזריקמען, ווייל צו אים האָט דיך גאָט באַשערט און דער פאָ־טער אונזערער האָט דיך צו אים פאַרקנסט. היינט ביינאַכט וועלן אַהער קומען די זקנים, און עזריקם וועט דיך מקדש זיין פאַר זיי אין די אויגן.

און חננאל איז אַריינגעקומען אין חדר און האָט געזאָגט:

—ניין, טאַטער מיינע, נישט צו עזריקמען האָב איך געגעבן מיין גאַנץ פאַרמעגן, און ס'וועט פון דעם גאָרנישט ווערן!

—כ'בעט דיך פאָטער מיינער!—האָט תמר געענטפערט.—זיי מיך מציל פון עזריקמס הענט און זאָל ער זיך פאַר מיר נישט ווייזן

אין טאָג פון מיין בראָך. זאָל ער זיך נישט טראַכטן: איצט וועט מיך תמר ליב האָבן, ווייל זי צאָרנט אויף אַמנונען, וואָרום איך האָב אים פיינט און קען זיין צורה נישט אָנקוקן. איין מאַנספערשוין קען איך, און נאָכדעם, ווי ער האָט געפעלשט אין מיר, איז שוין מער קיין מענטש נישטאָ אויף דער גאַנצער וועלט.

האָט חננאל געזאָגט:

—און ווער ווייסט, אפשר איז נאָך גאָרנישט אַזוי גרויס אַמנונס זינד, ווי דיין פאָטער זאָגט? וואָרום דאָס האַרץ פון אַן ערלעכן מענטשן וועט מיט איין מאָל נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ האַרץ פונם גרעסטן רשע. באַלד וועלן אַהער געבראַכט ווערן דידאָזיקע צוויי פרויען און די אַלע לייט וועלן זיי אויספאָרשן.

און תרצה איז אַריינגעקומען און געזאָגט:

—אָט זיינען געקומען די אומווירדיקע פרויען. ס'איז גאָר קיין וואונדער נישט, וואָס אַמנון איז פאַרפירט געוואָרן פון דעם מיידל, וואָרום זי איז אַזוי שיין, ווי אַ מלאך. כ'האָב נאָך אַזאַ שיינקייט נישט געזען.

און תמר האָט אויפגעציטערט, און תימן איז איבערראַשט געוואָרן.—אָבער וואו איז מעכה?—האָט תמר געפרעגט שטאַרק צעמישט. מעכה איז אינדערפינסטער אַוועק פון שטאָט, נאָכצולויפן אַמנונען.

און נעמה מיט פנינהן זיינען געשטאַנען שטאַרק צעמישט אין ווינקל. נעמהס געזיכט איז געווען פאַרהאָנגען מיט אַ שלייער און פנינהס פנים איז געווען אָפּגעדעקט, און די שוטרים, וואָס האָבן זיי געבראַכט צופירן, האָבן זיי אַרומגערינגלט.

און ידידיה האָט באַפוילן, אַז תימן און תמר זאָלן אַריינקומען אין שטוב, און איינעם פון זיינע באַדינער האָט ער געשיקט רופן זמרין. און תמר איז אַריינגעקומען און האָט אַ קוק געטאָן אויף ביידע פרויען—האָט זי מיט ציטערניש זיך אָפּגערוקט הינ־טערווייליגעכטס און געזאָגט:

—וויי, וויי, פאָטער מיינער! אָט דאָס זיינען דידאָזיקע, וואָס האָבן געפאַנגען אין זייערע הענט אַריין אַ טייערע נשמה פון מיר און אַריינגעטאָן גיפט אין ווייַן. נאָך ווייניק פאַר זיי, וואָס זיי האָבן באַטריבט די נשמה פון מיין אויסדערוויילטן, האָבן זיי נאָך אויך מיך געוואָלט אומברייגגען!

און נעמה האָט פאַרבראָכן די הענט און נישט גערעדט קיין

וואָרט און געוויינט פון טיפן האַרצן, און תּימן האָט געקוקט מיט אויגן פול טרערן אויף דער „רויז פון כרמל" און איז געשטאַנען אַ פאַרגליווערטער.
און ידידיה האָט געזאָגט:
—זאָגט זשע, איר טעכטער, גאָט־דערצאָרנערינס: צי ווייסט איר נישט, צי קענט איר גאָרנישט אַמנונען?
האָט פנינה געזאָגט:
—אויב אַפילו שלעכטע מענטשן האָבן אויף אונז אויסגעטראַכט ליגנס—טאָ נעם צו מיין נפש, וואָרום איך בין נאָך אַ מיידל און וויל נישט לאַנג לעבן אויף דער ערד, וואָס איז פאַלש צו אי־רע מענטשן—אָבער מיין מוטער לאָזט אָפּ!
און זמרי איז אַריינגעקומען און איז דערשראָקן געוואָרן, דער־זעענדיק די צוויי פרויען.
האָט ידידיה געזאָגט צו אים:
—האָב נישט קיין מורא פאַר זיי, אויב זיי זיינען גרויסע בריהס אין גיהנם־טאָל, קענען זיי אָבער דאָ גאָרנישט טאָן.
האָט זמרי געזאָגט:
—הערט מיך אויס, איר פרויען. גאָט האָט דאָך באַשאַפן די וועלט מיט אמת און נאָר מיטן אמת קען אַ מענטש זיכער און רואיק לעבן אויף דער וועלט, און דורך גענאַד און אמת ווערן פאַרגעבן אַלע זינד. זאָגט זשע דעם אמת.
האָט נעמה געזאָגט:
—זאָל דער האַר פאַר מיר שטעלן דעם מענטשן, וואָס באַשול־דיקט מיך און זאָל ער מיר אין די אויגן זאָגן מיינע זינד. אַדרבה, לאָמיך וויסן, מיט וואָס האָב איך געזינדיקט פאַר גאָט.

האָט תּמר צו איר געזאָגט:
—שווייג, פאַרשאָלטענע מכשפה! נישט דו דאַרפסט דערמאָנען גאָטס נאָמען, רוף דעם שאָטן און פייף צו די שדים! נעם זיך צו דיין כשוף. אפשר וועסטו דורך אים זיך דערוויסן דיינע זינד און אויך פון דעם מענטשן, וואָס זאָגט עדות אויף דיר.

האָט חננאל געזאָגט:

—זאָגט, וואו איז אַמנון? וואָרום איר קענט אים דאָך. אומזיסט וועט זיין אייער לייקענען! זאָג, דו שיין מיידל! האָסטו טאַקע אָפּגערעדט אַמנונען? זאָג, וואָרום קיין שום ליגן וועט דיר שוין גאָרנישט העלפן.

האָט זיך פנינה שטאַרק צעוויינט און געזאָגט:

—גאָט זאָל זיך אָננעמען פאַר מיר!

האָט ידידיה געזאָגט צו די שוטרים:

—פאַרשליסט דידאָזיקע פאַרשאָלטענע מכשפות אויפן בוידעמ־שטיבל ביז די זקנים וועלן קומען אַהער און דערגיין פון זיי אַן אמת וואָרט און איר גייט און רופט אַהער עזריקמען.

—דערבאַרעם זיך, פאָטער מיינער!—האָט תמר אויסגערופן—זאָלסט מיך נישט איבערענטפערן צום ווילדן יונג!

האָט ידידיה געזאָגט:

—זע זשע, טאָכטער מיינע, אָט דאָס זיינען דאָך די פרוכטן פון דיינע מעשים.

האָט חננאל געזאָגט:

—זאָל אויך פורה אַהערקומען, און אויך אַמנון זאָל אַהערקומען און שטיין צווישן זיינע באַשולדיקער און פיינט, אפשר האָט ער וואָס צו ענטפערן.

—און די שוטרים האָבן אַרויסגעפירט די צוויי פרויען און זיי פאַרשלאָסן אויפן בוידעמשטיבל און נאָכדעם געגאַנגען נאָך עזריקמען.

און די טיר האָט זיך געעפנט, און דער אַלטער אַבישי איז אַריינגעקומען, אָנגעלענט אויף זיין ברודער סתרי. האָבן זיי באַגריסט ידידיהן און אַלע איבעריקע, אָבער ידידיה האָט זיי געענטפערט מיט אַ בייז פנים.

האָט אבישי געזאָגט:

—איך בין זייער שלאַף געווען, און גאָט האָט מיך אַרויסגע־האָלפן פון מיין קראַנקהייט, כדי זיך צו פרייען צוזאַמען מיט דיר אויף דיין גרעסטער שמחה אין טאָג פון אַמנונס און תמרס

חתונה, וואָס דאַרף זיין מאָרגן.
האָט ידידיה געזאָגט:
—אַן אַלטער מאַן ביסטו און ביסט געקומען זען וואונדערלעכע זאַכן: שדים טאַנצן אַרום זיין חופּה, און ווילדע און טויטע גייסטער זינגען ביי זיין חתונה־מאָלצייט!
האָט זיך סתרי פאַרוואונדערט און געזאָגט:
—וואָס רעדסטו אַזוינס?
האָט ידידיה געענטפערט:
—אַמנון האָט זיך דאָך ביי דיר דערצויגן, און ער האָט דיר גאָרנישט געזאָגט, אַז ער האָט זיך גענומען אַ מיידל, וואָס איז אַ כשופמאַכערין און האָט צו טאָן מיט שדים און רוחות.
האָט סתרי געזאָגט:
—נישט אַנדערש, נאָר גאָט האָט איבערגעקערט הימל און ערד: די מלאכים האָבן אַראָפּגעגנידערט אין די טיפע היילן און די שדים און רוחות זיינען אַרויף אויפן הימל.
האָט ידידיה געזאָגט צו אים:
—צי איז פאַר דיר נאָך ווייניק, וואָס אַ מיאוסער פאַרשוין האָט זיך אַריינגעגנבעט אין אַ רואיק הויז, כדי צו פאַרשטערן דאָרט דעם פרידן און זייען מהומה און שרעק?
האָט סתרי געזאָגט:
—דו רעדסט מוראדיקע רייד און דאָס צווינגט מיך דיר צו ענטפערן. איך האָב דיר דאָך שוין לאַנג געזאָגט, אַז דיין גלויבן אין מענטשן איז אַ נאַרישקייט און אַ גרויס שלעכטס, און איצט זאָגסטו: אַמנון האָט פאַרשטערט דיין פרידן! דעריבער הער זשע מיך אויס, מיין האַר:
דריי זיינען זיי, די, וואָס פאַרשטערן דעם פרידן פון לאַנד: צוויי פון זיי גייען אַרום מיט אויפגעהויבענע קעפּ, און רעכט־פאַרטיקע ווערן פון זיי אַנטרונען. און דער דריטער, איז שטענ־דיק פאַרשטעלט, גייט אַרום, ווי רציחה און נעפל, און אומ־שולדיקע מענטשן ווערן אָן אים געשטרויכלט. אַז אַ פיינט, אַ שונא קומט אויף אונזער לאַנד צו דערציטערן אונזערע רואיקע וואוינונגען—פאַרזיכערן מיר זיך אין גאָט, אַז ער וועט באַ־

צווינגען די פרעמדע מיט גבורה. אויסוואורפן, פֿאַרברעכער, וואָס ווילן אָפן פֿאַר אַלע ברעכן דאָס געזעץ און דעם פרידן מיט אַ שטאַרקער האַנט־זיי וועלן אונזערע שופטים אויסראָטן דורך משפט. אָבער נישט אייביק וועלן הרגענען דער שווערד און נישט שטענדיק וועט פֿאַרדאַרבן די שטאַרקע האַנט: דער מלחמה־שווערד וועט צוריקקערן אין זיין שייד אַריין, די שטאַרקע האַנט פון רשע וועט צעבראָכן ווערן, און דער פרידן וועט צוריק ווערן שטאַרק. אייביק אָבער וועט געמיינקייט און פֿאַלשקייט נישט אויפהערן צו לאָקערן אויף די פרידלעכע וואוינונגען. און אויב גאָט וועט צו זיי נישט אויסלאָזן זיין צאָרן, וועט זיי דער שווערד פון געזעץ נישט דערגרייכן! די פֿאַלשקייט איז פונקט ווי די שלאַנג, וואָס איז באַצירט מיט גרינע פלעקן. זי קריכט אַרום צווישן בלומען, און בייסט די טריט פון די אומשולדיקע מענטשן, פֿאַרדאַרבט אוןביילט שרעקלעך, און דער געביסענער קען נישט געפינען זיין בייסער, וואָרום די שלאַנג באַהאַלט זיך צווישן די בלומען. און פֿאַלשקייט—באַהאַלט זיך אין מצוות און אין הייליקע געזעצן. און איצט, ידידיה, מיין האַר און פריינט, באַשולדיק נישט אַמנונען, איידער דו האָסט אויסגעפאָרשט זיינע שונאים, וואָס האָבן אויף אים עדות געזאָגט שלעכטע זאַכן. ווילדע זאַכן האָט מען דאָך אָפגעטאָן אין דיין הויז און דו ווייסט גאָרנישט.

האָט חננאל געזאָגט:

—די רייד פון דעם מענטשן זיינען וואוילע רייד, און אַצינד, וואו איז אַמנון?

האָט סתרי געזאָגט:

—נישט אַנדערש, אַז ער איז אַוועק קיין בית לחם, ווייל אבישי איז שלאָף.

האָט ידידיה געזאָגט צו די דינער פון זיין הויז:

—זאָלן צוויי אַוועקרייטן אויף פערד און צוריקברייגנגען אַמנונען פון בית לחם.

האָט תרצה געזאָגט:

—מעכה איז פֿאַרשוואונדן געוואָרן און מען ווייסט נישט, וואו

זי איז אַהינגעקומען. ס'איז דאָך עפּעס נישט גלאַטיק?
האָט ידידיה געזאָגט צו זמרין:
—דו וועסט דאָך עדות זאָגן אַמנונען אין די אויגן וועגן זיי־נע זינד?
איז זמרי שטאַרק דערציטערט געוואָרן, ער האָט אָבער פאַר־באָרגן זיין צערודערונג און געזאָגט:
—זיי מיר מוחל, מיין האַר, און איך וועל דיך פרעגן: פאַר־וואָס פאָרשטו נישט אויס, ווער עס זיינען די צוויי פרויען און וועמען זיי האָבן דאָ? איך האָב געהערט וועגן זיי, און איך וועל פאַר די זקנים דערציילן אויף זיי זייערע זינד.
און אַ פינסטערער נעפּל האָט צוגעדעקט גאָטס שטאָט, וואָס האָט איינגעדרעמלט, און דאָס קול פון די אויסקוקער האָט עפּטער גערופן: „עס דרעמלט נישט, עס שלאָפט נישט דער שומר פון די יידן!" און די וועכטער, וואָס גייען אַרום איבער דער שטאָט, זינגען אַזוי:
וואויל צו די רעכטפאָרטיקע, וואָס רוען אין שלאָף,
דאָס געוויסן איז שטיל און מען ווייסט נישט פון שטראָף—
זיי רוען זיך אויס נאָך דער אַרבעט און מי.
נאָר ווי צו דעם זינדיקן, ווי אים און ווינד,
ער ווערט פון געוויסן געפּייניקט אויף צינד—
די נאַכט האָט פאַר אים נישט קיין רו.
און איינער פון די שומרים האָט געזאָגט צום צווייטן: „הויב נאָר אויף דיינע אויגן און זע, אין צפון־זייט, דאָרט, גייט אויף און פאַלט עפּעס אַ פלאַמפייער!"
—ריכטיק,—האָט דער צווייטער געענטפערט.—אַזוי ווי זיילן רויך גייען דאָרטן אויף אין צפון־זייט פון דער שטאָט, לאָמיר איילן אַהין צו הילף.
זיינען פינף שומרים געגאַנגען, און זיינען דורכגעגאַנגען דורך אַ ווינקל פון אַ גאַס און געהערט ווי אַ שטים רעדט, אַזוי צו זאָגן:
—מיין שווערד האָט אַריינגעשטאָכן אין איר האַרץ און די, וואָס האָבן מיך געקענט פאַרמסרן, וועלן באַלד פאַרבערענט ווערן פון

—. אָבער וואָס ציטערן אַזוי מיינע ביינער? ווי! מיין האַרץ ציטערט, אַ שרעק איז מיך באַפאַלן, די ווענט פון דער שטאָט טאַנצן פאַר מיינע אויגן ווי די שדים און די טורמס לויפן אויף מיר, ווי די ריזן און דערציטערן מיך,—אַ ווילדער מענטש בין איך און ווי אַ צעווילדעוועטער וואָלף טו איך אַרומבלאָנ־דזשען אין דער נאַכט־פינסטערניש. אויף מיר קוקט אַזוי וויסט דער הימל, אונטער מיר טוט זיך טרייסלען די ערד און דער ווינט ברומט מיט אַ פחדימדיק קול אין מיינע אויערן: „אַוועק דו אומריינער!״ ווי איז מיר, וואָס איך בין פאַראומרייניקט געוואָרן, וואָרום פון מיינע פינגער טריפט דאָס בלוט פון מיין מוטער און אַלע וואַסערן פון אַלע קוואַלן וועלן זיי נישט אָפּ־שווענקען, און אַלע וואַסערן קענען נישט פאַרלעשן דאָס פייער, מיט וועלכן איך האָב אונטערגעצונדן מיין פאָטער, און איך—ווי איז מיר! וואו טוט מען זיך אַהין? איך וועל דאָך מוזן שטאַרבן מיט חרפה און שאַנד!

—ריכטיק!—האָט איינער פון די שומרים געענטפערט, און ער מיט זיינע חברים האָבן געכאַפּט דעמדאָזיקן מענטשן און גע־זאָגט:

—דיין אייגן מויל האָט אויף דיר עדות געזאָגט. און איצט, זאָג, ווער ביסטו? אומזיסט וועסטו צודעקן און וועלן פאַרהוילן די אומווירדיקע זאַך. נישט לאַנג וועט עס גיין פאַרהוילן אינ־דערפינסטער. די זון וועט באַלד אויפשיינען און וועט אַנטפּלעקן דעם סוד פון דער נאַכט.

און אַזוי ווי זיי ריידן, זיינען אָנגעקומען די שוטרים, וואָס האָבן צוריקגעקערט פון דאָרט, וואו ס׳איז געווען די שרפה, און די שוטרים האָבן געזאָגט:

—אַן אומגליק איז געשען אין שטאָט, ווי, ווי! ווידער האָט מען אונטערגעצונדן!

האָבן די שומרים געזאָגט:

—אָט איז איצט אַריינגעפאַלן אין אונזערע הענט אַ ווילדער וואָלף און ער איז באַלד געוואָרן אַ שטום שעפעלע און זאָגט נישט.

הײַך ער איז, נאָכדעם װי מיר האָבן געהערט פֿון זײַן מױל מוראדיקע זאַכן.
האָבן די שוטרים געזאָגט:
—קומט, לאָמיר אים אַװעקפֿירן צו ידידיהן אין הױז, װאָרום דאָרט האָבן זיך צענױפֿגעזאַמלט די זקנים, די שופֿטים, און אַהין װעט מען אױך ברענגען די געהרגעטע. פֿירט אים און זאָל ער זאָגן, װער ער איז!—און די שומרים מיט די שוטרים האָבן אים אַװעקגעפֿירט צו ידידיהן אין הױז אַרײַן.
און די זקנים זיצן אױסגעזעצט אױף די שטולן מיט גרױס כּבֿוד, און זמרי דערצײלט פֿאַר זײ, װאָס ער האָט געזען אין גיהנום־טאָל און בײדע פֿרױען שטײען און שטױנען, און קלאָגן ביטער און ציען מיט געבעט די הענט און האָבן נישט װאָס צו ענט־פֿערן אױף זײַנע ליגנס. און תּמר זיצט אַ פֿאַרװױסטע אין איר חדר, און אָט האָט מען פּלוצלונג אַרײַנגעבראַכט עזריקמען אין שטוב אַרײַן. און ס'איז געװען, װי נאָר ער האָט דערזען זמרין, האָט ער אַרױסגעצױגן פֿון אונטער זײַנע קלײדער אַ בלאַנקן שװערד, װאָס האָט אַ גלאַנץ געטאָן מיט פּחד און האָט דער־שטאָכן זמרין און אױסגערופֿן:
—דאָס האָסטו פֿאַר דײַן עצה! אַנשטאָט זילבער, ברענג איך דיר אײַזן.
—אױ, רוצח!—האָבן די זקנים אױסגערופֿן, און עזריקם האָט װי־דער אױפֿגעהױבן זײַן שװערד אױף נעמהן און פֿנינהן, װאָרום ער האָט זיך געריכט פֿון זינען און נישט געװאוסט, װאָס ער טוט. איז תּימן צוגעלאָפֿן און אים אָנגעכאַפּט פֿאַרן קאַרק און אַנידערגעװאָרפֿן אױף דער ערד. און די שוטרים האָבן אַרױס־געריסן דעם שװערד פֿון זײַן האַנט און האָבן אים געבונדן לױטן באַפֿעל פֿון די זקנים. און אױך תּמר איז אַרױסגעקומען פֿון איר חדר און איז דערציטערט געװאָרן, דערזעענדיק װאָס דאָ איז געשען. און זמרי האָט געשריען פֿון זײַנע גרױסע טױט־יסורים:
—װײ איז מיר! אַמנון איז דער גערעכטער און איך מיט עזריקמען זײַנען די רשעים!

און תמף איז שטאַרק צעטרייסלט געוואָרן, דערהערנדיק דידאָ־זיקע ווערטער, און אבישי און סתרי האָבן איינער אויפן אַנ־דערן געקוקט מיט חדוש, און עס האָט זיך דערהערט אַ גרויס געשריי פון דרויסן און די שוטרים האָבן געזאָגט:
—אָט ברענגט מען די־יעניקע, וואָס זיינען אומגעקומען דורך עזריקמס האַנט!
און עס האָט זיך געעפנט די טיר און עכנס קינדער זיינען אַריין, די הענט אויף זייערע קעפּ און אויסגעשריען:
—ווייי געשריען! אונזער ברודער נבל האָט אָפּגעטאָן אַ גרויסע רציחה. דאָס געצעלט, אין וועלכן ער האָט צענויפגעפירט אונ־זער פאָטער, חפר און בוקיהן, האָט ער אונטערגעצונדן און אינדרויסן פאַרשלאָסן די טיר, זיי זאָלן נישט קענען אַרויס. האָט אונזער מוטער חלאה געגעבנט צו אים, האָט ער זי מיטן שווערד דערשטאָכן.
—ווער איז עס דער נבל?—האָבן אַלע געפרעגט.
האָבן עכנס קינדער געענטפערט:
—אָט איז ער, דער בייזער נבל, איז אונזער ברודער פון איין טאַטן און איין מאַמען, וואָס רופט זיך עזריקם בן יורם.

האָבן די אַלטע לייט באַפוילן:
—ברענגט אַריין צו אונז די אומגעקומענע.
האָבן עכנס קינדער געזאָגט:
—דער פאָטער אונזערער, חפר און בוקיה לעבן נאָך קוים, וואָ־רום מיר האָבן זיי אַרויסגעראַטעוועט פון פלאַם ווי רויכערדי־קע קוילן.
און די שוטרים האָבן אַריינגעטראָגן עכנען און חפרן און בוקיהן און חלאהן צו ידידיהן אין הויז אַריין, אָבער חלאה איז שוין געווען אינגאַנצן טויט. עכן, חפר און בוקיה זיינען געווען אינגאַנצן פאַרקוילט פון פייער און האָבן אויסגעזען, ווי גלאַנציק קופּער. האָט מען זיי אַוועקגעלייגט אין בעט און זיי האָבן שטאַרק געשריען פון די גרויסע יסורים.
—ווייי איז מיר!—האָט עכן געשריען—גאָט איז אַ גערעכטער און

ער האָט מיר באַצאָלט, ווי מיר איז געקומען! מיט אַכצען יאָר צוריק—האָט מתן דער שופט מיך אָנגערעדט אונטערצוציגדן דאָס הויז און פאַרברענען חגיתן, אויף וועלכער ער האָט געטראָגן אַ גרויס גרימצאָרן. האָב איך איר מיט אירע דריי קינדער פאַרברענט, און מיין זון נבל האָב איך גערופן מיטן נאָמען עזריקם, וועלכער איז פאַרברענט געוואָרן, און אויף דער גוטער און פרומער נעמה, דאָס ווייב פון מיין האַר, האָב איך אַרויפגעוואָרפן די שולד פון דער שרפה.

—וויי וויי!—האָבן געענטפערט חפר און בוקיה.—די אַלע צרות קומען פון אונז, וואָרום מיר האָבן זיך מתעסק געווען אין דעמדאָזיקן שלעכטס. מיר האָבן אויסגערוימט יורמס אוצר און דאָס פאַרמעגן אַוועקגעטראָגן צו מתנען. מיר האָבן פאַלש עדות געזאָגט פאַר די זקנים אויף נעמהן און באַפלעקט און באַשמוצט איר נאָמען, און שפּעטער מיט אַ צייט האָבן מיר אונטערגעצונדן מתנס הויז, ווען ער איז געווען באַפאַלן פון אַ שלעכט געמיט.

—וויי איז מיר!—האָט עכן ווייטער גערעדט.—די איידעלע נעמה וואוינט מיט איר טאָכטער אין געצעלט, וואָס געפינט זיך אויפן גיאַ־מאַרק. רופט זיי אַהער און קערט זיי צוריק זייער נחלה.

—אוי, וויי איז מיר!—האָט זמרי געשריען פון דער היץ, וואָס איז אים באַפאַלן.—וויי איז מיר, וואָרום איך האָב גרויסע שקרים אויסגעטראַכט אויף אַמנונען און אויף די צוויי פרויען, וועלכע איך האָב היינט געזען צום ערשטן מאָל.

און תמר און תימן האָבן געשטויגט, און ידידיה מיט תרצהן האָבן געבראָכן די הענט און געזיפצט און געשאָקלט מיט די קעפּ פון גרויס באַדויערונג. און תמר האָט געזאָגט צו תימנען:

—איז עס דען איצט אַ וואונדער, אַז אַמנון האָט ליב יורמס טאָכטער, די גוטע, שיינע און אומגליקלעכע! וויי וויי! ער איז ריין. און וואָס בין איך דען אַקעגן איר?

און תרצה איז צוגעגאַנגען צו נעמהן און אָפּגעדעקט דעם שלייער

פון איר פנים, און ביידע האָבן זיך אַרומגעכאַפּט און זיך שטאַרק צעוויינט אָן ווערטער. און ידידיה איז געשטאַנען אַ דערשלאָ־גענער און חננאל האָט אויסגעשריען:
—וואו איז ער, דער אויסלייזער מיינער, און דער יורש פון מיין פאַרמעגן?
האָט ידידיה געזאָגט צו נעמהן:
—הער אויס, ווייב פון מיין חבר יורם! מיט פייער און מיט שווערד האָט גאָט געשטראָפט, כדי צו באַווייזן דיין גערעכטי־קייט און צודעקן מיין קאָפּ מיט שאַנד, וואָרום איך האָב דיך געלעסטערט און נישט געוואוסט, ווער דו ביסט.
און תימן איז געפאַלן דעם פאָטער צו די פיס און געזאָגט:

—דערבאַרם זיך, פאָטער מיינער!
האָט ידידיה אים אויפגעהויבן און געפרעגט:
—וואָס איז דיר, זון מיינער?
האָט תימן געזאָגט:
—אָט דאָס איז דאָס מיידל, וועלכע איך האָב שוין לאַנג ליב מיט אַזאַ ליבע, וואָס איז שטאַרק ווי דער טויט. און זי, אויך זי האָט מיך ליב געהאַט און זי האָט מורא געהאַט פאַר די רשעים און איך האָב נישט געוואוסט, ווער זי איז, ביז די אויסוואורפן האָבן אויף איר אויסגעטראַכט שלעכטע זאַכן און איך אַליין בין געווען דער באַטריגער פון מיין אייגן לעבן, און אָן איר בין איך גלייך, ווי איך וואָלט נישט געווען.

האָט נעמה צו אים געזאָגט:
—ס'איז איצט נישט קיין צייט צו ריידן וועגן ליבע, נייערט וועגן אָפּטאָן די פיינטשאַפט—און איצט, זאָג מיר, איידעלע תמר, וואָס פאַר אַ זינד האָסטו געפונען אין מיר און אין מיין טאָכ־טער, וואָס דו האָסט אונז געלעסטערט ווי פאַרשאָלטענע מכשפות?

האָט תמר געזאָגט:
—מיין ליבע צו אַמנונען, וועמען איך האָב געזען ליבן דיין

טאָכטער, און דער אייפער, וואָס האָט געברענט אין מיר, האָבן מיך געמאַכט אומווירדיק. ווײ, ווײ! ווער וואָלט געגעבן, אַז איך זאָל קענען זיצן צוזאַמען מיט דיין שיינער טאָכטער, צוזאַמען אַלס פרויען צו אַמנונען!
האָט סתרי געזאָגט:
—אוי סאַראַ אומבאַדאַכט מיידל דו ביסט, וואָס דו דערנידער־ריקסט און דערהויבסט, נישט ווייסנדיק אַליין, וואָס דו טוסט! צי דען וועט די טאָכטער פון האַר יורם זיין אַ ווייב צו אַ יינגל אַ פּאַסטוך? און איצט הער מיך אויס, דו איידעלע און איילנ־דיקע, און זאָלן עס הערן די אַלע, וואָס שטייען דאָ—איך וועל אייך דערציילן דעם סוף: אַמנון דער פּאַסטוך און פנינה—זייענדיק אַ צווילינג, וואָס נעמה, יורמס ווייב, האָט געבוירן. און אַמנון האָט זיך דערצויגן ביי מיין ברודער אַבישי, און פנינה האָט געוואוינט מיט איר מוטער אויפן כרמל, האָט געקליבן דאָס אַראָפּגעפאַלענע אין די פעלדער און גערטנער פון איר פאָטער, און אַלע איינוואוינער פון דאָרטן, די שניטער און רייסער, האָבן זי גערופן „די רויז פון כּרמל" פאַר איר שיינקייט.
און תמר האָט פּלוצלונג אויסגערופן:
—מוטער מיינע! שוועסטער מיינע! און איז געפאַלן אויפן. האַלז פון נעמהן און אויפן האַלז פון פנינהן. און זי האָט מער נישט געקענטריידן, וואָרום זי איז געפאַלן אין חלשות און ידידיה מיט תרצהן, וואָס זיינען אויך שטאַרק דערשטוינט געוואָרן, האָבן זי אַוועקגעטראָגן אין איר חדר אַריין און האָבן זי אַוועקגע־לייגט אין בעט, און נעמה האָט געזאָגט צו תימנען:
—זון מיינער, שיק גיך רייטער אויף פערד און קערט צוריק מיין זון אַמנון פון בית־לחם.
האָט תימן געאיילט צו טאָן, ווי עס האָט אים באַפוילן יורמס ווייב, און די זקנים די שופטים האָבן צוריקגעקערט צו זיך אַהיים, זעענדיק, ווי גרויס ס'איז געוואָרן דער טומל ביי ידידיהן אין הויז.
און זמרי האָט זיך געראַנגלט מיטן ביטערן טויט, דער האַלז איז אים הייזעריק געוואָרן פון שרייען און זיינע אויגן

האָבן געקוקט מיט טויטשרעק אויף עזריקמען, וואָס איז אַ געבונדענער געלעגן דערביי. האָט עזריקם געזאָגט צו אים:

—ווער האָט אַריינגעטאָן גיפט אין ווײַן אַריין, און ווער האָט מיך אָנגערעדט צו טאָן די אַלע מעשים? דאָס אַליך האָסטו דאָך, זמרי, געטאָן, וואָרום דו האָסט זיך אַריינגעמישט אין זאַכן, וואָס דו האָסט צו זיי קיין שום שייכות נישט און האָסט עס געטאָן צוליב געלט.

—אוי, זמרי!—האָט תימן אויסגערופן.—אוי, דו צדיק תמים! ווי שטיל דו ביסט געוואָרן און שווייגסט פון גרויס ווייטאָק! דו הערסט דײַן שאַנד פון נבלס מויל און ענטפערסט נישט! אוי, דו פרום האַרץ! דו, וואָס דו ברײַנגסט אַ סך קרבנות צו גאָט פאַר יעדן וואָרט, וואָס מען רעדט אַרויס, פאַר יעדן קוק, וואָס מען קוקט, פאַר יעדן קלאַנג, וואָס מען הערט, און פאַרן שמעקן מיט דער נאָז,—און וואָס אַזוינס איז איצט דײַן זינד? דו האָסט מקריב געווען מענטשן און האָסט זיי פאַרברענט אין פײַער!—דו שאַרפסט נאָך דײַנע אויגן אויף מיר? שלאַנג, וואָס דו ביסט! אויסרײַסן זאָלן דיר די אויגן פון זייערע לעכער. נאָך אַ ווײַלע און דײַן שלאַנגען־צינגל וועט צעריבן ווערן אין דײַן מויל און דו וועסט שוין מער נישט בײַסן!

האָט נעמה צו אים געזאָגט:

—דו, מײַן זון, וועסט דאָך פאַרשטיין, וואָס איך האָב געטאָן אין גיהנום־טאָל. דו זעסט דאָך אַליין די רויז און דידאָזיקע דערנער, וואָס האָבן זי אַרומגערינגלט צו פײַניקן זי. אונטערגעשניטענע דערנער, אין פײַער פאַרברענט, דער טויט וועט זיי דערשלאָגן, וואָרום זייער שלעכטס איז זייער גרויס. אויך דער שמוציקער נבל האָט אַרײַנגעצויגן מײַן טאָכטער אין זײַן נעץ, און האָט גערעכנט זיך צו באַזעצן מיט איר אויף דעם פאַרמעגן פון איר פאָטער, אויף וועלכן ער האָט גאָרנישט געאַרבעט. און אַז ער האָט געזען, אַז מײַן טאָכטער וועט נישט גיין מיט אים, האָט ער איר בלוט געוואָלט פאַרגיסן מיטן שווערד.

—ווײ!—האָט נבל אויסגערופן.—מײַן נאָמען איז פֿאַר מיר גע־וואָרן אַ ציטערניש, און איצט, תּימן, נעם און דערהרגע מיך מיט מײַן שווערד, ווארום איך בין זאַט פֿון שאַנד און חרפּה, נעם און מאַך אַ סוף צו מײַן לעבן.
—ניין! שלאַנג!—האָט אים תּימן געענטפֿערט.—איך וועל נישט באַשמוצן מײַן שווערד דורך אַזאַ שמוציק באַשעפֿעניש ווי דו ביסט, ניירערט די פּיס פֿון אָקסן און אייזלען וועלן דיך צוטרעטן און דו וועסט, ווי אַ נבלה, אויפֿגעפֿרעסן ווערן פֿון פֿוקסן.

און תּרצה איז אַרויסגעקומען פֿון תּמרס חדר און געזאָגט צו תּימנען:
—באַפֿעל, מײַן זון, און זאָל מען אויסרוימען די שטוב און אַוועקנעמען פֿון אונזערע אויגן דידאָזיקע שמוציקע לײַט.
האָט תּימן אַזוי געטאָן. נבלן האָט ער איבערגעענטפֿערט צו עכּנס קינדער, זיי זאָלן מיט אים טאָן, ווי זיי וועט געפֿעלן.
און תּרצה האָט גענומען נעמהן און פּנינהן און זיי אַרײַנגע־פֿירט אין חדר צו תּמרן, וואָס איז שוין צו זיך געקומען. איז זיי תּמר געפֿאַלן אויף די העלזער און האָט געוויינט און גע־זאָגט:
—ווײ, ווײ! דאָס האָט זיך דער שטן אַרויסגעלאָזט פֿון זײַנע טיפֿע פֿינסטערע היילן, צו שפּעטן פֿון אונז! ווען איך וואָלט דאָס אַלץ נעכטן געהערט, וואָלט דאָך איצט מײַן ליבער נישט פֿאַריאָגט געוואָרן פֿון מיר. און איצט, זײַט מיר מוחל, ווײַל אַ סך לײַדן האָב איך אײַך אומגערן פֿאַרשאַפֿט.
און נעמה און פּנינה האָבן געוויינט און תּמר האָט ווידער גע־זאָגט:
—גאָט היינט אָפּגעווישט די טרערן פֿון אײַערע געזיכטער, און אײַער כּבוד און ליכט האָט אויפֿגעשײַנט, אָבער ווער קען פֿילן מײַן ווייטאָק? איך האָב אַמנונען געהאַלטן פֿאַר אַ זון פֿון דער נידעריקסטער משפּחה און האָב אים דאָך ליב געקריגן. און ווי אַזוי זאָל עס מיר נישט קרענקען היינט, ווען איך ווייס, אַז איך האָב פֿון מיר דערווייטערט יורמס זון, דעם האַר

פון יהודה און דעם האַר פון יוגנט! ווי איז מיר, וואָרום איך האָב אים דערווייטערט, נישט וויסנדיק וואָס איך טו, און ווער ווייסט, צי ער וועט נאָך אַמאָל צו מיר צוריקקערן.

און ידידיה האָט פאַרבראַכן די הענט און געזאָגט צו סתרין: „דו ביסט גערעכט און איך בין פאַרשעמט! די היינטיקע נאַכט האָט באַוויזן ווי נאַריש איך בין, און מיין גאַנץ לעבן וועל איך זי געדיינקען. דעמאָלט, ווען דו האָסט מיך געלערנט, ווי אַזוי זיך צוצוהערן צו מענטשנס ווערטער, האָב איך דיך נישט געהערט, און היינט ביינאַכט האָט מיר זמרי געלערנט צו וויסן, אַז פלאַמיק פייער, שטראָמען פלייציק וואַסער און אַ ווילדע חיה קענען נישט אָפּטאָן אַזוי פיל שלעכטס, ווי אַ פּאַשטעלטער מענטש, וואָס מאַכט אַ פרום פנים, כדי אַזויאַרום אָפּצונאַרן. מוראדיק איז דיין שטראָף, גאָט גרויסער, און וואונדערלעך זיינען דיינע משפטים!”
האָט חננאל געזאָגט:
—זאָל נאָר אַמנון צוריקקומען אַהער און זאָל אונז טרייסטן אין אונזער טרויער. מיין חלום איז מקוים געוואָרן, און אויך אַמנון וועט קומען, איך פאַרזיכער זיך אויף גאָט! און איצט, פרויען, זייט גרייט צומאָרגנס און איר וועט צוריקקערן צו אייער ירושה, וואָס איז אַ לאַנגע צייט געלעגן ביי פרעמדע אין די הענט.

און תימן האָט געזאָגט צו נעמהן:
—זאָל זשע איצט אַרויסקומען זיס פון ביטערס און זאָל מער דער סאַפּירשטיין נישט אַרויספאַלן פון רונג.
האָט נעמה געזאָגט:
—זאָל קומען מיין זון אַמנון און זיי באַהעפטן.
די, וואָס האָבן עס געהערט, האָבן נישט געוואוסט דעם באַשייד פון די ווערטער, האָט זיי תימן דערציילט אַלץ, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט פון זינט ער איז געווען אויפן כרמל ביז היינטיקן טאָג. און די צוהערער האָבן געגאַפט, און ידידיה האָט געזאָגט:

—גאָט וויסט, ווי גרויס עס איז די ליבע מיינע צו מיין אמתן חבר יורם, און ער וועט אויפשטעלן אונזער ליבשאַפט אויך פאַר אונזערע קינדער, און איצט, איידעלע נעמה, זיין רואיק מיט דיין טאָכטער אויף אייערע נחלאות, און דער, וואָס האָט זיך אָנגענומען פאַר דיר, וועט זיך אויך אָנעמען פאַר ציון און וועט פאַרטרייבן די וואָלקנס פון איבער זיין הייליקער שטאָט, און אַשור וועט זי מער נישט מאַכן ציטערן!

האָט תמר געזאָגט:

—אייער ערלעכקייט און גערעכטיקייט האָט אויפגעשיינט, אַזוי זאָל אויך מיין זון באַשיינען מיין פּנים! הלואי זאָלן די רייטער באַלד צוריקקומען און צוריקברענגען אַהער מיין אויסדערוויילטן, מיין אַמנונעז, און איך זאָל וויסן, אַז ער האָט מיר מוחל געווען.

אַוועק איז דער אָוונט פון ציטערניש און שרעק, דורכגעגאַנגען איז די נאַכט און מיטן באַגינען זיינען שוין די אויסוואורפן נישט געווען. זיי האָבן אויסגעהוילכט זייער לעבן דורך גרויסע יסורים. און נבל איז אומגעקומען דורך די הענט פון זיינע אייגענע ברידער, וואָס האָבן זיך אין אים נוקם געווען פאַר זייערע עלטערן.

דעמזעלבן טאָג, מיטאָגצייט, האָט ידידיהס הויזגעזינט געפירט נעמהן מיט פנינהן אין זייער אייגן הויז און צו זייער אייגן פאַרמעגן, האָט זיי געפירט מיט געוויין און געבעט, און אַבישי מיט סתרין האָבן באַוויליקט צו בלייבן וואוינען מיט זיי אויף דער גאַנצער אומרואיקער צייט, וואָרום דערציטערט געוואָרן איז גאָטס שטאָט, הערנדיק, אַז סנחריב מיט זיינע חילות איז אַריבער דעם טייך פרת, און די איינוואוינער פון ציון האָבן געאיילט צו פאַרפעסטיקן די שטאָט.

און די רייטערס אויף די פערד זיינען פאַרנאַכט צוריקגעקומען און האָבן דערציילט, אַזוי צו זאָגן:

—מיר זיינען געקומען קיין בית־לחם און זיך דאָרט נאָכגעפרעגט

אויף אַמנונען, האָט אונז איינער אַ פּאַסטוך אַזוי געזאָגט:

„אַמנון האָט ביינאַכט אָפּגעשטייגט צו מיר אין געצעלט, און ער האָט געוואַרט און זיך אויסגעקוקט די אויגן אויף זיין מו־טער און שוועסטער, און האָט אָנגעשריבן עפּעס אַ בריוו, און האָט ביטער געוויינט, און האָט מיר געגעבן דעם בריוו, איך זאָל אים איבערגעבן צו תּמרן, ידידיהס טאָכטער, און נאָכדעם איז ער אַוועק, איידער דער מאָרגן האָט אויפגעשיינט און האָט מיר נישט געזאָגט, וואוהין ער איז אַוועק.״

האָבן די לויפערס איבערגעגעבן ידידיהן דעם פאַרחתמעטן בויגן פּאַפּיר און האָבן ווייטער דערציילט, אַזוי צו זאָגן:

—און פורהן, אַמנונס באַדינער, האָבן די פּאַסטוכער געכאַפּט אויפן פּלאַץ פון דער שטאָט בית־לחם, ווען ער האָט געוואָלט דערהרגענען מעכהן, די דינסט פון דיין טאָכטער תּמר, האָבן מיר פורהן געבראַכט אַ לעבעדיקן, און מעכהן—אַ צעשלאָגענע און פאַרוואונדעטע, און זי האַלט ביים שטאַרבן.

האָט ידידיה איבערגעלייענט דעם פאַרשריבענעם בויגן פּאַפּיר, האָט ביטער געוויינט און געזאָגט צו די לויפערס:

—איר זאָלט דאָס קיינעם נישט דערציילן, וואָרום טאָמער וועט זיך תּמר דערוויסן דעם אמת, וועט זי עס נישט אויסהאַלטן. זאָגט זשע, איך בעט אייך, אַז אַמנון איז צוגעשטאַנען צו אַ חברה, וואָס איז אַנטלאָפן קיין תּרשיש מיט די האַרן פון יהודה.

האָבן די לויפערס געזאָגט:

—מיר וועלן טאָן, ווי דער האַר הייסט אונז.

אָבער ביי דידאָזיקע ווערטער איז תּמר אַריין. האָט ידידיה גע־נומען דעם בויגן פּאַפּיר און האָט אים פאַרשלאָסן אין זיין קליידערשאַנק.

און תּמר האָט געפרעגט:

—וואָס איז דיר, פאָטער מיינער, וואָס דיין פּנים איז אַזוי פאַר־טרויערט פון געוויין?

האָט ידידיה געענטפערט:
–פרעג נאָר, טאָכטער מיינע, די לויפערס.
האָבן די לויפערס איר דערציילט, ווי ידידיה האָט זיי געהייסן.
האָט תמר פאַרבראָכן אירע הענט און אויסגערופן:
–ווײ, פאָטער מיינער, איך בין אַ פאַרלוירענע!
האָט ידידיה צו איר געזאָגט:
–זאָרג נישט, טאָכטער מיינע, און ברום נישט אַזוי, קלאָג נישט נאָך די פאַרוואָגלטע, נאָר וויין אויף די, וואָס זיינען געבליבן וואוינען אין ירושלים, וואָס זייער לעבן איז איינגעשטעלט. צי וואָלט דיר בעסער געווען, טאָכטער מיינע, צו זיצן מיט דיין אויסדערוויילטן און ליידן גרויסע יסורים און פיין? שווייג זשע, טאָכטער מיינע, און האָף צו גאָט, וואָס היט אָפּ זיינע אויס־דערוויילטע, אַז צוריקקערן וועט אַהער אַמנון מיט אַלע פאַר־וואָגלטע פון יהודה, ווען עס וועט קומען די הילף פאַר אונז.

און ידידיה האָט ווייטער גערעדט און איר אויסגערעדט, און אויך אַבישי, סתרי און חננאל האָבן זי געגומען טרייסטן, אָבער זייערע טרייסטווערטער האָבן זי געלאָזט קאַלט, נייערט די גרויסע מהומות פון גאָטס שטאָט האָבן גיך איינגעשטילט איר אומרואיק האַרץ.
און אַז מען האָט אויסגעפאָרשט מעכהן, האָט זי אַזוי דער־ציילט:
–איך וועל דאָך סיי ווי סיי שוין שטאַרבן און צו וואָס זאָל איך לייקענען? איך האָב אַמנונען ליב געהאַט פון ערשטן טאָג אָן. זינט איך האָב אים דערקענט, האָב איך זיך באַהעפט צו זיינע פיינט, און פורחן, וואָס האָט מיך ליב געהאַט, האָט איך איבערגערעדט צו פאַלשקייטן און צו באַעוולען אַמנונען. און אַז זיינע פיינט האָבן דורכגעפירט דאָס, וואָס זיי האָבן פאַרטראַכט, און אַמנון איז אַנטלאָפן, בין איך אויך אַוועק, כדי צו גיין מיט אים. און איך האָב נישט געוואוסט, אַז פורה לאָקערט אויף מיר. ווײ, ווײ! ער האָט מיך נאָכגעיאָגט, און האָט מיך דער־גרייכט און מיך געשלאָגן מיט טויטקלעפּ, און נאָר די פאַסטו־

כּער האָבן מיך אָפּגעראַטעוועט. איצט שטיי איך נאָענט פון קבר און איך בין אַליין שולדיק!
האָט מען אויסגעפאָרשט פורהן, און ער האָט אויך דאָסזעלבע דערציילט. האָט מען אים איינגעזעצט אין תפיסה, ער זאָל דאָרט זיצן ביז מען וועט אים אַרויסטראָגן דעם טויט־פסק.

כב

אוז די געטלעכע שטאָט איז צערודערט, די אויערן ווערן פאַרטויבט פון די געשרייען פון די, וואָס שטאַרבן פון הונגער, און פון די, וואָס האַקן מיט די העק און קלאַפּן מיט האַמערס, מיט וועלכע מען צעלייגט די ווענט און צעוואַרפט די הייזער, כדי מיט זיי צו פאַרפעסטיקן די מויערן אַרום דער שטאָט. אַלע פּנימער זיינען בלייך פון שרעק, און יעדעס געמיט איז געבראָכן, וואָרום ציון איז באַלאַגערט.

און חזקיהו האָט צנויפגעזאַמלט ביי צוועלף טויזנט מאַן, אַלע מיט רעכטפאַרטיקע הערצער און באַגלויבטע, און האָט געזעצט איבער זיי מיליטער־פירער און האָט זיי פאַרזאַמלט אויף דער גרויסער גאַס און האָט געשטאַרקט זייערע געמיטער און גערעדט צו זייערע הערצער, אַזוי צו זאָגן:

—הערט זיך צו, מיינע זין! אַ געווימל פון פעלקער קומט אָן צו באַלאַגערן ירושלים, דערשרעקט זיך נישט פאַר זייער שטאַרקייט און פאַלט נישט אַראָפּ ביי זיך פאַר זייער געווימל, ווייל

זיי האָבן נאָר מענטשלעכן כוח, און אונז שטאַרקט די קראַפט פון גאָט. שטאַרקט זיך, זאָל די מורא פאַר גאָט זיין אויף אייערע פנימער און זיין ליבע–אין אייערע הערצער, פאַרלאָזט זיך אויף גאָט און האָפט אויף זיין הילף, וואָרום ער וועט באַווייזן אַזוינע מוראדיקע וואונדער, אויף וועלכע מיר ווייסן גאָר־נישט צו האָפן! דאָס איז דאָך די שטאָט ציון. צו איר זיינען געווענדט די אויגן פון די, וואָס זיצן אין אַלע זייטן און אויף ווייטע אינזלען, און זי זאָל געראַטעוועט ווערן און אַלע פעלקער זאָלן פאַטשן מיט די הענט און זאָלן שאַלן פון אַלע עקן וועלט צו גאָט, וואָס געפינט זיך אין ציון. האָט נישט קיין מורא, איר איינוואוינער פון יהודה, אייער אויסלייזער איז שטאַרק, גאָט, דער הערשער, אין זיין נאָמען!

און שבנא האָט געמאַכט די שטאָט ווי אַ קאָכעדיקן קעסל, און האָט צעטומלט אירע איינוואוינער, און צו אים האָבן זיך באַהעפט דרייצען טויזנט מאַן, אַלע פחדנים און שרעקנדיקע, מענטשן, אויף וועלכע מען קען זיך נישט פאַרלאָזן, און ער האָט צענויפגענומען די מורדים־אָנפירער און האָט צו זיי געזאָגט:

–גייט און זאָגט צום פאָלק אַזוי: יעדער מענטש, וואָס וויל בלייבן לעבן, זאָל געהאָרכן מיין עצה: שלום צו מאַכן מיטן מלך פון אַשור, איידער ער וועט צושלאָגן ירושלים און זי צעקלאַפּן און צעשמעטערן. אומזיסט זוכט חזקיהו פאַרשידענע תחבולות. די, וואָס מיינען צו פאַרפעסטיקן די מויערן פון שטאָט, דעם פלויט, וואָס פאַלט איין און איז פול מיט לעכער און שפאַלטן, האָבן אין זינען פוסטע זאַכן. די טויערן פון ציון זיינען פאַרשלאָסן, אָבער די טויערן פון בית הקברות זיינען אָפן פאַר אונז, דאָס וואַסער פון די סאַזשעוקעס איז צענויפגענומען, אָבער די וואַסערן פון די גרויסע טייכן, וואָס זיינען שטאַרק און קרעפטיק, וועלן ווי אַ גרויסער שטראָם אַ פלייץ טאָן און מיט שטורם און מיט רעש וועלן זיי זיך אַריינרייסן אין שטאָט אַריין. און אויב איר וועט איצט נישט זוכן קיין מיטלען, וועט איר מאָרגן ליגן צווישן די טויטע. קיין שום אויסלייז־

געלט וועט שוין נישט העלפן אין שרעקלעכן טאָג, וואָרום איינ־מאָל האָט אונז רבשקה, דער הויפּטקאָמאַנדיר פונם מלך אַשור, מתרה געווען און מער וועט ער זיין וואָרט נישט איבערחזרן. נישטאָ קיין בעסערע זאַך פאַר אונז, ווי זיך אונטערגעבן דעם מלך אַשור. אַלע פאַרפעסטיקטע שטעט פון יהודה זיינען דאָך שוין געפאַלן. און אונזערע הערן זיינען פאַרוואָגלט געוואָרן און אַנט־לאָפן ווי די פייגלען, וואָס צעפליען זיך פון זייערע נעסטן. די לעצטע זקנים אונזערע גייען אויס פון שרעקלעכן הונגער, ליגנדיק אויף די געלעגערס, און די איידעלע לייט, וואָס זיי־נען דערצויגן געוואָרן אין פורפור, ליגן פאַרחלשט אין די גאַסן! נישטאָ קיין חכמה, נישטאָ קיין כוח און קיין עצה קעגן מלך פון אַשור. וואָרום ווער האָט זיך אים קעגנגעשטעלט און גאַנץ געבליבן?

אין דידאָזיקע אומרואיקע טעג איז נעמה מיט פנינהן געזעסן אין זייערע חדרים, און ידידיה האָט זיי געשפייזט אין דער צייט פון באַלאַגערונג. און תימן און תמר האָבן זיי שטענדיק באַזוכט אין זייערע געצעלטן.

און איינמאָל איז תימן אַריינגעקומען צו פנינהן אין איר חדר, איז זי געווען זייער טרויעריק און טרערן זיינען איר געפאַלן אויף די באַקן. האָט ער געזאָגט צו איר:

—גאָט איז מיט דיר, נדיב־טאָכטער! דיינע אויגן שיינען ווי די זון און די לבנה, וואָס לייכטן אַרויס פון צווישן די וואָלקנס און די טרערן אויף דיינע באַקן זיינען ווי די רעגנטראָפּנס אין די שמעקנדיקע בייטן.

האָט פנינה צו אים געזאָגט:

—ווי, מיין האַר! אומגליקלעך בין איך!

האָט תימן צו איר געזאָגט:

—צאַרטע, רוף מיך נישט האַר, וואָרום איך בין דיין קנעכט און דו ביסט מיין האַרינטע. פון דעמאָלט אָן נאָך האָסטו גע־וואונען מיין האַרץ און איך געהער צו דיר. און איצט איז דאָך עכן—דער קוואַל פון פאַרדאָרבונג, געוואָרן פאַר דיר דער קוואַל פון גליק, דיין הויכע אָפּשטאַמונג איז אַנטפּלעקט געוואָר־

און דיין נאָמען טוט שיינען ווי די זון, וואָס קומט אַרויס פון פינסטערניש.

האָט פנינה געזאָגט:

—אַ נדיב־טאָכטער בין איך, יורמס טאָכטער, אָבער וואו איז מיין פאָטער און וואָס איז מיט אים געוואָרן? ער איז טויט! מיין מוטער—איז פאַרוואָגלט און עלנט. מיין ברודער—פאַרוואָגלט און געפּלאָגט, וואָס זשע פאַר אַ גליק האָב איך אין לעבן? איך האָב טרויער, געוויין און גרויס ווייטאָק! ווי אַזוי זאָל לייכטן מיין מזל, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויף דער ערד פון זינט איך געדיינק מיך? און ווי אַזוי קען איך שעפּן פרייד פון ביי־טערן און טרויעריקן קוואַל? וויי, וויי! גאָטס האַנט האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אויף מיין פאָטערס הויז. און אויף וואָס קען איך נאָך האָפן? דער שונא ברומט און רינגלט אַרום די שטאָט, די טעכטער פון ציון ציטערן, פלאַטערן און זוכן זיך אַ שוץ אין די אָרעמס פון זייערע מאַנען, פאָטערס און ברי־דער. וואו זשע איז מיין פאָטער, וואָס זאָל מיך שיצן, מיין ברודער—וואָס זאָל ראַטעווען מיין כבוד פון דער שאַנד פון שונא? ווי אַזוי זאָל איך נישט וויינען?

—און דאָס ביסטו די כשופמאַכערין?—האָט תימן געזאָגט און האָט פון איר נישט אַראָפּגענומען די אויגן פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס זי האָט גערעדט.—אַ כשוף ליגט טאַקע אויף דיינע לעפּצן. נאָך דיין ברודער טוט גאַרן דיין צאַרט געמיט, נאָך אַמנונען, וועמען אויך איך האָב גערופן ברודער מיינער. און ווען דו וואָלסט געוואוסט, ווי אַזוי איך האָב זיך פאַרהאַלטן צו אים, ווען איך האָב אים דערקענט, וואָלסט איצט פאַרשטאַנען אויך מיין צער. אָבער ווער וואָלט מיר געגעבן, אַז איך זאָל דיר זיין אַ ברודער אין שלעכטע צייטן, און זיך באַהעפטן צו דיר נאָכמער ווי אַ ברודער אין טאָג פון אונזער הילף. זאָג מיר נאָר, אַז דו ביסט מיין שוועסטער און אַ העלדישקייט וועט מיך באַהערשן! זאָלן געגענען צו מיר אַלע אַשור־העלדן, איך וועל זיי צוטרעטן, פאַרצוקן ווי דערווילדער לייב, איך וועל זיין די שטאַרקע מויער און די וואַנט, וואָס וועט שטיין

צווישן דיר און יעדן אומגליק. זאָלן פליען די אַשור־קוילן אויף מיין קאָפּ, ווי רעגנטראָפּנס, וועלן זיי זיין פאַר מיר. זאָג מיר נאָר, צאַרטע, אַז ביסט מיין שוועסטער און איך וועל העל־דישקייטן באַווייזן.

—ווי!—האָט אים פנינה געענטפערט.—וואָס בין איך דען אַליין, אַז איך זאָל דיר קענען געבן שטאַרקייט און העלדישקייט? וואָס פאַר אַ ווערט האָט פאַר דיר אַ מיידל מיט אַזאַ שווער און ביטער געמיט, ווי איך בין? פון מיינע טרערן וועט דאָך דיין האַרץ צעגאַנגען ווערן און פון מיינע זיפצן וועלן זיך דיר אַראָפּלאָזן די הענט.

—וואָס פאַר אַ ווערט דו האָסט פאַר מיר?—האָט תּימן איבער־געחזרט אירע רייד.—אַזאַ ווערט, וואָס אַלע טייערע זאַכן אויף דער וועלט קענען זיך נישט גלייכן צו דעם. די דערנער, וואָס האָבן אַרומגערינגלט און געשטאָכן די רויז, זיינען דאָך שוין פאַרברענט געוואָרן און פאַרוואָס זאָל מיין האַנט נישט אָננעמען די רויז? קער מיר צוריק, איידעלע, דאָס, וואָס דו האָסט ביי מיר צוגענומען. קער מיר צוריק מיין פרידן און רו, און גאָט וועט דיר צוריקקערן דיין פרייד און גליק.

און נעמה איז אַריינגעקומען אין חדר און האָט געזאָגט:

—איר בענקט שטענדיק נאָך דער פרייד, וואָס איז ווייט פון אייך. ווײנט בעסער אויף דער מהומה פון גאָטס שטאָט און אויף אַמנונען, וואָס איז פאַרוואָגלט געוואָרן און וועט שוין אַהער מער נישט צוריקקומען. און דעריבער זאָג איך: אויב גאָט וועט באַוויליקן יורמס הויז, וועט ער איצט צוריקקערן דעם פאַרשטויסענעם, כדי עס זאָל מקוים ווערן דער בונד מיט ידידיהן. אויב אָבער גאָט האָט פאַרשטערט זייער בונד, און מיין זון אַמנון וועט שוין נישט קומען, וועט אויך אייער גלוס־טונג נישט קומען און דער סאַפּירשטיין איז אַרויסגענומען פון רונג. דעריבער, תּימן, זיץ אַן עלנטער אין דיין פאָטערס הויז, און טראָג איבער גאָטס צאָרן, און נאָך וואָס זאָלסטו פאַרבי־טערן דאָס לעבן פון מיין טאָכטער פנינה? דו ביסט דאָך אַ

מאַנספּערשוין, שטאַרק זשע איבער דיין טרויער און דערווייטער דיין האַרץ פון מיין טאָכטער! אפשר וועט גאָט זען און פאַרנעמען אויך אייער פּיין, ווען ער וועט זיך דערמאָנען און דערבאַרמען אויף די אַנטרונענע אין יהודה.

האָט תּימן געזאָגט:

—אין פּנינהן איז דאָך מיין גאַנץ לעבן, פון איין אויג אירס קוקט צו מיר אַרויס די גאַנצע וועלט, און אויב איך וועל זיך פאַרבאָרגן פון אירע אויגן, וועט פאַר מיר די וועלט פינסטער ווערן, וויי, וויי! איך בין געוואָרן ווי אַ מאַנספּערשוין אָן כּוח, און מיין האַרץ וויינט ווי אַ פּרויען־האַרץ, איך בין געוואָרן ווי מיין שוועסטער תּמר און ווי פּנינה און קלאָג גלייך ווי זיי. מיר אַלע דריי האָבן ליב געהאַט אַמנונען און אַלע דריי וויינען מיר ביטער אויף אונזער טייערן, וואָס איז פאַרלוירן געוואָרן, און אויף דער פרייד, וואָס האָט זיך פון אונז דערווייטערט.

און ביי דידאָזיקע ווערטער האָט תּימן געוויינט, און פּנינה האָט אויך געוויינט, אָבער נעמה האָט איר פּיין געהאַלטן אין זיך.

פון דעמאָלט אָן האָט תּימן אויפגעהערט צו קומען צו פּנינהן אין חדר. ער איז געזעסן עלנט אין זיין חדר אין זיין פאָטערס הויז, און האָט געוויינט צוזאַמען מיט זיין שוועסטער תּמר, וואָס האָט געטרויערט נאָך איר האַרצנסגעליבטן אַמנונען—דער קוואַל פון ביידנס פּיין.

כו.

און אַמנון האָט זיך געאײַלט צו אַנטלויפֿן פֿון בית לחם אין דערזעלבער נאַכט, וואָס ער איז אַהין געקומען און אײַנ־דערפֿרי איז ער אָנגעקומען קיין עזקה, און דאָ האָט ער זיך באַהעפֿט צו אַ חברותא פֿון דערדאָזיקער שטאָט, וואָס האָט פֿון דאָרט אַוועקגעוואָגלט און זיך געלאָזט מיטן וועג קיין מצרים. און ס'איז געווען, אַז זיי האָבן זיך דערנענטערט צו דער שטאָט עקרון, האָבן די חילות פֿון די פּלשתּים זיי געכאַפּט און האָבן זיי פֿאַרקויפֿט צו די גריכן, וואָס זײַנען געגאַנגען מיט אַ שיף צוריקצוקערן צו דער אינזל כּפֿתּור, וואָס ווערט צוגערעכנט צו די גריכישע אינזלען. האָבן די גריכן געבראַכט די יידן צו דער אינזל, וואו זיי האָבן געוואוינט און זיי געמאַכט פֿאַר אַר־בעטער ביי די גערטנער און קעלטערס. און דאָרט איז געווען אַ מענטש פֿון יהודה, וואָס איז געפֿאַנגען געוואָרן נאָך אין די צייטן פֿון מלך אחז, האָבן די גריכן אים געמאַכט פֿאַר אַ באַ־פֿעלער אויף זײַנע ברידער פֿון איין פֿאָלק, וואָרום די יידן האָבן נישט געקענט קיין גריכיש.

האָבן זיי געאַרבעט אויף אַ שיינעם באַרג, וואָס איז געשטאַנען ביים ברעג ים, און די גלוסטיקע וויינגערטנער האָבן אויסגעזען ווי אַ קרוין אויף זיין קאָפּ, און דער ים, וואָס איז געלעגן אַקעגן אים, האָט אים צוגעגעבן שיינקייט און גרויסקייט. אָבער אַמנון האָט געדיינקט די הייליקע שטאָט ירושלים און זיינע האַרצנסגעליבטע און האָט געבּרומט פון טיפן האַרצן. און ער איז געווען ווי אַ יונג איילבּירטביימל, וואָס מען האָט עס אויסגעריסן פון אַ פעטער ערד און איבערגעזעצט אויף אַ געזאַלצענעם באָדן, וואָס דערפון ווערן זיינע בלעטער פאַרוויאַנעט און ער פאַרלירט זיין שיינקייט.

ס'איז געקומען די צייט פון אַרומשניידן די צווייגלעך פון די ווייַנשטאָקן, און די קינדער פון יהודה זיינען געקומען אין די וויינגערטנער, האָט אַמנון געטאָן זיין אַרבעט אין אַ ווינקל פון גאָרטן און זיינע אויגן האָבן נישט אויפגעהערט צו גיסן מיט טרערן. איז צו אים צוגעקומען דער באַפעלער און געזאָגט:

„דער פרילינג האָט דאָך באַנייט די ערד, באַניי אויך אין דיר אַ גוט געמיט, וואָרום יונג ביסטו דאָך נאָך און וואָס ביסטו אַזוי געפאַלן ביי זיך? נאָר אַ מענטש, וואָס איז שוין אַלט, וועט צוריק יונג נישט ווערן. אָבער אַ יונגערמאַן נעמט זיך אָן מיט פרישע כּוחות, ווען עס קומט דער פרילינג. שטאַרק זיך, טייערער יונגערמאַן, וואָרום דו האָסט געפונען חן אין די אויגן פון די באַלעבאַטים פון די גערטנער, און איך האָב דיך צוויי מאָל ליב: איינמאָל פאַר דיין שיינקייט און נאָך אַמאָל פאַר דעם, וואָס דו ביסט אַ געבוירענער פון ציון. וואָרום אַזוי האָט מען מיר געזאָגט און אין דער שטאָט איז מיין גאַנץ לעבן.“

האָט אַמנון צו אים געזאָגט:

—איך בין טאַקע נאָך יונג אין יאָרן, אָבער אַלטע לייט ווייסן נישט פון אַזוינע יסורים און בראָך, ווי איך. וואָרום פון מיינע באָענטע און טייערע בין איך אָפּגעריסן געוואָרן, פון אַ געטרייער מוטער, פון אַ שיינער שוועסטער. די האַנט פון מיין פאַנגער האָט מיך אַרויסגעריסן, ווי אַ פייגעלע פון אַ נעסט און מיך אַהער

ווייט פאַרטראָגן. ווי איז מיר, פאַרוואָגלט פייגעלע! קיינער רעדט נישט פאַר מיר קיין גוט וואָרט, און קיינער ווישט נישט אָפּ די טרערן פון מיין געזיכט! מיינע צרות דערצייל איך פאַרן ווינט און מיינע יסורים—פאַר די ים־כוואַליעס, וואָס ברו־מען מיט דעם ביטערן ברומען פון מיין האַרץ. און וואָס קען מיך טרייסטן דער זיסער פרילינג? ווי געשריען! נישט פאַר שווערע געמיטער בלאָזט דאָס מילדע ווינטל, און נישט פאַר ביטערע הערצער שיינט די זון, קליידט אָן די וועלט אירע שיינע קליידער. וואו נעמט מען פליגלען, ווי ביי אַ טויב, אַז איך זאָל קענען פליען צו די בערג פון ציון און נעמען פון דאָרט מיין טייערע און אַוועקטראָגן זי איבער ימים, דאָרט, וואו עס איז נישטאָ קיין העצער און קיין קריגער. איך וועל ריידן און זי וועט מיך אויסהערן און וועט זען מיינע טרערן און גלויבן אין מיר. און אויב די ווענט אַרום ירושלים זיינען צע־שטערט ביזן גרונט, און מיין טייערסטע איז אויסגעגאַנגען צווישן די חורבות, וועל איך גיין אויף די וויסטענישן פון ציון, אויף די צושטערטע פּאַלאַצן און אויפן פאַרוויסטן הייליקן הויף, און וועל וויינען אויף מיין צושטערטן לאַנד, אויף די געהרגעטע און אויף מיינע טייערע, און וועל וויינען און קלאָגן ביז איך וועל אויסהויכן מיין אומגליקלעך לעבן.

האָט דער באַפעלער צו אים געזאָגט:

—מיין רחמנות איז זייער גרויס צו דיין דערשלאָגנקייט, אָבער ווען דו וואָלסט געוואוסט דעם צער פון מיין האַרצן, וואָלסטו שוין געשוויגן. איך בין געווען פון די גרעסטע לייט אין לאַנד, און בין געזעסן אַ רואיקער אין פּאַלאַצן פון העלפאַנדביין, און האָב געשיינט און געווען אַ גליקלעכער. אָבער ווי, ווי! איך האָב געהאַט אַ שלעכטן סוף! שוין ניינצען שלעכטע ביטערע יאָרן, ווי איך פּלאָג זיך אַרום אויף פרעמדער ערד. דאָ האָט מיך גאָט דערשלאָגן אין לאַנד פון פּיין, און אין ציון האָט זיך זיין האַנט שווער אַראָפּגעלאָזט אויף מיין הויז, אַ פייער האָט עס פאַרברענט צוזאַמען מיט מיין ווייב און צוויי קינדער. ווי, ווי! פון זייער אומגליק בין איך צעבראָכן, און אַ שוידער

נעמט מיך אָן, אַז איך דערמאָן מיך, ווי מיין געליבט ווייב האָט אין מיר געפעלשט. נאָך מיט צען יאָר צוריק האָבן עס מיר דערציילט די פאַרוואָגלטע פון יהודה, און פון דער צייט אָן האָב איך קיין רו נישט. אָבער צו וואָס זאָל איך פון דיר פאַרלייקענען מיין נאָמען? האָסט דאָך מסתם געהערט דעם נאָמען פון יורם דעם האַר!... קוק אים אָן. אָט שטייט ער אַ דערשלאָגענער מיט זיינע ליידן און פיין פאַר דיר!

און אַמנון האָט אויסגעשטעלט אויף אים די אויגן, און האָט אויפגעציטערט און אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט, און זיין פּנים איז ווייס געוואָרן און די כּוחות האָבן אים כּמעט פאַרלאָזט, און גרויס איז געווען זיין דערבאַרעמונג צו דעם מענטשן, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון הויכן באַרגשפּיץ אין דער טיפעניש פונם ים צרות. און זיין האַרץ האָט אויפגעציטערט, דערזעענדיק דעם פאָטער פון זיין שונא עזריקם.

האָט יורם צו אים געזאָגט:

—וואָס ביסטו אַזוי דערשראָקן געוואָרן און וואָס שטוינסטו אַזוי? אַ מענטש ווערט דאָך געבוירן נאַקעט און אָרעם און נאָר גאָט טוט אים דערהויכן און דערנידעריקן.

האָט אַמנון אָפּגעזיפצט און געזאָגט:

—ווי ריכטיק זיינען די רייד פון מיין האַרצנסגעליבטע, ווען זי האָט צו מיר געזאָגט: „וואו איז עס דער מענטש, וואָס זאָל אין איין ווייל זען דאָס לעבן און דעם טויט און נישט דערשראָקן ווערן"—אויך איך זע איצט דערהויבנקייט און געפאַלנקייט, דעריבער בין איך אַזוי דערשראָקן און דאָס חיות גייט מיר אויס. דאָס ביסטו דער האַר יורם?! דו, וואָס זיין נאָמען און אָנדיינק איז באַוואוסט אין אַלע געמאַרקן?

האָט יורם אים אויסגעפרעגט אויף זיין פריינט ידידיה, און אויף עזריקמען, זיין זון, און אויף אבישין און סתרין, און אַמנון האָט אים דערציילט פון מתנס סוף, און אַז ער האָט דערמאָנט ידידיהן, האָט ער זיך נישט געקאָנט אָפּהאַלטן פון געוויין, אַזוי אַז יורם האָט זיך שטאַרק פאַרהדושט.

און אַזוי ווי זיי שטייען אוןריידן און וויינען, איז אָנגעקומען

דער באַלעבאָס פון די גערטענער און ער האָט זיך אָנגערופן צו יורמען אויף גריכיש, אַזוי צו זאָגן:
—צי צוליב דעם האָב איך דיך געמאַכט פאַר אַ באַפעלער אויף די יידן, כדי דו זאָלסט זיי מאַכן פאַר ווייגער און פאַר פוי־לער?—און ער האָט זיך אויף אים צושריען און געזאָגט:—דו ביסט מיר ערוב פאַר דידאָזיקע לייט! פון דיר וועל איך פאָדערן זייער אַרבעט!
איז יורם געגאַנגען צו זיין אַרבעט און אויך אַמנון האָט געטאָן דאָס אייגענע.
און ס׳איז געווען צומאָרגנס און אַמנון האָט זיך געפעדערט צו דער אַרבעט, אָבער ער איז געווען זייער נידערגעשלאָגן, וואָרום ער האָט באַקומען אַ פיבער. ס׳איז געווען אַ פרימאָרגן אַ קלאָרער, אָן אַ וואָלקנדל. אָבער איידער ס׳איז נאָך געוואָרן גרויסער טאָג, האָט זיך אויפגעהויבן אַ מערב־ווינט און האָט אָנגעטריבן וואָלקנס און דער הימל איז פאַרכמאַרעט געוואָרן פון אַלע זייטן און אַמנון איז געזעסן מיט אַ פאַרוואונדערט האַרץ אויפן באַרג און זיינע אויגן זיינען געווענדט געווען צו דער זון, וואָס האָט אויף אים געקוקט, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע, און ער האָט געזאָגט:
—דו, גרויסע ליכטיקייט, וואָס דו געוועלטיקסט איבערן טאָג! דו זיסע זון, וואָס דו ביסט מיר אַן עדות אין הימל פון מיין בונד מיט תמרן. ווי מיינע אויגן, אַזוי זיינען תמרס אויגן געווענדט איצט צו דיר, און ביי דיין ליכטיקער שיין שפּאַצירט זי בנעימות אויפן הר־הזיתים. ברייננ זשע מיר אַ האָפנונג מיט דיינע שטראַלן און אַ היילונג מיט דיינע פליגלען! שיין, טייערע זון, אויף גאָטס שטאָט און באַשיין מיין ערלעכקייט פאַר תמרס אויגן! וויי איז מיר, איך האָב געפאָלגט איר באַפעל, ווען זי האָט זיך אויסגעשריען אויף מיר, און גאָט ווייזט מיר נישט זיין ליכטיקע געשטאַלט, און וואָס איז מיר די ליכטיקע זון? ביי איר ליכט זע איך נאָר מיין וואונד, מיין מאַטערניש און פיין. נעם צו, זון, דיין ליכטיקייט, פאַרבאָרג זיך אין נעפּל, ווי מיין פרידן, וואָס איז פאַר מיר פאַרבאָרגן! רייך אָן, צאָרנ־

דיקער גאָט, פייער אויף וואַסער און וואַסער אויף טריקעניש. און אויפהויבן זאָל זיך אַ קריג פון הימל אויף ערד, און די ערד זאָל אויפשטיין אויף אַלץ, וואָס עס געפינט זיך אויף איר, און עס זאָל בלייבן אַ פוסטקייט אויף די הימלען, און אַ וויסט־קייט זאָל איבערשרעקן די ערד. וואָרום פאַרוואונדעט האָט זי גאָט אין קאָפּ, זאָלן זשע אירע זיילן צעטרייסלט ווערן. וואָס איז דער קאָפּ פון דער גאַנצער וועלט? ציון! וואָס איז דער פונדאַמענט פון דער ערד?—ירושלים! ציטער אויף, ערד, וואָ־רום ס׳זיינען איצט געפאַלן אירע טורמס אין טאָג פון רעש. טרייסל זיך אויף, הימל! וואָרום ס׳האָבן זיך צוטרייסלט די בעלקעס פון גאָטס הויז. די וואוינונג פון אייביקן ליכט איז געשלאָגן געוואָרן, דערפאַר איז גאָטס שטאָט פינסטער געוואָרן און אירע איינוואוינער בלאָנדזשען אַרום ווי די שאָטנס אין די גאַסן אונטערן בלאַנק פון שפּיזן. ביי דער שיין פון שאַרפע שווערדן און פיילן טראָגן זיי זיך אויף די פליגלען פון טויט. ווי שרעקלעך איז די גרויסע הריגה! וואָרום אַריין זיינען די זין פון אַשור און עולם דורך די טויערן פון ציון, און האָבן געטרעטן און פאַרצוקט אירע שטומע שעפעלעך, און דאָס בלוט פון יהודה פלייצט אויף דער ערד, און דאָס בלוט שפּריצט ביז די הימלען, און די לבנה איז געוואָרן בלוט, און רויט געוואָרן איז גאָטס טייך, דער טייך שלוח.

און יורם איז געשטאַנען אונטער אים און האָט אים נישט גע־וואָלט שטערן, בשעת ער האָט אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ. און אַמנונס טראַכטונגען זיינען צומישט געוואָרן פון פיבערהיץ און מיט אַ ביטער האַרץ האָט ער ווייטער גערעדט:

—וויי איז מיר, מוטער מיינע! שוועסטער מיינע! וואו זענט איר, וואו? וואו האָב איך אייך פאַרלאָזט? גייט נישט אין גיהנום־טאָל! דאָרט איז אַ טאָל פון רציחה, און דאָרט רינט דאָס בלוט פון דערשטאָכענע, וואָס ליגן צענויפגעוואָרפן ווי מיסט. גייט אַרויף אויף דעם באַרג פון גאָטס הויז און הויכט אויס אייערע נשמות אויף גאָטס מזבח, וואָס איז צושטערט! איילט זיך, טאָמער וועלן אייך די שונאים אומברענגען דורכן שווערד!

שווייג, ברומענדיקער ים! וואָרום אַ קלאָג גייט אויף פון ציון. דאָס זיפצן פון געהרגעטע פון הר־הזיתים. ווי איז מיר! מיין לעבן האָט זיך דאָרט געוואוינט.—לאָז מיך הערן דיין שטים, תמר, מיין טייבעלע! ווי איז צו מיר, קיין וואָרט און קיין קול, דיין האַרץ גייט אויס נאָך די מערדער. פון ווייטע לענ־דער טו איך דיך רופן און דו באָדעסט זיך אין דיין אייגן בלוט, מיט דיר טוט זיך אויף וואַלגערן תימן אין זיין בלוט! פאַר־שעם זיך, זון! וואו שיינסטו מיטן דיין ליכט? שטיי אויף, שוועסטער מיינע, לאָמיר פאַלן צוזאַמען אויף זייערע טויטע גופים און לאָמיר אויסמישן אונזער בלוט מיטן בלוט פון די־דאָזיקע געליבטע און טייערע. דאָס לעבן האָט אונז צעשיידט, און דער טויט וועט אונז צענויפבינדן.

און אַמנון האָט שוין מער נישט געקענט ריידן, וואָרום ער איז פאַרחלשט געוואָרן און געפאַלן אויפן גראָז, וואו ער איז געזעסן. איז יורם צוגעלאָפן, אים אָנגעכאַפּט און געזאָגט:

—מיין האַרץ גייט אויס פאַר דיר, טייערער בחור. דיין האַרץ איז וויסט און פאַרפירט און דיין מויל רעדט פון בייזע חלומות. שטיי אויף, איך וועל דיך אַוועקלייגן אויפן געלעגער, וואָרום דו ברענסט אינגאַנצן ווי פייער. טייערע און גלוסטיקע בלום! פאַרשאָלטן זאָלן ווערן די מענטשן, וואָס האָבן דיך אָפּגעריסן מיט בייזע הענט פון דיין ערד.

און מיט די ווערטער האָט ער אים גענומען אין זיינע אָרעמס און אים אַוועקגעלייגט אין ביידל, וואָס איז געשטאַנען אין גאָרטן. און אַמנון איז אַ ביסל געקומען צו זיך, האָט ער גע־זען, ווי יורם שטייט נעבן אים, און ער האָט געזאָגט:

—דערבאַרעם זיך אויף מיר, מיין האַר, וואָרום אַן אומגליקלע־כער בין איך!

האָט יורם צו אים געזאָגט:

—באַרואיק זיך, טייערער בחור, וואָרום ווי אַן אייגענעם זון וועל איך דיך אָפּהיטן און וועל דיך אויסהיילן פון דיין מחלה.

כז.

און אויך תמר האָט זיך געאָרנישט געקענט פּאַרואיקן און האָט געוויינט נאָך אַמנונען טאָג און נאַכט. און ס'איז געווען דער פערצענטער טאָג אין חודש ניסן, איז סתרי אינדערפרי אַרייַנגעקומען צו איר אין חדר, האָט ער זי געטראָפן ברעכן די הענט און זיך שלאָגן אין האַרצן, און ער האָט געזאָגט:

—גרויס און שרעקלעך איז די מהומה אין גאָטס שטאָט, אַרומגערינגלט האָט דאָס געשריי די גאַנצע גרענעץ פון יהודה. וויין זשע אויף דעם גורל פון די איינוואוינער אין ציון און נישט אויף אַמנונען, וואָס זיצט איצט אַ רואיקער אויף פרעמדער ערד.

האָט זיך תמר ביטער צעוויינט און האָט געזאָגט:

—וויינען טו איך נאָך דעם, וואָס איז פון מיר אַוועק און וועט שוין צו מיר נישט צוריקקערן!

האָט ידידיה צו איר געזאָגט:

—נאָך וואָס, טאָכטער מיינע, טוסטו וועקן טויטע, דערוועקן די ליבע פון דעם, וואָס ליגט שוין אין דער ערד? מיר גייען דאָך צו אים, און ער צו אונז וועט שוין נישט צוריקקערן. ווײַן אויף די לעבעדיקע, וואָס זייער לעבן הייִנגט זיי אויף אַ האָר און ווײַן נישט נאָך אַ טויטן.

—וואָס הייסט דאָס?—האָט אים סתרי געפרעגט.

האָט ידידיה צו אים געזאָגט:

—צווישן די טויטע ווערט אויך אַמנון געציילט, וואָרום ער איז אומגעקומען פון די הענט פון אַשור. נעכטן איז צו אונז געקומען אַן אַנטרונענער פון גבעת־שאול און ער האָט אונז אַזוי דערציילט: געזען האָב איך דאָרט געפאַנגענע האַרן פון ירושלים און צווישן זיי אַ יונגלינג מיט זייער שיינע אויגן. זיינע לאָקן זיינען שוואַרץ ווי קראָ, אָבער ער איז לויטערער פון שניי, ריינער פון מילך, און ער איז דורכן שווערד דערהרגעט געוואָרן. און איך ווייס שוין גוט די סימנים. ס'איז באמת אַמנון, און פון שונא איז ער אומגעקומען, אָבער ער איז נישט דער ערשטער און נישט דער לעצטער. אַ סך זיינען אומגעקומען פון אַשורס שווערד, טאָ וואָס ווײַנסטו, טאָכטער מיינע, אויף איינעם? פאַרגעס אין געשטאָרבענעם, וואָרום ער וועט שוין צו דיר נישט צוריקקומען.

האָט סתרי געזאָגט:

—און ווער ווייסט? אפשר האָט דער אַנטרונענער געזען אַן אַנדער יונגלינג, וואָס זעט אויס ווי אַמנון. אָבער איינס פון דיביידע: אויב אַמנון איז געשטאָרבן, איז דאָך אומזיסט דיין ווייִנען, תמר, און אויב ער לעבט, איז דאָך נאָך דאָ אַ האָפנונג, אַז ער וועט צו דיר צוריקקערן אין טאָג פון הילף. הער זשע אויף, תמר, צו ווייִנען. האָף צו גאָט און פאַרגעס אָן אַמנונען אין די טעג פון צרות און צוטומלעניש.

—ניין,—האָט תמר געענטפערט,—איך וועל אַמנונען קיינמאָל נישט פאַרגעסן נישט אין טאָג פון קריג און שלאַכט, נישט אין טאָג פון געזאַנג און הילף. נישט אויף דער וואַך, נישט אין שלאָף וועל איך אים נישט פאַרגעסן! ווײַ איז מיר, דערשראָקן בין

איך פון אַ שווערן חלום, וואָס איך האָב געזען אויף מיין געלעגער. און די חלומות נאַרן דאָך נישט אָפּ. הערט, איך וועל אייך דערציילן.
נעכטן ביינאַכט האָב איך זיך געלייגט מיט אַ געבראָכן געמיט, און בין אַנטשלאָפן געוואָרן מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ. און מיר האָט זיך געחלומט: דער קעניג האָט אָנגעגורט אַ שווערד אויף זיין זייט, און דאָס לעצטע ביסל זעלנער, וואָס זיינען אים נאָך געטריי געבליבן, שטייען אויסגעשטעלט אויף דער מזרח־גאַס גרייט אַרויסצוגיין קעגן דעם שונאס געוועור און זיי רינגלען אים אַרום, און חזקיהוס אויגן זיינען אויפגעהויבן צום הימל און גיסן טרערן אַ טייך, און זיינע אויגן זיינען געווענדט צו גאָט און מיטן מויל רעדט ער, אַזוי צו זאָגן:
„כ׳בעט דיך, גאָט מיינער! קוק אַראָפּ פון הימל און זע-דער קעניג פון יהודה ווערט פאַרוואָגלט פון זיין שטול, פון זיין שטאָט אָנצוהויבן מיט ווייניק מענטשן אַ קריג מיטן קעניג פון אַשור, וועמענס חילות עס זיינען פול ווי די שטערן אין הימל. אויף דיר לאָז איך איבער דידאָזיקע שטאָט: אירע ווייבער, קינדער, קליינע קינדער, אַלטע לייט, אַלמנות און יתומים,—זאָלן דידאָזיקע אָרימע שעפעלעך באַשיצט ווערן אונטער דיינע פליגלען!”
און די זעלנער האָבן פאַרגאָסן טייכן טרערן, ווען ער האָט דאָס גערעדט, און מיט געוויין האָבן זיי זיך געזעגנט מיט גאָטס שטאָט, די וואוינונג פון אייביקן גאָט, און מיט די ווייבער און קינדער זייערע, וואָס זיינען געקומען זיי באַגלייטן. און פון דער מחנה גייט אַרויס צו מיר אַמנון, אַ שיינענדיקער, מיט ליכטיקע אויגן. ער איז אָנגעטאָן אין אַ שווערד, האַלט אַ פאַנצער, זיצט רייטנדיק אויף זיין פערד, אויף וועלכן עס ליגט אויסגעשפרייט די פעל פון לייב. ער שיינט ווי אַ העלד אין קריג, און ער האָט צו מיר אויסגערופן:
„זיי געזונט, זיי געזונט, תמר, מיין איינציקע! אויף דער טויט וועט אונז נישט צושיידן!” אַזוי האָט ער געזאָגט און ער איז פאַרשוואונדן. איך בין שטאַרק דערשראָקן געוואָרן און ווי צוגענעגלט צו מיין אָרט בין איך געשטאַנען פאַרוואונדערט

און איבערראַשט. כ׳האָב געוואָלט ריידן, און די צונג איז מיר ווי צוגעוואַקסן געווען צום גומען. און אַז די מחנה האָט זיך געריקט צו גיין, האָט זיך מיין צונג באַפרייט, האָב איך אויפגעהויבן מיין קול און גערופן:

—וויי, וויי! גלוסטונג פון מיין האַרץ! האַר פון מיין יוגנט! וואו גייסטו, און ווי אַזוי פאָלגסטו נישט גאָטס באַפעל? (אַז דער, וואָס האָט צו זיך פאַרקנסט אַ ווייב און זי נאָך נישט גענומען, דאַרף נישט גיין אין מלחמה אַריין). דו האָסט דאָך מיך פאַרקנסט און נאָך נישט גענומען, קער זיך צוריק און זיי פריי פאַר דיין הויז!

בין איך נאָכגעגאַנגען נאָך דער מחנה, געגאַנגען און געוויינט, געגאַנגען און גערופן:—אַמנון! אַמנון! כ׳האָב געוויינט, געשריען, און ער האָט מיך שוין נישט געהערט. בין איך געקומען ביז צום טויער, האָב געוואָלט אַרויסגיין פון דער שטאָט און די שוטרים האָבן מיך נישט געלאָזט. דאָס וואַך־מיליטער האָט שוין נישט אַרויסגעלאָזט און די פרויען פון ציון זיינען אַרויף אויף די דעכער און מויערן, און אַלע ברומען ווי די שטרויסן און קלאַפּן זיך אין די הערצער. אויך איך בין אַרויף אויפן אויסקוקער־טורם. פון דאָרט האָב איך געזען די גאַנצע מחנה פון אַשור און איך בין שטאַרק דערשראָקן געוואָרן. איך בין דאָרט געשטאַנען און מיין נשמה האָט געשוועבט מיט דער פאָן פון יהודהס מחנה, וואָס האָט זיך שווער געשלעפּט. ווי אַ האָגל האָבן געקלאַפּט די שפּיזן און פאַנצערס, פיילן און פונקען פייער זיינען געפלויגן אויף די פליגלען פון טויט. די מלחמה האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אויף יהודה און די געפאַלענע האָבן זיך געוואַלגערט אויפן מלחמה־פעלד. פּלוצלונג—און אַ געשריי און אַ ליאַרם פון העלדישקייט און אַ שאַלן האָט זיך דערהערט פון דער אַשור־מחנה: „דער קעניג פון יהודה איז אַ לעבעדיקער געפאַנגען”! און די לעצטע פון יהודה האָבן אָנגעהויבן אַנטלויפן. ווי פאַרשטויסענע שעפעלעך זיינען זיי אַנטלאָפן, זיינען געשטרויכלט געוואָרן, געפאַלן איינער איבערן אַנדערן. און דאָס אַשור־מיליטער האָט זיי נאָכגעיאָגט, ווי וועלף זיינען זיי גע־

לאָפן נאָך זיי, און די האַרן שרייען ווי די יונגע לייבן: „מור־טיק! מוטיק! קינדער פון אַשור און עילם, גייט אַרויף אויף די בערג פון ציון. צושטערט, צושטערט ביזן גרונט! שניידט! פאַרדאַרבט דורך פייער און שווערד!"
און אין גרויסן טומל און אין שרעקלעכן געווימל האָב איך געזען ווי אַמנון ווערט צוטרעטן אין טויער. איך האָב אויך געהערט די טויטזיפצן זיינע. דעמאָלט האָב איך געטראַכט: כ'וועל אַראָפּשפּרינגען פון שפּיץ טורם און וועל מיין לעבן אויך אומברענגען. דאָ האָב איך זיך אויפגעכאַפּט און ס'איז געווען אַ חלום! איך פיל נאָך איצט אין מיינע ביינער די געוואַלדיקע שרעק און איך בין טרויעריק און באַטריבט פון דעמדאָזיקן שרעקלעכן חלום.
האָט סתרי געזאָגט:
—ס'איז מיר גאָר קיין וואונדער נישט דער חלום. טרויעריקע געדאַנקען טראַכט תמרס האַרץ, און דער אָנזאָג פון דעם, וואָס איז געקומען פון גבעת שאול, האָט נאָך מער באַזאָרגט געמאַכט דאָס האַרץ אירס וועגן אַמנונען—און דאָס, וואָס זי טראַכט אַ גאַנצן טאָג, דאָס חלומט זיך איר ביינאַכט.—ווייטער איז גאָרנישט.
—און וואָס וועט מיט אונז ווערן?—האָט חננאל געפרעגט.
—ס'איז דאָ אַ האָפנונג,—האָט סתרי געענטפערט.—הערט וואָס דער הייליקער נביא בן־אָמוץ האָט געזאָגט. אַזוי האָט ער געזאָגט: מיט פייער שטראָפט גאָט—זיין אָטעם־צוג ווי אַ טייך פון שוועבל וועט ברענען אין דער מחנה פון אַשור, שטורם און פלאַם פייער איז זייער חלק, ס'וועט זיך נישט זען דאָס בלאַנקען פון דעם שווערד און עס וועט זיך נישט הערן דאָס גערויש פון שפּיזן. וואָרום פון גאָטס שטים וועט דערשראָקן ווערן אַשור און פון זיין געשריי וועט ער צוטומלט ווערן. ביז צו אָוונט וועט ציון האָפן און מיטן באַגינען וועט גאָט איר העלפן!
און דאָס מיליטער פון אַשור האָבן באַלאַגערט די שטאָט און געזוכט פאַרזיכערט ווי לייבן אַרום סטאַדעס שעפּסן. וואָרום ווער וועט מאַכן זיי דערציטערן? די זון איז ווי אַ פייערדיקע קויל

פאַרזונקען אין ים, האָט זיך באַהאַלטן אין די גרוי ן פון דער שרעקלעכער נאַכט, און די לבנה האָט אויפגעשיי רויט ווי בלוט אויפן איילבירטבאַרג און ס׳איז געקומען די נאַכט, די ערשטע נאַכט פון פסח, דער יום־טוב, וואָס דערמאָנט אין גאָטס גבורות, וואָס ער האָט געטאָן מיט די יידן. אָבער ווי צו דער נאַכט פון יום־טוב, וואָס איז אַ דערציטערטע! די איבערגעבליבענע אין ציון, וואָס זיינען טרויעריק אום יום־טוב, האָבן זיך פאַרבאָרגן אין זייערע חדרים, און זייער האַרץ האָט געוויינט אינדערשטיל פון גאָטס צאָרן, וואָס האָט זיך אויף זיי אויסגעגאָסן. אויך די כהנים אין בית־המקדש האָבן געוויינט, געקלאָגט און ביטער געיאָמערט, וואָרום פאַרשטערט געוואָרן איז די פרייד פון יום־טוב. דער קעניג האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קרוין און אָנגעקליידט אַ זאַק, און בן־אָמוץ האָט געבעטן צו גאָט.

ווי מוראדיק איז גאָט, ווען ער שטייט אויף צום משפט! און ווי הערלעך און שטאַרק איז ער, ווען ער קליידט זיך אָן אין נקמה! דער, וועמענס מעשים עס זיינען גרויס און שטאַרק, דער גיט אַ צייכן און אַלץ, וואָס געפינט זיך אויף הימל און ערד, פאַרלאָזט דעם סדר—פאַרענדערט אַלע אייביקע געזעצן, דערהערנדיק איין וואָרט פון גאָט—באַהעפט זיך פלאַקערדיק פייער מיט מוראדיקן אייז און גיבן זיך אַ גאָס ווי וואַסער אויף דער ערד. אַמאָל—(ביים שפּאַלטן דעם ים) האָט דער גאָט פון משפט זיך באַוויזן, ברייגנעענדיק אַ ישועה און אַ סך שטאַרקע וואַסערן זיינען פאַר אים געבליבן שטיין ווי אַ וואַסערזייל. ער האָט אַ געשריי געטאָן צו די אָפּגרונטן און זיי האָבן אויפגעברויזט אַקעגן די מצרים,—איצט אין דערזעלבער צייט איז ער געקומען מיט שטורם פון זיינע רייטוועגן און זיין געשריי זיינען פלאַמען־פייער. ברענענדיקע מלאכים זיינען פון דער הויך אָנגעפלויגן און אַראָפּגעשפּרונגען אויף דער מחנה פון אַשור. זייער פלי איז געווען שטורם און שרעקלעכער ווינט, וואָס וואַרפט אום די וועלט. און מיט דעם פלאַטערן פון זייערע פליגלען האָבן זיי אויפגעבלאָזן די שרעקלעכסטע פלאַקערן און

ס'איז געוואָרן אַ ברענענדיקער ווינט. זיי זיינען געפלויגן פאַר־ביי אַוועק, און נאָך זיך איבערגעלאָזט אַ ווילדע רואיקייט, אַ שרעקלעך שטילשווייגן און אַ דרעמל פון טויט. נאָר איין ווײַ־לע האָט גאָט געצאָרנט—און דאָס מיליטער פון אַשור איז פאַר־ברענט און אויפגעפרעסן געוואָרן פון פייער!

און דער מאָרגנשטערן איז אויפגעגאַנגען צו אַנטפּלעקן דעם געטלעכן סוד, וואָס איז באַהאַלטן אין נעפל. די הערשאַפט פון טאָג און די הערשאַפט פון נאַכט האַלטן נאָך מלחמה, נישט ווילסנדיק, ווער פון זיי דאַרף דערציילן פון גאָטס נסים. און די וועכטערס, וואָס זיינען געזעסן אויף דער שטאָט־מויער, האָבן זיך צוגעהערט צו דער מחנה פון אַשור, און מען הערט נישט קיין שטים און קיין קלאַנג. מען הערט קיין וואָרט נישט פון דאָרט. האָבן די אויסקוקער אויפגעהויבן אַ געשריי און אַראָפּ־געזונגען פון די הויכע טורמס פון ציון, אַזוי צו זאָגן:

„דערוועק זיך, שטיי אויף, געטלעכע שטאָט! דיינע שונאים האָבן איינגעדרעמלט—שאַלט אַרויס מיט געזאַנג און יובלט. וואָ־רום דיינע פיינט זיינען פאַרשטומט געוואָרן. גאָטס רעכטע האַנט האָט באַוויזן גרויס וואונדער ווי אין די צייטן מיט די מצרים! זי האָט אונטערטעניק געמאַכט דאָס ברומען פון די פרעמדע, האָט אויף זיי איבערגעקערט די נאַכט און זיי דערקוועטשט. ציון־טאָכטער! קלייד זיך אָן מיט גרויסקייט, וואָרום דיינע שונאים האָבן זיך אָנגעקליידט מיט שאַנד—דיינע באַדריקער זיי־נען שוין נישטאָ, פייער, יהודה, דיין פייערטאָג!"

אַוועק זיינען די נאַכט־שרעקן. די זון האָט זיך באַוויזן מיט שטראַלן פון הילף און הערלעכקייט אויף דודס שטאָט, און געבראַכט אויף אירע פליגלען אַ היילונג צו די איינוואוינער. פאַר־לאָזט האָט דער שלאָפער זיין קראַנקענבעט, און דער געפּלאָג־טער פון הונגער האָט פאַרלאָזט דאָס געצעלט פון אָרעמקייט. די, וואָס זיינען געגאַנגען אויף אָנלענען, האָבן די קוליעס אַוועקגעשליידערט, הינקענדיקע זיינען געשפּרונגען ווי די אינדן און געשטרויכלטע זיינען געוואָרן שטאַרק. אַלע לעבנגעבליבענע פון ירושלים זיינען אַרויס צו דער מחנה פון אַשור—און די

טאָלן וואָס זיינען געווען פול מיט רייטערס און רייטוועגענער זיינען געווען פול מיט פגרים, און ווער עס האָט נאָר הענט געהאַט, האָבן צענויפגענומען אָן אַ שיעור מלחמה־רויב.
און די געטלעכע שטאָט, וואָס איז געווען אַזוי צעשלאָגן און צעטומלט, איז געוואָרן פריילעך, וואָרום גאָט האָט פאַר איר פרייד באַשאַפן. שאַלט זי און יובלט מיט גאָטס הילף און מיט איר יום־טוב, לויב־געזאַנג און דאַנק־לידער הערן זיך אין בית המקדש. און אַלע זיינען אויפגעלייגט און בשמחה, פאַר־געסן געוואָרן איז יעדער טרויער, אַוועק פיין און ליידן, און תמר איז מיט נעמהן און פנינהן אַריין אין בית המקדש, און זי האָט געזאָגט:
—כ׳בעט דיך, גאָט, וואָס דו באַווייזט אַזוינע וואונדער: זאָל לעבעדיק ווערן מיין טויטער און זיך פרייען מיט דער פרייד פון דיין פאָלק!
—טרייסט אויך אונז,—האָבן געבעטן נעמה און פנינה,—טרייסט אויך אונז, גרויסער גאָט, וואָס דו האָסט געטרייסט די שטאָט ירושלים מיט די אבלים אירע!
און תרצה האָט געגענט צו זיי און געזאָגט:
—נאָר גאָט איז דער גוטער און דער דערבאַרמדיקער צו די וואָס האָפן צו אים, און אין אים לאָמיר זיך פאַרזיכערן, אַז ער וועט אונז נאָך באַווייזן אויך אַמגונעץ.
און חזקיהו האָט צענויפגעזאַמלט פאַר די טויערן פון ירושלים די געפאַנגענע רעשטלעך פון מצרים און כוש, וואָס דער מלך פון אַשור האָט זיי מיט זיך מיטגעפירט, און ער האָט זיך צו זיי געווענדט און אַזוי געזאָגט:
—גאָט האָט אַראָפּגענומען אַשורס יאָך פון אייערע העלזער, עס זיינען צעריסן געוואָרן אייערע שטריק, מיט וועלכע איר זענט געווען געבונדן. זיי זיינען צעריסן געוואָרן, ווי פלאַקס פון פייער, פון גאָטס צאָרן, וואָס האָט זיך אָנגענומען פאַר ציון. זעט די פגרים פון די אַשור־לייט, וואָס ליגן ווי מיסט אויף דער ערד פון יהודה! וואָס איז געווען מיט דיר—דו באַצוויני־גער פון פעלקער? ווי אַ נאַכטרויבער ביסטו געקומען און ווי אַ

גנב האָסטו זיך באַהאַלטן און אַנטלאָפן, ווען גאָט האָט אונז באַשיינט מיט זיין הייליקן נאָמען, וואָס איז אַ זון, וואָס היילט. אויב איר, די העלדן פון זיינע חילות, האַרן און אונטערהאַרן, מלכים און געוועלטיקער, איר אַלע זענט דאָ אַנגעפלויגן, ווי די אָדלערס אויף גאָטס הויז, האָט נישט געדוט און נישט געשלאָפן—איצט זענט איר פון דעם יידישן געשריי אַנדרעמלט געוואָרן. מיד זענט איר געווען, איצט וועט רוען אויף דער ערד פון יהודה אַן אייביקער רו! איצט זעט דאָס אַלץ, איר אַנטרונענע פון פרעמדע פעלקער, און דערציילט אויף די ווייטע אינזלען, אַז שטאַרק איז דער גאָט פון די יידן.
האָבן די אַנטרונענע פון די פרעמדע פעלקער געענטפערט און געזאָגט:

—נאָר אין דיר, ירושלים, איז גאָט פאַראַן! נאָר אין ציון איז גרויס זיין נאָמען! ביי גאָט איז די גרויסקייט און די שטאַרקייט.

און די אַנטרונענע פון די פרעמדע פעלקער האָבן צעטראָגן גאָטס וואונדער ביז עק וועלט, האָבן פון זיין גרויסקייט דערציילט אויף די ווייטע אינזלען—און פון עק וועלט הערן זיך לויבגעזאַנגען, וואו די איינוואוינער פון די גרענעצן טוען פאַלן צו גאָט, וואָס איז אין ציון. אַ סך פעלקער האָבן געשיקט מתנות און טייערע זאַכן קיין ירושלים און צום מלך חזקיהו.—די מלוכות, וואָס זיינען געלעגן פון יענער זייט פון די טייכן פון כוש, האָבן געשיקט מיטן ים שליחים צום יידישן פאָלק, און אויך צור האָט געשיקט אַ געשאַנק צו גאָט, און האָט די יידישע פאַרשטויסענע צוריקגעבראַכט אַ מתנה פאַר ציון.

און הדורם איז געווען צווישן די שליחים פון צור און צידון, וואָס זיינען געקומען קיין ירושלים און געבראַכט מתנות. איז ער געקומען צו ידידיהן אין הויז זען, וואָס אַמנון מאַכט, האָט ער אָבער געטראָפן תמרן, ווי זי טרויערט נאָך איר געליבטן. האָבן אַלע אין ידידיהס הויז אים דערציילט, וואָס עס האָט פאַסירט מיט אַמנונען און הדורם האָט שטאַרק געזיפצט.

האָט חננאל געזאָגט:
—ווען אַ מענטש וואָלט מיר געבראַכט אַמנונען, וואָלט איך אים איצט מיין גאַנץ פאַרמעגן אַוועקגעגעבן!

האָט הדורם געזאָגט:
—איך בין פאַר דער צייט דורכגעגאַנגען די ימים, האָב איך אָנגעטראָפן שיפן און שיפלעך, וואָס האָבן זיך געטראָגן ווי די אָדלערס איבער די שטאַרקע וואַסערן. אַלע פירן זיי פאַרשטוי־סענע פון די יידן און פאַרוואָגלטע פון יהודה. ס'איז נישטאָ קיין מזרח־ווינט און קיין דרום־שטורמווינט, נאָר אַ לינד ווינטל בלאָזט אויפן רויקן ים צו ברענגען די פאַרשטויסענע פון יהודה אין די שיפן קיין ירושלים. און איצט—קער איך זיך אום אין מיין לאַנד אַריין, און איך וועל זיך אַוועקלאָזן מיט מיין שיף, צו האַנדלען מיט די גריכישע ווייטע אינזלען און גיין קיין תרשיש. אָבער איך וועל נישט האָבן אין זינען מיין מסחר, נאָר איך וועל זוכן אומעטום אַ ייד, אַ מאַן פון יהודה וועל איך זוכן מער ווי גינגאָלד, און הלואי זאָל מיר גאָט באַשערן, איך זאָל טרעפן אַמנונען, וואָלט איך אים אַהער געבראַכט ווי אַ מתנה נישט פאַר געלט און נישט פאַר קיין שום געצאָלט, וואָ־רום ער איז ביי מיר זייער טייער.

האָט תמר אָפּגעווישט די טרערן פון איר פנים און האָט גע־זאָגט:
—אַזוי, הדורם, זאָלסטו טייער זיין ביי גאָט און זאָלסט בריינ־גען אַמנונען. אויך איצט זאָלסטו אים צוריקברענגען פון דאָרט, וואו ער איז, ווי דו האָסט אים צוריקגעבראַכט פון נינוה, און ווי וועט דיר פרייען דאָס האַרץ דאַן, ווען דו וועסט זען, ווי אַ גרויסער המון כאַפּט דיך אַרום און בענטשן דיין נאָמען פאַר דעם גוטס, וואָס דו האָסט געטאָן, און מיין ברכה צו דיר וועט קומען און וועט מקוים ווערן אויף דיין גאַנץ לעבן!

האָט הדורם געזאָגט:
—אַלץ, וואָס איך קען, וועל איך טאָן, און דו—בעט צו גאָט,

ער זאָל באַגליקן מיין וועג. ווייל גאָט איז געניגט היינט צו שיקן אַסך פרידן צו די איינוואוינער פון ציון.

האָבן אַלע פון ידידיהס הויז געבענטשט הדורמען און האָבן אים געגעבן מתנות און ער איז אַוועק פון זיי און זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

כח.

עס זיינען אַריבער צוויי חדשים פון דעם טאָג, זינט ס׳איז
געבראָכן געוואָרן די שטאַרקייט פון סנחריבן און זיין חיל
אַרום ירושלים, און תּמרס האָפנונג איז פאַרקלענערט געוואָרן
פון טאָג צו טאָג. איר טרויער אָבער איז געוואַקסן אַלץ גרע-
סער און גרעסער. און אויך תּימן האָט געזען, אַז זיין האָפ-
נונג אויף פנינהן וועט זיך אויסלאָזן מיט גאָרנישט, און ער
האָט עס שוין מער נישט געקענט איבערטראָגן צו זיין נאָנט
פון פנינהן, זיין טייערע, און דאָך זיין ווייט פון איר, ווי אין
עק וועלט. האָט ער זיך דערפאַר באַזעצט אין כּרמל מיט סתרין
און תּמר האָט געוואוינט אין זומערהויז. האָט איר ידידיה גע-
געבן זייער אַ קלוג מיידל צו באַדינען זי, און דאָס מיידל האָט
געהייסן פועה, און פועה האָט איר שטענדיק אויסגערעדט אי-
רע לייד און זי געטרייסט פון איר טרויער. און זי האָט איר
געזאָגט, אַז זי זאָל זיך טרייסטן נאָך אַמנונען און אַוועקשיינ-
קען איר פריינטשאַפט צו דעם, וואָס וועט איר געפעלן.

—פועה, זאָלסט זיך נישט דערוועגן,—האָט איר תמר געזאָגט,— צו טרייסטן מיך, און וואַרף נישט אַרויס קיין אומזיסטע טרייסט־רייד. „איינע ביסטו מיר"—האָט מיין ליבער מיר געזאָגט—אויך איינער איז ער מיר פון דער צייט אָן, און קיין אַנדערן האָב איך נישט אויף דער גאַנצער ערד. אומזיסט באַמיסטו זיך צו טרייסטן מיך, וואָרום דיינע רייד זיינען ווי בוימאייל אויפן פייער פון מיין ליבע!

און אַזוי איז פאַרפלויגן אַ זומער און צו תמרס טרויער איז גאָר קיין סוף נישטאָ! געקומען איז דער חודש חשרי און תמר איז נאָך אַלץ אַרומגעגאַנגען, דערשלאָגן און אומגליקלעך, אין די אַלע ערטער, וואו זי האָט פאַרבראַכט אין ליבשאַפט מיט איר געליבטן, און דער אָנדיינק פון די גלוסטיקע טעג האָט נאָך פאַרגרעסערט די יסורים פון איר האַרץ. אַמאָל האָט זי געזען אַמנונען אין חלום, און די נאַכט־חלומות האָבן זי גע־פייניקט אין די פרימאָרגנס, און אַמאָל איז איר שלאָף אינ־גאַנצן פאַרוואָגלט געוואָרן פון אירע אויגן, און שטאַרק טראַכטנ־דיק, האָט איר אויסגעוויזן, אַז זי הערט זיין שטים צווישן די איילבירטביימער. האָט זי פועהן אויפגעוועקט מיט אַ פריילעך קול און געזאָגט: „איך הער די שטים פון מיין געליבטן!" דעמאָלט האָט זיך פועה איינגעהערט, אָבער עס איז געווען שטיל. האָט זי זיך שוין נישט וויסנדיק געמאַכט אויף אירע חלומות און רייד.

און ס'איז געווען פינף טעג אין חודש חשרי, האָט תמר געפונען דעם בריוו, וואָס אַמנון האָט געשיקט פון בית־לחם, איז זי איינע אַליין געקומען צווישן די איילבירטביימער און האָט אים איבערגעלייענט.

—געננג פאַר מיר, גרויסער גאָט!—האָט תמר געזאָגט און אויפ־געהויבן די אויגן צום הימל.—געננג פאַר מיר צו קלאָגן און וויינען אין דער שטאָט פון דיין פרייד. האָסט אַמנונס נשמה דאָך צוגענומען, נעם זשע צו אויך מיין נשמה. און זאָל זיך פון ציון אָפּטאָן פיין און לייד! אָט זיינען די געשרייען אַמנונס, וואָס שרייען פון פאַפּיר, אָט איז דאָס ברומען זיינס, ווען די

נשמה גייט אים אויס. וויי, וויי! דאָס ברומען פון דעם שרעק־לעכן דונער, ער צעברעכט מיין האַרץ! ווי זיס ביסטו פאַר מיר געווען, ציון, פריילעכע שטאָט, ווען אַמנון האָט דיך באַ־חנט, און צו וואָס ביסטו איצט פאַר מיר געגליכן? ביסט דאָך איצט פאַר מיר, ווי דער טאָל פון געוויין, און איך—ווי אַ שטרויס, וואָס קלאָגט אין דיר, טרויעריק צו מאַכן יעדעס פריי־לעכע געמיט, און צו מאַטערן גאָט און מענטשן! איך וועל אָבער נישט לאַנג בלייבן לעבן אין דיר נאָך אַמנונען—ווער וואָלט געגעבן, אַז איך זאָל אויסהויכן מיין לעבן אויף דער־דאָזיקער ערד, וואָס האָט געעפנט איר מויל איינצושלינגען אַמנונען.

אָבער ביי דידאָזיקע ווערטער האָט ידידיה געגענגט צו איר און געזאָגט:

—אַ חודש צייט טרויערט דאָך אַ מיידל נאָך איר חתן, און דו קלאָגסט און טרויערסט טעג און יאָרן, צו פאַרביטערן דאָס לעבן פון דיינע עלטערן.

האָט תמר געזאָגט:

—און נאָך וואָס, פאָטער מיינער, האָסטו פאַרבאָרגן אַמנונס בריוו פאַר מיר? ווען איך וואָלט אים נאָך דעמאָלט געלייענט, וואָלט איך דאָך שוין איצט לאַנג נישט געלעבט און וואָלסט פאַר־שפאָרט צוצוזען די צרות.

האָט ידידיה געזאָגט:

—האָט דאָך יעקב אויך געמיינט, אַז יוסף איז שוין טויט, אָבער אין אַ צייט אַרום האָט יוסף אויסגעהאַלטן דאָס גאַנצע הויזגע־זינט זייערס. האָף, טאָכטער מיינע, צו גאָט, וואָרום פאַר אים איז קיין זאַך נישט שווער צו באַווייזן.

—וויי איז מיר,—האָט אים תמר געענטפערט,—וואו נעמט מען כוח צו האָפן, און וואָס וועט מיר שוין אַרויסקומען, ווען איך וועל שוין אַמאָל זען אַמנונען: איך וועל מיך דעמאָלט געפינען צווישן לעבן און טויט? טרייסט מיך נישט, פאָטער, וואָרום ס'איז פאַר מיר קיין שום טרייסט נישטאָ. איך וועל וויינען, איך וועל קלאָגן און דאָס זאָל זיין מיין טרייסט.

כט.

און אַזוי האָט זיך ידידיה געפירט אַלע יאָר, נאָכדעם ווי ער האָט די תבואות צענויפגעזאַמלט אין שייער און דעם ווייַן אין קעלטער: ער האָט צענויפגערופן זיינע אַלע פריינט צו זיך אין זומערהויז, און אין דרייצענטן טאָג פון חודש תשרי האָט ער פאַר זיי געמאַכט אַ סעודה. דערנאָך האָט ער פאַרשלאָסן דאָס זומערהויז און עס פאַרלאָזט ביז דעם נייעם פרילינג און האָט געוואוינט זיבן טעג אין אַ סוכּה, נאָכדעם האָט ער זיך אַרויסגעצויגן פון דער סוכּה צו וואוינען אין ווינטערהויז. אַזוי איז אויך געווען אין דעם יאָר, ווען מען האָט נישט געזייעט און ס'איז קיין שניט נישט געווען, און דאָס לאַנד יהודה האָט זיך געשפייזט פון דער תבואה, וואָס איז פון זיך אַליין געוואַקסן. און אויך אין דעם יאָר האָט ידידיה נישט אָפּגעטרעטן פון זיין מנהג און געמאַכט אַ רייכע סעודה פאַר זיינע פריינט.

און ידידיה האָט געזאָגט צו תרצהן:

—גרויס איז דאָך אין דעם יאָר די שמחה אין ציון, אויך די איינוואוינער פון די ווייטע שטעט קומען אַהער זיך צו פרייען מיט דער פרייד פון גאַנצן לאַנד, אין דער שטאָט פון אונזער יום־טוב, אום סוכּות, אָבער אין אונזער הויז איז פאַרשטערט די פרייד. דעריבער וועל איך פאַרבעטן די שיינע טייערע בחורים און שיינע מיידלעך, די קרוין פון ציון און די גלוס־טונג פון יהודה, און וועל איינלאַדן זינגער, אפשר וועט דאָס שלעכטע געמיט זיך אָפּטאָן פון תּמרן, און זי וועט זיך פאַר־ליבן אין איינעם פון די בחורים און וועט פאַרגעסן אין אַמנונען.

און ס'איז געווען מיטנטאָג פונם דרייצנטן טאָג אין חודש תּשרי, איז סתרי און תּימן געקומען פון כּרמל, און אבישי איז געקומען פון בית לחם צו ידידיהן אין הויז אַריין. און גלוסטיקע בחורים און שיינע מיידלעך זיינען אויך געקומען צו דער סעודה, און אויך נעמה און פנינה זיינען געקומען. און ס'איז געווען אַ גע־ברום פון האַרפעס און פידלען און גיטאַרעס און מען האָט געטאַנצט און געשפּרונגען. אָבער די פרייד איז אויסגעמישט געוואָרן מיט טרויער און דאָס פריילעכע שאַלן מיט קלאָג, וואָ־רום תּימן האָט דערזען פנינהן און ביידע זיינען געבליבן ווי פאַרשטומט, און תּמר איז אַריין צו זיך אין חדר און זיך צע־וויינט, דערהערנדיק דאָס שפּילן, און אירע חברטעס פון ציון, און מיידלעך פון אַנדערע שטעט, וואָס זיינען דאָס יאָר געקו־מען קיין ירושלים, זיינען צו איר צוגעשטאַנען, צו לינדערן איר צער און זי צו טרייסטן, און תּמר האָט זיך טרייסטן נישט געוואָלט, און תּימן און פנינה האָבן זיך אויך נישט געקענט איינהאַלטן פון טרערן און אויך נעמה און תּרצה האָבן מיט־געוויינט מיט זיי.

און די פאַרבעטענע האָבן זיך פאַרזוימט דאָרט ביז פאַרנאַכט און איינאַנדער דערציילט פון אַנגסטן און יסורים, וואָס זיי זיי־נען זיך אויסגעשטאַנען פון די זעלנער פון אַשור און האָבן געדאַנקט און געלויבט גאָט פאַר זיין חסד, וואָס ער האָט צו זיי ארויסגעוויזן, און אַז זיי האָבן געזען, ווי אין ידידיהס הויז

איז די שמחה פֿאַרשטערט געוואָרן, איז זיך יעדער אַהיים געַ־גאַנגען. און נעמה מיט פּנינהן האָבן געגעכטיקט אין זומערהויז, אין חדר, וואָס תּרצה האָט פֿאַר זיי אויסגערוימט, און סתרי און אבישי און ידידיה און חננאל און תּימן האָבן די נאַכט אויך גענעכטיקט אין זומערהויז, און זיינען גרייט געווען אויפצושטיין באַלד באַגינען אָנצושניידן הדסים־ריטלעך און השענות־ריטלעך.

און פּועה, תּמרס דינסט, האָט געטרונקען אַ סך וויין און איז שכּור געוואָרן, און זי האָט געזאָגט צו תּמרן:

—דיין ווייטאָק איז דאָך אויך דער ווייטאָק פֿון תּימן און פּנינה, און פֿאַרוואָס לייגסטו זיך אַוועק מער פֿון זיי? און נעמה איז דאָך אַ מוטער פֿון אַמנונען און פּנינהן און פֿונדעסטוועגן שטאַרקט זי זיך.

האָט תּמר געזאָגט:

—נעמה האָט צוויי געוואונען. צי זאָל זי זיך נישט פֿרייען מיט איין קינד, ווען דאָס צווייטע איז געשטאָרבן? און איך—איי־נעם האָב איך געהאַט און דער איינער איז נישטאָ! אויך פּנינה טוט זיך פֿרייען, ווען איר פֿאַרשטויסענער איז צוריקגעקומען פֿון כּרמל, אָבער וואו איז מיין פֿאַרשטויסענער, וואָס איך זאָל מיך פֿרייען מיט אים? די טויערן פֿון ציון זיינען דאָך אָפֿן בייטאָג און ביינאַכט, און די פֿאַרוואָגלטע פֿון ציון קומען אַריין דורך זיי פֿון יענער זייט פֿון די כּוש־טייכן, פֿון צפֿון און מערב, אָבער פֿאַר מיין אויסדערוויילטן האָט די ערד זיך פֿאַרריגלט מיט אירע ריגלען און ער איז נאָך נישט אַרויס פֿון געפֿאַנגענשאַפֿט. זאָל זיך פֿרייען יעדעס האַרץ און זאָל יעדער זיין אין שמחה. מיין האַרץ אָבער איז דערשלאָגן און מיין נשמה טרויערט נאָך מיין געליבטן, וואָס איז נישטאָ.

אַזוי האָט תּמר ביטער גערעדט, ווען אַלע פֿון ידידיהס הויז זיינען שוין געשלאָפֿן. אָבער זי האָט נישט געשלאָפֿן. און זי האָט ביטער געקלאָגט ביז אינדערפֿרי.

און די פֿרומע זין פֿון יהודה האָבן זיך געפֿעדערט נאָך איידער דער מאָרגנשטערן איז אויפֿגעגאַנגען און זיי האָבן זיך אַרויס־

געלאָזט צווישן מירטן, וואָס וואַקסן אין די טאָלן ביי די וואַ־
סערן. דאָ און דאָרט זיינען געשטאַנען די עטלעכע און אָנגע־
שניטן מירטן־ריטלעך און ווערבע־ריטלעך, די צייכנס פון הילף
און גבורה, כדי זיך צו פרייען מיט זיי פאַר גאָט צומאָרגנס
אין ערשטן טאָג פון סוכות. די שטערן פון ביינאַכט זיינען
בלייך געוואָרן פון דער שיינער גרויסער ליכטיקייט פון מאָרגנ־
שטערן. דער מזרח איז רויט פון ברענענדיקע פייערפלאַמען,
וואָס די זון שלאָגט אַרויס איידער זי באַווייזט זיך פון איר
געצעלט. טייכן און טייכלעך, רואיקע, שטילע, ליגן אויסגע־
שפרייט ווי זילבערפלאַטן און ליגן ווי שטאַרקע שפיגלען ביז
די ברעגעס, און אויף זיי שיינט אַ וואונדערלעכע ליכטיקייט,
גרין און רויט. דאָס שפיגלען זיך אָפּ די גרינע בערג, וואָס
אַרום, און דער רויטער מזרח. דער אָדלער האָט אויפגעוועקט
זיין נעסט און די פייגעלעך האָבן זיך צעפייפט און עס שאַלט
און זינגט אַלץ אויפן הימל און אויף דער ערד.
ידידיה האָט זיך געפעדערט אויפצושטיין באַגינען, אַריינצוגיין
אין גאָטס הויז, און תימן און סתרי, זיינען געגאַנגען אָנצו־
שניידן מירטן־ריטלעך און ווערבע־ריטלעך. אָבער תמר, וואָס
איז מיד פון וויינען, ליגט אַ טרויעריקע, אַ דרעמל איז נאָר
וואָס געפאַלן אויף אירע אויגן, אָבער נישט פאַר אַזאַ געבראָכן
געמיט איז זיס דער שלאָף, ווארום זי שלאָפט און איר האַרץ
איז וואַך,—די אויגן־הייטלעך זיינען פאַרמאַכט, אָבער די אויערן
אירע פאַרנעמען יעדעס וואָרט פון געריוש, און דער חלום איז
געקומען נישט מיט לייכטע זעאונגען. און אַ זיס אָנגענעם קול
ברומט אין אירע אויערן, אַ זיס קול, וואָס קומט פון צווישן
די איילבירטביימער, וואָס שטייען ביים הויז, און דאָס קול
רעדט דידאָזיקע רייד:
—ווי שיין איז דער הייליקער באַרג! און ווי פיין זיינען זיי־
נע פרישע איילבירטביימער! ווי פריינטלעך זיינען דיינע וואוי־
נונגען, ציון! דיינע בערג טוען זיך אָנגורטן מיט פרייד. פרידן
איז ביי דיר. געזאַנג און הילף אין דיינע פאַלאַצן. עס האָבן
דונערן כמעט דיך דערשלאָגן, ווילדע שלעכטע טייכן האָבן דיך

א־בערגעשראָקן, אָבער פאַרביי איז דאָס ציטערניש, געקומען איז די רו, און ווי אַ צאַרטע רויז ווערסטו איצט באַפרייט פון דיין געפּאַנגענשאַפט. דו וועסט נאָך בליען, וועסט נאָך געבן דיינע שמעקענדיקע ריחות! דיינע קינדער רוען איצט אויף זייערע געלעגערס און אַ לויב צו גאָט איז אין זייערע העלזער. דאָ טוט אַ פּאָטער דערציילן פאַרן זון די גענאָד פון גאָט און זיינע וואונדער, וואָס ער האָט צו זיי באַוויזן. מיט דער שטאַר־קייט פון גאָט טוען זיי זיך פרייען און קווען מיט זיין הילף. און דאָ האַלזט אַ פרוי איר קליין קינד מיט זיכערקייט און צופרידנקייט, האַלט אין איין קושן דאָס קינד און לויבט און דאַנקט גאָט, וואָס מאַכט דערפרייען די מוטער מיט די קינ־דער. דאָ ווידער טוט זיך פרייען דער חתן מיט זיין כלה. וואָרום ס׳איז אַוועק דער טרויער און פּיין פון ציון, און זייע־רע הערצער שאַלן און פרייען זיך אַצינד. און דאָ, ווידער, גייען די פרי־אויפגעשטאַנענע מיט אַ פריילעך האַרץ אין גאָטס הויז אַריין, צו זינגען און לויבן זיין הייליקן נאָמען מיט דעם פרימאָרגן. אָך! מיינע אויערן האָבן געהערט אַ קול פון גאָטס היכל, וואָס לויבט אים. גאָטס קול רופט צו דער שטאָט, אַ זיס קול הערט זיך ביז עק לאַנדט. שווייג, אַלע באַשעפענישן! שטיל זאָל זיין, פייגלען, הערט דאָס געזאַנג פון היכל!
און אָט גייט אויף אַ קול פון היכל און דאָס שאַלן פון די לוים, וואָס באַפעלן איבער די שפּילער מיט זייער געזאַנג.
און תמר האָט זיך אויפגעכאַפּט און אויפגעוועקט פועהן און גע־זאָגט:
—כאַפּ זיך אויף, פועה, וואָרום אַ זיס קול האָב איך געהערט, ווי דאָס קול פון מיין געליבטן, וואָס רעדט אָנגענעמע רייד.

און פועה, וואָס דער וויין האָט אויף איר אָנגעטריבן אַ שטאַרקן שלאָף, האָט זיך נישט געוואָלט אויפכאַפּן און געענטפערט:

—האַרינטע מיינע, לאָז צורו די איינגעמידטע. ס׳איז גאָרנישט, ס׳איז אַ חלום.

האָט תמר געזיפֿצט און געזאָגט:

—עס קען זיין, אַז דאָס איז בלויז אַ חלום, וואָרום איך בין שוין אַזוי געוואוינט צו חלומות.

און זי הערט ווידער, ווי דאָס קול רעדט:

—נאָר אַ הייליקע הערלעכקייט, נאָר צופֿרידנקייט טוט שוועבן איבער גאָטס שטאָט. צוריקגעקערט האָבן אירע פֿאַרוואָגלטע, ווי טויבן אין זייערע טויבנשטאַקן, יעדער חתן טוט איצט אָן אַ קרוין אויף זיין קאָפּ, אָבער וואו איז מיין קרוין, געליבטע מיינע? ווײ, ווײ! מיין האַרצנסגעליבטע איז אַוועקגעגעבן געוואָרן צו אַן אַנדערן, און מיר איז געגעבן געוואָרן אַ ביטער האַרץ און אייביקן טרויער!— ציון! ציון! דער הימל איז מיין עדות, אַז מיט דיר האָב איך געטרונקען דעם בעכער שוים און פֿאַרוואָס זאָל איך נישט טרינקען אויף דיין הייליקן באַרג אויך דעם בעכער הילף? ווי אַ פֿרעמד קינד, ווי אַן אומווירדיקער בין איך פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון דיינע טויערן, און דיין טרויער און פּיין האָבן מיך געפֿונען אויף ווייטע אינזלען. נעם זשע מיך איצט אַריין צווישן דיינע מויערן, וואָרום צו דיר האָב איך געטראָגן מיין האַרץ, וואָס איז זאַט פֿון ביטערנישן, געבראַכט עס פֿון פֿרעמדער ערד, כּדי אויסצוהויכן עס אויף דיין הייליקער ערד. אָט איז דער גלוסטיקער איילבירטבוים, אויף אים זיינען אויסגעקריצט מיין נאָמען און תמרס נאָמען. עס רינט נאָך וואַסער פֿון זיין צווייג, און דער טוי ליגט נאָך אויף אים, ס'איז אָבער אויסגעטריקנט געוואָרן דער טוי פֿון מיין קינדהייט, און איך בין ווי אַ פֿאַרוועלקט בלעטל, אָפּגעריסן פֿון שטאַם און פֿאַרטראָגן דורך דעם שטורמווינט. אָט איז מיין חופּה־הויז—דער שאָטן פֿון מיינע פֿריילעכע טעג, דאָרט פֿאַרברייינגט איצט עזריקם אין ליבע מיט תמרן, און איך, ווײ! מיין האַרץ וועט דאָ פֿאַרגאָסן ווערן און דער איילבירטבוים וועט זיין מיין מצבה!

און אַמנון האָט שוין מער נישט געקענט ריידן און איז פֿאַרשטומט געוואָרן, און תמר, וואָס איז שוין נישט געשלאָפֿן, האָט פֿאַרנומען דידאָזיקע אַלע רייד און געזאָגט: „ניין! איך חלום

נישט מער, אָט זיינען די טרערן פון מיינע באַקן, און מיין הארץ שלאָגט שטאַרק אויפן וואָר." און זי איז אויפגעשטאַנען, און אָנגעטאָן אירע קליידער און אָט האַלט שוין איר ציטער־דיקע האַנט ביי דער קלאַמקע, אָבער דער שליסל פון דער טיר איז נישטאָ. האָט זי פועהן אויפגעוועקט מיט געוואַלד און געזאָגט:

—שטיי אויף, פועה, און גיב מיר דעם שליסל, טאָמער וועל איך פאַרשפּעטיקן מיין ליבן און וועל אים שוין נישט טרעפן! אייל זיך, וואָרום דאָס האַרץ איז מיר שיער אויסגעגאַנגען הערנ־דיק זיינע ווערטער.

איז פועה אויפגעשטאַנען און זיך אויסגעריבן די אויגן און גע־זאָגט:

—זיי מיר מוחל, מיין האַרינטע, וואָרום דו ווערסט פאַרפירט פון חלומות, און מאַכסט אַלע משוגע. וואָס איז דען געשען, וואָס דו האָסט מיך אַזוי אויפגעריסן פון שלאָף.

—נאַרישע פרוי,—האָט תמר געשריען,—גיב מיר דעם שליסל, וואָ־רום מיר איז דאָ איינג דאָס אָרט!

האָט פועה גענומען דעם שליסל פון איר צוקאָפּנס און האָט אים דערלאַנגט תמרן, און תמר איז גיך אַרויס פון איר חדר און דרויסן, אָבער איר געליבטער איז שוין נישט געווען. איז זי געגאַנגען ווייטער און גערופן: אַמנון! אַמנון! און האָט גע־פּאַטשט מיט די הענט און געזאָגט: „צי האָב איך דאָס נאָר געזען אַ חלום אויפן וואָר?" האָט זי פּלוצלונג דערזען הדורמען און ער האָט צו איר געזאָגט: „גיי, תמר, ווייטער צווישן די איילבירטביימער, און דאָרט וועסטו געפונען דאָס, וואָס דו זוכסט און אויך דאָס, וואָס דו האָסט נישט געטראַכט צו זען, וועסטו זען. אָבער דערציי דאָס נישט קיינעם פון אייער הויז, וואָ־רום איך בין דער אויסלייזער און אויך דער אָנזאָגער." איז תמר געלאָפן ווי אַ געשיקטע אינדן צו יענעם אָרט, וואָס הדורם האָט איר אָנגעוויזן. און הדורם איז אַריין צו ידידיהן אין הויז אַריין.

—אַמנון!—האָט תמר אויסגעשריען און זיך גענענט צו אים—אַמנון!

מיין ליכט און פרייד אויף דער וועלט!—און מיט דידאָזיקע ווערטער איז זי אים געפאַלן אויפן האַלז, און אַמנון האָט אויך אויסגעשריען: „צי ביסטו נאָך מיין, תמר, מיין טייערע טויב?“ און ביידע האָבן פון גרויס פרייד מער נישט געקאָנט ריידן און זיינען געבליבן שטיין, ווי שטומע, און די הענט געפלאָכטן איינאיינאַנדער און נאָכדעם האָט תמר געעפנט אירע ליפּצן און געזאָגט:

—די הימלען האָבן דערציילט דיין גערעכטיקייט און די ערד האָט עדות געזאָגט פאַר דיין ערלעכקייט, און איך האָב זיך צו שעמען, וואָרום איך בין געווען ווי אַ נאַרישע טויב, וואָס גלויבט די ליגנער. אַ קליין ביסל האָב איך געגרייזט, און אַ סך טעג האָב איך געוואשן מיינע זינד מיט ביטערע טרערן. אָבער צו אַמנון דעם פּאַסטוך האָב איך ביז געטאָן און דער זון פון האַר יורם וועט מיר פאַרגעבן.

—לאָז מיך אָפּ, תמר,—האָט זיך אַמנון געבעטן, ווייל ער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי מיינט מיט דידאָזיקע ווערטער,—לאָז אָפּ, נדיב־טאָכטער, אַמנון דעם פּאַסטוך, און גיי זיך דיר צו יורמס זון, וואָס טראַכט וועגן דיין ליבע איך האָב מיין לעבן פאַרזינדיקט, און יורמס זון וועט דיך פאַרגעבן. נעם צו דיינע אויגן פון מיר, צו וואָס זאָל איך אויסהויכן דאָס לעבן דיר אין די אויגן!

—זאָלסט נישט אויסהויכן דאָס לעבן, האַר פון יהודה, האַר פון מיין לעבן, וואָרום דערין איז מיין לעבן פאַרבונדן. לעב פאַר תמרן דיין געליבטע, וואָס קען שוין מער נישט לעבן אָן דיר. עזריקם איז געוואָרן רייך, אָבער נישט געזעצלעך, וואָרום ער האָט איינגעשלונגען פרעמד פאַרמעגן: דאָס פאַרמעגן פון דיין פאָטער יורם, און אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז ער איז געווען גבל, דער זון פון אויסוואורף עכן. אָבער דער טויט האָט זיי דערשלאָגן. אויך זמרי, חפר און בוקיה און אַלע, וואָס זיינען אויפגעשטאַנען קעגן דיר, האָבן די ערד געלעקט, און דו, אַמנון, דער זון פון יורם, בלייב לעבן מיט מיר!

און אַמנון איז געשטאַנען און געגאַפט ביי תמרס ווערטער און

ידידיה, תרצה, חננאל, נעמה און פנינה ווי אויך תימן און סתרי זיינען אַנגעלאָפן און זיינען געפאַלן אַמנונען אויפן האַלז איינער נאָכן אַנדערן, און זייערע טרערן האָבן געפלייצט אויף זיינע באַקן.

און נעמה האָט געשריען:

—מיין זון!

און פנינה האָט געשריען:

—מיין ברודער!

—אָט איז די גלוסטונג פון אונזער האַרץ!—האָבן אויסגערופן ידידיה און תרצה.—אָט איז דער זון פון יורם, אונזער ליבן פריינט! גאָט האָט דיך אומגעקערט אַהער, צו היילן אַלע וואונדן, אויפצובינדן די שטריק פון געפאַנגענשאַפט און אָפּמעקן די טרערן פון יעדן פנים.

—אָך! דער אויסלייזער פון מיין לעבן און דער יורש פון מיין פאַרמעגן!—האָט חננאל אויסגערופן.—איצט וועל איך רואיק שטאַרבן, וואָרום מיין חלום איז מקוים געוואָרן.—עס פעלט קיין האָר נישט.

—דיין חלום איז טאַקע מקוים געוואָרן,—האָט אַמנון געענטפערט מיט אַן אומרואיק האַרץ.—איך אָבער פיל מיך ווי אין אַ חלום און איך ווייס נישט, וואָס מיט מיר טוט זיך, צי זעען מיינע אויגן אמתע זאַכן, אָדער דאָס איז בלויז אַ חלום און חוזק.

האָט סתרי צו אים געזאָגט:

—עפן דיינע אויגן, זון פון יורם, און זע דיינע אַלע טייערע רינגלען דיך אַרום. דערוועק זיך צו תמרן, דיין געליבטע און טראַכט ווען איר ליבע און נישט וועגן פאַלשע חלומות. דיינע פיינט זיינען געשטאָרבן מיט בושה און שאַנד און ס'איז גע־וואָרן ליכטיק אַלעמען, און דו—טרייסל זיך אָפּ פון דער ערד און דיין נאָמען וועט דערהויבן ווערן מיט כבוד!

און ווי זיי שטייען און ריידן אַזוי, האָט זיך פון צווישן די אייל־בירטביימער באַוויזן הדורם צוזאַמען מיט יורמען. אָבער יורם האָט נאָך נישט געוואוסט, אַז אַמנון איז זיין זון. וואָרום הדורם האָט דאָס פון אים פאַרלייקנט, כדי פלוצלונג צו פאַרגרעסערן

די פרייד פון דידאָזיקע צוויי משפחות.
און ס'איז געווען, ווי יורם האָט געזען ידידיהן, האָט ער גע־נענט צו אים און געפאַלן אים אויפן האַלז און אַרויסגעלאָזט אַ געוויין און אויסגערופן:

—ידידיה! חבר מיינער! אמתער פריינט מיינער!

האָט ידידיה באַלד אים נישט דערקענט און זיך אָנגערופן צו אים:

—און ווער ביסטו, וואָס דו ווייסט מיך צו רופן ביים נאָמען?

און אַמנון איז געשטאַנען שטילשווייגנדיק און זיך שטאַרק גע־וואונדערט און דאָס האַרץ איז אין אים געפאַלן.

און יורם האָט אַראָפּגענומען דעם זיגלרונג פון זיין רעכטער האַנט און געזאָגט:

—געדיינק דיינע ווערטער, וואָס דו האָסט געזאָגט צו מיר מיט אַ סך יאָרן צוריק. האָסט אַזוי געזאָגט: „אַלע טייערע זאַכן זיי־נען דאָך גאָרנישט אַנטקעגן אמתער פריינטשאַפט, נאָר די זאַך, וואָס איז אַן אָנדיינק פון דער פריינטשאַפט, איז זייער טייער פאַר באַגליבטע פריינט". צוואַנציק יאָר זיינען שוין אַוועק זינט דערדאָזיקער זיגלרונג איז נישט אויסגעטאָן געוואָרן פון דער האַנט פון יורם דיין פריינט—איך בין אַריינגעפאַלן צו די פלשתּים אין די הענט אַריין, כ'בין פאַרקויפט געוואָרן צו די גריכן, וואָס האָבן ביי מיר אַלץ אַוועקגערויבט, אָבער דערדאָזיקער רונג איז מיר געבליבן און איז מיר טייער געווען. אַז איך האָב אויף אים אַ קוק געטאָן, האָב איך פאַרגעסן אין מיין גע־געפאַנגענשאַפט, פיין און ליידן, און מיין האַרץ האָט געטראַכט וועגן דיר און וועגן אַלע טייערע מיינע, און איצט זאָג מיר, חבר, צי לעבט נאָך עמיצער פון מיין משפחה, אָדער איך בין אַן עלנטער געבליבן.

—וואָס זעען מיינע אויגן?—האָט נעמה אַ געשריי געטאָן מיט ציטערניש.—צי האָט גאָט באַפוילן דער ערד: שפּיי אויס דיינע טויטע?—און צום אָפּגרונט—וועק אויף דיינע געשטאָרבענע?—און מער האָט זי נישט געקענט ריידן. זי איז ווי שטום געוואָרן.

—נאָר גאָט האָט דאָס געקענט באַווייזן!—האָט ידידיה אויסגע־רופן מיט געוויין, פאַלנדיק יורמען אויפן האַלז.—גאָט האָט אונז זיינע וואונדער באַוויזן, און מיט וואָס וועלן מיר אים באַדאַנ־קען? אָט שטייט דאָך פאַר דיר נעמה, דיין טייערע, דיין יוגנט־ווייב, און אָט זיינען אירע טייערע קינדער, אַמנון און פנינה, און זאָל דאָס זיין דיין טרייסט פאַר די שלעכטע יאָרן! גרויס איז געווען אונזער ליבשאַפט, און איר השפעה האָט זיך אַרויס־געוויזן אויף אונזערע קינדער נאָך מער און נאָך שטאַרקער און איך האָב עס נישט געוואוסט.

—און ידידיה האָט אים דערציילט פון אַלץ, וואָס עס האָט מיט זיי פאַסירט פון דעם טאָג אָן, וואָס יורם איז געפאַנגען גע־וואָרן, ביז היינטיקן טאָג.

איז יורם געפאַלן נעמהן אויפן האַלז און געזאָגט:

—אָך, טייערע מיינע! צוואַנציק יאָר האָט זיך מיין האַרץ צו דיר געריסן, און נאָך אַלע מיינע צרות און פיין איז איצט גע־קומען צו מיר אַ גרויסע פרייד—ס'איז באמת גאָר אַ גרויסע פרייד. גאָט זאָל מיר שטאַרקן דאָס האַרץ, איך זאָל זי קענען פאַר־טראָגן.

—אָך, מיין יוגנט־האַר!—האָט נעמה אויסגערופן מיט געוויין.—צוליב דיר האָט מיך גאָט געלאָזט לעבן און געשטאַרקט מיינע קרעפטן איבערצוטראָגן חרפות און ווייטאָקן. אויב אָבער אונ־זערע יונגע יאָרן זיינען אַוועק, ווי דער וואָלקן און נעפּל,—וועלן מיר אָנהויבן צו לעבן פון די מיטעלע יאָרן.

האָט נעמה אָנגענומען אַמנונען און פנינהן ביי די הענט, האָט זיי צוגעפירט צו יורמען און געזאָגט:

—האַלז אַרום, מאַן מיינער, אונזערע קינדער, אויך זיי זיינען געשטראָפט געוואָרן פון גאָט מיט פיין און ליידן.

האָט יורם אַרומגענומען אַמנונען און אים געקושט און געזאָגט:

—טייערער בחור, דאָס ביסטו מיין טייערער זון? דו האָסט גע־פאַנגען מיין האַרץ נאָך אויפן אינזל כפתור! איך האָב דיך צו־געזען, ווען דו ביסט געלעגן אויפן קראַנקנבעט, ווען דו ביסט

זייער שלאָף געווען. נאָך דעמאָלט איז מיין האַרץ צו דיר באַהעפט געוואָרן. איך האָב דיך ליב באַקומען און איך האָב נישט געוואוסט, וואָס איך קער דיר אָן.

—פאָטער מיינער! מיין כּבוד און מיין שטאָלץ!—האָט אַמנון אויסגערופן.—אויך מיין האַרץ האָט געפילט גרויס ליבשאַפט צו דיר, און איך האָב אויך נישט געוואוסט.

האָט זיך יורם געווענדט צו פנינהן און געזאָגט:

—און ווי איז דיין נאָמען, שיינע צאַרטע טאָכטער?

—פנינה איז מיין נאָמען,—האָט אים דאָס מיידל געענטפערט.

—פנינה!—האָט יורם אויסגערופן, קושנדיק זי.—ווי גרויס איז דיין טרייסט גאָט! ווען איך וואָלט געפונען נאָר איין געדעכעניש פון מיין גאַנץ הויזגעזינט, וואָלט איך איצט געזאָגט: גענוג פאַר מיר! און וואָס זשע זאָל איך זאָגן איצט, ווען איך האָב עס נישט געהאָפט צו זען? און איצט—מיינע נחלות, וואָס איך האָב אין בית־לחם, שיינק איך אַוועק צו אַבישין, פאַר דעם חסד, וואָס ער האָט געטאָן צו מיין זון, צו אַמנונען, און מיינע נחלות, וואָס איך האָב אין כּרמל, גיב איך אַוועק סתרין, פאַר דעם חסד, וואָס ער האָט געטאָן צו מיין ווייב נעמה, וואָס איז מיר ליב ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג און צו מיין טאָכטער פנינה, וואָס שיינט ווי אַ בריליאַנט. אָבער דיר, הדורם, מיט וואָס זאָל איך דיר באַצאָלן? מיין גאַנץ פאַרמעגן איז דאָך ווייניק צו באַלוינען דיך פאַר דעם, וואָס דו האָסט מיט אונז געטאָן, וואָרום דו האָסט צוריקגעקערט דעם טאַטן צו די קינדער, און געליבטע צו געליבטע.

האָט הדורם געזאָגט:

—איך האָב דערגענטערט ווייטע, און איך וויל זיך דערנענטערן צו גאָט, וואָס זיין גרויסקייט איז היינט אַנטפּלעקט געוואָרן פאַר דער גאַנצער וועלט, וואָרום ער האָט פאַרשטערט די מלחמות אומעטום, און האָט געשיינקט מנוחה צו די ווייטסטע פעלקער. דעריבער לאָמיך זיך בעסער באַהעפטן צו אייך, וואָרום גרויס איז דער גאָט פון ציון. גרעסער פון אַלע געטער פון די פעל־

קער. ער איז שיין, גרויס און שטאַרק. קומט, לאָמיר אַרויפֿ־גיין אויפֿן באַרג פֿון גאָטס הויז און מיר וועלן גאָט באַגריסן מיט קרבנות און דאַנקען.

האָט אים יורם מיט אַלע איבעריקע געענטפֿערט ווי איינער:

—אונזערער ביסטו, הדורם! און דער גאָט פֿון די יידן, וואָס באַוויליקט זיין פֿאָלק, וועט אויך דיך אויף אייביק באַוויליקן און וועט דיך באַהעפֿטן צום יידישן פֿאָלק.

איז הדורם אַריין מיט יורמס הויזגעזינט און ידידיהס הויזגע־זינט אין בית־המקדש און האָבן צוזאַמען געשאָכטן דאַנק־שעכ־טונגען און געלויבט גאָט פֿאַר זיינע נסים און חסדים, און האָבן צוריקגעקערט אין זומערהויז און געגעסן און געטרונקען און זיך געלאָזט וואוילגיין.

האָט ידידיה געזאָגט צו יורמען:

—זע, עס זיינען מקוים געוואָרן מיינע רייד, וואָס איך האָב גע־רעדט מיט צוואַנציק יאָר צוריק. איך האָב דעמאָלט אַזוי גע־זאָגט: אַז גאָט וועט דיך בשלום צוריקקערן, וועלן מיר צוזאַ־מען שעכטן דאַנק־שעכטונגען און מיר וועלן זיך פֿרייען אין דעמדאָזיקן זומערהויז—מיר און אַלע פֿון אונזערע הויזגעזינטן.

—אָך!—האָט חננאל געזאָגט, זעענדיק, ווי תמר ציט זיך צאַרט צו איר געליבטן אַמנונען.—אָך, מיינע אויגן האָבן עס דערלעבט צו זען, מיין חלום איז מקוים געוואָרן און אַלץ, וואָס איז גע־ווען פֿאַרלוירן, איז אַנטפּלעקט געוואָרן.

—געבוג פֿאַר מיר,—האָט תימן געענטפֿערט, קושנדיק פּנינהן,—געבוג פֿאַר מיר, וואָרום אומגעקערט האָט מיר היינט גאָט דאָס, וואָס ער האָט פֿון מיר גענומען צוגענומען, און דער סאַפּירשטיין און דער רונג זיינען באַהעפֿט אויף אייביק.

—זע נאָר, אַמנון!—האָט אויך עוץ זיך אָפּגערופֿן,—אָט דאָס האָב איך דיר נאָך אַמאָל געזאָגט: „אַ האָפֿנונג וואַקסט נאָר פֿון הימל, און אַ הילף שפּראָצט פֿון דער ערד. אָבער פֿון דער הייסער היץ פֿון

זומער וועלן נישט אויסגעטריקנט ווערן די טרערן פון די באַ־רויבטע".

—אָט דאָס זיינען דאָך מיינע ווערטער,—האָט תמר געענטפערט, אָנהאַלטנדיק אַמנונס רעכטע האַנט—איך האָב עס נאָך דעמאָלט געזאָגט: „האָף, אַמנון, וואָרום די האָפנונג איז בעסער פון לעבן!"

תאָט אַמנון געהאַלזט תמרן און זי געקושט און געזאָגט:

—געהאָפט האָב איך, האַרצנסגעליבטע מיינע! כ'האָב געהאָפט, ווי דו האָסט מיר געהייסן און דיין ליבע איז מיר טייערער פון לעבן.